STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00018

DI VERK FUN YITSHAK LEYBUSH PERETS

Isaac Leib Peretz

Permanent preservation of this book was made possible by
Rachel Meredith Podell
in memory of
great-grandparents, Frank & Rose Wloch Berlin

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די ווערק פון יצחק לייבוש פרץ. צוועלף בענד.
צוזאמענגעשטעלט אונטער דער רעדאקציאן פון
דוד פינסקי

זיבעטער באנד

ארויסגעגעבען פון פארלאג „אידיש“, ניו־יארק.
תר"פ — 1920

י. ל. פרץ

פאלקסטימליכע געשיכטען

ארויסגעגעבען פון פערלאג „אידיש", ניו־יארק.

Copyright 1920
by
JEWISH BOOK AGENCY, INC.

פאלקסטימליכע געשיכטען

ביים גוסס צוקאפענס.

1.

דער שמש פון גן־עדן — א ליכטיגער מלאך — אז אפגלאנץ פון זיין ליעבען נאמענס שטראלענדיגער געגאד, קומט איינמאל פארנאכט פון גן־עדן ארויס און עפענט, צורודערט און פארזארגט, א פענסטערל פון הימעל, בויגט ארויס דעם שטראלענדיגען קאפ און ווענדט זיך מיט א טרויעריגער, ציטערדיגער שטימע צו דער אונטערגעהענדיגער זון און פרעגט:

— ווייסטו ניט, זון, וואס ביי לייב'ל קאנסקיוואלער טוט זיך?

די זון שווייגט; זי ווייסט נישט.

נאך אומרוהיגער ציהט דער מלאך זיין שטראלענדיגען קאפ צוריק.

און נישט אומזיסט איז אומרוהיג דער מלאך.

שוין מכמה וכמה שנים רוישען צוויי מאל אין טאג אלע זיבען הימלען מיט לייב'ל קאנסקיוואלער'ס „שמע ישראל"...

ווי א זילבערנער שרוים צושיט זיך זיין „אח— — —ד" צו־פוסענס ביים כסא הכבוד... און עס קאלערט זיך דער „אחד" און זשומט, און ברומט, און זידט, ווי א מחנה זומער־פייגלעך, וואס גלוסט און בענקט צו דער פלאם, ווערט צוגעצויגען צו איהר און בריהט זיך און ברענט אין איהר מיט'ן גרעסטען תענוג פון „יסורים של אהבה"...

דאס לעצטע מאל האט ער איהם צו שחרית געהערט.

צו מנחה האט ער שוין געפעהלט!

אין בעט און לויב־געזאנג פון אלע וועלטען איז דעריבער א פגימה געווען...

אין ארקעסטער איז פלוצלונג שטיל געווארען א כלי; א סטרו־

נע ביי אן ערשטער פידעל האט געפּלאצט און איז פארשטומט גע־וואָרען.

צי האט לייב'ל קאנסקיוואלער פארגעסען צו דאווענען מנחה?
וועט ער זאָגען צוויי שמונה־עשרה'ס ביי מעריב?

נידעריגער לאזט זיך דערווייל אראָפּ די זון. די שטיל באַהאַלטענע שאָטענס קריגען רשות, ארויסצוקומען פון זייערע באַהעלטענישען, — און זיי קריכען ארויס פון די שפּאַלטען אין די פעלזען ביי ימים, פון גריבער און היילען אין וויסטע מדבר־ות, פון אונטער בוימער און צווישען צווייגען און בלעטער אין די טיפסטע וועלדער... און זיי פארשפּרייטען זיך איבער'ן ישוב און פלעכטען זיך ארום און ארום...

און אַט איז אראָפּ די זון אינגאנצען. לבנה און שטערען בלאַנקען שטיל־שווייגענדיג אויף און נעמען איבער די ממשלה איבער דער וועלט אויף איבער נאכט... און זיי שפּינען און וועבען זייער פאר'כשופ'ט שפּינוועבס — א זילבער־דינע נעץ איבער דער פארמאַטערטער ערד...

און גלייך מיט דער זון איז איבער'ן הימעל פארזונקען געוואָרען די חיה מיט דער אויפשריפט „אמת" אויפ'ן שטערן, און צוזאַמען מיט דער לבנה איז ארויסגעשוואומען פון דער צווייטער זייט די חיה מיט דער זילבערנער טרעסט אויפ'ן שטערן און מיט דער אויפשריפט „אמונה"...

און באלד עפענען זיך שטיל־שווייגענדיג די טויערען פון הימעל, און לאזען אריין גאנצע מחנות נשמות פון איינגעשלאָפענע מענשען, וואָס קומען נאכט אויף נאכט ארויף און פארשרייבען אין די הייליגע ביכער, ווי אזוי עס האט זיך אָפּגעלעבט דער טאג...

און עס סקריפּען די פעדערען, און עס רוישען מיליאָנען־מיליאָנען פליגעל, טייל ווייסע ווי שניי, ס'רוב גרויע און פארפלעקטע, מאנכע אויך רויט פארבלוטיגטע...

און אלע זיבען הימלען ווערען פול מיט א געמישטע נערויש פון געבעט, חרטה, בענקעניש, ליעבשאפט, האָפנונג און שרעק... און פלוצלונג בלייבט אלץ ווי פארשטאַרט.

ארום כסא הכבוד וויקעלט זיך שטיל א זילבערנער נעבעל, וויקעלט זיך און וויקעלט זיך און ווערט טונקעלער און טונקעלער...

און פון הינטער דעם נעבעל הערט זיך א ברומען ווי פון א טויב:
„וועה איז מיר, וואס איך האב חרוב געמאכט מיין הויז...
„וואס איך האב פארברענט מיין פאלאץ...
„וואס איך האב פארטריבען מיין זוהן, מיין איינציגען זוהן"...
און א שוידער פון רחמנות געהט דורך אלע זיבען הימלען...

און עס ווערט ווייטער שטיל, אלץ האט זיין אטעם פארהאלטען, ווארטענדיג ווי אויף א נס, אויף עפעס א וואונדער, אויף א בשורה א נייע...

עס איז אבער גארנישט געשעהן...

עס דערהערט זיך פון אונטען א קול: עס קרעהט דער האן.

פון כסא הכבוד געהט אפ דער נעבעל, דער פאר'כשופ'טער שוידער פלאצט און צורינט... עס עפענען זיך ווייטער די פענסטער פון הימעל, די נשמות פליהען צוריק ארויס... מלאכים מיט בריליאנטענע פלעדערווישען יאגען ארויס די פארשפעטיגטע, די פארציטערטע, פארוויינטע און טיף דערשראקענע...

עס דויערט ניט לאנג, און מען הערט ווי מען קלאפט אונטען צו חצות...

באלד הויבט אן בלאס און בלאסער צו ווערען דער צייכען „אמונה" אויף דער זילבערנער טרעסט, א דינער, רויטליכער שטראל וועקט זיך פון מזרח־זייט...

דער גן־עדן־שמש וועקט זיך ווי פון א טיפען חלום, געהט צו און עפענט נאך אמאל א פענסטערל אין הימעל, בויגט ארויס דעם קאפ און רופט, פרעגענדיג:

— לבנה און שטערען, איידער איהר פארשווינדט, צי קענט איהר מיר נישט זאגען, וואס עס האט מיט לייב'ל קאנסקיוואלער פאסירט?

און דאמאלט האט זיך גאלדען־צופלאקערט א קליין שטערנדעל פון ווייטען, איז צוגעשוואומען צום פענסטערל, און האט גע־ענטפערט:

— איך וויים, ליכטיגער מלאך!

איך בין דורך קאנסקיוואלע געשוואומען און האב אין זיין פענסטערל אריינגעקוקט... ער שטארבט, לייב'ל קאנסקיוואלער... אן אלטער מאן... זיין ווייסע בארד איבער דער קאלדרע בלאנקט ווי ריין זילבער... נאר דאס פנים איז איינגעשרומפען און געל... אי־

האב געזעהען, ווי מען האט איהם א פעדער אונטער די גאזלעבער געלעגט; איך האב אבער ניט געזעהען, זי זאל זיך ריהרען.

און דער מלאך, דער שמש פון גן־עדן, האט ביי קיינעם קיין רשות ניט גענומען, על דעת עצמו איז ער אראפגעשאסען אויף דער ערד נאך לייב'ל קאנסקיוואלער'ס נשמה. —

עס וועט אן אומגעריכטע פרייד זיין אין גן־עדן.
אזוי האט ער געטראכט.

פלינק פליהען מלאכים, נאר — די שווארצע ווי די ווייסע...

און אז דער ליכטיגער מלאך איז אראפגעקומען, האט ער שוין געטראפען א פינסטערען מלאך ביים גוסס צוקאפענס...

צי איז דער פינסטערער פריהער ארויס, צי האט ער צו אונז א קירצערען וועג? ווער ווייסט?

— וואס טוסטו דא? — וואונדערט זיך דער ליכטיגער מלאך, דערשראקען. — עס איז דאך לייב'ל קאנסקיוואלער!

— איז וואס? — לאכט דער שווארצער. און צוויי שורות ווייסע ציין בליצען איהם ארויס פון אויסגעקרימטען מויל...

— דאס איז מיין נשמה! איך בין שמש פון גן־עדן.

— זעהר אנגענעם! — מאכט דער שווארצער א העויה, — איך בין נאר א לאפיטוט פון גיהנום, נאר לאמיר זעהן!

און ער גיט א שאר מיט א פוס אונטער'ן קראנקענס בעט, און עס רוקט זיך ארויס א פארבונדענער זאק.

— וואס ליגט דא אין זאק?

— טלית ותפלין, — וויל דער גוטער מלאך טרעפען.

— אונטער'ן בעט באהאלטען? עברות באהאלט מען.

און ער בויגט זיך אראפ צום זאק און בינדט איהם אויף, און עפענט איהם, און דערלאנגט איהם א שטוים מיט'ן פוס — א גאלדענער גלאנץ וארפט זיך איבער דער שטוב, א גאלדענער קלאנג לויפט איהם נאך — גאלדענע רענדלעך שיטען זיך אויס...

— גנבה־געלט, גזלה־געלט! — רופט אויס דער שווארצער מלאך: אויסגענארט ביי נישט קלוגע, געראובט ביי אלמנות, גע־גזל'ט ביי יתומים, פון צדקה־פושקעס ארויסגענומען... מיט בלוטיגע טרערן זענען זיי געוואשען און הארציגע בלוט־פלעקען קלעבען אן

זיי... און זעה, ווי ער וועקט זיך, אז מען ריהרט זיין גאָלד!

מיט פארשלאָסענע אויגען וואָרפט זיך דער גוסס...

פארציטערט בלייבט דער ווייסער מלאך און פארשטעלט זיך דאָס פנים מיט דער ערשטער פּאָר פליגעל... דורך א שפּאַלט פון לאָדען רייסט זיך אריין א שטראַל פון דער מאָרגענדיגער זון, ער פאַלט איבער'ן גוסס'עס ברעמען — זיי ציטערען.

צום לעצטען מאָל עפענט ער האַלב די אויגען אויף:

— ווער איז דאָ? — פרעגען די פארשווימטע, פארגעלטע ליפּען מיט א שאַרף פון א פארפוילטען בלאַט...

— איך! — ענטפערט דער שלעכטער מלאך. — איך, וואָס איך בין נאָך דיין נשמה געקומען... קום!

— וואו אהין?

— אין גיהנום אריין!

פאר שרעק פאַלען דעם גוסס צוריק די אויגען צו.

— בעט, בעט גאָט! — רופט דער גוטער מלאך. — טו תשובה... עס איז נאָך צייט... זיי מפקיר דיין גאָלד...

— שמע... — הויבט דער גוסס אָן.

— ער וועט ניט מפקיר זיין! — זאָגט דער שלעכטער מלאך און לעגט זיינע שווערע, שוואַרצע פליגעל איבער'ן גוסס'עס פנים, און אונטער'ן פליגעל ווערט דער קול צוזאַמען מיט'ן גוסס דער־שטיקט.

דער ווייסער מלאך רוקט זיך צוריק אָפּ פארשעמט.

2.

אין א פינסטערער, פארגאַסענער האַלבער נאַכט, צווישען גע־רויש, געשריי און געפּילדער אין גיהנום, שניידט זיך דורך א שאַרף־שניידענדיגער באַפעל:

— נחמן'קע פון זבאַראַש געהט אויס... ער פלעגט זיך שניי־דען די נעגעל ניט איבערגעהיפּערט, אַוועקוואַרפען... נישט איין מאָל פארגעסען מנחה צו דאַוונען. — ווער געהט נאָך זיין נשמה?

— איך! — רופט זיך אָן א מלאך־חבלה.

— גרייט דערוויל צו א קאָכענדיגען קעסעל סמאָלע.

ער שפּרינגט אונטער און פליהט אַרויס פון גיהנום...

געשווינד פליהען שלעכטע מלאכים, צום גליק אבער גוטע אויך; די גוטע זענען אפשר ווייטער פון אונז. נאר דאס גרעסטע רחמנות טראגט זיי...

און אז דער מלאך־חבלה איז צום קראנקענס בעט געקומען, האט ער שוין צוקאפענס א ווייסען גוטען מלאך געטראפען. ער איז געזעסען און האט געטרייסט:

— שרעק זיך נישט, ארעמער מענש, פאר'ן טויט... עס איז נאר א בריק, א קורצע גרענעץ צווישען פינסטערקייט און ליכט... פון זארג און אומרוה, אז איבערגאנג צו רוה און גליק.

נאר דער קראנקער, דוכט זיך, הערט נישט; ער איז פאר־טראגען, און די פלאמענדיגע אויגען בלאנדזשען ארום אויף די ווענט...

און דער שווארצער מלאך בלייבט שטעהן ביי דער טיר און קוקט פארוואונדערט...

— האסט נישט קיין טעות, חבר? — פרעגט ער דעם ליכ־טיגען מלאך.

— ניין! — ענטפערט דער גוטער, — איך בין געשיקט גע־ווארען נאך דער נשמה, נאך דער ריינער בארמהארציגער נשמה; דו קאנסט איבער איהר קיין שליטה נישט האבען!

— ער האט גיט על פי דין די נעגעל געשניטען!...

— איך וויים, — האקט איהם איבער דער גוטער מלאך, — נאר דערפאר קיין איינציגע רגע פאר זיך נישט געלעבט... נאר פאר שוואכע און קראנקע, פאר אלמנות און יתומים, פאר פארפינסטער־טע, פארוואגעלטע, פארמאטערטע...

— ביי אונז אין בוך איז פארשריבען, וויפיעל מאל ער האט מנחה פארפעהלט...

— נאר קיינמאל נישט פארפעהלט, ווען מען האט געדארפט עמיצען העלפען. קיינמאל נישט פארגעסען צו טרייסטען, צו האר־ציגען און צו קרעפטיגען דארט, וואו די פליגעל זענען אראפגעפאַ־לען מיד, וואו די גאל האט געזאלט די ריינסטע נשמה פארגיסען, וואו די לעצטע האפנונג, האט זיך געדאכט, איז פארשוואונדען... ער האט זיך קיין הויז נישט געבויט... דאס דאך איבער'ן קאפ נישט פארריכט, זיין בעט זיך נישט ווייך געבעט, קיין ליעבשאפט ביי קיין פרוי נישט געזוכט, אויף קיין נחת פון קינדער נישט געהאפט... נאר

אַלץ פאַר אַנדערע... ווייל אַלע אַנדערע האָט ער געהאַלטען בעסער פאַר זיך...

שוואַרצע וואָלקען ציהען זיך אין דרויסען איבער'ן הימעל... אויף אַ רגע שניידט זיי דורך אַ בליץ, נאָר ער ווערט פאַרלאַשען און נאָך פעסטער ציהען זיך, נאָך ענגער שליסען זיך צוזאַמען די דיקע, פינסטערע וואָלקענס.

דער בליץ האָט צום לעצטען מאָל דעם גוסס געוועקט.

— ווער איז דאָ ביי מיר? ווער זיצט מיר צוקאָפּענס? — פרעגען די פאַרברענטע ליפּען.

— איך, איך, אַ ליכטיגער מלאך, פון זיין ליעבען נאָמענס ליכטיגער פמליא... און פון זיין ליעבען נאָמען נאָך דיין נשמה גע־שיקט!... קום מיט מיר!

— וואו אַהין? — פרעגט דער קראַנקער.

— צום הימעל אַרויף, אין גן־עדן אַריין!

— הימעל... גן־עדן...—שטאַמעלט נאָך דער גוסס אין חיוּת.— און ווי אַזוי לעבט זיך דאָרט אין הימעל, אין גן־עדן דאָרט?

— גוט... פון גאָטס גענאָד באַשטראַלט, אין גלאַנץ פון כסא הכבוד... מיט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ...

— גלאַנץ... גאָלד... קרוינען... — שטאַמעלט דער גוסס נאָך— וואָס וועל איך דאָרט טון?

— וועסט נישט דאַרפען טון... דאָרט איז אייביג רוה, אייביג ליכטיגער נחת, אָהן אויפהער שטראַלענדיג גליק... קום!

— אָבער וואָס וועל איך דאָרט טון? — דרעהט זיך מיט'ן לעצטען כח דער גוסס אויס צום מלאך.—איז דאָרט דאָ וועמען צו העלפען, געפאַלענע אויפצוהויבען, קראַנקע צו היילען, הונגעריגע צו זעטיגען, דורשטיגע די ליפּען צו נעצען, פאַרלוירענע צו זוכען און געפינען? דאָס איז דאָך מיין גליק געווען!...

— ניין, דאָס נישט! — ענטפערט מיט אַ נישט זיכער קול דער מלאך.—דאָס איז דאָרט נישט פאַראַן, דאָרט וועט קיינער נישט דאַרפען דיין הילף...

— און וואָס וועל איך דאָרט טון, מלאך? דאָרט וואו קיינער באַרויכט מיין נשמה נישט, מיין האַרץ נישט; נישט מיין רחמנות־דיגע טרער אין אויג, נישט מיין וואָרט צו טרייסטען פון מויל, און נישט מיין האַנט, אויפגעהויבען צו ווערען פון גרוב?

דער שלעכטער מלאך הערט און שטעקט ארויס די צונג און באַלעקט זיך... אַ חוזק־שמייכעל לעגט זיך איהם איבער'ן מויל פון אויער צו אויער... ער עפענט דאָס מויל און צוויי שורות ווייסע ציין בליצען אויף אין דער פינסטערער שטוב...

און צורודערט זיצט דער ליכטיגער מלאך און ווייס נישט וואָס צו ענטפערען דעם גוסס...

— וואָס פאַרט, מלאך! וואָס פאַרט?

און דער גוטער מלאך דרעהט זיך אויס צום פענסטער און קוקט ארויס צום הימעל און וואַרט פון דאָרט אַ עצה און אַ ראַט... נאָר פאַרשלאָסען איז דער הימעל; אהן אַ וואָרט, אהן אַ שטראַל, אהן אַ פינק... און עס יאַגען אַן אַלץ נייע און נייע, אַלץ שווערערע און שווערערע וואָלקענס — אַ שאָטען פאַלט איבער'ן ליכטיגען מלאך'ס פנים, דער הימעל זעהט אויס האַרט און בייז, אהן רחמנות זעהט ער אויס, ער האָט איהם נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געזעהן... ער בלייבט פאַרציטערט.

מיט דער ווייל באַנוצט זיך דער שלעכטער מלאך און גענעהנט זיך צום בעט פון דער צווייטער זייט.

— קום בעסער מיט מיר, — רוימט ער איין דעם גוסס.

— וואו אהין?

— דאָרט, וואו דיין האַרץ געלוסט... צו די אומגליקליכע, הונגעריגע, לעפצענדיג־דורשטיגע... צו די פאַר'חלש'טע און פאַרמאַטערטע, צו די פאַרלאָרענע, פאַרשאָלטענע, צו די פון גאָט פאַרגעסענע... העלפען וועסטו נישט קאָנען, אָבער צוזאַמען ליידען, מיטפיהלען...

— איך געה! איך געה! — רופט דער קראַנקער אויס מיט קראַפט. — — — —

און דער ווייסער מלאך איז אַוועק מיט לעדיגע הענט.

דריי מתנות.

א.

אויבען ביי דער וואג.

אמאל, מיט יאהרען און דורות צוריק, איז ערגעץ נפטר געוואָרען א איד.

מילא, א איד איז נפטר געווארען — אייביג לעבען קאן מען נישט — טוט מען איהם זיין רעכט... ברענגט מען איהם צו קבורת ישראל...

נאך סתימת הגולל, דער יתום זאגט קדיש — פליהט די נשמה ארויף, צום משפט, צום בית־דין של מעלה...

קומט זי ארויף, הענגט שוין דארט פאר'ן בית־דין די וואג, אויף וועלכער מען וועגט די עבירות און די מצוות...

קומט דעם בר־מנן'ס סניגור, זיין געוועזענער יצר טוב — שטעלט זיך מיט א קלאר ווייס זעקעל ווי שניי אין דער האנט, ביי דער וואגשאל פון דער רעכטער זייט...

קומט דעם בר־מנן'ס קטיגור — זיין געוועזענער יצר הרע, דער געוועזענער מסית ומדיח — און שטעלט זיך, מיט א קויטיג זעקעל אין דער האנט, ביי דער וואגשאל אויף־דער לינקער זייט...

אין ווייסען קלארען זעקעל זענען מצוות, אין ברודיג שווארצען זעקעל — עבירות. שיט דער סניגור, פון שניי־ווייסען זעקעל אויף דער וואגשאל פון דער רעכטער זייט, מצוות — שמעקען זיי ווי פארפומעס און לויכטען ווי די שטערענדלעך אין הימעל.

שיט דער קטיגור פון ברודיגען זעקעל ארויס, אויף דער וואגשאל פון דער לינקער האנט, עבירות — זענען זיי, ניט פאר אייך געדאכט, שווארץ ווי קויל און א ריח האבען זיי — סאמע־ראדנע פעך און סמאלע.

שטעהט אזוי די ארעמע נשמה און קוקט, און גאפט — זי האט זיך נארנישט געריכט, עס זאל זיין אזא חלוק צווישען „גוט"

און „שלעכט״; דארט האט זי גאנץ אפט ביידע נישט דערקענט, איינס פאר דאס אנדערע גענומען.

און די וואגשאלען הויבען זיך פאמעלעך, ארויף און אראפ. אמאל די, אמאל יענע... און דאס צינגעל ביי דער וואגשאל אין דער הויך ציטערט, נעמט זיך אויף א האר לינקס, אויף א האר רעכטס...

נאר אויף א האר... און נישט מיט אמאל! א פראסטער איד גע־ וועזן, אהן גרויסען „להכעיס״, ווי אויך אהן „קדוש השם״... אזוי — קליינע מצוה׳לעך, קליינע עברה׳לעך, שרעטעלעך, שטויבע־ לעך... טיילמאל — קוים מיט׳ן אויג צו דערזעהן.

און פונדעסטוועגען, אז דאס צינגעל רוקט זיך אויף א האר רעכטס, הערט זיך אין די עולמות העליונים א קלאנג פון שמחה, פון נחת; רוקט זיך עס אבער, חס ושלום, לינקס, שלאגט זיך ארויס א זיפץ פון עצבות, ביז עס דערגרייכט צום כסא הכבוד.

און די מלאכים שיטען פאמעלעך, מיט כונה, א שרויט נאך א שרויט, א שטויב נאך א שטויב, ווי פשוט׳ע בעלי־בתים ליצי־ טירען „אתה הראית״, א פרוטה נאך א פרוטה...

נאר א ברונעם שעפט זיך אויך אויס, די זעקלעך ווערען לע־ דיג.

— שוין? — פרעגט דער בית־דין־שמש — אויך א מלאך צווישען אלע מלאכים.

דער יצר טוב, ווי דער יצר הרע, דרעהען אויס די זעקלעך קאפויר: נישטא מעהר! און דאמאלט געהט דער שמש צו צום צינגעל זעהן, ווי עס האט זיך אפגעשטעלט: רעכטס צי לינקס.

קוקט ער און קוקט אזוי, און זעהט אזוינס, וואס עס איז נאך נישט געשעהען, זינט הימעל און ערד זענען באשאפען געווארען...

— וואס דויערט אזוי לאנג? — פרעגט דער אב־בית־דין. שטאמעלט דער שמש:

— גלייך! דאס צינגעל שטעהט אין סאמע־ראדנע מיט!... די עברות האבען גלייך געוואויגען מיט די מצוות.

— אקוראט? — פרעגט מען נאך אמאל פון בית־דין של מעלה׳ס טיש.

קוקט ער נאך אמאל דער שמש און ענטפערט:

— אויף דער האר!

האָט דאָס בית־דין של מעלה אַ ישוב אין גיט, נאָכ'ן ישוב הדעת, ארויס אַ פּסק כהאי לישנא:

„היות די חטאים וועגען נישט איבער די מעשים טובים — קומט דער נשמה קיין גיהנום נישט...

„און פון צווייטען צד — וועגען די מצוות נישט מעהר פאַר די עברות, — קאָן מען איהר נישט עפענען די טויערען פון גן־עדן.

„על כן נע־ונד זאָל זי זיין...

„זאָל זי ארומפליהען אין דער מיט, צווישען הימעל און ערד — ביז גאָט וועט זיך אָן איהר דערמאָנען און דערבאַרעמען זיך און צורופען צו זיך מיט זיין גנאָד".

און דער שמש נעמט די נשמה און פיהרט זי ארויס.

יאָמערט נעבעך די נשמה און קלאָגט אויף איהר מזל.

— וואָס וויינסטו אזוי? — פרעגט ער זי — וועסט נישט האָבען קיין נחת און פרייד פון גן־עדן, וועסט דו דאָך אבער אויך נישט האָבען קיין צער און יסורים פון גיהנום, — קוויט!

די נשמה אבער לאָזט זיך ניט טרייסטען:

— בעסער די גרעסטע יסורים, זאָגט זי, איידער גאָרנישט! גאָרנישט איז שרעקליך!

קריגט ער אויף איהר, דער בית־דין־שמש, רחמנות, גיט ער איהר אַן עצה:

„פליה, זאָגט ער איהר, נשמה'לע, אראָפּ און האַלט זיך נידע־ריג ארום דער לעבעדיגער וועלט...

„אין הימעל אריין, זאָגט ער, קוק נישט... ווארים וואָס וועסטו זעהן אין יענער זייט הימעל? נייערט שטערענדלעך! און דאָס זענען ליכטיגע נאָר קאַלטע ברואים, זיי וויסען פון קיין רחמנות נישט, זיי וועלען זיך נישט מיהען פאַר דיר, זיי וועלען גאָט אַן דיר נישט דערמאָנען...

„מיהען זיך פאַר אַן ארעמער פאַרוואָגעלטער נשמה קאָנען נאָר די צדיקים פון גן־עדן... און זיי, הער, נשמה'לע, — זיי האָבען ליעב מתנות... שעהנע מתנות... עס איז שוין — גיט ער צו ביטערליך— די טבע פון היינטיגע צדיקים!

„פליה זשע, נשמה'לע — זאָגט ער ווייטער — נידעריג ארום דער לעבעדיגער וועלט און קוק זיך צו ווי עס לעבט זיך, וואָס עס טוט זיך. און דערזעהסט דו עפּעס אַזוינס, וואָס איז אויסטערליש

שעהן און גוט, כאַפּ עס און פליה דערמיט אַרויף; עס וועט זיין א מתנה פאַר די צדיקים אין גן־עדן... און מיט דער מתנה אין דער האַנט זאָלסטו אַנקלאַפּען און מעלדען זיך אין מיין נאָמען ביים מלאך פון דער פאַרטקע. זאָג: איך האָב געהייסען!...

„און אַז דו וועסט האָבען געבראַכט דריי מתנות, זיי זיכער — וועלען זיך פאַר דיר עפענען די טויערען פון גן־עדן, זיי וועלען פועל׳ן... ביים כסא הכבוד האָט מען ליעב נישט די פיין געבוירענע, נאָר די אויפגעקומענע“...

און אַזוי רעדענדיג, שטופּט ער זי מיט רחמנות פון הימעל אַרויס.

ב.

די ערשטע מתנה.

פליהט עס אַזוי, דאָס אָרעמע נשמה׳לע, נידעריג איבער דער לעבעדיגער וועלט, און זוכט מתנות פאַר די צדיקים אין גן־עדן. און עס פליהט אַרום און אַרום, איבער דערפער און שטעדט, וואו נאָר א שטיקעל ישוב, — צווישען ברענענדיגע שטראַלען אין די גרעסטע היצען; אין רעגען־צייט — צווישען טראָפּען און וואַסער־נאָדלען; סוף זומער — צווישען זילבערנעם שפּינוועבס, וואָס הענגט אין דער לופט, ווינטער צווישען די שנייעלעך, וואָס פאַלען פון דער הויך... און קוקט און קוקט, און קוקט זיך די אויגען אויס...

וואו זי דערזעהט א איד, פליהט זי האַסטיג צו און קוקט איהם אין די אויגען אַריין — צי געהט ער ניט מקדש השם זיין?

וואו עס לייכט זיך ביי נאַכט דורך א שפּאַלט פון א לאָדען,— זי איז דאָ און קוקט אַריין, צי וואַקסען ניט אין דער שטילער שטוב גאָטס שמעקענדיגע בלימעלעך — באַהאַלטענע מעשים טובים?

ליידער!... מעהרסטענטיילס שפּרינגט זי אָפּ פון אויגען און פענסטער, דערשראָקען און פאַרציטערט...

און אַז עס געהען ווייטער פאַרביי זמנים און יאָהרען, פאַלט זי במעט אין א מרה־שחורה אַריין. פון שטעדט זענען שוין בית־עלמין׳ס געוואָרען. בית־עלמין׳ס האָט מען שוין אויף פעלדער צו־אַקערט; וועלדער האָט מען אויסגעהאַקט, פון שטיינער ביי וואַסערען איז זאַמד געוואָרען, טייכען האָבען דאָס געלעגער געביטען, טויזענטער שטערען זענען אַראָפּגעפאַלען, מיליאָנען נשמה׳לעך זענען

ארויפגעפלויגען, — און זיין ליעבער נאָמען האָט זיך אַז זיהר נישט דערמאָנט, און קיין אויסטערליש גוטס און שעהנס האָט זי נישט געפונען...

טראַכט זי ביי זיך:

„די וועלט איז אזוי אָרעם, די מענשען — אַזוי מיטעלמעסיג און גרוי אויף דער נשמה, און די מעשים זייערע זענען אזוי קליין... ווי קומט צו זיי „אויסטערליש“? אויף אייביג בין איך נע־ונד און פארשטויסען!“...

נאָר ווי זי טראַכט אזוי, שלאָגט איהר אַ רויטע פלאַם אין די אויגען אריין, אין מיטען דער פינסטערער, שווערער נאַכט אַ רויטע פלאַם.

זי קוקט זיך אום — פון אַ הויך פענסטער שלאָגט די פלאַם...

גזלנים זענען אַ גביר באַפאַלען, גזלנים מיט מאַסקען אויף די פּנים׳ער. איינער האַלט אַ ברענענדיגען שטורקאַץ אין דער האַנט און לייכט; אַ צווייטער שטעהט ביים גביר׳ס ברוסט מיט אַ בליצענדיג מעסער און חזר׳ט איהם אַלץ איינאיינעם איבער: „ריהרסט דו דיך, איך, איז דיין סוף! געהט דיר די שפּיץ פון מעסער פון יענער זייט רוקען ארויס“!... און די רעשט עפענט קאַסטען און שרענק און רויבט.

און דער איד שטעהט ביים מעסער אין קוקט געלאַסען צו...

קיין ברעם איבער זיינע קלאָרע אויגען, קיין האָר פון דער ווייסער באָרד ביז צו די לענדען — ריהרט זיך נישט... נישט זיין זאַך...

„גאָט האָט געגעבען, גאָט האָט גענומען, — טראַכט ער — געלויבט איז זיין הייליגער נאָמען!“ „מיט דעם ווערט מען נישט געבוירען און דאָס גיט מען נישט מיט אין קבר אריין“.—שעפּטשען זיינע בלאַסע ליפּען.

און ער קוקט גאַנץ רוהיג צו, ווי מען עפענט די לעצטע שופלאַד פון דער לעצטער קאָמאָדע און ווי מען שלעפּט ארויס זעקלעך מיט גאָלד און זילבער, זעקלעך מיט צירונג און אַלערליי טייערע כלים, — און ער שווייגט...

און אפשר איז ער זיי גאָר מפקיר!

נאָר פּלוצלונג, אַז די גזלנים טרעפען צום לעצטען באהעלטעניש און ציהען ארויס אַ קליין זעקעלע, דאָס לעצטע, דאָס באַהאַלטענסטע, — פאַרגעסט ער זיך, ציטערט ער אויף, צופלאַמט זיך

איהם די אויגען, ציהט ער אויס צום וועהרען די רעכטע האנט, וויל ער א געשריי טהון:

„ריהרט נישט!“

נאר אויפ'ן ארט פון א געשריי שפריצט ארויס א רויטער שטראל פון רויכערדיגען בלוט — דאס מעסער האט זיינס געטהון...

עס איז דאס בלוט פון הארץ און שפריצט אויפ'ן זעקעל ארויף!

ער פאלט און געשווינד רייסען די גזלנים אויף דאס זעקעל— דא וועט זיין דאס בעסטע, דאס טייערסטע!

זיי האבען אבער א ביטערען טעות געהאט; אומזיסט בלוט פארגאסען — נישט קיין זילבער, נישט קיין גאלד און נישט קיין צי־רונג איז אין זעקעל געווען; נארנישט פון דעם וואס איז טייער און האט א ווערט אויף דער דאזיגער וועלט! עס איז געווען אבי־סעל ערד, ארץ־ישראל־ערד אין קבר אריין. און דאס האט דער גביר געוואלט ראטעווען פון פרעמדע הענט און אויגען און מיט זיין בלוט באשפריצט...

כאפט די נשמה א פארבלוטיגטע שטויב פון ארץ־ישראל־ערד און מעלדעט זיך דערמיט ביי דער פארטקע אין הימעל...

די ערשטע מתנה איז אנגענומען געווארען.

ג.

די צווייטע מתנה.

— געדענק, — האט דער מלאך צוגערופען, פארמאכענדיג הינטער איהר די פארטקע פון הימעל — נאך צוויי מתנות!

— גאט וועט העלפען! — האפט די נשמה און פליהט פרעה־ליך צוריק אראפ.

די פרייד האט מיט דער צייט אבער אויפגעהערט. עס געהען ווייטער אוועק יאהרען און יאהרען, און זי זעהט נים קיין אויסטער־ליש שעהנס... און עס באפאלען זי צוריק די טרויעריגע געדאנקען:

„ווי א לעבעדיגער קוואל האט די וועלט ארויסגעשלאגען פון גאטס ווילען און רינט און רינט ווייטער אין דער צייט. און וואס ווייטער זי רינט, מעהר ערד און שטויב נעמט זי אין זיך אריין; טריבער, אומריינער ווערט זי; ווענינער מתנות געפינט מען אויף איהר פאר'ן הימעל... קלענער ווערען די מענשען, דראבנער — די

מצוות, שטויביגער — די עבֵרות ; מעשים — נישט מיט'ן אויג צו דערזעהן !...

„ווען גאָט — טראַכט זי ווייטער — זאָל הייסען איבערוועגען מיר אמאָל די מצוות מיט די עבֵרות פון דער גאַנצער וועלט, וואָלט זיך אויך דאָס צינגעל קוים גערירט, קוים־קוים געציטערט...

„די וועלט קאָן אויך נישט אַראָפּ און נישט אַרויף... זי איז אויך נע־ונד צווישען ליכטיגען הימעל און פינסטערען שאול תחתיה... און דער קטיגור מיט'ן סניגור וואָלטען זיך דאַריבער אייביג געראַנגעלט, ווי עס ראַנגלען זיך דאָ אייביג ליכט מיט פינסטערקייט, וואַרעמקייט מיט קעלט, לעבען מיט טויט...

„זי ווינט זיך די וועלט, און קאָן נישט — נישט אַרויף, נישט אַראָפּ, און עס וועלען דאַריבער אייביג זיין חתונות און גט'ן, ברית'ן און לויות, סעודות־מצוה און סעודות־הבראה... און ליעב־שאַפט און האַס... אייביג, אייביג"...

פלוצלונג וועקען זיך קולות פון טראָמפּייטען און הערנער...

זי קוקט אַראָפּ — אַ דייטשע שטאָדט (פאַרשטעהט זיך, אַ פאַרצייטישע), אַלערליי, אויסגעבויגענע דעכער רינגלען אַרום דעם פּלאַץ פאַר'ן מאַגיסטראַט, און פול מיט פאַרשידען־פאַרביג־געקליידטע מענשען איז דער פּלאַץ ; פול קעפּ אין די פענסטער ; מענשען ליגען אויף די דעכער אַרום, טייל זיצען רייטענדיג אויף די באַלקען, וואָס שטאַרען אַרויס ביי די ווענט אונטער די דעכער, פול געפּראַפּט זענען די באַלקאַנען...

פאַר'ן מאַגיסטראַט שטעהט אַ טיש, געדעקט מיט אַ גרין טוך מיט גאָלדענע פראַנזען און טראַלבען. ביים טיש זיצען די הערען פון מאַגיסטראַט, אין סאַמעטענע קליידער אויף גאָלדענע האַקלען, אין כּויבעלנע היטלען מיט ווייסע פעדערען אויף בריליאַנטענע קנעפּ ; אויבען־אָן זיצט דער פּרעזידענט אַליין, אַ פּרעסיגער אדלער וועהט איהם איבער'ן קאָפּ...

אָן אַ זייט שטעהט געבונדען אַ אידיש מיידעל, נישט ווייט האַלטען צעהן קנעכט אַ ווילד פערד, און דער פרעזידענט הויבט זיך אויף און לייענט פאַר'ן אידישען מיידעל אַ פּסק פון אַ פּאַפּיר, און ער ווענדט זיך מיט'ן פּנים צום מאַרק :

„אָט די אידין דאָ, די אידישע טאָכטער, האָט אַ שווערע זינד באַגאַנגען ; אַ שווערע זינד, וואָס גאָט אַליין, ווי גרויס זיין באַרמ־

הארציגקייט זאל נישט זיין, וואלט איהר נישט געקאנט מוחל זיין...

„זי האט זיך ארויסגע׳גנב׳עט פון געטא און איז ארומגעגאנגען, אין אונזער הייליגען לעצטען יום־טוב, אויף אונזערע ריינע גאסען...

„און זי האט באפלעקט מיט איהרע אומפארשעמטע אויגען אונזער הייליגע פראצעסיע; אונזערע הייליגע בילדער, וואס מיר האבען מיט לויב־געזאנג און קעסעל־פויקען איבער די גאסען געטראגען...

„מיט איהרע פארשאלטענע אויערען האט זי איינגעזאפט דאס געזאנג פון אונזערע ווייס געקליידטע, אומשולדיגע קינדער און דאס קלאפען פון די הייליגע פויקען... און ווער ווייסט צי האט דער טייוועל, דער אומריינער טייוועל, וואס האט אויף זיך גענומען די געשטאלט פון דער אידישער טאכטער, פון פארשאלטענעם רב׳ס טאכטער, זיך נישט צוגעריהרט און נישט באפלעקט אונזער א ריינינגקייט?

„וואס האט ער געוואלט, דער טייוועל אין דער שעהנער געשטאלט? ווארים לייקענען קאן איך ניט — שעהן איז זי, שעהן, ווי נאר א טייוועל קאן זיך מאכען. — זעהט די חוצפה־שטראלענדיגע אויגען פון אונטער די צנועה׳דיג אראפגעלאזטע זיידענע ברעמען... זעהט דאס אלבאסטער פנים, וואס איז אין דער לאנגער תפיסה נאר בלאסער, אבער נישט טונקעלער געווארען!... זעהט איהרע פינגער, איהרע שמאלע, לאנגע פינגער פון די הענט; די זון לויכט דורך זיי אדורך!...

„און וואס האט ער געוואלט דער טייוועל? אפרייסען א נשמה פון דבקות אין דער פראצעסיע... און עס איז איהם געראטען״:

— זעהט דאס שעהנע מיידעל! — האט אויסגערופען אונזערער א ריטער פון איינער פון אונזערע שענסטע משפחות...

און דאס איז שוין געווען איבער דער מאס — האלעבארדניקעס האבען זי באמערקט און געכאפט — ער האט זיך אפילו ניט געוועהרט, דער טייוועל — ווארים, ווי אזוי? ריין זענען זיי דאמאלט געווען. אפגערייניגט פון אלע זינד, האט ער אויף זיי קיין שליטה ניט געהאט...

און דאס איז דעם טייוועלס, אין געשטאלט פון דעם אידיש מיידעל, פסק:

„צובינדען זאָל מען זי ביי די האָר, ביי די לאַנגע טייוולאַנישע צעפּ, צום ווײדעל פון אַט דעם ווילדען פערד...

„זאָל עס לויפען און שלעפּען זי ווי „אַ הורג" איבער די גאַסען, וואָס איהרע פיס האָבען געטראָטען גענען אונזער הייליגען געזעץ...

„זאָל איהר בלוט באַשפּריצען און אַפּוואַשען די שטיינער, וואָס זי האָט פאַראומרייניגט מיט איהרע פיס" ! —

אַ ווילד פרייד־געשריי האָט זיך אויסגעריסען פון אַלע מיילער אַרום, און אַז די פּאַליע פון די ווילדע געשרייען איז אַריבער, פרעגט מען די פּאַר'משפּט'ע צום טויט, אויב זי האָט זיך ניט עפּעס וואָס צום לעצטען מאָל צו ווינשען.

— איך האָב, — ענטפערט זי געלאַסען, — עטליכע שפּילקעס בעט איך!

— זי איז דול פאַר שרעק! — מיינען די הערען פון מאַגיסטראַט.

— ניין! — ענטפערט זי רוהיג און קאַלט — דאָס איז מיין לעצטער ווילען און פאַרלאַנג.

מען האָט עס איהר צוליעב געטאָן...

— און אַצינד, — קאָמאַנדירט דער פּרעזידענט, — בינדט צו!

עס געהען צו האַלעבאַרדניקעס און בינדען צו מיט ציטערדיגע הענט דעם רב'ס טאָכטערס שוואַרצע לאַנגע צעפּ צום ווײדעל פון ווי־־ען פערד, וואָס מען קאָן שווין קוים דערהאַלטען...

— מאַכט אַ וואָרע! — קאָמאַנדירט ווייטער דער פּרעזידענט צום עולם אויפ'ן פּלאַץ, און עס ווערט אַ גערודער. דער עולם שטעלט זיך און דרינגט זיך צו צו די ווענט פון די הייזער, און אַלע הויבען אויף די הענט, ווער מיט אַ בייטש, ווער מיט אַ שפּיץ־רוט, ווער מיט אַ טוך אין דער האַנט, און אַלע זענען גרייט צו יאָגען דאָס ווילדע פערד, יעדערענס אָטעם איז געשטיקט, אַלע פּנים'ער פלאַמען, אַלע אייגען בליצען, און אין גערודער באַמערקט ניט קיינער, ווי די פּאַר'משפּט'ע בויגט זיך שטיל אַראָפּ און שפּילעט זיך צו די זוים פונ'ם קלייד צו די פיס און שטעקט טיף, טיף אַריין די שפּילקעס זיך אין לייב — עס זאָל איהר לייב ניט אַנטפּלעקט ווערען, ווען דאָס פערד וועט זי שלעפּען אין די גאַסען...

באמערקט האט עס נאר די נע־ונד'ניצע — די נשמה...

— לאזט דאס פערד! — קאמאנדירט דערוויל ווייטער דער פרעזידענט. און די קנעכט זענען דערפון אפגעשפרונגען, און מיט אמאל האט עס זיך אויסגעריסען. און אויסגעריסען האט זיך אויך א געשריי פון אלע מיילער, און עס וועהען און פייפען אין דער לופט אלע בייטשען, שפיץ־רוטען און טיכער. און ווילד דערשראקען יאגט דאס פערד איבער'ן מארק, איבער גאסען און הינטערגאסען ארויס, ארויס פון שטאדט...

און די נשמה, די נע־ונד'ניצע, האט שוין ארויסגעצויגען א פארבלוטיגטע שפילקע פון דער פאר'משפט'ערם פוס און פליהט שוין מיט איהר צום הימעל ארויף!

— נאך איין מתנה איינגאנצען! — טרייסט זי דער מלאך ביי דער פארטקע.

ד.

די דריטע מתנה.

און צוריק פליהט אראפ די נשמה, איינגאנצען נאך איין מתנה דארף זי.

און עס געהען ווייטער אוועק זמנים און יאהרען, און עס באפאלט זי ווייטער א מרה שחורה. די וועלט, דאכט זיך איהר, איז נאך קלענער געווארען... נאך קלענערע מענשען, נאך קלענערע מעשים... די גוטע ווי די שלעכטע...

איינמאל טראכט זי:

„ווען גאט, געלויבט זאל זיין זיין נאמען, זאל וועלען אמאל אפשטעלען און סוף כל סוף משפט'ן די וועלט, אזוי ווי עס איז, מיט אמאל... און פון איין זייט זאל זיך שטעלען א סניגור און שיטען פון ווייסען זאק ארויס שרעטעלעך און שטויבעלעך; און פון דער צווייטער זייט — דער קטיגור זאל שיטען זיינע פיצלעך און ברעקלעך, וואלט געדויערט און געדויערט איידער די זעק וואלטען לעדיג געווארען... אזוי פיעל קלייניגקייטען, אזוי פיעל!

„אבער, אז די זעקלעך וואלטען שוין לעדיג געווארען, וואס וואלט געווען?

„דאס צינגעל וואלט געווים געבליבען שטעהן אין דער מיט!

„ביי אזוינע קליינינקייטען, ביי אזוי פיעל קליינינקייטען קאָן גאָרנישט איבערוועגען... ווארים וואָס? נאָר א פּעדערל, נאָר א שטרויעלע, נאָר א פלעווע, נאָר א שטויב!...

„און וואָס וואָלט גאָט געטון? וואָס וואָלט ער גע'פסק'עט?

„צוריק צו תהו ובהו? נישט: די עברות וועגען נישט איבער די מצוות...

„אויסלייזען? אויך נישט: די מצוות וועגען נישט איבער די עברות...

„וואָס דען?

געהֹ ווייטער! וואָלט ער געזאָגט... פליה ווייטער צווישען גיהנום און גן־עדן, ליעבשאַפט און האַס, רחמנות'דיגע טרערען און רויכערדיג בלוט... צווישען וויגען און קברים... ווייטער, ווייטער!"

דער נשמה איז אָבער באַשערט געווען אויסגעלייזט צו ווערען, פון די שווערע מחשבות — וועקט זי א קול פון פויקען...

וואו איז זי, ווען?

זי דערקענט נישט דעם אָרט, נישט די צייט...

נאָר א פּלאַץ פאַר א תפיסה זעהט זי... אן די אייזערנע גראַ־טען אין די קליינע פענסטערלעך ציהען זיך שפּילענדיג די שטראַ־לען פון דער זון... זיי גליטשען זיך אויך אן די שטיקען פון צוזאַ־מענגעשטעלט געווערה ביי דער וואַנט. די סאָלדאַטען האָבען אין האַנט אַרייַן — ריטער באַקומען...

אין צוויי לאַנגע שורות, מיט א שמאָלען דורכגאַנג אין דער־מיט, האָט מען זיי אויסגעשטעלט: „דורך א סטרוי" וועט מען טרייבען...

וועמען?

עפּעס א אידעל מיט א צוריסען העמד אויפ'ן מאָגערען לייב, מיט א יאַרמולקע אויפ'ן האַלב־גענאָלטען קאָפּ. אָט פיהרט מען איהם צו.

פאַר וואָס קומט עס איהם? ווער ווייסט, א פּאַרצייטישע זאַך! אפשר פאַר א גנבה, אפשר פאַר א גזלה צי א רציחה, און אפשר א בלבול... עס איז דאָך געווען פאַרצייטען...

און די זעלנער שמייכלען און טראַכטען: נאָך וואָס האָט מען אונז אזוי פיעל גענומען און אויסגעשטעלט? ער וועט נישט אויס־האַלטען די העלפט!

נאר אט שטופט מען איהם צווישען די שורות אריין, אט געהט ער... און ער געהט גלייך און שטרויכעלט נישט און פאלט נישט... ער לייזט שמיץ און האלט זיי אוים...

א גרים־צארן כאפט אן דאמאלט די סאלדאטען! ער געהט נאך, ער געהט!

און די ריטער פייפען אין דער לופט ווי די רוחות און כאפען ארום דעם לייב ווי די שלאנגען. און דאס בלוט פון מאגערען גוף שפריצט און שפריצט, און הערט נישט אויף צו שפריצען!

הו—הא! הו—הא!

אין מיטען טרעפט א סאלדאט צו הויך און ווארפט דעם פאר׳־משפט׳ן אראפ די יארמולקע פון קאפ. נאך עטליכע טריט באַ־מערקט ער עס, דער פאר׳משפט׳ער... ער גיט זיך א ריהר, גלייך ער האט א ישוב, און איז זיך מישב, און דרעהט זיך אום: ער וועט נישט געהן בגלוי הראש, און ער געהט צוריק ביז צום ארט, וואו די יאר־מולקע ליגט. ער בויגט זיך איין און הויבט זי אויף, און דרעהט זיך צוריק אוים אין געהט ווייטער, רוהיג, רויט פארבלוטיגט, נאר מיט דער יארמולקע אויף׳ן קאפ. אזוי געהט ער, ביז ער פאלט...

און אז ער איז געפאלען, איז צוגעפלויגען די נשמה און גע־כאפט די יארמולקע, וואס האט אזוי פיעל אומזיסטיגע שמיץ גע־קאסט, און איז ארויף מיט איהר צו דער פארטקע פון הימעל.

און די דריטע מתנה איז אויך אנגענומען געווארען!

און די צדיקים האבען זיך פאר איהם געמיהט: די טויערען פון גן־עדן האבען זיך איהר נאך די דריי מתנות געעפענט!

און דער „אורים ותומים" האט געזאגט:

— אמת שעהנע מתנות, אויסטערליש שעהנע... צוניץ קומען זיי נישט, גארנישט לתשמיש, אבער לנוי — אויסטערליש.

אן אפקומעניש.

פארצייטיגע חסידים האבען געוואוסט, ווער חיים־יונה־זויטעלס איז געווען. עס איז געגוג צו זאגען: דעם אלטענס בעל־תפלה. כידוע, האט מען נישט אזוי לייכט צוגעלאזט ביים אלטען צום עמוד, בפרט ראש־השנה ויום־כפור, און חיים־יונה־וויטעלס האט טאקע געדאווענט ימים נוראים און ער איז עס ווערט געווען: א איד א למדן, בנגלה און בנסתר, אבער גאר א שארפער למדן, און א ירא שמים — אן אמת אפגעהיטענער איד, אפילו נאך א יונגערמאן, נאך די תעניתים מיט די סגופים, וואס ער האט דורכגעמאכט, וואלטען גענוג געווען פאר צעהן מנינים... און עברי האט ער געזאגט! פארשטעהט זיך, נישט אויפ'ן חסידישען אופן, נאר אזוי עברי, א חתוך הדבור! אווארט פאלט ווי א פערל פון מויל, און א קול האט ער געהאט — רבונו של עולם, מען זעהט גאר היינט אזוינע בעלי תפלות נישט!

א קיימא לן האבען מיר, אז ביים „אלטען“ אין בית־המדרש האבען געדאווענט א ד' מאות... קיין בענק זענען נישט געשטאנען, און דער גאנצער חלל פון בית־המדרש איז געווען אנגעפראפט מיט מענשען. אז עמיצען איז אינמיטען דרינען, ביי שמונה עשרה צי ביי תקיעות, צי ביי כהנים דוכנ'ען, אראפגעפאלען דער טלית פון קאפ, האט ער איהם שוין נישט ארויפגעצויגען, ארויסציהען א האנט — מאן דכר שמיה! און כפלים אויפ'ן הויף. און א הויף איז געווען ביים אלטען, — מען זעהט גאר היינט נישט אזוינע הייף. און פונדעסטוועגען, אז חיים־יונה־וויטעלס האט ארויסגעלאזט א קול, האט געקלונגען ווי א גלאק אין די אויערען! האסט דו געמעגט שטעהן אין ווייטסטען ווינקעלע פון הויף, האט עס דיר געקלונגען... חיים־יונה־וויטעלס זאגט שוין בלחש, און ביי דיר אין אויער קלינגט נאך — א מעשענע קויל קאלערט זיך אין אויער! און היינט זיין

„בלחש“, דאס איז גאר געווען פלאי פלאים. דאכט זיך, דער קול האט זיך אראפּגעלאזט ביז צו דער נידעריגסטער מדרגה, ער איז אזוי שטיל־זיס־וויינענדיג... טיילמאל דאכט זיך דיר, אז עפּעס א קליין קראנק קינד אין וויג, וואס פאכט שוין מיט׳ן לעבען, רופט אזוי שטיל צו דער רחמנות׳דיגער מוטער: קום, קום, מאמע, העלף! און דעם שטילען, זיסען „בלחש“ האבען אויך געהערט אלע, אלע — דאס איז שוין קיין קונץ געווען! און צולאזט זיך חיים־יונה־וויטעלס אין א „יעלה“ — רבונו של עולם! עס האט זיך געדאכט, די ווענט וועלען צוגעהן!

און צו דעם אלעם איז עס געווען א באשמעקטער מענש, א הדרת פּנים — די שכינה, כביכול, האט אויף איהם גערוהט, אנגעטון ווי א טאק. נישט, חלילה, פאר גאוה וועגען! זיין דרך איז אזוי געווען. א זיידענער קאפּטאן מיט סטראקעס, א לייפּסקער זיידענער גארטעל, און א שטריימעל, — האט עס געבלאנקט און געבליצט מיט די זילבערנע האר... און א בארד א שווארצע, א לאנגע; ביז׳ן גארטעל אריין א בארד. און פּאות געקרייזעלטע, און אויף דער צורה איז געלעגען אויסגעגאסען די אייגענע זיסע גבורה, וואס האט געשטעקט אין קול... און א פּאר אויגען — מענשען האבען געגאפט! נישט איינמאל פלעגט דער אלטער זאגען:

— אזא מענש דארף זיך היטען פאר אן עין הרע.

מיינט איהר דאך אודאי, ער האט געמיינט פּראסט אן עיך־הרע... אבער דער אלטער פלעגט קיינמאל נישט רעדען אזוי פּראסט אין פּשטות אריין... אן אנדער מין עין הרע האט ער געמיינט. פארצייטענס פלעגט זיך גאנץ אפט טרעפען, אז א פּריצה, אן אלמנה, צי א גרושה, פלעגט פּלוצלונג ארייןפאהרען אין א שטעדטעל אריין, און מיט געוואלט אויפכאפּען א איד פון גאס, פארשטעהט זיך, וואס שענער און געזינטער, און אוועקפיהרען צו זיך אין פּאלאץ אריין, און נויטען צו זינדיגען, מיט גוטען, מיט בייזען. עס פלעגט זיך טרעפען, אז א איד איז נישט עומד בנסיון געווען און כאטש די פּריצה פלעגט איהם, ס׳רוב, דערנאך ארויסווארפען, און ער פלעגט נעבעך, אהיים געהן און תשובה טון, תעניתים פאסטען, טון וואס מען האט געהייסען, האט עס דאך נישט שטענדיג געהאלפען... אזא שלעכט אויג האט דער „אלטער“ געמיינט...

געזאגט האט מען, אז חיים־יונה־וויטעלס איז א גרויסער זהיר.

אז אין א יריד־טאָג, און אין אזוי זונטאג צי אין חגא קומט ער ממש ניט ארויס מפתח ביתו, און פונדעסטוועגען, ווי עס ווייזט זיך ארויס, האָט דער „אלטער" רעכט געהאַט...

ויהי היום, חיים־יונה־וויטעלס דאַרף קומען אויף ראש־השנה, דאָס הייסט, ער דאַרף קומען כמעט אכט טאָג פאַר ראש־השנה. ווארים א מענש אויפ'ן וועג, ווי געוואָרענט ער וועט נישט זיין, איז עלול זיך צו פאַרקיהלען די גרגרת, בפרט חיים־יונה וויטעלס, וואָס האָט געהאַט א מהלך פון איבער צעהן מייל; און געהן פלעגט ער, פון שכר הליכה וועגען, צו פוס... דאַרף ער טאַקע קומען פריהער מיט א וואך אפּרוהען זיך, און אזוי פלעגט ער שטענדיג טון. ער פלעגט קומען, ארומגעהן שטיל שווייגענדיג, מיט א גרויסער רויטער שאַל ארומגעוויקעלט דעם האלז, און טאָג אויף טאָג שלינגען רויהע אייער, א האלב שאָק איבער'ן טאָג אודאי... און די אייער האָט ער באַקומען פריש פון די הינער פון הויף. ווארים א מפונק איז ער אויך געווען, אז מיט וואָס עס איז פלעגט ער זיך קאליע מאכען דעם מאָגען. ויהי היום, חיים־יונה־וויטעלס דאַרף קומען. עס איז אכט טאָג פאַר ראש־השנה; עס געהט אוועק א טאָג, בלייבט זיבען; נאָך א טאָג און נאָך א טאָג, און מען הערט נישט, און מען זעהט נישט. טראַכט מען, עס מוז עפּעס זיין א סבה... הערט מען, אז עמיץ פון יענער שטאָדט איז געקומען, עפּעס א בעל־הבית'ישער מענש, א האלבער חסיד, געקומען געוואָר ווערען, צי עס איז עפּעס א דרך. ווערט מען געוואָר, וואו ער איז פאַרפאַהרען, לויפט חברה אין אכסניא אריין; שלאָפט ער. ליגט ער און כראַפּעט. כאַפּט חברה א פרישע קאַן וואַסער פון ברונעם און גיסט איהם אָפּ. שפּרינגט ער, דער איד, אויף, נישט טויט, נישט לעבעדיג: וואָס ווילט איהר, גזלנים?

פרעגט חברה אויף חיים־יונה־וויטעלס.

זאָגט ער, דער איד, נעבעך, און עס קלאַפּט איהם א צאָן אן א צאָן, אז חיים־יונה־וויטעלס איז שוין לאַנג ארויסגעגאַנגען פון דערהיים, ער האָט זיך מיט אלע געזעגנט. עטליכע פון אנשי שלומנו האָבען איהם באַלייט פון שטאָדט ארויס ביז צום וואַלד. ביים וואַלד האָט מען זיך אָפּגעשטעלט און גענומען אביסעל

משקה, ווי דער שטייגער איז. ער איז אויך דערביי געווען. מען האט איהם קוים צוגעלאזט... דערנאך איז חיים־יונה־וויטעלס מיט'ן טלית ותפלין אריין אין וואלד אריין און חברה איז צוריקגע־גאנגען.

— ער איז ניט דא! — זאגט חברה.

— ווער? — פרעגט דער איד.

— משוגע ביסטו, מטורף? — ווארפט זיך אויף איהם חברה.
— ווילסט נאך א קאן קאלט וואסער? חיים־יונה־וויטעלס איז נאך נישט דא!

— אויב אזוי, — ענטפערט דער איד און ציטערט — האט ער אדער פארבלאנדזשעט, אדער ער איז קראנק געווארען אויפ'ן וועג אדער א חיה רעה...

— האלט ס'מויל! — שרייט די חברה. און עס בלייבט, מען זאל מודיע זיין דעם „אלטען". מודיע זיין... דעם „אלטען" האט מען נישט געדארפט מודיע זיין, נאר אזוי פאר דרך ארץ... לפנים דארף אלץ זיין על פי דרך הטבע. און — מען מוז זיך דאך ארומ־קוקען ווענען א בעל־תפלה...

זוכט מען אויס א גרויסען מקורב, ווארים קרוב לראש השנה איז מען צום „אלטען" מיט קיין עסקים נישט צוגעקומען... אזוי, אריין, אפגעמען „שלום־עליכם" און ארויס, אבער קיין שום מחזקות נישט... און אזוי ביז נאך הושענא־רבה. אזא מנהג איז שוין גע־ווען. נאר ביי אזא סבה! זוכט מען אויס א מקורב, שטעלט ער זיך איין. געהט ער צום „אלטען" אין חדר אריין, צומאכען אין גאנ־צען די טיר הינטער זיך, לאזט חברה נישט; עמיץ האט אריינגע־שטעלט א פוס, בלייבט א שפארע, און חברה שטעהט הינטער דער טיר און הערט אונטער.

הערען זיי, ווי דער מקורב געהט צו, — דער אלטער מאכט עפעס שטיל, דערנאך דערהערט מען דעם סוף פסוק: טרחכם, משאכם וריבכם... דערנאך א פאר ווערטער וועגען חשבון הנפש... אז דער גרעסטער און דער קלענסטער דארפען פאר ראש השנה מאַ־כען חשבון הנפש... און עפעס א משל למלך. וואס, האט מען נישט געהערט. ווייל סוף ימיו פלעגט דער אלטער רעדען גאר שטיל... שפארט מען נאך אביסעל אויף די טיר, זעהט מען, ווי דער אלטער זיצט, מיט'ן קאפ אראפגעלאזט אויף דער האנט. זעהר מיד ווי

ער איז שוין געווען ביז צו דער פטירה, די גרויסע ברילען אויפ'ן שטערן, די אנדערע האנט אויפ'ן זוהר...

— נו, הכלל, — מאכט ער — וואס ווילסטו?

דערצעהלט איהם דער מקורב, אז, באשר בכן, חיים־יונה־וויטעלס איז נאך נישט דא... דערנאך, — אז עס איז געקומען א איד פון דארט... און ער דערצעהלט איהם כהויה די מעשה פון דער אכסניא, און וואס דער איד האט געזאגט... הערט ער אויס, דער „אלטער“, און שווייגט. מען זעהט בחוש, אז מען האט איהם קיין נייס נישט דערצעהלט... דערנאך האט ער אפגעזיפצט; זעהט מען, אז ער האט קיין נחת נישט דערפון. זאגט דער מקורב, — כלומר'שט פאר זיך, נאר אזוי, דער „אלטער“ זאל הערען, — אז חיים־יונה־וויטעלס איז א טאטע פון קינדער, — זאגט דער אלטער: מן הסתם...

— און ווער — פרעגט שוין פראסט דער מקורב — וועט צוגעהן צום עמוד?

מאכט ער דער אלטער:

— שוטה, ער קאן נאך קומען!

און אזוי ווי ער זאגט עס ארויס, פאלט אריין חיים־יונה־וויטעלס מיט א שמחה. חברה האט איהם הינטער דער טיר א ווארע געמאכט. נאר ער האט ביי זיי קיינעם אפילו קיין שלום ניט געגעבען, און אריינגעלאפען גלייך צום אלטען, און דאס פנים האט איהם געשטראלט פאר שמחה און די אויגען האבען איהם געלויכטען.

— רבי, — האט ער אויסגעשריען — גאט האט מיר געהאלפען, כ'בין דא! א נס!

און דאס קול ציטערט איהם פאר פרייד.

נאר דא איז געשעהן אזוינס, וואס זאל שוין טאקע קיינמאל נישט געשעהן!

דער „אלטער“ הויבט אויף דעם קאפ, קוקט אויף חיים־יונה־וויטעלס שארף, קאלט און שארף. איך וויים? אויף א קל שבקלים קוקט מען ניט אזוי. און פלוצלונג שטעלט ער זיך אויף מלא קומתו. גלייך א בוים וואלט פלוצלונג ארויסגעשפרונגען פון דער ערד... פון שלום געבען — נישט צו רעדען, דער „אלטער“ האלט די האנט הינטער זיך, און פלוצלונג גיט ער א געשריי:

— נואף!

האר און נעגעל האבען זיך קאפויר געשטעלט, און חיים־יונה־וויטעלס, אזוי ווי ער איז געשטאנען, האט ער געגעבען א פאל אויף דער ערד, גלייך עס וואלט איהם פלוצלונג א דונער געטראפען.

דער עולם שטעהט אפהענטיג, און דער אלטער זעצט זיך צו־ריק און זאגט מיט זיין שטיל קול:

— נעמט איהם, טראגט איהם אין בית־המדרש אריין, — מינ־טערט איהם אויף, און זאל ער זיך פאר אייך מתודה זיין...

און אזוי איז געשעהן...

אז חיים־יונה־וויטעלס איז אביסעל צו זיך געקומען און מען האט איהם ארויפגעזעצט אויף דער באנק, איז עס שוין נישט געווען דער אייגענער חיים־יונה־וויטעלס... שווארץ ווי די ערד, די אויגען איינגעפאלען און ברענענדיג, ווי אין א פיבער, אדער, השם ישמרנו, ווי ביי א דבוק. און דעם קאפ מוז מען איהם אונטערשפארען, אניט שלאגט ער זיך אן דער וואנט: אזוי ציטערט ער אינגאנצען... און פון די ווייסע ליפען רינט עפעס א מין שוים, רחמנא יצילנו; און אז דער מענש עפענט די ווייסע ליפען און וויל רעדען, איז עס שוין נישט זיין קול...

— רבותי, — שטאמעלט ער מיט א גרויס געבעט, אז עס האט דאס הארץ געשניטען, — רבותי, איך בין קיין נואף נישט... און ער קוקט זיך אום, און זעהט, אז מען גלויבט איהם נישט. אין די אויגען זעהט ער, בעט ער זיך: — רבותי, פיהרט מיך צו צום ארון קודש!

ער וויל שווערען, — נו, קאן מען איהם צולאזען צו א שבועה, אז דער אלטער האט בפידוש געזאגט... זאגט חברה: „ווילסט דער־צעהלען, דערצעהל, נאר אהן שבועות“...

הויבט ער אן דערצעהלען. דער קול ברעכט זיך איהם וואס אמאל איבער, נאר די אויגען, מיט וועלכע ער קוקט ארום אויפ'ן עולם, בעטען זיך... ער דערצעהלט, — מויל און אויערען אויפצר־שטעלען!

ארויסגעגאנגען איז טאקע חיים־יונה־וויטעלס פון זיין שטאדט

צו דער רעכטער צייט, ווי יאהר ביי יאהר. גענומען טלית ותפלין, אביסעל צידה לדרך און געלאזט זיך אין וועג אריין. דער איד אויף דער אכסניא האט, נעבעך, עהרליך דערצעהלט: חברה האט איהם באַליים, געטרונקען לחיים, און קענען האלבען טאג, איז חיים־יונה־וויטעלס אוועק רעכטס מיט'ן וואלד, און חברה איז צוריק אין שטאדט אריין...

געהט ער אזוי א שעה אנדערטהאלבען, שטעלט ער זיך אפּ און וויל מנחה דאווענען. דעם וואלד קען ער גוט, כמעט יעדען בוים. נאָר פארלאזען זיך אויף טביעת עין וועגען „מזרח" וויל ער נישט. געהט ער, וואו דער וואלד ווערט ליכטיגער, און וויל ארויס אויפ'ן פעלד, בכדי צו זעהן, וואו די זון לאזט זיך אראפּ צום אונטערגעהן. קומט ער ארויס אויף א וועג צווישען וואלד און פעלד, טוט ער א קוק ארויף צום הימעל און בלייבט שטעהן: ער האט נאך אזא הימעל נישט געזעהן. אזא ברענענדיגען מערב נישט געזעהן. ממש א שטיק פייער, קוקט ער אזוי און איז מהרהר בתשובה; ער דערמאנט זיך אן פייער פון גיהנום... און ער שטעהט אזוי, און איז מהרהר בתשובה, און הערט נישט, אז הינטער איהם אין שווערען זאמד פאהרט א קארעטע... עס איז אן אפענע קארעטע, אויבען אן איז געזעסען א יונגע פּריצה... הינטער איהר — א יעגער, א מין קאזאקעל, ווי פארצייטענס דער שטייגער איז געווען; פון פארענט — אויך א יעגער, אויך א מין קאזאקעל, אחוץ א שמייסער מיט דריי פּאר לייצען אין דער האנט — דריי פּאר פערד נאשפּיץ. און אז ער האט דערהערט, איז שוין געווען צו שפּעט, איז ער שוין געפאלען דער פּריצה אין די אויגען אריין.

— שטעה, איד! — האט זי א געשריי געטאן, — שטעה באשמעקטער מענש! און זי פארהאלט די קארעטע.

מן הסתם איז חיים־יונה־וויטעלס נישט שטעהן געבליבען, כהרף עין איז ער צוריק אריין אין וואלד, און לויפען לויפט ער פאר זיך — פייל פון בויגען, מיט אלע כחות... הערט ער אבער דער פּריצה'ס קולות... זי שיקט איהם נאך די קאזאקלעך — שלעכט! זיי וועלען איהם דעריאגען! האט ער א ישוב און באהאלט זיך.

וואו באהאלט ער זיך?

אין יענע וועלדער זענען פאראן משונה'דיגע בוימער... הויכע, געזונטע בוימער, און די צווייגען וואקסען ביי זיי ארויס פון שטאם.

ווי ביי אלע בוימער, — נאר — גבורת הבורא — אז זיי קומען ארויף ביז א געוויסער הויך, בויגען זיי זיך אוים ווי די פיילענ־בויגען, און וואקסען קיילעכדיג צוריק אראפ, ביז צו דער ערד, און וואקסען אפילו טיילמאל טיף אין דער ערד אריין. שפרינגט ער אריין אין אזא סוכה פון צווייגען, ווארפט זיך מיט אן אימפעט אויף דער ערד און האט א מערכה, וואס ער פאלט אויף א ווייכען מאך... נאר, ווען ער זאל זיך אפילו געווען עפעס טון, וואלט ער אויך קיין קול נישט ארויסגעלאזט; ער האט מורא אפילו הויך צו אטעמ־מען; ער האט פחד, מען זאל נישט הערען, ווי עס שלאגט ביי איהם דאס הארץ, ווייל די קאזאקלעך לויפען אויף און אפ, קומען נעהנ־טער און דערווייטערען זיך, און רופען איינער צום צווייטען: האפ־האפ! האפ־האפ! ווי מען איז זיך נוהג אין וואלד. נאר שטי־לערהייט, אין צוגאסענעם הארץ, איז ער מתפלל צום בורא עולם, ער זאל איהם נישט ברענגען צו קיין נסיון... ווייל די פריצה, דאס האט ער דערזעהן, איז געווען גאר א יפה־פיה, אין אן אפענעם סוי־בעלנעם פוטער, און פון פארענט האבען איהר געבליצט בריליאנטען, א מכשפה! — בעט ער זיך נעבעך: רבונו של עולם, צי עס איז א בשר ודם, צי א רוח, צי ווייס איך וואס, זיי מיך מציל פון איהרע הענט...

און די הויט ציטערט אויף איהם, ווייל ער הערט, ווי די פריצה שרייט און בייזערט זיך, פארוואס מען געפינט איהם נישט. „איך וועל פון אייך, כלבים, די הויט אפציהען, און דאס פלייש פאר די הינט ווארפען... אויף א פאל וועל איך אייך זעצען“... און ער פרואווט זיך טרייסטען, אפשר איז עס, טראכט ער, גלאט א מרשעת, א שונא ישראל, וויל מיך כאפען און פייניגען, אין תפיסה אריינזעצען — איז ער מקבל אויף זיך דעם גזר־דין... אבי נישט קיין זינד! רבונו של עולם, אבי נישט קיין נסיון!

עס איז אבער באשערט געווען א נסיון... און אז די פריצה האט געזעהן, אז די קאזאקלעך געפינען נישט, האט זי געהאלטען א הונט אויף דער שוים, נעמט זי און לאזט אראפ דעם הונט, און דער הונט לויפט אין וואלד אריין, און שנאפט אונטער די בוימער, און האט איהם דערשנאפט... און די קאזאקלעך זענען צוגעקומען, און האבען תיכף ומיד ארויסגענומען שטריק און האבען איהם גע־בונדען און אוועקגעטראגען צו דער פריצה.

— פארוואס האָט איהר איהם געבונדען? — בייזוערט זי זיך.

— ער האָט געביסען! — ענטפּערען זיי און וואַרפען איהם דער פּריצה צופוסענס אין קאַרעטע אריין, און דאָ הויבט זיך אָן דער נסיון...

בשעת מעשה, אַז מען האָט איהם געכאַפּט און געבונדען, האָט חיים־יונה־וויטעלס אַ נדר געטאָן, די אויגען נישט צו עפענען, איהר אין פּרצוף אריין נישט צו קוקען... נאָר קול באשה איז אויך געגוג. ער פּיהלט, ווי דער קול צוגעהט איהם אין אַלע אברים, ווי עס ווערט איהם הייס אין אַלע גלידער. צו די קאַזאַקלעך האָט זי געשריגען; צו איהם, — ממש זי זינגט. זי וועט איהם — זאָגט זי זינגענדיג — אַליין אויפבינדען, און יעדען אָרט, וואו דער שטריק האָט זיך צוגעריהרט, וועט זי אויסקושען... זי וועט איהם פיהרען צו זיך אין פּאַלאַץ אריין... אַ גן־עדן וועט ער האָבען...

און די קאַרעטע פאָהרט צוריק, און זי בינדט און בינדט איהם אויף די שטריק, און דאָרט, וואו זי ריהרט זיך צו צו זיין ליַיב, יאָגט איהם אריין פון די פינגער אַ מין שמעקענדיגע וואַרעמקייט.

איז ער דאָך אָבער פאַרט חיים־יונה־וויטעלס, שטאַרקט ער זיך, פאַלט ער צו איהרע פיס, הויבט זיך אָן צו בעטען... זייער לשון האָט ער געקאָנט... בעט ער זיך:

— פריצה, ליכטיגע פריצה... גרויסע, ליכטיגע פריצה, וואס ווילסט דו פון מיר?

— איך וויל דיין גוטס, — זאָגט זי — איך געפעל דיר דען נישט?

— פריצה, ליכטיגע פריצה... וואס טויג דיר אַ מיאוס'ער, קרעציגער איד (צייט ער לעבט האָט ער קיין שפּרינקעלע אויפ'ן ליַיב נישט געהאָט. נאָר ער וויל זיך פאַר'מאוס'ען). צי איז דיין ערגסטער קנעכט דער פאַסטוך, וואס פּאַשעט דיינע חזירים, נישט שענער און נישט שטאַרקער פאַר מיר?

און זי לאַכט:

— ניין! שענער און באשמעקטער פאַר דיר איז נישט דאָ! דיין אָטעם — זאָגט זי — ברענט מיך ווי אַ פייער... און זאָלסט נאָר די אויגען עפענען...

און ער בעט זיך ווייטער:

— גרויסע ליכטיגע פריצה, איך בין א איד... און אונזער הייליגע תורה אסר'ט אזוינע זאכען... לאז מיר נישט פארלירען די וועלט און יענע וועלט...

זאגט זי, זי וועט איהם געבען מעהר ווי שני עולמות...

בעט ער זיך ווייטער:

— איך בין א איד און האב א ווייב א אידענע, און זעקס קינדער בחורים האב איך... צי דארף אזא גנעדיגע, גרויסע, ליכטיגע פריצה צונעמען ביי אן ארעמער אידענע א מאן, און ביי זעקס אידישע בחורים א טאטען — דו, וואס האסט פאלאצען און משרתים...

און זי האלט זיך ביים איהריגען:

— קוק אויף מיר! — זאגט זי כמעט מיט א געבעט...

און פאהרען פאהרט מען אלץ צוריק, און די פריצה גיט איינמיטען א באפעל:

— גאלאפ דורכ'ן שטעטעל!

פארשטעהט ער, אז מען קומט צו צו זיין שטעדטעל, אז די פריצה האט מורא, ער זאל נישט אראפשפרינגען... וועט ער טאקע — שטארקט ער זיך — מיט גאט'ס הילף אראפשפרינגען — עפענט די אויגען, צו זעהן, ווען אראפצושפרינגען...

— און דאמאלט — פארברעכט ער די הענט — האב איך זי נאר אמאל געזעהן... איהרע אויגען האבען מיך דורכגעברענט...

— און פונדעסטוועגען — שפרינגט ער אויף מיט א פלוצליבער גבורה — פונדעסטוועגען האב איך דעם יצר־הרע גובר געווען... איך בין נ י ש ט קיין נואף — און דער קול ווערט איהם אלץ שטארקער און שטארקער — אינמיטען מארק בין איך אראפגעשפרונגען... א נס איז מיר געשעהן, די פערד האבען זיך פאר עפעס דערשראקען און א כאפ געטאן אן א זייט... אניט וואלט איך ארונטער אונטער די רעדער... און דאס האב איך געוואלט, דאס איז געווען מיין מיין...

און ער שטעלט זיך אויף, און די אויגען פלאמען איהם, און ער הויבט אויף די רעכטע האנט, ווי צו א שבועה, און וויל ווייטער

עפּעס זאָגען, מן הסתם שווערען. נאָר באותו הרגע דערהערט זיך דעם „אַלטענס" קול:

— אָבער ווייטער. וואָס איז ווייטער געשעהן?

בשעת ווען חיים־יונה־וויטעלס האָט זיך מתודה געווען און דער עולם איז געשטאַנען אַרום איהם, איז אַריינגעקומען דער „אַלטער", און קיינער האָט נישט געהערט. מענשען, וואָס ער איז געשטאַנען הינטער זיי, האָבען דערנאָך געזאָגט, אַז טיילמאָל האָבען זיי געפּיהלט, ווי עפּעס ברענט זיי אין די פּלייצעס. זיי האָבען אָבער קיין צייט נישט געהאַט זיך אומצוקוקען. אַז מען האָט דערהערט דעם „אַלטענס" קול, האָט זיך תוך כדי דבור דאָס ראָד פאַר איהם געשפּאָלטען, און ער איז נעהנטער צוגעגאַנגען צו חיים־יונה־וויטעלס.

— דערצעהל, דערצעהל ווייטער! — הייסט דער „אַלטער".

— ווייטער? וואָס ווייטער? — וואונדערט און שרעקט זיך חיים־יונה־וויטעלס. — ווייטער? די קאַרעטע מיט דער פּריצה. אפשר איז עס אַ מכשפה, אפשר אַ רוח געווען, איז אַוועק... די מאַרק־מענשען זענען געבליבען ווי פאַרשטיינערט. אַנדערע האָבען אָנגעהויבען צו מיר צוצולויפען, איך אָבער בין געשווינד אַהיים געלאָפען, און די טיר פאַרשלאָסען, און פון אינעווייניג די לאָדען פאַרלאַכט, איך האָב קיינעם נישט געוואָלט זעהן... קיינעם נישט... די קינדער זענען אין דערהיים נישט געווען... נאָר טריינע־ביילע... אַז זי האָט מיך דערזעהן, האָט זי אַ ווילדען געשריי געטאָן... איך הייס איהר שווייגען...

— שווייג, שווייג... אַ גרויס נס... גאָר אַ גרויס...

— וואָס, וואָס? — פרעגט זי מיך...

— געה, זאָג איהר!

קומט זי צו מיר צו, און עס כאַפּט מיך אַרום אַ שמחה, אַ וואַרעמקייט, כאַפּ איך אַרום מיין טריינע־ביילע, און הויב אָן מיט איהר צו טאַנצען, און צו טאַנצען, און צו זינגען... רעדען קאָן איך נישט... על הנסים זינג איך... מיינט זי, איך בין משוגע, וויל זי ווייטער שרייען, האַלט איך איהר צו דאָס מויל...

— און וואס ווייטער? — פרעגט דער „אלטער" שוין מיט גוטען...

— רבי, הייליגער רבי! וואס ווייטער? איך זעה דאך, איהר ווייסט אלץ... איך האב געוואלט ארויסטרייבען דעם גאנצען יצר־הרע, גאר איינגאנצען... האב איך זי מחבק ומנשק געווען... ס'איז דאך מיין ווייב, מיין כשר ווייב... און די לאדען...

און דער „אלטער" האקט איהם איבער און רופט זיך אן:

— יא, חיים־יונה־וויטעלס... אבער בשעת מעשה האסטו די אויגען פארמאכט, און דאמאלט האסטו י ע נ ע געזעהן, י ע־נ ע... און א רגע כמימרא האסט דו זיך צו יענער מתכוין געווען... א רגע כמימרא... ניין?

חיים־יונה־וויטעלס איז פאר שרעק און צער שיעור נישט נאך אמאל אומגעפאלען.

— רבי, — מאכט ער — עס איז אמת... אמת... א רגע, נאר א רגע...

און דער „אלטער" הויבט אן שמייכלען...

— האסטו, הייסט עס, געזינדיגט א רגע מיט דער מחשבה... מיין בעל־תפלה האט א רגע געזינדיגט מיט דער מחשבה. וואס? און מחשבה איז נפש... און ווער דען זינדיגט, אז נישט דאס נפש? דער ג ו ף אפשר זינדיגט? דער עפר ואפר אפשר? וואס?

און חיים־יונה וויטעלס פאלט אנידער, און פאלט צו מיט די ליפען צום „אלטענס" פאנטאפעל:

— רבי! — שרייט ער צו איהם ארויף: — האט איהר שוין פאר מיר קיין תשובה נישט?

און דער „אלטער" בויגט זיך צו איהם אראפ, און הייסט איהם זיך אויפהויבען און זאגט איהם:

— נארעלע? ביסט נאך ווייניג אפגעקומען?... דאס האב איך דאך געמיינט!

— און אצינד — שלום עליכם! — און ער דערלאנגט איהם „שלום".

— און שכר הליכה — זאגט ער — וועסט דו אויך האבען. כאטש דו ביסט געקומען צופאהרען... דאס איז שוין מיין זאך!

ווי אזוי חיים יונה האט דאס מאל געדאווענט, קאנט איהר אייך משער זיין. אין די עולמות העליונים האט געקלונגען...

זיבען גוטע יאָהר.

דאָס איז א געשיכטע, וואָס איז געשעהן אין טורבין.

אין טורבין איז געווען אמאָל א טרעגער. האָט ער געהייסען טוביה און איז געווען א גרויסער אָרעמאַן. איינמאָל, דאָנערשטאָג, שטעהט ער אַזוי אין מאַרק, מיט די פּאָלעס פאַרשאַרצט אונטער'ן שטריק אויף די לענדען, און קוקט אויס, פון וואַנען עס וועט קומען זיין הילף, ער זאָל פאַרדינען עפּעס אויף שבת. און דאָ שטעהען די געוועלבען אַרום און אַרום לעדיג. אין יוצא ואין בא, מען זעהט נישט, עס זאָל עמיצער קומען סחורה קויפען. עס זאָל זיין וואָס אָפּצוטראָגען. הויבט ער, נעבעך, אויף די אויגען צום הימעל מיט א געבעט, ער זאָל, חלילה, קיין פאַרשטערטען שבת נישט האָבען, און זיין ווייב סערעל מיט די קינדער זאָלען, חס ושלום, נישט הונגערען אום שבת.

ווי ער איז אזוי מתפלל, דערפיהלט ער, אז עמיץ גיט איהם א ציה פאַר דער פּאָלע. קוקט ער זיך אום, זעהט ער פאַר זיך א דייטשעל, אַנגעטאַן ווי א שיסער אין וואַלד, מיט א פעדער אויפ'ן קאַפּעלושעל און א גרינעם אויפלאַג אויפ'ן שפּענצער. און דאָס דייטשעל זאָגט צו איהם אויף ריין דייטש, וואָס מיר זעצען איבער אויף עברי־טייטש, מיט די ווערטער:

— הער, טוביה, דיר איז באַשערט געוואָרען זיבען גוטע יאָהר, זיבען יאָהר פון מזל און הצלחה, און אוצרות געלט. ווענדט זיך עס אָבער אָן דיר, ווען דו ווילסט האָבען די גוטע יאָהר. ווילסטו, — וועט דיר אויפשיינען דיין מזל נאָך דעם היינטיגען טאָג, און איידער עס וועט אונטערגעהן די זון, וואָס שטעהט דיר איבער'ן קאָפּ, וועסטו קאָנען אָפּקויפען גאַנץ טורבין מיט דער סביבה. אָבער נאָך זיבען יאָהר וועסטו צוריק ווערען אָן אָרעמאַן, ווי דו ביסט געווען. און ווילסטו, — וועט די גוטע, געבענשטע צייט קומען ערשט צום

סוף פון דיינע יאהרען, און דו וועסט אוועקגעהן פון דער וועלט דער גרעסטער גביר.

געוועזען איז עס, ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען, אליהו הנביא, וואס האט זיך, ווי זיין שטייגער איז, אין א דייטשעל פאר־שטעלט. טוביה אבער האט געמיינט, אז עס איז, להבדיל אלף אלפי הבדלות, א פראסטער כשוף־מאכער, ענטפערט ער איהם:

— מיין ליעב דייטשעל, לאז דו מיך געמאך, ווארים איך בין, נישט פאר דיר גערעדט, א גרויסער עני ואביון, איך האב אויף שבת נישט, און איך האב דיר נישט מיט וואס צו באצאהלען פאר דיינע עצות מיט דיין טרחה.

אז דאס דייטשעל אבער האט איהם נישט אפגעלאזט און אי־בערגע׳חזר׳ט איהם די ווערטער איין מאל, צוויי מאל און דריי מאל, איז עס טוביה׳ן שוין אריין אין קאפ, ענטפערט ער איהם:

— וויסטו וואס, ליעב דייטשעל, אויב דו מיינסט עס ערנסט מיט מיר און ביסט נישט קיין לועג לרש, און דו פרעגסט מיך באמת, מוז איך דיר זאגען, אז איך בין מיך נוהג, ביי יעדער זאך, וואס קומט מיר פאר, זיך אן עצה צו האלטען מיט מיין ווייב סערעל און אהן איהר קאן איך דיר קיין קלארע תשובה נישט געבען.

זאגט איהם דאס דייטשעל, אז עס איז זעהר א גוטע זאך, זיך אן עצה צו האלטען מיט דער פרוי, און ראט איהם, ער זאל זי געהן פרעגען, און ער, דאס דייטשעל הייסט עס, וועט דא שטעהן און ווארטען אויף א תשובה.

טוביה קוקט זיך נאך אמאל אום אין אלע זייטען, קיין פאר־דינסט זעהט ער נישט, טראכט ער זיך, וואס ער קאן דא אנווערען, ער וועט אהיים געהן פרעגען. לאזט ער אראפ די פאלעס און געהט ארויס אונטער דער שטאדט, וואו ער האט געוואוינט, כמעט שוין אויפ׳ן פעלד, אין א ליימען שטיבעל, איבערשמועסען זיך מיט סערעל זיין ווייב.

ווי סערעל האט איהם דערזעהן דורך די אפענע טיר (עס איז זומער געווען), איז זי איהם ארויסגעלאפען אקעגען מיט גרויס שמחה, זי האט געמיינט, אז ער ברענגט איהר אז התחלה אויף שבת, זאגט ער איהר אבער:

— ניין, סערעל, זיין ליעבער נאמען האט מיר נאך קיין פאר־

דינסט נישט באַשערט, דערפאַר אָבער איז צו מיר געקומען אַ דייטשעל...

און ער דערצעהלט איהר אַזוי און אַזוי, באשר בכן, דאָס דייטשעל זאָגט, אַז עס זענען איהם באַשערט זיבען גוטע יאָהר, און עס ווענדט זיך אָן איהם, ווען די גוטע יאָהר זאָלען קומען, אַצינד אָדער פאַר דער פטירה, פרעגט ער ביי איהר אַן עצה: ווען?

טראַכט סערעל נישט לאַנג און ענטפערט איהם:

— געה, מיין ליעבער מאַן, און זאָג דעם דייטשעל, אַז דו ווילסט די זיבען גוטע יאָהר אויף דער רגע!

— פאַרוואָס, סערעל? — פרעגט טוביה פאַרוואונדערט, — נאָך זיבען יאָהר. וועלען מיר דאָך ווערען צוריק אָרעמע לייט, און דעם יורד איז דאָך ערגער, ווי אַ פּראָסטען אָרעמאַן?

— פאַרזאָרג נישט, מיין ליעבער גוטער פריינד, די וועלט. דערוייל נעם, וואָס מען גיט דיר און זאָג: ברוך ה׳ יום יום! בפרט, אַז מען דאַרף חדר־געלט פאַר די קינדער. מען האָט זיי מיר אַהיים געשיקט, אָט זעה, ווי זיי שפּילען זיך אין זאַמד.

דאָס איז גענוג געווען. טוביה זאָל צוריק לויפען צום דייטשעל מיט אַ קלאָרער תשובה, אַז ער וויל די זיבען גוטע יאָהר תוך כדי דבור.

זאָגט איהם דאָס דייטשעל:

— רעכען נאָר איבער, טוביה, היינט ביסט דו אַ מענש מיט כח און קאַנסט פאַרדינען, אַמאָל מעהר, אַמאָל ווייניגער... וואָס וועט אָבער זיין שפּעטער, אַז דו וועסט עלטער ווערען און וועסט זיין אַ יורד, און אַזוי פיעל כח צו דער אַרבייט וועסט דו אויך נישט האָבען.

ענטפערט טוביה:

— הער, דייטשעל, מיין ווייב סערעל וויל באַלד. ערשטענס, זאָגט זי, ברוך ה׳ יום יום און הייסט אויף שפּעטער נישט זאָרגען. און צווייטענס, האָט מען אונז די קינדער פון חדר אַהיים געשיקט...

— אויב אַזוי, — זאָגט איהם דאָס דייטשעל, — געה אַהיים. און איידער דו וועסט קומען אין שטוב אַריין, וועסט דו זיין אַן עושר!

וויל ער איהם פאַרט איבערפרעגען וועגען נאָך די זיבען יאָהר, איז איהם אָבער דערווייל דאָס דייטשעל פאַרשוואונדען געוואָרען.

געהט ער, טוביה, אהיים. געוואוינט, האבען מיר שוין געזאגט, האט טוביה אונטער דער שטאדט, כמעט אויפ'ן פרייען פעלד. קומט ער צו, צו דער שטוב, זעהט ער. ווי די קינדער שפּילען זיך הינטער דער שטוב אין זאמד. געהט ער צו, דערזעהט ער, אז זיי שארען ארויס פון א גריבעל נישט קיין זאמד, נאר ריין גאלד, טאקע זהב טהור... פארשטעהט זיך, אז מעהר האט מען נישט געדארפט, עס האָ־בען זיך שוין אנגעהויבען די זיבען יאהר, די זיבען מזל'דיגע יאהר...

די צייט לויפט אבער פייל פון בויגען און זיבען יאהר געהען אריבער געשווינד. קומט נאך די זיבען יאהר דאס דייטשעל צו טוביה'ן, איהם אנצוזאגען, אז די זיבען יאהר זענען אריבער און אז היינט פאר נאכט וועט נעלם ווערען דאס גאלד אין דער ערד, דאס גאלד אין שטוב און אפילו דאס גאלד, וואס זיי האבען געקאנט באהאלטען ביי לייטען...

טרעפט ער טוביה'ן, ווי ער שטעהט אינמיטען מארק, ווי פאר זיבען יאהר, מיט די זעלבע פארשארצטע פאלעס אונטער די לענ־דען און קוקט אוים אויף א פארדינסט. זאגט ער איהם: הער, טוביה, די זיבען יאהר זענען אריבער!

ענטפערט איהם טוביה: געה, זאג מיין ווייב סערעל, ווייל דאס עשירות איבער די גאנצע זיבען יאהר איז געווען ביי איהר אין דער האנט.

געהען זיי ביידע ארוים אונטער דער שטאט און קומען צום זעלבען ליימענעם הייזעל אויפ'ן פעלד און טרעפען סערלען פאר דער טיר. און זי איז אויך ארעם געקליידט ווי אמאל, נאר איהר פּנים שמייכעלט.

זאגט איהר דאס דייטשעל מיט די זעלבע ווערטער, אז די זיבען גוטע יאהר זענען אוועק.

ענטפערט זי איהם, אז זיי האבען קיין גוטע יאהר נאך נישט אנגעהויבען צו האבען, אז זיי האבען קיינמאל ניט געהאלטען דאס גאלד פאר זייער אייגענס, ווייל, וואס א מענש פארדינט מיט זיינע צעהן פינגער, דאס איז זיינס, און אזוי עשירות, וואס קומט אהן שוויים און אומגעזוכט, איז נאר א פקדון, וואס זיין ליעבער נאמען

לאָזט איבער ביי מענשען אין די הענט פאַר אָרעמע לייטס ווע־גען... זי האָט נאָר פון געלד אויף שכר למוד גענומען. דאָס איז גאָטס תורה, מעג מען פאַר זיין תורה מיט זיין געלד צאָהלען. מעהר נישט! און אויב זיין ליעבער נאָמען האָט פון היינט אָן אַ בעסערן בעל־פקדון פאַר זיין געלד, מהיכא תיתא, זאָל ער צונעמען און אי־בערגעבען אַן אַנדערען!

אליהו הנביא האָט עס אויסגעהערט און איז געלם געוואָרען. ער האָט עס איבערגעגעבען דעם בית־דין של מעלה, און דער בית־דין של מעלה האָט גע'פסק'עט, אַז עס איז קיין בעסערער בעל־פקדון נישט פאַראַן, און די זיבען יאָהר האָבען זיך נישט אויס־געלאָזט כל־זמן טוביה און זיין ווייב סערעל האָבען געלעבט.

די תאוה צו קליידער.

אין שעברשין, אונטער זאמאשץ, איז אמאל געווען א אשה. האט זי געהייסען באשע גיטעל; איז זי געווען פון זעהר א שעהנער משפחה, אן אמת'ע בת־טובים און א חסיד'ס א ווייב. און דער חסיד, מיט'ן נאמען אלימלך, פלעגט זעלטען זיין אין דערהיים. ווייל ערשטענס איז ער א לייפסקער סוחר געווען, און, דאמאלטדיגע צייטען, איז א נסיעה קיין לייפסק געווען מעהר, ווי היינט א נסיעה מעבר לים, קיין אמעריקא, און צווייטענס פלעגט ער, כאטש איין מאל אין יאהר, פאהרען צום לובלינער צדיק. פאלט איין דעם בעל־דבר צו באנוצען זיך מיט דער צייט, שאין האיש בביתו, וואס דער מאן איז נישט דא אין דערהיים, אנצורעדען באשע גיטלען צו אן עברה.

ווייסט ער אבער, אז צו קיין ג ר א ב ע ר עברה צורעדען וועט ער זי נ י ש ט. ווייל באשע גיטעל איז באמת געווען א כשר'ע נשמה און א גרויסע בקיאה אין די ספרים הקדושים אויף עברי־טייטש, און, אחוץ דעם, איז זי זעהר און זעהר געווארענט געווען אין די מצוות, אין וועלכע אן אשה ד א ר ף זיין געווארענט; איז ער זיך מישב און וויל איהר כאטש אריינברענגען א תאוה צו מלבושים מיט צירונג. ווארים דער חסיד אלימלך איז געווען א גרויסער עושר און פלעגט איהר געבען ביד רחבה ומלאה אויף הויז־פיהרונג.

אויך קומט ער, דער בעל דבר, צו איהר ניט פראסט. ער ווייסט, זי וועט איהם פשוט אויסלאכען, חוכא וטלולא מאכען; ווייסט זי דען נישט, אז מלביש זיין און אויסצירען דארף מען די הייליגע נשמה, נישט דעם זינדיגען גוף, וואס איז פארט נישט מעהר, ווי קיי גון שפיי; היינט רויט, מארגען טויט... געהט ער, דער בעל־דבר, און פארשטעלט זיך פאר'ן יצר־טוב, און נעמט זי איין מיט גוטע, פרומע און זיסע ריידעלעך. ער מיינט טאקע לשם מצוה, לשם

שמים... און לעגט, ווי זיין שטייגער איז, די שמד'קייט אין דער יראה אריין.

— אט געהט, — זאגט ער — א הייליגער יום־טוב, פסח, זכר ליציאת מצרים, און זיין ליעבער נאמען האט דיך געבענשט מיט אלעם גוטען, איז, באשע גיטעל, א יושר, זאלסט לכבוד דעם הייליגען יום־טוב, באנייען א מלבוש! עס איז, אי א יושר, אי א מצוה: דער שניידער וועט פארדינען אויף פסח, און דו וועסט מקיים זיין ושמחת בחגך! וואס, ניין?

וויל באשע גיטעל האבען א ישוב. דערמאנט ער זי, אז די בני ישראל, איידער זיי זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, האבען זיי זיך געבארגט טייערע כלים, מלבושים און צירונג. צו וואס? רוימט ער איהר איין: טאקע לכבוד יום־טוב! לעגט זיך עס איהר אויף דער דעה, באקט זי אביסעל ווייניגער מצות, גרייט זי אן א קלענערען כיבוד, גיט אביסעל ווייניגער מעות־חטים און מאכט זיך א ניי בגד מיט א זילבערנעם שלאק. שבועות — זאגט ער איהר — איז נאך א גרעסערער יום־טוב, מתן תורה! קויפט זי זיך נייע פערעל. עס געהט צו סוכות, לאזט זי זיך איבערמאכען דאס שטערענטיכעל, איבערנעהען דאס ברוסט־טיכעל און קויפט צו א פאר בריליאנטלעך צו די אוירינגלעך... דערנאך זאגט ער איהר, אז זי איז נישט יוצא קענען שבת־קודש, ווייל שבת־קודש איז גרעסער פאר'ן גרעסטען יום־טוב,—פאלגט זי, און באמיהט זיך אויף יעדען שבת־קודש אויך עפעס צו באנייען, כאטש א קלייניגקייט — א זיידען טיכעל אויפ'ן קאפ, א פישו! ראש־השנה און הושענא־רבה. — ווי קויפט מען עס נישט קיין נייע ווייסע אדער העל־בלויע בענדער? און פורים איז אויך א יום־טוב, חנוכה אודאי; א שפאס, א נס, וואס עס איז געשעהן! דערנאך קומט חמשה עשר בשבט, ל"ג בעומר... כאטש אין גלות, קיין ימים טובים פעהלען נישט!

היינט, אז דער מאן דארף אהיים קומען, איז דאך אודאי א מצוה, זיך אויספוצען אין עסיג און אין האניג, — א אשה כשרה, א אידישע טאכטער ברויכט נושא־חן צו זיין ביים מאן אין די אויגען... און בנוגע צו צירונג, האט ער, דער יצר הרע, באזונדערע טענות: באשע גיטעל פלעגט אמאל האבען א שווער טראגען, זאל זי זיך קויפען א שנירעל רובינדלעך; דאס איז דאך, כידוע, א

גרויסע סגולה אויף א לייכט טראגען. אויך — עטליכע אסמיראַד־לעך, דאס, ווייסט דו דאך, איז א פראביר־שטיין פאר דער נשמה: ווארים, ווער עס טראגט אזא שטיין און איז, חס ושלום, מזנה, פלאצט ער, דער שטיין; און האט מען נאר א שלעכטע מחשבה, פארטונקעלט ער זיך, כידוע... וועט זי נכשל ווערען אין א שלעכטע מחשבה, וועט זי וויסען תיכף ומיד תשובה צו טון! היינט איז דאך איהר מאן אלימלך גאנצע חדשים אונטערוועגס, און עס קומט איהר אוים צו מאכען חשבונות מיט סוחרים, פארוואס זאל זי נישט האבען אויף זיך עטליכע סאפירלעך, וואס העלפען צו חכמה? באשע גיטעל איז טאקע א חכמה אזוי אויך, אבער וואס מעהר איז אודאי געזינטער! און אזוי אנדערע שטיינער מיט אנדערע סגולות. און דער עיקר דער שטיין פירט, וואס זי דארף טראגען, ווען דער מאן איז אין דער היים, ווייל דער אבן טוב גיט חן אין די אויגען, און מען ווערט זעהר געליעבט, אז מען טראגט איהם...

מיט איין ווארט, ער האט זי ארויסגעפיהרט אויף א וועג — זאל גאט שומר ומציל זיין! זי האט, וואס גאט גיט א טאג, אלץ מעהר געזונקען און געזונקען אין דער תאוה. און אז דער בעל־דבר האט געזעהן, אז ער איז זי שוין בייגעקומען, אז זי איז שוין אין דער בחינה פון א גוטגעשליידערטען שטיין, וואס לויפט שוין אליין בארג אפ מיט'ן כח פון ערשטען שטויס, נעמט ער און שטעלט זיך שוין אוועק אן א זייט, און זי טוט זיך שוין אליין איהרס. און איז מקמץ אין צדקה, קארגט זיך און די קינדערלעך דעם ביסען אין מויל אריין; די אינגלעך גיט זי איבער צו ערגערע מלמדים. אבי עס זאל ביליגער קאסטען, און לעגט דעם גאנצען „האב און גאב" אין מלבושים און תכשיטין אריין!

איז איהר נאך ווייניג, נעמט זי און שאפט־אפ די דיענסט, וואס זי האט געהאלטען, און שלאגט איהר אריין אין חשבון אלע שא־דענס, וואס זענען געווען אין שטוב, יא שולדיג, נ י ש ט שולדיג, און נעמט צו, מכלומר'שט פאר רחמנות, אן ארעמע יונגע יתומה, אן אויסגעהונגערט קינד, איהרס א נאהענטע קרובה אפילו, און זאגט איהר, אז קיין שכירות וועט זי איהר נישט צאהלען; נאר דער־פאר, אז עס וועט קומען די צייט, און עס וועט זיך טרעפען איהר זווג, וועט זי איהר געבען נדן און מתנות, און פון זיך אראפ עטליכע קליידער, און וועט זי אליין פיהרען צו דער חופה און אקעגען טאנ־

צען מיט א קוויטש... און נעמט דערוויילי דאָס שכירות פון דער יתומה און גיט אויס אויף איהר תאוה...

דער מאן איהרער, דער חסיד אלימלך, האָט, פארשטעהט זיך, פון דעם אַלעם נישט געוואוסט, און אזוי איז אריבערגעגאנגען א יאהר נאָך א יאהר, ביז באשע גיטעל איז קראַנק געווארען און האָט נישט געקאָנט ריהרען מיט א פוס.

זעהן זעהט אויס, אז עס איז מן השמים געווען, אז מען האָט זי געוואָלט ראטעווען, און דעריבער טאקע האָט קיין שום רופא אויף דער וועלט זיך אויף דער קרענק נישט פארשטאַנען. ווארים אזוי אין כלליות איז זי אויפ'ן גאנצען לייב געזונט און פריש געווען; באחד האדם, געשלאָפען, געגעסען, אלץ, אלץ! און אפילו אויף די פיס האָט זי קיין וואונד, קיין פלעק, אפילו קיין שפרענקעלע נישט געהאַט, נאָר ריהרען זיך האָבען זיי זיך נישט געוואָלט, בשום אופן נישט!

ראַכט זיך, עס איז די בעסטע צייט, אויסגעהיילט צו ווערען פון דער תאוה? אז א אידענע קומט נישט, נישט אין גאס אריין, נישט אין שול אריין, ליגט אין דערהיים נאַכאַנאַנד,—וואס טויג איהר קליידער און צירונג? פאַר די פיער ווענט?

איז אָבער די תאוה אין איהר אזוי שוין איינגעווארצעלט געווען, אז זי ריכט זיך אלץ אין איינעם, היינט־מאָרגען אויפצו־שטעהן פון בעט און מאכט זיך אלץ נייע און נייע קליידער, און קויפט אלץ, וואס מען ברענגט איהר אין שטוב אריין, און דער־ווייל הייסט זי זיך א פּאָר מאָל אין וואָך אויסלעגען די קליידער מיט דער צירונג אויף שטולען און בענק פאַר'ן בעט, און זי ליגט אזוי און קוקט, און שעפּט נחת דערפון... וואס קלערט איהר. די אָרעמע יתומה האָט געאַרבייט דערבייי עבודת פרך...

איינמאָל, מען לעגט איהר אויס די קליידער, דערזעהט זי פּלוצלונג, אז איהרע שענסטע מלבושים, די סאַמעטענע און זייי־דענע, זענען אויסגעפלעקט, אויסגעשמירט פון אַלערליי מאכלים און משקאות, און אויף טייל ערטער — נאָך פארטשעפּעט און צו־ריסען. מאַכט זי א געוואַלד, אז עס קומען זיך שכנים און שכנות צולויפען אויף איהר געשריי און מען זעהט די צרה און עס בלייבט במוסכם כלם, אז קיינער איז אין דעם נישט שולדיג, נאָר די יתומה, אז „דאָס שטילע וואסערל", מיט'ן יראת שמים פּנים'ל, וואס מען

חערט נישט איהר קול א גאנצען טאג, וואס קומט נישט, אויסער אז זי געהט אין שליחות, אין גאס אריין, — אז „דאס שטילע וואַ-סערל רייסט די ברעגעס“, און טוט זיך ביינאכט אז דער בעל-הבית׳טעס קליידער, און גנב׳עט זיך ארויס, און געהט אין די גוטע הייזער, וואו מען פרעסט און זויפט און מען טוט אלדאס בייז... א קשיא אויף היינטיגע צייטען! — ווארים דאמאלט פלעגט מען אויך זאגען „היינטיגע צייטען“, אפנים, אז די וועלט ווערט וואס אמאל ערגער! — נעמט מען די יתומה, וואס וויל זיך נישט מודה זיין, און מען זידעלט זי מיט אזוינע ווערטער, וואס מען דארף פאר׳ן מויל נישט ברענגען, בפרט שרייבען, און מען שלאגט זי און מען הרג׳עט זי. דערנאך פיהרט מען זי צום רב, און מען זאגט עדות אזוי און אזוי, אז קיינער נישט נאר זי; און והא ראיה — זי זעהט אזוי דאר און מאגער אויס, ביי אזא גוטס, ביי אזא גבירה, ביי א קרובה... על כן מוז זיין, אז זי שלאפט נישט גאנצע נעכט און טרינקט און זויפט און טוט כל העברות שבעולם... נעמט מען די יתומה און מען גאלט איהר אפ דעם קאפ, מען זאל זי מאוס מאַ-כען, עס זאל שוין קיינער אין איהר נישט נכשל ווערען און מען טרייבט זי ארויס פון שטאדט, מיט א געליופעריי און געפייפעריי, ווי דאמאלט דער שטייגער איז געווען.

אין דער צייט איז דער חסיד אין דערהיים נישט געווען. ער איז געזעסען אין לובלין ביים צדיק און האט נישט געוואלט אפטרע-טען בשום אופן, באשר בכן — ער מוז איהם געבען א רפואה שלמה פאר באשע-גיטעל זיין ווייב.

זאגט איהם דער צדיק: ווייסט דו וואס? פאהר אהיים און קום צוריק מיט דער פלונית׳טע. דער מיין פון די ווערטער איז גע-ווען אזוי: דער צדיק האט שוין א פאר מאל מתפלל געווען פאר דער אשה און עס האט נישט געהאלפען און דערצו איז דער לובלי-נער צדיק נישט געוואוינט געווען. ערגער נאך טיילמאלס האט ער געפיהלט, אז מען נעמט דארט די תפלה און מעןווארפט זי איהם צוריק אראפ אין קאפ אריין. האט ער פארשטאנען, אז עס מוז זיין א גרויסע מניעה, א שטארקער קטרוג ווענען א גרויסען חטא. א פאר מאל האט ער דארט געפרעגט: ווי הייסט? האט מען איהם

פשוט נישט געענטפערט! מוז שוין זיין גאר א טיפער עניז, א מאוס'ע זאך, וואס מען וויל נישט ברענגען איבער'ן מויל... און דער חסיד אלימלך ווייסט פון גאר נישט! און אזוי ווי דער לובלינער צדיק איז געווען א גרויסער בקי אין חכמת הפרצוף, האט ער זי געוואלט זעהן עין בעין... וועט ער שוין זעהן, וואס ביי דער אשה איז אויפגעשריבען אויפ'ן שטערן.

פאהרט אלימלך דער חסיד אהיים, און דינגט א גרויסע בויד, און בעט אוים די בויד, ווי א בעט: אונטען שטרוי, אויבען שטרוי — כרים וכסתות, און מען פאהרט מיט צוויי פאר פערד אין דער ברייט קיין לובלין.

אין איזשביצע, אין קראסנאסטאוו און נאך ערגעץ אין א שטעדטעל ווארטען גרייט פרישע פערד צום איבערשפאנען, ווייל מען קאן נישט נעכטיגען מיט דער חולנית אויפ'ן וועג, און מען וויל אנקומען קיין לובלין בכי טוב.

פאהרט מען. נאך דער לעצטער סטאנציע אבער פאלט פלוצלונג אראפ א שנייא, פארלירט מען דעם וועג, פארבלאנדזשעט מען אין א וואלד, נישט אוים און נישט איין, און עס פאלט צו די נאכט —כאטש נעם די אויגען אין די הענט און זוך א וועג: קיין לבנה, קיין שטערען... טראכט מען, מען וועט בלייבען שטעהן און אפווארטען ביז טאג, איז אבער די שרעק גרוים פאר גזלנים מיט חיות רעות, ווייל דאמאלט איז נאך געווען סאמע געדיכטער וואלד אין דער געגענד, בוימער עד לב השמים און צוזאמענגעפלאכטענע צווייגען, אז ביי טאג איז חשך געווען, האבען זיך טאקע געהאלטען דארט גזלנים און חיות רעות, און ביי נאכט איז גאר געווען סכנת נפשות.

ראפטום ווערען זיי דערפרעהט. פון דער ווייטענס האט זיך פלוצלונג באוויזען א פייערל און דאס פייערל וואקסט, און עס באווייזט זיך א צווייט און א דריט פייערל — א סימן, אז נישט ווייט מוז זיין א קרעטשמע. פאהרט מען צו דעם פייערל. מען פאהרט אזוי, דערהערט מען כלי־זמר שפילען, און אויך א גרוים געלעכטער; קומט מען נעהנטער — הערט מען א געטופעריי. מען זינגט, מען שפילט און מען טאנצט אין קרעטשמע! באלד האט זיך די קרעטשמע אליין אויך באוויזען — עס פלאקערען די שויבען. וואס קאן זיין די שמחה? מן הסתם זענען זיך פריצים צוזאמענ־

געקומען און מען הוליעט אויף'ן פריצישען אופן! עס איז אפילו א סכנה צוזאמענצוטרעפען זיך מיט אזוינע לייט בשעת חדותא. נאר אלץ בעסער, ווי מיט חיות אדער גזלנים אין וואלד! פאר־פאהרט מען פאר דער קרעטשמע, הערט מען שוין בעסער; עס איז נישט קיין פריצים, די בלי־זמרים שפילען אידישע זאכען, אלער־ליי שטיינערס... און א מארשאליק איז משמח דעם עולם מיט גראַ־מען און רופט אוים צו כלה־טאנץ!... וואס זאל איך אייך זאגען, דעם חסיד מיט דעם בעל־עגלה איז פינסטער געווארען פאר די אויגען, די מוטערס מילך איז אין זיי גערונען געווארען! זיי האָ־בען באלד פארשטאנען, אז דאס זענען יענע לייט, וואס פלעגען יענע צייטען, איידער מען האט אויסגעהאקט די וועלדער, שפילען חתונות אין פארוויסטע קרעטשמעס... זאגט אלימלך צו זיין ווייב באשע־גיטעל: הער, באשע־גיטעל, מיר זענען אריינגעפאלען אין מאום'ע הענט... נעדענק־זשע, למען השם, אז מען טאר זיי נישט ענטפערען, נישט אננעמען פון זיי קיין כבוד, אפילו נישט חס ושלום, פארזוכען, ווייל מען ווערט באלד נזוק. באשע־גיטעל ליגט נישט טויט, נישט לעבעדיג און שאקעלט מיט'ן קאפ, אז זי ווייסט... און געוואוסט האט זי טאקע, פון די ספרים הקדושים אין עברי־טייטש.

דערווייל שיטען זיך ארויס פון קרעטשמע די מחותנים מיט די מחותנת'טעס, מיט'ן בדחן, מיט די בלי־זמרים, מיט ברענענדיגע שטורקאצען און רינגלען ארום די בויד, און הויבען אויף דעם דעק, און הייסען זיך זאגען „מזל טוב", און פארבעטען אין קרעטשמע אריין אויף דער חתונה... מחותנים בעטען, מחותנת'טעס, און חתן־כלה קומען אויך צו און בעטען מיט שעהנע רעד, מען זאל זיי נישט פארשעמען, און דער בדחן זאגט גראמען און גלייך־ווערטלעך, און די מוזיק שפילט צו, אז עס הילכט אין גאנצען וואלד, און משרתים און סארווערס טראגען ארום אויף זילבערנע טעצלעך אין קרים־טאלענע און גאלדענע כוסות אלערליי משקה און אלערליי לעקעך און טארטען, און מען שטופט זיי צום מויל צו: נאט, נעמט, מאכט ברכה, זייט אייך משמח!

און זיי ענטפערען נישט א ווארט.

פלוצלונג אבער גיט באשע־גיטעל א קוק, דערזעהט זי, אז די נשים פון דער חבריא, די כלה, די מחותנת'טעס און אזוי נשים־געסט, טראגען איהרע בעסטע סאמעטענע און זיידענע קליידער,

און פארגיסען זיי מיט משקה, פארשמוצען מיט אלערליי עסענ־ווארג, און פארטשעפען אן וואגען... באפאלט זי א גרייליך הארץ־ווערטאג, און קאן זיך ניט איינהאלטען און גיט א געשריי:

— רוצחים, גזלנים, מיין פראצע, מיינע קליידער!

מעהר האט מען נישט געדארפט; מען האט זי קוים דערפיהרט קיין לובלין. אויפ׳ן גאנצען וועג האט זי גע׳חלש׳ט און גע׳חלש׳ט און גע׳חלש׳ט, און דאס מויל רחמנא לצלן, האט זיך איהר אויס־געקרימט... נוטה למות איז זי געווארען...

מען האט זי קוים א לעבעדיגע ארייגעפיהרט צום רבי׳ן, און ער האט באלד פארשטאנען די זאך, און האט געזאגט דעם עולם, מען זאל זיך ארפנעמען א מוסר, ווארים א אידישע טאכטער, אויב זי מאכט זיך נייע מלבושים, דארף זי די אלטע צוטיילען ארעמע לייט, בפרט טאר מען זיך נישט מאכען קיין קליידער. וואס מען קאן נישט טראגען, ווארים, אז עס הענגען אין אלמער קליידער, וואס מען נוצט נישט, קומען ביי־נאכט יענע לייט און נעמען זיי ארויס און טוען זיך אן די קליידער און טאנצען אין זיי אויף זייערע שמחות און חתונות...

ווי באשע גיטעל האט דאס דערהערט, האט זי מצדיק געווען אויף זיך דעם דין, און אנגענומען פאר ליעב דעם טויט, און האט נאר געבעטען, ער זאל אויף איהר מכפר זיין! און דאס האט איהר דער צדיק צוגעזאגט!

נאהנט פאר דער פטירה, האט זי צוגערופען איהר מאן, דעם חסיד אלימלך, און האט איהם דערצעהלט די מעשה מיט דער יתומה, און גענומען ביי איהם א האנט תקיעת־כף, אז ער וועט זי אויפזוכען, און נעמען זי פאר א מאמע צו זיינע קינדער, כדי מען זאל איהר מוחל זיין דעם חטא געגען איהר — — —

און דער חסיד אלימלך האט געטאן איהר בקשה, און באלד נאך שבעה אויפגעזוכט די יתומה און האט מיט איהר חתונה גע־האט, און איז געווען א מאמע צו זיינע קינדער, די יתומים, און זיי האבען נאך זוכה געהאט צו האבען נייע קינדער, און האבען זיי מגדל געווען לתורה, לחופה ולמעשים טובים.

אויף אלע אידען געזאגט!

אראפּגעלאָזטע אויגען.

1.

נאָר. נאָר פאַרצייטען, האָט עטליכע מייל אונטער פּראַג, געוואוינט אין אַ דאָרף, איינער אַ איד, אַ געוויסער יחיאל־מיכל, וואָס האָט געהאַלטען די קרעטשמע אין דאָרף.

און דער פּריץ איז נישט געווען קיין פּראָסטער פּריץ, נאָר אַ שם־דבר — אַ גראַף, האָט טאַקע יחיאל־מיכל געהאַט פּרנסה בשפע. ווי מען זאָגט: מיט אַ שמיץ; און איז געוואָרען אַ גאַנצער „יש“ — אַ בעל־צדקה, אַ מכנים־אורח. און ימים־נוראים, אַז ער פלעגט אריינפאָהרען קיין פּראַג, לאָזט ער זיך קאָסטען אין שטאָדט. און קיין עם־הארץ איז יחיאל־מיכל אויך נישט געוועזען, ווערט ער אַ שטיקעל איינגעהער ביים רב און ראש־ישיבה, קויפט ער ביי איהם אתרוגים, מצה־שמורה וכדומה... בעט ער ביי איהם בנים זכרים אויך. זעהט אָבער דער ראש־ישיבה ברוח־הקודש, אַז דעם איד איז נישט באַשערט קיין נחת פון קינדער, און בנים זכרים, פון וועלכע מען האָט קיין נחת נישט, איז טאַקע „טוב להם שלא נבראו“, — זאָלען זיי בעסער אויף דער וועלט נישט קומען. זאָגט ער איהם פּשט־פּשוט אָפּ. פאַלט יחיאל־מיכל אריין אין עצבות, טרייסט ער איהם און זאָגט איהם: „דערפאַר, יחיאל־מיכל, אַז גאָט וועט דיר העלפען, און וועסט אָנקלייבען נדן כדבעי, און וועסט קומען צו מיר און בעטען, וועל איך דיר אויסקלייבען אַן איידעמעל, אַז דו וועסט קיין חרטה נישט האָבען!“

נו, פאָהרט ער אהיים אביסעל געטרייסט. צוויי מיידלעך האָט ער, מאַכט ער זיך אַ קניפּעל אויף נדן, פריהער פאַר דער עלטערער, דערנאָך פאַר דער אינגערער. מילא — איידעמס בני־תורה איז אויך נישט קיין שפּאַס.

יאַמעלט ער, און גאַט העלפט. און אז ער קומט צו די ערשטע חמש מאות טאַלער, זאָגט ער צו דבשה׳ן זיין ווייב:

— עס איז געקומען די צייט, חתונה צו מאַכען אונזער עלטערע טאָכטער נחמה.

זאָגט דבשה, אז עס איז זעהר גלייך. און מען רעכענט: דריי מאות נדוניא און שתי מאות אויף הלבשה און מתנות פאַר חתן־כלה, חתונה־הוצאות, רח״ש וכדומה... און א בעודה פאַר אָרעמע לייט וועט מען מאַכען — פראַג זאָל געדענקען!

נישט אַזוי אָבער געשווינד טוט זיך, ווי עס רעדט זיך, עס מאַכען זיך, ווי דער שטייגער איז, מניעות. דער פריץ שיקט אַהין, שיקט אַהער; דערווייל מאַכען זיך שנייען און פאַרשיטען די וועגען; זומער־צייט פאַלען רעגענס; קומט גאָר אַ חגא, קאָן מען די קרעטשמע נישט פאַרלאַזען... מיט איין וואָרט: נישט אַזוי געשווינד מאַכט זיך עס, און דערווייל, ווי דער שטייגער איז: אַ מענש דענקט און גאָט לענקט...

2.

נחמה, דעם אָרענדאַרס עלטערע טאָכטער, איז אפילו זעהר ווערט צו באַקומען אַ חתן פון פראַגער ישיבה: אַ מיידעל — אַ גאָלד, אַ גוטע נשמה, אַ שטילע. די גוטקייט קוקט איהר פון די שטילע אויגען אַרויס, און זי לאָזט זיך מדריך זיין, טאַקע: וואָס דער טאַטע הייסט, וואָס די מאַמע הייסט און אַלע גוטע פרומע לייט, וואָס שטעלען זיך אָפּ אין קרעטשמע הייסען... זי נעמט חלה מיט כונה, בענשט שוין שבת־ליכט, זאָגט שוין עברי־טייטש ווי אַ וואַסער, מיט איין וואָרט: זי איז ווערט די חופה־שטאַנגען...

זי איז ווערט, וועהרענד ביי דער אינגערער טאָכטער שניידט זיך אַביסעל אין דער קרים. קיין שלעכטס, חס ושלום, נישט; נאָר אַזוי: עפּעס אַ משונה׳דיגע בריאה, אַ פאַרטראַכטע, אַ פאַר־חלום׳טע, אַלץ פאַלט איהר פון די הענט... טיילמאָל לאָזט זי אַראָפּ די ברעמען און געהט אַרום מיט אַ בלאַס פנים ווי אַ קרייד, ווי אויף׳ן עולם הדמיון; רופט מען זי — גלייך מען וואָלט זי פון יענער וועלט אַראָפּגערופען, ציטערט זי און פאַלט ממש פון די פיס...

און אמאל גיט זי א קוק אויף א מענטשן מיט אזוינע אויגן, מיט אזוינע שטארקע און שטעכנדיגע אויגן, אז עס ווערט פשוט נישט היימליך!

און א התחלה פון מדות מגונות אויך: עס איז זי נישט אפ־צורייסן פון קרעטשמע. בפרט ביי נאכט, ווען מען שפילט און טאנצט. גאנצע נעכט וואלט זי געזעסן און די אויגן זיך אויסגע־קוקט, ווי די יונגע פויערן שטיפן מיט די שיקסעס, טאנצן א ראד, א שווינדעלדיג ראד, און זינגען אריין זייערע געזאנגען, אז די קרעטשמע הילכט און ציטערט...

און נעמט זי אריין איבער געוואלד אין אלקער, און מען לעגט זי שלאפן מיט נחמה'לען אין בעט, ליגט זי מכלומר'שט מיט פאר־מאכטע אויגן, ביז יענע שלאפט איין. קוים שלאפט יענע איין, שפרינגט זי אראפ פון בעט, זומער און ווינטער, בארוועסערהייט, און קוקט אריין דורכ'ן לאך פון שליסעל, דורך א שפארע אין טיר, צי אין פרייסישען ווענטעל. טרעפט זי די מוטער, און רייסט זי אפ, ברענט איהר דאס לייב ווי אין א פיבער און די אויגן שפרי־צען מיט פונקען, אז דבשה דערשרעקט זיך און לויפט צוריק אריין צו יחיאל־מיכלען און דערצעהלט איהם.

— מען זאל קאנען פריהער חתונה מאכען די אינגערע! — זיפצט יחיאל־מיכל.

— מען דארף עמיצען פרעגען! — ענטפערט דבשה.

דערווייל מאכען זיך ווייטער מניעות, ביז עס טרעפט זיך אזא מעשה:

3.

דער פריץ פון דארף, דער גראף, הייסט עס, האט געהאט א זוהן א בן־יחיד, האט ער איהם אויפגעצויגען אין פאריז, ווי דא־מאלט דער שטייגער איז געווען ביי גרויסע פריצים. קומט ער צו־פאהרען איין מאל אין יאהר אויף א קורצע צייט, אויף וואקאציע. זעהט מען איהם אויך נישט: א יונגער פריץ, רייט ער ארום טעג און נעכט אין די וועלדער אויף געיעג. די פעלעכלעך פון די האזען און אנדערע חיות קריגט יחיאל־מיכל פון קיך ארוים בחצי חנם.

מאכט זיך איינמאל אבער א גרויסע היץ — פייער איז גע־פלויגען אין לופטען; רייט ער דורך איבער'ן וועג ביי דער קרעטש־מע, פאלט איהם איין; שפרינגט ער אראפ פון מילך־ווייסען פערד, בינדט עס צו צו דער צוים, און שפרינגט אריין אין קרעטשמע, און הייסט זיך געבען א גלאז מעד.

דערלאנגט איהם יחיאל־מיכל מיט ציטערדיגע הענט א גלאז מעד. נעמט דער יונגער פריץ צום מויל און גיט א זופ, און פאר־קרימט זיך; ביי זיין פאטער אין קעלער איז פאראן, אפנים, בע־סערער מעד, גאט ווייסט ווי אלט ער איז. ער וואלט אפשר דער־לאנגט מיט'ן גלאז יחיאל־מיכל'ען אין קאפ אריין, דערזעהט ער אבער מלכה'לען, ווי זי זיצט אזוי אין עק קרעטשמע מיט פארשטארטע אויגען און א ווייס פנים'ל. שטעלט ער אוועק געלאסען דאס גלאז, ווארפט אויפ'ן שענק־טיש א הארטען טאלער, און גיט א פרעג:

— משה (ביי גרויסע פריצים הייסען אלע אידען משה), דאס איז דיין טאכטער?!

ווערט יחיאל־מיכל'ען א לאד אין הארץ, שטאמעלט ער, נע־בעך: „יא, יא, מיין טאכטער". און דער יונגער פריץ קוקט און קוקט, און רייסט פון מיידעל קיין אויג נישט אפ. און צומארגענס קומט ער ווייטער טרינקען מעד... און אזוי אויפ'ן דריטען, און פיערטען טאג... נעמט מען דאס מיידעל און מען באהאלט פון איהם, בייזערט ער זיך, ער זאגט נישט פארוואס, נאר ער דרעהט די שוואר־צע וואנסעלעד און בליצט מיט די אויגען. גיט ער אמאל א זאג: אז יחיאל־מיכל צאהלט וועניג פאר די קרעטשמע... אז פראגער אי־דען ביטען גרויסע הוספות... און דאס איז אמת געווען, נאר דער אלטער פריץ האט זיי קיינמאל נישט געלאזט איבער דער שוועל; א גרויסע זאך: א איד זיצט, זאל ער האבען פרנסה... ווערט יחיאל־מיכל'ען נישט היימליך. בפרט, אז מלכה'לע געהט נאך מעהר ארום אויפ'ן עולם הדמיון, רעכענט ער טאקע, צו פאהרען זיך מתיעץ זיין קיין פראג. מאכען זיך אבער ווייטער מניעות, און דער יונגער פריץ קומט אלץ יעדען טאג און איינמאל גיט ער פון דער העלער הויט א זאג:

— משה, פארקויף מיר דיין טאכטער!

טרייסעלט זיך יחיאל־מיכל'ען די ווייסע באָרד, און עס ווערט איהם חשך אין די גרויע אויגען.

לאַכט ער, דער פּריץ:

— זי הייסט ע ס ט ע ר ק ע ? — פרעגט ער.

— ניין, מלכה הייסט זי...

— זאָל זיך דיר דאַכטען, — זאָגט ער, — אַז זי הייסט אסתר, און דו — מרדכי, און איך — אחשורוש... וואָס ? מיין נישט, איך וועל איהר אַרויפזעצען אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ ! נאָר דו קריגסט די קרעטשמע אומזיסט און אויף אייביג, פאַר קינדער און קינדס־קינדער !

און ער גיט איהם אַ צייט, אויף ישוב...

4.

זעהט יחיאל־מיכל, אַז עס איז שלעכט, שפּאַנט ער פאַרטאָג איין פערד־און־בודקע, כאַפּט זיך אַראָפּ קיין פּראַג, פאַרפאָהרט גלייך צום רב און ראש־ישיבה. טרעפט ער איהם ביי דער גמרא. נעמט ער „שלום־עליכם“ און גיט תוך כדי דבור אַ פרעג:

— רבי, צי מעג מען חתונה מאַכען אַ אינגערע פאַר אַן עלטערע ?

לעגט דער ראש־ישיבה די עלענבויגען אויף דער גמרא און ענטפערט איהם:

— ניין, יחיאל־מיכל, לא יעשה כן במקומנו... נישט קיין אידישע זאַך. און דערמאָנט איהם די מעשה מיט יעקב ולבן.

— איך וויים — זאָגט יחיאל־מיכל — אָבער אַז מען מוז ?

— דהיינו ?

נעמט יחיאל מיכל און גיסט אויס פאַר'ן פּראַגער צדיק זיין ביטער הארץ, דערצעהלט איהם אַלץ כהויה. פאַרטראַכט זיך דער פּראַגער צדיק און זאָגט:

— מילא, בשעת הדחק שאני !

דערצעהלט יחיאל־מיכל דעם צדיק „את כבוד עשרו“. ווענען די ה' מאות טאַלער, און דערמאָנט איהם זיין צוזאָג וועגען אויסקלייבען אַ חתן פון דער ישיבה.

פארטראכט זיך דער פראגער צדיק, שפארט אן אויף א ווײלע דעם קאָפּ אויף די עלענבויגען איבער דער גמרא און הויבט אויף דעם קאָפּ און זאָגט איהם:

— ניין, יחיאל־מיכל, דאָס קאָן איך נישט.

— פארוואָס, רבי, — פרעגט יחיאל־מיכל פארציטערט: — האָט דען מײן מלכה'לע, חס ושלום, א זינד אויף דער נשמה? א יונג קינד, א יונג ביימעלע, ווי מען בויגט עס...

— חס ושלום! — ענטפערט דער ראש־ישיבה — איך זאָג נישט, אז זי האָט, חס ושלום, געזינדיגט, דאָס האָב איך בכונה נישט געהאָט... נאָר עס פאַסט נישט. הער, יחיאל־מיכל, דײן טאָכ־טער האָט נישט ג ע ז י נ ד י ג ט, אבער, אבער אנגעריהרט, פארשטעהסט דו, אביסעל אנגעריהרט איז זי דאָך... און דער עיקר — זאָגט ווייטער דער ראש־ישיבה — מײן איך ד י י ן טובה דערמיט. וואָרים השגחה ד א ר ף דײן טאָכטער, השגחה פון א מאַן, און טאַקע פון א מאַן — א מענש, א סוחר... חוץ דעם — השגחה פון שווער און שוויגער... פון שטוב־לייט... ווי עס איז, מען דאַרף איהר ארויסשלאָגען פון קאָפּ... זי דאַרף דעריבער אריינ־קומען אין א הויז... אין א הויז מיט אסך אויערען און אויגען... מיט'ן יצר־הרע, אז ער כאַפּט זיך אריין, מוז מען שטאַרק מלחמה האַלטען... עס איז א מין ביטערער כריין, מען זייהט איהם נאָר איין מאָל, און וואַקסען וואַקסט ער אייביג... דו רייסט, און ער וואַקסט!... וואָס, ניין?

יחיאל־מיכל מוז, נעבעך, צושאַקלען מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.

— און אצינד, — זאָגט ווייטער דער צדיק, — הגע בעצמך, לעג צו קאָפּ, יחיאל־מיכל. למשל, איך וויל זיין א גוטער, און האַל־טען וואָרט, — עס איז דאָך נאַריש, צוגעזאָגט האָב איך דיר, — און איך וויל זיין אן עומד בדוברי און טון דײן רצון; און נעם, און גיב דיר פאַר אן איידעם א בחור פון דער ישיבה. הייסט עס: אן אָרעם־בחור, א פארלאָזט אינגעל... נו, וועט גוט זיין?

וואָס איז דאָס אינגעל? א בן־תורה... ער וועט זיצען און לערנען... מעהר ווייסט ער נישט און וויל נישט וויסען, און ער טאָר נישט וויסען...

און וואו וועט וואוינען דאָס פּאָר־פאָלק?

צו דיר אין דארף אריין אויף קעסט וועסטו דו דאך דאס פאר־פאלק נישט נעמען?

— אודאי נישט, כל זמן דער יונגער פריץ איז דא!

— און ווער ווייסט, ווי לאנג ער וועט זיין?! א קשיא אויף א פריץ! ז י י, אז עס פאלט עפעס אין די אויגען אריין! ער האט אנדערע זארג? פרנסה פעהלט איהם?... הכלל, צו זיך אויף קעסט נישט. לאזט דו זיי איבער אין פראג. דינגסט א דירה און לאזט זיי איבער, און שיקסט אויף פרנסה. נו, וואס טוט דאס פאר־פאלק? ער, דער יונגערמאן, זיצט ימים ולילות אין בית־המדרש, על התורה ועל העבודה — און זי? דאס יונגע ווייבעל, וואס טוט? וואס פאר א הוריות טראכט זי? אויף וועלכען עולם הדמיון געהט זי ארום?

— גערעכט, רבי — איז יחיאל־מיכל מודה מיט א הייזעריג קול. — וואס דען טוט מען?

— וואס עס לאזט זיך! — ענטפערט דער ראש־ישיבה. — און איך וועל דיר העלפען. איך אליין וועל שיקען נאך א שדכן און זאגען איהם, וואו אהין ער זאל געהן... עס זאל זיין א הויז מיט מענשען, מיט א שטאט, מיט אביסעל עולם־הזה, נאר בהיתר, נישט באסור... וועסט זעהן, מיט זיין ליעבען נאמענס הילף!

— דערפאר, יחיאל־מיכל, — טרייסט ער איהם, — אז דו וועסט קומען צו מיר וועגען דער צווייטער טאכטער, און גאט וועט דיר העלפען און וועסט האבען א קניפעל — קריגסט דו, זאג איך דיר, א הדר, מיט גאלד אפצוזאוועגען...

דערווייל מאך חתונה...

5.

וכך הוה.

אויפ'ן ראש־ישיבה'ס באראט, און בסוד סודות האט מען מיט מלכה'ן א בעל־בת'ישען שדוך געמאכט. און מלכה האט ביז דער לעצטער רגע נישט געוואוסט, נאר וואס עס קומען שניידער און מעסטען איהר אן קליידער, און פאר וואס מען וועקט זי אויף פארטאג און מען פיהרט זי אוועק קיין פראג...

און אז זי האט שוין פארשטאנען, וואס דאס באטייט, האט זי אויך קיין ווארט נישט גערעדט. די יונגע נשמה האט זיך ביי איהר ווי אפגעשלאפען.

וואס עס האט זיך ביי איהר אין הארץ געטאן, האט קיינער נישט געוואוסט; אבער פון אויבען־אויף, האט זיך געדאכט — אויף אלע בנות ציון געזאגט! טאקע מיט אלע מעלות... אביסעל צו בלאס, עפעס שטענדיג די אויגען אראפגעלאזט — מאלע וואס? פריהער האט עס געהייסען כלה־חן. דערנאך: אזוי האט זי שוין זיין ליעבער נאמען באשאפען, און סיי ווי סיי — א יפה פיה! א פארנעמעניש! און אדרבא! זי געהט אהן דער שוויגער נישט קיין טריט, זי ביט זיך אפילו קיינמאל גאר נישט אויס... וואס מען גיט איהר, עסט זי; וואס און ווען מען דערלאנגט איהר, טרינקט זי; און וואס פאר א קלייד מען וויל, טוט זי אן. ציכטיג, שטיל און שעהן. און שבת, אז זי טוט אן דאס שווארץ־אטלעסענע קלייד מיט דער גאלדענער שפאנגע, נעמט אויפ'ן אלבאסטער־ווייסען האלז די פערל, און עס באמבלען זיך איהר ביי די אויערען די בריליאנטענע אויררינגלעך, בלייבען ווייבער שטעהן אין די גאסען. און גאפען, און מען זאגט: א פרינצעסין... און זי — גלייך מען מיינט נישט זי, געהט זיך ווייטער שטיל און ציכטיג, צווישען שוויגער און שוועגערינס אין דער ווייבערשער שול אריין. שטעלט זיך נעבען דער שוויגער ביי דער קראטע און לאזט אראפ די זיידענע ברעמען, און עפענט מיט'ן ווייסען הענטעל די זילבערנע קלאמרעס פון סדור מיט'ן גאלדענעם שניט, און די ליפלעך הויבען אן צו ציטערען, צו ציטערען...

און א גאנצע וואך? יעדען פארנאכט?

— וואוהין ווילסטו היינט געהן שפאצירען, מלכה?

זי זאגט נישט וואוהין; וואו מען געהט, געהט זי... און אז מען געווזט פארביי פאר פענסטער מיט צירונג, שטעלען זיך אלע אפ און קוקען, מלכה נישט. זי שטעלט זיך אפ, וויל זיי שטעלען זיך אפ. אבער קוקען, קוקט זי אין דער לופט אריין...

זאגט מען: וואס דאתה זי צירונג, זי אליין איז צירונג!

בפרט, אז דער יונגערמאן פיהלט אהן איהר די נשמה נישט. ער היט זי, ווי אן אויג אין קאפ, ווי דאס שווארץ־אפעל אין אויג...

און אַזוי אַלץ...

פון אויבען אַפּגעטאַקט, אַפּגעשניצט און רייז, ווי שעהנער קריסטאַל... אָבער אינעווענינ?

אינעווענינ איז געלעגען די קרעטשמע מיט׳ן געזאַנג און טאַנץ און געשפּילעריי... אין האַרץ האַט צווישען איהר און דער וועלט אַרומגעשוועבט דער פּאָרטרעט פון יונגען פּריץ... קוים פאַרמאַכט זי די אויגען, צי אין שול ביי דער קראַטע, צי מוצאי שבת צו „גאָט פון אברהם", צי ביי שבת־ליכט בענשען, צושפּילט זיך אין איהר דער כח־הדם, טאַנצט זי, רחמנא־לצלן, מיט׳ן פּריץ, און מיט׳ן ראָד אין קרעטשמע נאָך שניט... אָדער זי רייט מיט איהם צוזאַמען, און טרייבט, אויפ׳ן ווייסען פערד ווי אַ מילד, איבער וואַלד און טאָל... און בפרט, אַז עס גענעהנט זיך צו איהר דער מאַן, אין דער רגע שליסט זי די אויגען צו און האַלזט, און קושט — וועמען? דעם יונגען פּריץ האַלזט זי און קושט...

בעט זיך ביי איהר דער יונגערמאַן — איהרע שעהנע אויגען האָט ער ליעב געהאָט — בעט ער זיך: לעבען מיינס, עפען דיינע שעהנע אויגען, דיינע טויערע פון גן־עדן אויף! — בשום אופן נישט! וויל ער אַמאָל (אַ יונגערמאַן!) אויספּיהרען. וויל ער זיך מכלומר׳שט אַפּרוקען, האַלט זי איהם מיט די אָרעמס, ווי מיט צוואַנגען... דערשרעקט ער זיך פלוצלונג און וויל זיך אויסרייסען. בעט זי זיך מיט אַ פּאַר׳חלש׳ט קול:

— פּריץ מיינער, אַדלער מיינער!...

מיינט ער — אַזוי ליעב האָט זי איהם, אַז ער איז איהר פּריץ, איהר אַדלער... „דאַרף־לשון" — טראַכט ער, און זאָל זי נ י ש ט עפענען די אויגען, אַז זי ש ע מ ט ז י ך!

6.

און אַזוי האָט מלכה אָפּגעלעבט אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר. קיין קינדער האָט זי נישט געהאַט און געלעבט האָט זי — נישט מיט׳ן מאַן...

צו וואָס איז דאָס געגליכען?

צו אַן עפּעל, וואָס הענגט, דאַכט זיך, געזונט און פריש אויף

א גרינגער צווייג, אויף א גאָלדענעם עפּעל־בוים, און די הויט פון אויבען איז גערויטעלט, ווי דער מזרח איידער די זון באווייזט זיך, און א פרישער הויך, ווי פון גן־עדן, ליגט אויף איהם: אזוי שמעקענדיג, אזוי פארנעמיש, אבער אין אמת׳ן אריין איז געזונט און פריש נאר די הויט, די שאָל פון אויבען, אינעווייניג אבער האט שוין אלץ דער ווארים אויסגעגעסען...

אבער פונקט להיפך האט זיך אויסגעשניטען דער מזל פון יחיאל־מיכל׳ס עלטערער טאָכטער — נחמה. ביי יחיאל־מיכל׳ען אליין האט זיך אלץ איבערגעקערט, און, ווי עס טרעפט זיך, דוקא מיט דער פוטער אראָפּ...

אפּגעשפּילט און אפּגעטאנצט אין פּראג, איז יחיאל־מיכל אהיים געפאָהרען פון פּראג אינגאנצען מיט עטליכע מטבעות אין קעשענע, און ווי ער קומט צו צו דער גרענעץ פון דאָרף, דערזעהט ער, ווי זיין גאנץ כלי־בית מיט די בעטען, מיט די טישען און בענק פון קרעטשמע ליגען אויפ׳ן פרייען פעלד און א פויער פון פריץ׳ס הויף שטעהט דערביי ווי א שומר.

און דער שומר לאָזט איהם שוין נישט אריינפאָהרען אין דאָרף אריין... עס ווייזט זיך ארויס, אז בשעת ווען ער האט געטאנצט אויף דער אינגערער טאָכטערס חתונה, האט איהם דערווייל עמיץ אויסגעדינגען די קרעטשמע, א גרויסע הוספה געגעבען, און דער יונגער פריץ האט איבערגעדייבערט דעם אלטען פריץ, ער זאָל נעמען די הוספה... און דער איד זיצט שוין אין קרעטשמע!

הויבט אן דאס ווייב מיט דער טאָכטער צו וויינען, צו חלש׳ען. בעט זיך יחיאל־מיכל ביים שומר, ער זאָל איהם כאָטש אריינלאָזען א ווארט רעדען מיט׳ן אלטען פריץ, נעמט דער שומר אראָפּ די ביקס, וואס האט איהם געהאנגען אויף די פּלייצעס, און זאָגט: ער וועט שיסען! ער וועט מוזען שיסען, זאָגט ער.

א היימישער פויער געווען, טרערען אין די אויגען האט ער געהאט; נאר אז דער פריץ האט געהייסען, וואָלט ער אודאי געשאָסען! זעהט יחיאל־מיכל, אז עס איז פארפאלען, און צוריק אריינפאָהרען קיין פּראג האט ער ניט מיט וואס, נאך דער חתונה איז איהם קוים עטליכע רענדלעך געבליבען; און מיט זיין ארעמקייט

דער אויסגעגעבענער טאכטער די אויגען פארשווארצען, ווייל ער אויך נישט — נעמט ער דאס ווייב און נחמה'ן, די טאכטער, און פאָהרט מיט זיי אריבער צו אן אנדער פריץ אין א דארף אריין, נאך ווייטער פון פראג, און בעט ביים פריץ רשות, און עפענט זיך א געוועלבעל מיט זאלץ, בעקער־ברויט און אנדערע קליינע סחורות, אין דארף, און לאזט איבער דאס געוועלבעל אויפ'ן ווייב מיט דער טאכטערס באראט, ער אליין אבער לאזט זיך אויף דער וועלט, צו פראצעסירען מיט יענעם פריץ, ווייל דער קאנטראקט איז נאך נישט געווען אויסגעגאנגען, און אויך צו האבען דין־תורה'ס מיט'ן אידען, וואס האט איהם משיג־גבול געווען... נאר עס געהט נישט אזוי גע־שווינד, ווי עס רעדט זיך, בפרט מיט לעדיגע הענט. געדרייערט א פאר יאהר; פארשפּילט ער דעם פראצעס מיט'ן פריץ און זיצט אפּ א צייט אין תפיסה פאר די הוצאות פון פראצעס; דעם דין־תורה געגען משיג־גבול, געווינט ער סוף כל סוף. נאר דער משיג־גבול וויל בשום אופן וצד דעם פסק נישט האלטען; און דער פראגער צדיק, וואס האט כח געהאט צו נויטען, איז דערווייל נסתלק גע־ווארען, און פראג זוכט און זוכט א רב, און קאן דערווייל ניט צו־קלייבען זיך, און לית דין ולית דיין. קומט ער, יחיאל־מיכל, אהיים נאך א פאר יאהר, אן אויסגעמאטערטער, אן אויסגעהונגערטער און לעגט זיך קראנק אין בעט אריין, און ליגט אפּ א פאר וואכען און שטארבט; לעבט איהם דאס ווייב זיינס לאנג נישט איבער, און נחמה ווערט א יתומה, איינע אליין אין דארף, ווי א שטיין, און לייזען לייזט מען נישט... עס איז נישטא פאר וואס צו לייזען... און די יונגע פויערען, זייט זי איז אליין געבליבען, לאזען זי נישט רוהען, טרייבען קאטאוועסלעך, בייזערען זיך, פאר וואס זי לאזט זיך נישט אנריהרען, די אידישע קבצנ'טע...

שרייבט זי איין בריף און א צווייטען צו דער שוועסטער קיין פראג, לעבט אבער די שוועסטער אין פראג, ווי מיר ווייסען, אין א עולם התוהו און לייענט ניט קיין בריף... באקומט די פארלאזטע יתומה קיין תשובה נישט; הויבט זי זיך אויף ביינאכט און פאר־מאכט דאס לעדיגע קרעמעל און גנב'עט זיך פון דארף ארויס צו־פוס; זי לאזט זיך געהן אויף גאטס באראט, אז זי וועט טרעפען צו דער שוועסטער קיין פראג, א שוועסטער איז דאך קיין שטיין נישט...

7.

נעהמט זי אזוי מיט א שטיקעל ברויט אין דער האנט פון דארף ארויס, קומט זי צו צום וואלד, האט זי מורא פאר חיות רעות. געהט זי נישט טיף אין וואלד אריין, גראבעלט זי זיך ארויף אויפ'ן ערשטען בעסטען בוים, און וויל איבערוואַרטען, ביז עס וועט טאג ווערען. צווישען די צווייגען אויפ'ן בוים. ליגט זי אזוי א ווײלע; דערהערט זי, אין מיטען קריאת־שמע לייענען, ווי הינט בילען און לויפען. און דאס געלויפעריי און געבילעריי קימט אלע מאל נעהנטער; פארשטעהט זי, אז עס איז א געיעג פון פריצים אויף חיות אין וואלד. פארשטופט זי זיך נאך טיפער צווישען די צווייגען. און דאס געיעג קומט אלץ נעהנטער און נעהנטער, און א גאנצע מחנה הינט שפרינגט צו צום בוים, און הויבט אן שטארק צו בילען; און צוויי רייטער קומען געשווינד אן צורייטען, כדי צו זעהן, וואס די הינט בילען אזוי און לויפען אזוי ארום בוים. און די צוויי רייטער זענען צוויי יונגע פריצים געווען, און זיי האבען ארויפגעקלעטערט אויפ'ן בוים, און האבען זיך אראפגענומען איבער־געוואלד, און פייער געמאכט, און באטראכט, ווער דאס איז; האבען זיי געזעהן, אז עס איז א אידיש קינד, און זעהר א שעהן מיידעל, נאר אן אויסגעהונגערטס. זאגען זיי איהר, אז זיי וועלען איהר, חס ושלום, קיין שלעכטס נישט טון, וואָרים זי לייכט אין דער פינסטער ווי א מארגענשטערן... אז מען דארף זי נאר איבער־טון, וועט זי שיינען ווי א מלכה, און שמעקען ווי א רויז... ווערט איהר, פארשטעהט זיך, א לאך אין הארץ. דערווייל, הערט זי, צו־קריגען זיך די יונגע פריצים; יעדער וויל זי נעמען צו זיך, יעדער טענה'ט, אז זי איז זיין, אז דאס האט זי זיין הונט צום אלעם ערש־טען דערשפירט... בלייבט, זיי זאלען זיך שיסען, און ווער עס וועט לעבען בלייבען, דער זאל זי נעמען. שטעלען זיי זיך איינער קעגען צווייטען און ווילען שוין אנהויבען צו שיסען. האבען זיי איינמי־טען א ישוב, זיי וועלען בעסער ציהען קניפלעך. ציהען זיי קניפלעך. און איינער, וואס האט ארויסגעצויגען דאס קניפעל, האט זי ארויס־געצויגען צו זיך אויפ'ן פערד און איז מיט איהר גלאַט אוועקגע־ריטען צו זיך אין פאלאץ אריין... חלש'ט זי...

און אז זי האָט זיך צומאַרגענס אויפגעכאַפּט ביים פּריץ אין פּאַלאַץ — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

8.

און אז זי איז ביים פּריץ אין פּאַלאַץ צו זיך געקומען, און דער־זעהן, אז ער האַלט זי אויפ'ן שויס, און האָט דערפיהלט, אז ער קושט זי און האַלזט זי... האָט זי פאַרשטאַנען, אז עס איז פאַר־פאַלען, אז זי וועט זיך שוין נישט ראַטעווען, האָט זי זיך נאָר גע־בעטען:

— פּריץ־לעב, איך בין ביי דיר אין די הענט... און דו ביסט צו שטאַרק, איך זאָל מיך וועהרען געגען דיר, און איך האָב שוין נישט מיט וואָס זיך צו וועהרען... בעט איך ביי דיר נאָר איינס: האָב אויף מיר רחמנות, און זאָג מיר נאָר די איינציגע זאַך צו: האָסט מיר פאַרזינדיגט דעם גוף, פאַרפאַלען! פאַרזינדיג מיר כאָטש נישט די נשמה, לאָז מיך ביי מיין אמונה... און ביי מיינע מחשבות.. לאָז מיך טראַכטען און קלערען, וואָס איך וויל...

דער פּריץ האָט אפילו ניט רעכט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט דערמיט, נאָר באמת ליעב געקריגען האָט ער זי, האָט ער איהר צוגעזאָגט... געמיינט האָט ער: און וואָס שאַדט עס איהם? חתונה האָבען מיט איהר וועט ער סיי־ווי־סיי נישט; איינמאָל האָט ער איהר אפילו געקויפט ביי אַ אידען אין פּראַג אַ סדור, און האָט איהר געבראַכט אַ מתנה. זי האָט גענומען דעם סדור מיט פרייד, נאָר באַלד פון דער האַנט אַרויסגעלאָזט אויפ'ן טיש... „מיינע הענט — האָט זי געזאָגט — זענען נישט ווערט די ריינקייט צו טראָגען“...

וואונדערט זיך דער פּריץ און שווייגט.

און ביים פּריץ אין הויף האָט נחמה געפיהרט אַ לעבען, וואָס איז געווען גאָר דער היפּך פון לעבען, וואָס די שוועסטער האָט גע־פיהרט אין פּראַג... ביידע האָבען פאַרמאַכטע אויגען געהאַט, אַרומ־געגאַנגען פרעמד און פאַר'חלומ'ט. נאָר בשעת ווען מלכה האָט

געזינדיגט מיט דער נשמה אין א ריינעם גוף, האט נחמה, פאר־קערט: אפגעלאזט דעם גאנצען גוף און ריין געהאלטען די נשמה...

עס געהט צו איהר צו דער פריץ, — פארמאכט זי די אויגען און טראכט: „די מאמע קושט מיך“... עס האלזט זי און עס קושט זי די מוטער און לערענט זי ברכה זאגען, און „גאט פון אברהם“ זאגען...

ער וויל, זי זאל איהם ליעב האבען...

זי האט ליעב, שטארק ליעב — די מוטער! זי נעמט ארום די מוטער... „נאך אמאל, מאמעשי: תורה צוה לנו“... שעפטשעט זי... און מיט די זינדיגע ליפען רעדט זי אפילו די ווערטער נישט ארויס... אין דער נשמה ווימלען זיי ביי איהר, דארט לייכטען זיי טיף, טיף אינעווייניג...

9.

לעבען לעבט מען נישט אייביג, און ביידע שוועסטער איז קיין לעבען נישט באשערט געווען...

און אז די נשמות האבען זיך אפגעטיילט פון גוף, איז דער אינגערערס, מלכה'ס, נשמה, וואס איז געווען דורכגעפלעקט פון זינד, ארויס, ווי א שווארצע קראה, פון ווייסען גוף, און איז באלד ערגעץ פארפאלען געווארען אין כף הקלע... דער עלטערערס, נחמה'ס, ווייסע, קלארע נשמה אבער, קוים האט זי זיך באפרייט פון זינדי־גען גוף, האט זי זיך לייכט און שטיל ווי א טויב אויפגעהויבען אין דער הויך צום הויכען הימעל. פאר'ן טויער איז זי אפילו גע־בליבען שטעהן פארציטערט, נאר גאט'ס רחמנות האט זיך צו איהר באוויזען, און האט איהר געעפענט דעם טויער, און האט זי גע־טרייסט, און אויסגעווישט די טרערען פון די אויגען.

פון דעם אלעם אבער האבען מענשען אויף דער ערד נישט גע־וואוסט... די פראגער גבירה האט געהאט א גרויסע לויה. מען האט איהר אויך א גרויסען הספד געמאכט, עס האט א מטמון געקאסט! און מען האט זי אויבען־אן אויפ'ן בית־החיים, צווישען אלע צנועות, געלעגט, און צום יאהר האט מען איהר א גרויסע מצבה מיט אלער־ליי אויסגעקריצטע שבחים געשטעלט...

אבער אז דער פריץ האט דער עלטערערס גוף קיין פראג גע־שיקט, האט קיין חברה־מאן נישט געוואלט זיך צוריהרען צום זינ־דיגען גוף, האט מען צו דער טהרה פראסטע טרעגער געדונגען, און מען האט זי איינגעהילט אין אן אלטען זאק און אריינגעווארפען אין א גרוב ערגעץ אונטער'ן פלויט...

א מענש זעהט נאר פון אויבען...

10.

און אין א צייט ארום, אז מען האט צוגענומען א שטיק פון אלטען פראגער בית־עלמין צו דער שטאדט, בדייטער צו מאכען א גאס, און מען האט אויסגעגראבען די קברים, איבערצופיהרען די איבערגעבליבענע ביינער, האט א קברן געעפענט נחמה'ס קבר ביים פלויט, און נישט מעהר געפונען, ווי א שארבען, — פון לייב און דעם רעשט ביינער איז קיין שריד ופליט ניט געבליבען... און ווען ער האט נישט ווילענדיג מיט'ן פוס אוועקגעשטופט דעם שארבען, איז ער אפגעשפרונגען און איז ערגעץ פארוואלגערט געווארען... און איז שוין צו קבורה נישט געקומען.

דער קברן אבער, וואס האט געעפענט מלכה'ס קבר, האט זי געפונען איינגאנצען גאנץ און פריש, כמעט מיט א פרישען שמייכעל אויפ'ן ווייסען פנים...

— דאס הייסט א צדקת! — האבען מענשען געזאגט. — די ווערים האבען אויף איהר קיין שליטה נישט געהאט...

ווארים אזוי טראכטען און זאגען מענשען, וואס זעהען נאר מיט די אויגען פון אויבען־אויף, און ווייסען קיינמאל נישט, וואס אין הארץ טוט זיך, וואס ביי עמיצען אויף דער נשמה איז...

לא תחמוד.

זוי עס איז באקאנט, מוז יעדער איד מקיים זיין די גאנצע תורה. און וואס עס גערעכט איהם נישט מקיים צו זיין אין א י י ן גלגול, מוז ער מקיים זיין אין צ ו ו י י ט ע ן; און דאס, וואס ער איז פוגם אין א י י ן גלגול, מוז ער אין צ ו ו י י ט ע ן פאררעכטען. ווארים די נ ש מ ה צום כסא הכבוד מוז צוריק־קומען א גאנצע, אהן א פעהלער, און א ריינע, אהן א פלעק. און דעריבער ווערען די, וואס זענען מקיים די גאנצע תורה, נתעלה פאר דער צייט, און אהן צער פון יציאת־נשמה, אהן חבוט־הקבר. ג ר ו י ס ע צדיקים זענען יוצא מיט א י י ן גלגול, מיט צ ו ו י י גלגולים; א פראסטער בשר ודם קאן, נישט פאר אייך געדאכט, מגולגל ווערען מאה פעמים ואחת, און נישט איין בר־נש וועט מגולגל ווערען עד סוף כל הדורות, ביז „בלע המות לנצח". ווען די פארפלעקטע נשמה וועט געמשפט ווערען אין טאל יהושפט אדער יזרעאל...

נאר נישט אין דעם בין איך אצינד אויסען. איך וויל אייך דער־צעהלען, ווי מען קומט אמאל צו אן איבעריגען גלגול דורך א קליי־ניגקייט, דורך א נארנישט און, ווי דער שטייגער איז, אז מען פאלט, פאלט מען שוין טיפער און טיפער.

ויהי היום, און א גרויסער צדיק האט געדארפט משלים זיין זיינע גלגולים אויף דער וועלט. די נשמה האט שוין געזאלט ארויפפליהען צו איהר חיים, צום כסא הכבוד, פון וואנען זי איז אויסגעהאקט געווארען, — ריין ווי א ריינקייט, ווי א גאלד... און מען מאכט שוין אויבען א ווארע, און מען לויפט צו די טויערען פון הימעל, מקבל פנים זיין די ריינע נשמה, — ווערט אבער אין דער לעצטער רגע די שמחה געשטערט.

אין לעצטען גלגול איז דער צדיק געווען א „גם־זו", א מסתפק במועט; א איד, וואס האט נישט טועם טעם געווען פון עולם הזה. געזעסען אין תעניתים און געלערענט; און כל ימיו — א פרוש! איז דעריבער, נישט פאר אייך געדאכט, נישט פאר קיין שום איד גע־דאכט, זעהר א שווערע פטירה געווען. ווארים דער גוף האט בשום אופן נישט געוואלט ארויסלאזען פון זיך די נשמה און געהן אין פינסטערען קבר אריין. דער גוף האט גע'טענה'ט: איך האב דאך נאך גארנישט געלעבט! איך האב מיין חלק לעבען נישט געהאט! און יעדער אבר האט זיך געראנגעלט מיט'ן מלאך־המות. דאס הארץ האט געזאגט: איך האב נאך גארנישט געפיהלט! די אויגען: מיר האבען נאך גארנישט געזעהן! די הענט: וואס האבען מיר געהאט? די פיס: וואו זענען מיר געגאנגען? פון ד' אמות נישט ארויס! און אזוי אלע... און דער מלאך, וואס איז געשיקט גע־ווארען נאכ'ן צדיק'ס נשמה, האט זיך געמוזט ראנגלען מיט יעדען אבר, מיט יעדער אדער, מיט יעדען טראפען בלוט פון דעם פלייש; ווייל אלץ האט געהאלטען די נשמה ווי מיט צוואנגען, און ער האט זי געמוזט ארויסציהען, ווי אן איידעלע רויז פון צווישען שארפע דערנער... און דעריבער איז דער צער פון יציאת נשמה געווען אזוי גרויס, און די יסורים ביים אפשיידען די נשמה פון גוף אזוי שטארק, אז דער צדיק האט אין דער לעצטער רגע נישט אויסגע־האלטען און שוין נאך ודוי האט ער מיט'ן לעצטען אטעם א קרעכץ געטאן. און דער קרעכץ איז געווען פון קנאה; ער האט מקנא גע־ווען די, וואס האבען א לייכטע פטירה, עס האט זיך איהם פארגלוסט צי האבען א גרינגען טויט! און קיין צייט, תשובה צו טון אויף די פארגלוסטונג, איז שוין נישט געווען! און ווייל ער האט פוגם געווען אין „לא תחמוד", — ווארים א איד טאר זיך אפילו א גרינגען טויט נישט פארגלוסטען, — זענען זיך אויבען צוגאנגען די ווארעם און מען האט צוריק פארשלאסען די טויערען פון הי־מעל. און ער האט געמוזט נאך אמאל מגולגל ווערען, ער זאל קאָ־נען פארריכטען, וואס ער האט פוגם געווען אין „לא תחמוד".

איז אבער געווען אויף איהם א גרויס רחמנות אין די עולמות העליונים. טייל פון דער פמליא של מעלה האבען אפילו פאראיבעל

געהאַט אויף דעם מלאך־המות, וואָס ער האָט זיך נישט פאַרהאַלטען א רגע; דעם צדיק קיין צייט נישט געגעבען תשובה צו טון, בלייבט לכל הפחות, מען זאָל דעם צדיק גרינגער מאַכען דעם נסיון, מען זאָל איהם געבען אזא לעבען, אזא מזל־ברכה, ער זאָל נישט דאַרפען און נישט קאָנען קיינעם מקנא זיין; עס זאָל זיך איהם גאָרנישט האָבען וואָס צו פאַרגלוסטען. און א גרינגען טויט האָט מען איהם אויך צוגעזאָגט.

הערט עס דער בעל־דבר און שמייכעלט... נישט אזוי לייכט וועט ער איהם אַרויסלאָזען פון דער האַנט!

ווערט דער צדיק נאָך אמאָל מגולגל, און פון גלגול, איז אַרויס ר' זיינוועלע פּוריסאָווער! ווער איז ר' זיינוועלע פּוריסאָווער?

א איד — אויף אַלע אידען געזאָגט! א פּער! און וואָס פעהלט איהם? לערנען קאָן ער בעסער פאַר'ן רב; זינגען זינגט ער שע־נער פאַר'ן חזן, א בעל־קריאה איז ער אסך א בעסערער פאַר'ן ליט־ווישען מלמד. און אַן אשת־חיל א אידענע, און קינדער — געראָ־טענע, און א פרנסה א היימישע — האָט ער! און דערצו — דאָס שענסטע הויז אין שטאָדט; און פון הויז געהט אַרויס די שענס־טע נדבה, און איז הויז איז פאַראַן די שענסטע סוכה, אויסגע־האַנגען מיט אתרוגים און אַלערליי אַנדערע פירות פון ארץ־ישראל. און וועמעס איז דער שענסטער חדר אין דער טייערסטער זילבער־נער פּושקע? ר' זיינוועלעס! און ווער איז דער עהרליכסטער בורר און דער קליגסטער בעל־יועץ? ר' זיינוועלע! זאָל זיך איהם פאַרגלוסטען זיין גבאי? אַלע גבאים טוען אָהן זיין עצה קיין האַנט אין קאַלט וואַסער נישט אריין! אָהן זיין וואונק ריהרט זיך קיין שמש נישט!

זיצט זיך ר' זיינוועלע על התורה ועל העבודה. און די אויגען לייכטען ביי איהם אונטער'ן גרויסען שטערן, ווי ביי אַן אמת'ן, פאַרצייטישען חכם. און עפענט ער דאָס מויל, שיטען זיך פּערל! און א שעהנער מענש איז ער — א קייזער! א ווייסע געקרייזעלטע באָרד, א מאָרדערן שטריימעל מיט זילבערנע האָר, א סאַמעטענער קאַפּטען מיט סטראַקעס און זילבערנע האַקלען! מיט איין וואָרט — תורה וגדולה במקום אחד...

דאכט זיך, שוין זיכער דער לעצטער גלגול ? ! בא, עס וואלט אזוי געווען, ווען נישט דער בעל־דבר.

נעהט ער אמאל, דער בעל־דבר, און פארשטעלט זיך פאר אן אורח; אזוי א יונגערמאן פון ערגעץ, אפילו א הויקערל, גארנישט אנזעהעוודיג. קומט ער ווינטער ביינאכט צו מנחה ומעריב אין בית־המדרש אריין און זעצט זיך ביים אויווען. מן הסתם פארבעט איהם ר' זיינוועלע אויף וועטשערע. ער זוכט שטענדיג אורחים! געהט ער, דאס הויקערל, צו ר' זיינוועלען אויף וועטשערע. עסט מען. צווישען איין מאכל און דעם צווייטען רעדט מען, פארשטעהט זיך, תורה. א זוהן ר' זיינוועלעס, צי אן איידעם, הויבט אן, שלאגט זיך ערגעץ אן אן א שווערע סוגיא, ווענדען זיך אלע אויגען צו ר' זיינוועלען, ער וועט שוין אלץ צורעכט מאכען. ר' זיינוועלע שמייכעלט, איז דערוויל מכבד דעם אורח מיט'ן בענשען; דער אורח בענשט אפ, און ר' זיינוועלע הויבט אן זאגען, און זאגען זאגט ער אזוי קלאר, אזוי ריין, אז עס דאכט זיך, אז עס בעט זיך אוים א ווייטער, גלייכער און ברייטער שליטוועגס, א וויים. קלאר רחבות, און גלאט ווי דער טיש; שפאן א שליטען און פאהר! זיצען די זיהן מיט די איידימס מיט די נשמות אין די אויערען און זאפען איין דעם גאנצען נחת. און דאס הויקערל זיצט און קוקט מיט א בייז אויג פון א זייט, און שמייכעלט מיט די ליפעלעך. דערזעהט עס ר' זיינוועלע און פרעגט איהם: איהר זענט נישט מסכים? ענטפערט מיט א חוצפה דער הויקער: אבער גארנישט! פרעגט ר' זיינוועלע: פארוואס?

הויבט ער אן, דער הויקער, צו זאגען, פארוואס, און עס הויבט זיך אן א וכוח!

נעמט ער, דער הויקער, און גיט מיט אמאל א מיש דורך ש"ס ופוסקים, ווארפט מיט סברות, ווי מיט ברענענדיגע קוילען, ווי מיט שפיציגע שפיזען, און שיט מיט ראיות פון דא און פון דארט, ווי א האגעל, און ריידענדיג, וואקסט ער, דער הויקער, און די אויגען ביי איהם וואקסען, און דאס רשעות אין די אויגען וואקסט! און די ווערטער ווערען וואס אמאל ברענענדיגער, שפיציגער, און ער נעמט ארום ר' זיינוועלען, ווי מיט א צוים פון ברע־

נענדיגע דערנער, און ר׳ זיינוועלע פיהלט, אז עס ווערט איהם אלץ ענגער און ענגער; נישט ארויס, נישט אריין; נישט דעם אטעם צו כאפען... און די זיהן מיט די איידימס ווערען אויך אפהענגיג; עס קומט ר׳ זיינוועלען קיינער נישט צו הילף. און די צוים ארום איהם רוקט זיך אריין, אלץ נעהנטער און נעהנטער צום לייב. און ר׳ זיינוועלע הויבט אן פיהלען א מין חולשות־הדעת, א הארץ־וועהטאג, און עס ווערט איהם דער אטעם שווער. און ער הויבט זיך אויף, געהט ארויס פאר דער טיר, אביסעל דעם אטעם צו כאפען, צו באקומען אביסעל ישוב־הדעת; ווארים פיהלען פיהלט ער, אז גערעכט איז ער, ר׳ זיינוועלע; אז דער הויקער איז נאר עפעס א מין קונצען־מאכער; אז ער קלאפט נאר ווי מיט א האנעל, אז דער האנעל דארף צוגעהן, עס זאל ווערען פון איהם גארנישט — וואסער; ער מוז זיך נאך מישב זיין!

און, ווי געזאגט, א ווינטער־נאכט איז עס געווען. און אז ר׳ זיינוועלע איז ארויסגעקומען פאר דער טיר, איז געווען אויסגעבעט דער מארק מיט א פריש־געפאלענעם, פינקעלדיגען שניי, און אויבען אין הימעל האבען געפינקעלט מילי־מיליארען שטערענדלעך. און ר׳ זיינוועלע האט אפגעאטעמט פריי. און עס איז איהם פרייער און קלארער געווארען אין מח. און פלוצלונג דערזעהט ער בחוש, ממש מיט די אייגענע אויגען, ווי די צוים פון דערנער, מיט וועלכער דאס הויקערל האט איהם ארומגענומען, וואקעלט זיך און שאקעלט זיך ארום איהם אין מארק אויפ׳ן שניי; און ער קוקט זיך צו און דערזעהט, אז די צוים איז נישט קיין גאנצע צוים, אז זי איז איבערגעהאקט אין אסך ערטער, אז זי האט דא און דארט אפענע פארטקעס. און ווייטער דאכט זיך איהם, און ער זעהט בחוש, ווי עס שטעהען ביי די פארטקעס: דא א גאון, דארט א פוסק, דארט ווייטער א מפרש, וכדומה, און זיי ווינקען צו איהם נאר פריינדליך, זיי רופען איהם צו: זיינוועלע, ס׳איז א פאלשע צוים, א פאר־בלענדעניש, קום נאר אהער, איך וועל דיך דורכפיהרען, עס בעט זיך א וועג, א רחבות...

און ר׳ זיינוועלע שמייכעלט אין דער מחשבה צו דעם פארטקעלע און זעהט, אז אומעטום איז אפען, א רחבות, א וועלט, אז

אפענע! און ער דערמאנט זיך: ד ע ר גאון האט אזוי געזאגט. י ע נ ע ר פוסק האט דאס און דאס פארהיטען. הייסט — א בפירוש ארט אין פירוש רש"י, וכדומה. און ער האט משונה הנאה דערפון. און שפאצירט אזוי נאך אמאל דורך גאנץ ש"ם ופוסקים— אומעטום א פרייע וועלט... ער וועט איהם שוין ווייזען דעם אורח!... עס איז איהם אלץ אזוי קלאר, ווי דער קלארער שניי, אלץ אזוי בלאנק, ווי די בלאנקע שטערענדלעך אין הימעל! און ער פיהלט נישט, אז אזוי, ווי ער געהט ארום אין דער מחשבה אין די עולמות התורה, אזוי טראגען איהם די פיס אהין און צוריק איבער'ן מארק און אויסען מארק, אלץ ווייטער און ווייטער איבער'ן שניי, און ער איז שוין לאנג פון מארק, פון שטאדט ארויס, מען זעהט שוין קיין צייכען פון קיין הויז, פון קיין דאך נישט, פון גאר נישט, ער טרעט ארום אין שניי אויפ'ן פרייען פעלד, אהן א צוים, אהן א גרענעץ, אויף אן אמת קלאר, ווייס און פינקעלדיג רחבות, ווי ביי ר' זיינוועלען אין מח.

מיט אמאל אבער האט ער זיך אפגעשטעלט פארציטערט.

א שווערער וואלקען האט זיך פלוצלונג פארצויגען אונטער'ן הימעל, מיט אמאל אויסגעלאשען זענען געווארען די פינקעלדיגע שטערענדלעך. און א ברייטער שאטען האט זיך געלעגט און פארפינסטערט דעם גלאנצענדיגען שניי. און אויך פלוצלונג, צוזאמען מיט הימעל און ערד, איז טונקעל געווארען ביי ר' זיינוועלען אין מח און — ער בלאנדזשעט, דערזעהט ער, אינ'ם שניי, ער בלאנדזשעט שוין אויך אין דער סוגיא; ער ווייסט שוין נישט ווי אוים און ווי איין — — —

דערזעהט ער, ר' זיינוועלע, פון ווייטען, ווי אביסעל צורונענער רויך שלענגעלט זיך אונטער'ן הימעל. פארשטעהט ער, אז עס איז א סימן פון א שטיקעל לעבעדיגען ישוב. דערפרווירען, פארמאטערט און טיף ביז'ן תוך פון דער נשמה אפגעפאלען ביי זיך, געהט ער נאך דעם רויך און קומט־צו צו אן ארעמער, אפגעריסענער קרעטשמע. קומט ער אריין אין א פאררויכערטע שטוב און שטעלט זיך אפ ביי דער טיר און קיינער באמערקט איהם נישט; שטעהט ער אזוי און זעהט, ווי ביי דעם שענק־טיש, איבער געטראנק און פארבייסעכטס, דרעמעלט אן אלטע ערלית, און דורך די פענסטער מיט אויסגעשלאגענע שויבען יאגט איין און אויס א נאסער, קאל־

מער ווינט. נאר אז א זייט שטעהט אן אויוועז און אין אויוועז ברענען, און קנאקען, און פלאקערען טרוקענע דרענגלעך. מיד און געפרוירען, ווי ער איז געווען, וויל ער צוגעהן, זיך אנווארעמען, דערזעהט ער אבער, אז אלע ערטער ארום אויוועז זענען פארנומען. ארום און ארום זיצען האלב־שכור'ע פויערען, מיט בלעכלעך בראנ־פען אין איין האנט, און געזאלצענע הערינג אדער אוגערקעס אין דער צווייטער. און זיי טרינקען צו זיך, די פויערען, און די פנים'ער זייערע פלאמען, און די אויגען ביי זיי לייכטען פאר ליעבשאפט און נחת, און אלע מאל בויגט זיך צו איינער צום צווייטען, און מען קושט זיך, און מען ווייגט פאר גרויס ליעבשאפט, און מען טרינקט ווייטער, און מען פארבייסט ווייטער...

און דאמאלט האט ר' זיינוועלע, וואס האט געקאנט בעסער לערנען פאר'ן רב, שענער זינגען פאר'ן חזן; וואס איז געווען א בעסערער בעל־קריאה פאר'ן ליטווישען מלמד; וואס האט געהאט דאס שענסטע הויז, א אידענע אן אשת־חיל, די געראטענסטע קינדער, די שענסטע סוכה, דעם הדר'סטען הדר; דער ר' זיינ־וועלע, וואס פלעגט זיין דער בעסטער יועץ, דער עהרליכסטער כורר, און געבען בעין־יפה די שענסטע נדבה.—דאמאלט האט דער ר' זיינוועלע זיך נישט איינגעהאלטען, און שטעהענדיג אינמיטען קרעטשמע, אין טיזליק, וואס האט געשטארט אויף איהם ווי א בלעך, בשעת דער ווינט האט זיך אלע רגע ארונטערגע'גנב'עט און איינגעפריהרט איהם דעם שוויים אויפ'ן לייב, — דאמאלט האט ר' זיינוועלע אין טיפען הארץ מקנא געווען יעדען פון די פויערען, וואס איז געזעסען בייםווארעמען אויוועז, וואס האט געטרונקען י"ש פון בלעכעל, פארביסען מיט א שטיק געזאלצענעם הערינג אדער א זיסער אוגערקע און געערדט — נבול פה...

און עס האט זיך אנגעהויבען א נייע שורה פון גלגולים.

דער קונצען־מאַכער.

אין אַ וואָהלינער שטעדטעל אַריין איז אַמאָל געקומען אַ קונ־צען־מאַכער.

און כאָטש עס איז געווען אין דער פאַר'דאַגה'טער פאַר־פּסח־צייט, ווען אַ איד האָט מעהר זאָרג, ווי האָר אויפ'ן קאָפּ, האָט דאָך זיין אַנקומען אַ גרויסען רושם געמאַכט: אַ רעטעניש פון אַ מענש! קרוע־בלוא, מיט אַ צילינדער, אַפּילו אַ צוקנייטשטען, אויפ'ן קאָפּ. אַ אידיש פּנים — דער צלם־אלקים פליהט איהם איבער דער נאָז. און — אַ געגאָלטער באָרד! און קיין פּאַספּאָרט האָט ער נישט גע־האַט, און עסען האָט'ן קיינער נישט געזעהן, נישט קיין כשר'ס, נישט קיין טרפה'ס. געה וויים, וואָס ער איז! מען פרעגט'ן: פון וואַ־נען? זאָגט ער: „פון פּאַריז"; וואוהין? — „קיין לאָנדאָן!" ווי קומט איהר אַהער? זאָגט ער: „פאַרבלאָנדזשעט!" אַ פּנים, צו־פוס געגאַנגען! און ווייזט זיך ביי קיין מנין נישט, אַפּילו שבת־הגדול נישט! און שטעהט מען צו איהם צו, מאַכט מען אַרום איהם אַ רעדעל, ווערט ער פלוצים נעלם, גלייך די ערד וואָלט'ן איינגע־שלונגען, און שווימט אַרויס אויף יענער זייט מאַרק.

דערווייל האָט ער זיך געדונגען אַ סאַליע און אָנגעהויבען צו מאַכען קונצען.

אָבער קונצען! בפני קהל ועדה האָט ער געשלונגען ברענענ־דיגע קוילען, ווי פערפעל; און פון מויל אַרויסגעצויגען האָט ער אַלערליי בענדער, רויטע, גרינע, וואָס פאַר אַ קאָליר מען האָט נאָר געוואָלט, און לאַנגע — ווי'ס גלות. פון אַ כאָלעווע פון שטיוועל וואָרפט ער אַרויס זעכצעהן פּאָר אינדיקעס, אָבער אינדיקעס — ווי בערען, און לעבעדיגע, און זיי צולויפען זיך איבער דער סצענע; דערנאָך הויבט ער אויף אַ פוס און קראַצט אָפּ פון דער פּאָדעשווע גאָלדענע רענדלעך, אַ גאַנצע שיסעל גאָלדענע רענדלעך! פּאַטשט מען „בראַוואָ", גיט ער אַ פייף לויפען זיך אין דער לופטען צוזאַ־

מען חלות און קוילישען, ווי די פייגעל, און הויבען אָן טאַנצען אַ ראָד צי אַ ברוגז־טאַנץ אונטער דער סטעליע. און גיט ער דעם צווייטען פייף, ווערט דאָס אַלץ כהרף עין פֿאַרשוואונדען. כלא היה! אוים קוילישען, אוים בענדער, אוים אינדיקעס — גאָר נישט!

מילא, ווייסט מען דאָך, אַז „יענער צד" קאָן אויך עפּעס באַווייזען! די חרטומים פֿון מצרים האָבען מן הסתם גרעסערע קונצען באַוויזען! איז אָבער די שאלה: פֿאַרוואָס איז ער אַליין אַזאַ גרויסער קבצן? אַ מענש שאַרט רענדלעך פֿון פֿאַרעשוועו, און האָט נישט מיט וואָס צו באַצאָהלען פֿאַר דער אכסניא, מיט אַ פייף באַקט ער אָן מעהר קוילישען און חלות, ווי דער גרעסטער בעקער, אינדיקעס ציהט ער ארויס פֿון כאַלעווע, און אַ פּנים האָט ער — אָן אויסגעצויגענס, אַז שענערע לעגט מען איז דער ערד אריין. און דער הונגער ברענט איהם אין די אויגען ווי אַ פֿלאַקער! ווערטעלט מען זיך: די פינפטע קשיא צו „מה נשתנה!"...

נאָר איידער עס קומט צו „מה נשתנה", וועלען מיר איבערלאָזען דעם קונצען־מאַכער, און איבערגעהן צו חיים־יונה'ן און זיין ווייב רבקה־ביילע. חיים־יונה איז אַמאָל אַ וואַלד־סוחר געווען, האָט ער איינמאָל געקויפט אַ וואַלד אין „גלייכען געלט", האָט מען דעם וואַלד פֿאַרמאַכט, איז ער ארויס „אין איין העמד". איז ער געווארען „וואַלד־שרייבער", האָט ער די שטעל פֿאַרלוירען; זיצט ער שוין אַ שעהנע פּאָר חדשים אָהן פּרנסה. אַ ווינטער האָט מען איבערגעלעבט — אויף שונאי־ציון געזאָגט; נאָך ווינטער געהט אָבער פּסח! און פֿאַרזעצט איז שוין פֿון הענגעל־לייכטער ביז'ן לעצטען קישען. זאָגט רבקה־ביילע: געה אריבער צו קהל און נעם מעות־חטים. זאָגט חיים־יונה, אַז ער האָט בטחון, אַז גאָט וועט העלפען, און דאָס פּנים פֿאַרשוואַרצען וועט ער זיך נישט. געהט רבקה־ביילע און זוכט נאָך אַמאָל אין אַלע ווינקעלעך, און געפינט אַן אַלטען אָפּגעריבענעם זילבערנעם לעפעל — ממש אַ נס מן השמים, יאָהרען זייט דער לעפעל איז פֿאַרלוירען געוואָרען! געהט חיים־יונה, נעמט דעם לעפעל, פֿאַרקויפט'ן, און טראָגט אריין די פּאָר גראָשען אויף מעות־חטים פֿאַר אָרעמע לייט. אָרעמע לייט, זאָגט ער, זענען בילכער. די צייט דערווייל רוקט זיך. שוין אינגאַנצען נישט מעהר ווי אַ פּאָר וואָכען צו פּסח, — ער האָט בטחון!

גאט, זאגט ער, פארלאזט נישט! מילא, רבקה־ביילע שווייגט; אז אשה מוז פאלגען א מאן. עס געהט אבער אוועק נאך א טאג, נאך א טאג, רבקה־ביילע ווייסט נישט פון קיין שלאף, גראבט דאס פנים אין שעניק אריין און וויינט שטילערהייט, חיים־יונה זאל נישט הע־רען, און אויף פסח איז קיין צייכען נישטא. און טעג האט זי ערגערע ווי נעכט,—ביינאכט וויינט זיך א מענש כאטש אפ דאס הארץ, ביי־טאג אבער מוז מען קנייפען די באקען, די פארב זאל שטעהן! שכנות קוקען איהר נאך און גאפען, און קוקען זיך די אויגען אויס, און שטעכען זי מיט רחמנות־בליקען, ווי מיט נאדלען... אנדערע פרעגען: ווען באקט איהר מצות? ווי האלט איהר מיט בוראקעס? די נעהנטערע זאגען:

— סטייטש, וואס טוט זיך מיט אייך, רבקה־ביילע?! פעהלט אייך, וועלען מיר אייך בארגען, וכדומה...

חיים־יונה וויל אבער נישט קיין „מתנת בשר ודם", און רבקה־ביילע וועט געגען איהר מאן נישט געהן — זוכט זי זיך אויס תרוצים פון אונטער דער ערד, און דאס פנים פלאמט און פלאמט...

זעהען די שכנים, אז עס איז נישט, ווי עס דארף צו זיין, נע־מען זיי און לויפען צום רב — סטייטש? דער רב, נעבעך, הערט אויס, קרעכצט אפ און פארקלערט זיך, און סוף כל סוף ענטפערט ער, אז חיים־יונה איז א בן־תורה און א ירא־שמים, און אויב ער האט בטחון, האט ער!...

רבקה־ביילע איז אפילו אהן בענש־ליכט געבליבען...

און — שוין פסח!

חיים־יונה געהט פון בית־המדרש אהיים, זעהט ער, אז אלע פענסטער אין מארק שיינען ארויס מיט שמחת־יום־טוב, און נאר זיין דירה שטעהט, ווי אז אבל צווישען מחותנים, ווי א בלינדע צווישען זעהענדיגע. ער פאלט אבער ביי זיך נישט אפ: „אז גאט וועט וועלען, וועט נ א ד זיין פסח!" — טראכט ער. ער געהט אריין און זאגט פרעהליך: „גוט יום־טוב", און איז נאך אמאל מטעים: „גוט יום־טוב דיר, רבקה־ביילע!" און רבקה־ביילע'ס קול ענטפערט איהם, אנגעזאפט מיט טרערען, פון א פינסטערען ווינקעל ארויס: „גוט יום־טוב, גוט יאהר!" און איהרע אויגען ברענען ארויס פון פינסטערען ווינקעלע, ווי צוויי ברענענדיגע קויּ־לען. געהט ער צו איהר צו און זאגט איהר: „רבקה־ביילע, —

זאָגט ער, — היינט איז יום־טוב, יציאת מצרים, פאַרשטעהסט? טרויערען טאָר מען נישט! און וואָס איז דאָ צו טרויערען? אויב דער רבונו של עולם האָט נישט געוואָלט, מיר זאָלען האָבען אונזער פּסח, מוז מען אָננעמען פאַר ליעב און זיין ביי אַ פרעמדען סדר. וועלען מיר געהן ערגעץ־אַנדערש צום סדר! מען וועט אונז אריינלאָזען אומעטום... טיר און טויער שטעהען אָפען... אידען זאָגען: „כל דכפין ייתי וייכול", דאָס איז טייטש: ווער עס איז הונגעריג, זאָל אריינקומען עסען. קום, נעם אויף דיר די שאַל, וועלען מיר געהן צום ערשטען בעסטען איד"...

און רבקה־ביילע, וואָס טוט שטענדיג דעם רצון פון איהר מאַן, האָלט־איין מיט אַלע כחות דאָס געוויין, וואָס רייסט זיך איהר צום האַלז, נעמט אויף זיך אַ צוריסענע שאַל און וויל שוין געהן,— אין דער זעלבער רגע עפענט זיך אָבער די טיר, און עמיץ קומט אריין און זאָגט:

— גוט יום־טוב!

ענטפערען זיי: גוט יאָהר, נישט זעהענדיג, ווער עס איז צו זיי אריינגעקומען.

זאָגט דער, וואָס איז אריינגעקומען: איך וויל זיין אייער גאַסט צום סדר!

ענטפערט חיים־יונה: — מיר האָבען אַליין קיין סדר נישט...

ענטפערט יענער, אַז ער האָט מיטגעבראַכט דעם סדר מיט זיך!

— אין דער פינסטער? — האַלט זיך שוין רבקה־ביילע נישט איין און שלוכצט.

— חלילה! — ענטפערט דער אורח — עס וועט זיין ליכט. און ער גיט אַ מאַך: האָקוס־פּאָקוס! און עס באַווייזען זיך צוויי פּאָר זילבערנע לייכטער מיט אָנגעצונדענע סטעארין־ליכט, אין מיטען שטוב, אין דער לופט! עס ווערט ליכטיג. חיים־יונה און רבקה־ביילע דערזעהען, אַז דאָס איז דער קונצען־מאַכער, און זיי גאַפען און קאָנען פאַר וואונדער און שרעק קיין איינציג וואָרט פון מויל נישט אַרויסברענגען. זיי כאַפּען זיך איינס דאָס צווייטע אָן ביי די הענט און שטעהען מיט אויפגעריסענע אויגען און אָפענע מיילער. דער קונצען־מאַכער ווענדט זיך דערווייל צום טיש. וואָס איז געשטאַנען פאַרשעמט אין אַ ווינקעלע, און זאָגט צו

איהם: „נו, בחור'ל, באדעק דיך און קום אהער!" און אזוי ווי ער זאגט דאס ארויס, פאלט פון סטעליע אויפ'ן טיש אראפ א שניי־וויס טישטוך און באדעקט איהם, און דער באדעקטער טיש הויבט זיך אן ריהרען, און געהט און קומט אינמיטען שטוב אריין, און פארהאלט זיך פונקט אונטער די ליכט, און די זילבערנע לייכטער לאזען זיך נידעריגער אראפ און שטעלען זיך אנידער אויפ'ן טיש. „אצינד — זאגט דער קונצען־מאכער — פעהלען נאר הס'בעטען, — זאלען זיין הס'בעטען!" געהען דריי בענקלעך, פון דריי עקען פון שטוב, און געהען צו צום טיש און שטעלען זיך אויף זיינע דריי זייטען. הייסט ער, דער קונצענ־מאכער, זיי זאלען ברייטער ווערען, ציהען זיי זיך אויס אין דער ברייט, און עס ווערט פון זיי פאטער־שטולען. רופט ער אויס: „ווייכער!" — באדעקען זיי זיך מיט רויטען סאמעט, און תוך כדי דבור פאלען אויף זיי פון סטעליע אראפ ווייסע, שניי־ווייסע קישען, און לעגען זיך, אויפ'ן קונצען־מאכערס געבאט, אויף די פאטער־שטולען און — עס ווערען הס'בעטען! אויף זיין געבאט באווייזט זיך אויך א קערה מיט מינים און שטעלט זיך אויפ'ן טיש, עס באווייזען זיך אויך רויטע כוסות מיט פלעשער וויין, און מצות, און אליץ, וואס מען דארף צו א כשר'ן און פרעהליכען סדר, אפילו „הגדות" מיט א גאלדענעם שנים.

— און וואסער צו וואשען האט איהר? — פרעגט דער קונצען־מאכער — איך קאן ברענגען וואסער אויך!

דאמאלט האבען זיי זיך ערשט אויפגעכאפט פון גאפען. און רבקה־ביילע פרעגט חיים־יונה'ן אויפ'ן אויער: מעג מען? וואס? און חיים־יונה ווייסט איהר נישט, וואס צו ענטפערן. ראט זי איהם: געה, מיין מאן, און פרעג דעם רב. ענטפערט ער, אז ער קאן זי מיט'ן קונצען־מאכער אליין נישט איבערלאזען. וויל ער, זי זאל געהן. זאגט זי, אז א נארישער אידענע וועט דער רב נישט גלויבען, ער וועט מיינען, אז זי איז פון זינען אראפ. געהען זיי ביידע צום רב און לאזען איבער דעם קונצען־מאכער מיט'ן סדר.

האט דער רב געזאגט, אז דאס, וואס ווערט געמאכט מיט כשוף, האט קיין ממשות נישט, ווארים כשוף איז נאר א פארבלענדעניש פאר די אויגען. הייסט ער זיי אהיים געהן, און אויב די מצה וועט זיך לאזען אפברעכען, דער וויין — גיסען אין די כוסות

אריין, און די קישען פון חס'בעט — אנטאפען, וכדומה, איז נוט...
איז עס מין השמים, מעגען זיי געניסען.

אזוי האט דער רב גע'פסק'ענט. געהען זיי מיט חארץ־קלאַ־פעניש אהיים. קומען זיי אריין, איז דער קונצען־מאכער שוין נישט דאַ, און דער „סדר" שטעהט, ווי ער איז געשטאנען. די קישען לאַזען זיך אנריהרען, דער וויין גיסט זיך, די מצות ברעכען זיך... האַבען זיי ערשט פארשטאנען, אז דאס איז געווען אליהו הנביא, און האבען געהאט א פרעהליכען יום־טוב!

ס'איז גוט.

— איהר פרעגט, אין וואס פאר א זכות איך בין א איד גע־בליבען?

נאר אין מ י י ן זכות, נישט אין זכות פון מיינע אבות. איך בין א זעקס־יעהריג לערנ־אינגעל געווען; מיין טאטע—א ישוב'ניק אונטער ווילנא. אזוי — א בעל־הבת'ישער מענש.

אז איך בין א איד געבליבען — האב איך עס דעם שפאלער זיידען צו פארדאנקען.

ווי איך קום צום שפאלער זיידען? — פרעגט איהר.

דער שפאלער זיידע איז נאך דאמאלט קיין שפאלער זיידע נישט געווען. א יונגער מאן איז ער געווען. געליטען האט ער דא־מאלט גלות. ארומגעגאנגען איז ער א צייט מיט די קבצנים פון קהלה צו קהלה, פון אורחים־הויז צו אורחים־הויז — א קבצן, ווי אלע קבצנים. קרוע־בלוא ווי אלע. וואס אינעוועניג, אין הארץ, האט געשטעקט — גאט ווייס!

און נאכ'ן אפליידען גלות, איז נאך אויך די צייט נישט געקו־מען נתגלה צו ווערען. שטעלט ער זיך פאר'ן בית־דין־צדק אין ווילנא, נעמט ארויס א היתר־שחיטה און ווערט שוחט אויפ'ן דארף. ער געהט שוין נישט ארום אויף דער וועלט, און האלט זיך אין דער ווילנער סביבה. מתנגדים האבען אבער א חוש־הריח, האבען זיי עפעס דערפיהלט. הויבען זיי איהם אן צו רודפ'ן, בלבולים צו מאכען. מסר'ט מען איהם פאר'ן בית־דין־צדק, ווייס איך? — אז ער איז עובר אויף כל התורה כולה! וואס מתנגדים קאנען!

ווי געזאגט, בין איך דאמאלט אלט געווען א יאהר זעקס. ער פלעגט צו אונז אריינקומען שעכטען א דקה, אדער אזוי איבער־נעכטיגען, און איך האב איהם זעהר ליעב געהאט. וועמען דען האב איך געזאלט, אחוץ טאטע־מאמע, ליעב האבען? א מלמד האב איך געהאט א קפדן, ממש א הורג נפשות; און דאס אבער איז געווען א גוטע, הארציגע נשמה, מיט'ן קוק האט ער מחיה נפשות געווען! די בלבולים האבען זייערס געטאן — מען האט'ן מעביר

געוועזן פון שחיטה. מיין מלמד האָט געמוזט דערינגען אַ חלק האָ־בען, וואָרים ער האָט באַלד אַ ידיעה באַקומען דערפון, און ווי דער שוחט איז געקומען, האָט ער אַ געשריי געטאָן: „עוכר ישראל! משומד!" און אָנגעכאַפּט איהם ביים פּאַדקאַלנער און אַרויסגע־וואָרפען פון שטוב. עס האָט מיר אַ שנים געטאָן ביים האַרץ, ווי אַ מעסער. פאַר'ן מלמד האָב איך אָבער געציטערט אימת־מות, און ערשט שפּעטער, אַז ער האָט זיך פאַרקוקט, האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט פון שטוב און אָנגעהויבען נאָכלויפען דעם שוחט איבער'ן טראַקט, וואָס האָט זיך, נישט ווייט פון שטוב, אַריינ־געלאָזט אין אַ וואַלד, וואָס האָט זיך שוין געצויגען ביז ווילנא. ו ו אַ ס איך האָב געוואָלט דערמיט פּועל־יוצא זיין, ווייס איך נישט, נאָר עס האָט מיך עפּעס געטריבען צום אָרעמען שוחט'ל. איך האָב מיך געוואָלט מיט איהם כאָטש געזעגענען, כאָטש נאָר איין מאָל אַריינקוקען איהם אין די גוט־האַרציגע אויגען אַריין...

אָבער איך לויף און לויף, און האַק מיר אָפּ די פיס אָן די שטיינער פון וועג, און זעה קיינעם נישט פאַר די אויגען. נעם איך מיך רעכטס, אַראָפּ אין וואַלד אַריין, און קלער, מיך אַביסעל אָפּ־צורוהען אויף דער ווייכער וואַלד־ערד. איך וויל מיך שוין זעצען, הער איך אַ קול, דאַכט זיך, זיין קול, פון מיטען וואַלד אַרויס, — אַ האַלב־זינגענדיג קול. גיה איך שטילערהייט נאָך דעם קול. דער־זעה איך א י ה ם פון ווייטען, ווי ער שטעהט און שאָקעלט זיך אונטער אַ בוים. איך הער מיך צו — ער זאָגט שיר־השירים! איך קוק מיך בעסער צו, זעה איך, אַז דער בוים, אונטער וועלכען ער זאָגט שיר־השירים, איז אַנדערש ווי אַלע ביימער. אַלע ביימער שטעהען נאַקעט און בלויז, און ד ע ר גרינט זיך, און בליהט, און שיינט ווי די זון, און שטעקט אוים די בליהענדיגע צווייגען איבער'ן שוחט'ס קאָפּ, ווי אַ סכך. און מחנות פייגעל טאַנצען אַרום צווישען די צווייגען, און זינגען־מיט „שיר השירים"! איך ווער נבהל ונשתומם, און שטעה מיט אויפגעריסענע מויל און אויגען, און שטעה!

ענדיגט ער זיין שיר־השירים, ווערט אויסגעלאָשען דער בוים, ווערען נעלם די פייגעלעך, און ער דרעהט זיך אוים צו מיר און זאָגט מיר מיט ליעבשאַפט:

—הער, יודעלע („יודעל" הייס איך), איך האָב צו דיר אַ בקשה.

— אַדרבה, — ענטפער איך מיט פרייד, און טראַכט מיר, ער

וועט אודאי וועלען, איך זאָל איהם ארויסברענגען עסען, און בין שוין בדעה צו לויפען און בדיל־הדל שטעלען דער מאַמעס שבת. ער זאָגט אָבער:

— הער, וואָס דו האָסט געזעהן, זאָל בלייבען ביי דיר!

די שמחה ווערט ביי מיר אויסגעלאָשען, און איך זאָג־צו ערנסט און געטריי, אז איך וועל שווייגען.

— הער נאָך עפּעס, יודעלע. דו וועסט נעהן — זאָגט ער — אין א ווייטען, זעהר א ווייטען וועג און א לאַנגען וועג.

וואונדער איך מיך: ווי קום איך צו'ן א ווייטען, לאַנגען וועג? און ער זאָגט ווייטער:

— דיין רבי'נס תורה וועט מען דיר ארויסשלאָגען פון קאָפּ, וועסט מאַמע־לשון פארגעסען, — זעה אָבער, בלייב ביי דיין נאָמען! דו הייסט „יודעלע", בלייב א איד!

דערשרעק איך מיך, נאָר פון הארץ שרייט פון מיר ארויס:

— זיכער! כ'זאָל אַזוי לעבען!

און מיר ליגט נאָך מיינס אין זינען!

— אָבער, — זאָג איך, — עסען ווילט איהר?

נאָר איידער איך האָב עס ארויסגעזאָגט, איז ער מיר נעלם געוואָרען...

און אויף דער צווייטער וואָך איז מען אונז באַפאַלען, און מען האָט מיך אוועקגעפיהרט, אַלס קאַנטאָניסט...

און עס איז אוועקגעגאַנגען א צייט, און איך האָב טאַקע אַלץ פארגעסען... מען האָט מיר אַלץ פון קאָפּ ארויסגעשלאָגען.

אין טיף רוסלאַנד האָב איך געדינט, צווישען שנייען און מורא'דיגע פרעסט, קיין איד פאַר די אויגען נישט געזעהן... אפשר האָבען דאָרט באַהאַלטענע אידען געוואוינט, נאָר איך האָב פון זיי נישט געוואוסט. פון שבת און יום־טוב נישט געוואוסט, פון קיין תענית נישט. איך האָב אַלץ פארגעסען...

נאָר דאָס רענדעל אויסגעטוישט האָב איך נ י ש ט!

וואָס מעהר איך האָב פארגעסען, מעהר יצר־הרע האָב איך געהאַט פּטור צו ווערען פון די פּיין, די יסורים — אַן עק! אָבער ווען עס איז מיר געקומען דער שלעכטער געדאַנק אויפ'ן קאָפּ, האָט ער זיך באַוויזען באַשיינפּערליך, און איך האָב באַשיינפּערליך געהערט

זיין קול: „בלייב ביי דיין נאמען, זיי א איד!"
און אז עס איז קיין ווייטער חלום נישט געווען, האב איך געוואוסט אויף זיכער... איך האב'ן וואס אמאל ע ל ט ע ר און ע ל ט ע ר געזעהן... די בארד און פאות — וואס אמאל ווייסער. דאס פנים — בלאסער... נאר די אויגען זענען געבליבען די אייגענע, די זעלבע גוטהארציגע אויגען, און דער קול דער אייגענער, גלייך א פידעלע שפילט...
איינמאל האט מען מיך געשמיסען, איז ער געשטאנען נעבען מיר און האט מיר געווישט דעם קאלטען שווייס פון שטערן, און איבער'ן פנים געגלעט, און שטילערהייט געזאגט: „שריי נישט, כדאי צו ליידען, בלייב א איד!" און איך האב אויסגעהאלטען אהן א געשריי, אהן א זיפץ, גלייך מען שלאגט נישט מ י ך...

איינמאל, שוין דאס לעצטע יאהר, האב איך געדארפט ארויסגעהן אלס טשאסאוואי צום צעכהויז הינטער דער שטאדט. עס איז געווען פארנאכט, און עס האט זיך געטראגען א זאווערוכע פון שניי. דער ווינט האט אויפגעהויבען גאנצע ברילעס שניי און האט זיי צוריבען אויף נאדלען, צושטויבט אויף שטויב, און דער שנייאיגער שטויב מיט די שנייאיגע נאדלען האבען זיך ארומגעיאגט אין דער לופט, געפאטשט אין פנים אריין, געשטאכען... קיין אויג אפען צו האלטען! קיין אטעם צו כאפען! פלוצלונג דערהער איך, מענשען געהען נישט ווייט פארביי, און עמי'ץ זאגט אויף אידיש: היינט איז די ערשטע נאכט סדר! צי איז'ס א בת־קול געווען, צי זענען ווירקליך מענשען פארבייגעגאנגען? — ווייס איך נישט עד היום... נאר די ווערטער פאלען מיר, ווי א בליי אויפ'ן הארץ, און קוים איך בין צוגעקומען צום צעכהויז און האב אנגעהויבען אויף און אפ צו געהן, באפאלט מיך א מין בענקעניש, א מין הארץ־וועהטאג, אז עס איז גאר נישט צו באשרייבען. עס ווילט זיך מיר דוקא „הגדה" זאגען, און—איך זאל עס געדענקען א ווארט! איך פיהל, אז ערגעץ טיף, טיף ביי מיר אין הארץ ליגט זי, די הגדה; כ'האב זי אמאל אויסענווענינג געקאנט: איך פיהל, אז ווען איך זאל מיך נאר איין ווארט, איין־איינציג ווארט דערמאנען, וואלט שוין די רעשט זיך אויך באוויזען און ארויסגעצויגען פון מיר, ווי א שנור פארשלאפענע פייגעל פון אונטער'ן שניי. איך קאן מיך אבער דאס ערש־

טע וואָרט בשום אופן נישט דערמאָנען! „רבונו־של־עולם! — האָב איך אויסגעשריען מיט הארץ — איין וואָרט, כאָטש א י י ן וואָרט!“ און אויסגעשריען, א פּנים, האָב איך אין א גוטער שעה. איך האָב מיך דערמאָנט: „עבדים היינו“, — גלייך מען האָט עס מיר פון הימעל אַראָפּגעוואָרפען. ווער איך פול און פול מיט פרייד; איך פיהל, אז איך בין איבערגעפילט מיט פרייד, אז זי גיסט זיך פון מיר ארויס, די פרייד, אז זי שטראַלט מיר ארויס פון דער נשמה. און איך געה אויף און קאָפּ מיט דער ביקס אויף דעם אַקסעל, און זאָג, און זינג אַרויס דער ווייס־פאַרשוי־יטער, פאַר־חלום'טער וועלט די הגדה... און זי האָט זיך פון מיר אַרויסגעצווי־גען, די הגדה, געצויגען און געצויגען, ווי א גאָלדענע שנור, ווי א שנור פון פּערעל — אַך! דאָס קאָנט איהר גאָרנישט פאַרשטעהן, דאָס קאָנט איהר גאָר נישט משיג זיין... מען דאַרף אייך פריהער אהין שיקען!

און דער ווינט האָט זיך דערוויילע געלעגט, די זאווערוכע האָט אויפגעהערט, און עס באַווייזט זיך א קלאָרער, פינקעלדיגער הימעל, א ווייסע מיט בריליאַנטען אויסגעשטראַלטע וועלט... שטיל איז ארום און ארום, און ווייס, אָהן א שיעור ו ו י י ט און אָהן א שיעור ו ו י י ס... א שטילע, רוהיגע, זיסע, ווייטע ווייסקייט...

און איבער דער שטילער, ווייטער ווייסקייט באַווייזט זיך פּלוצלונג נאָך עפּעס ווייסערס, נאָך עפּעס העלערס, שטראַלענדי־גערס... און עס געהט, און עס קומט פון ווייטען... אין קיטעל און טלית געקליידט... דער טלית אויף די אַקסעל, איבער'ן טלית, פון פאַרענט, א ציטערדיגע, ווייסע, זילבערנע באָרד, העכער — צוויי שטראַלענדיגע אויגען, איבער זיי א ברענענדיגע קרוין — א קאַפּעל מיט זילבערנע און גאָלדענע שפּאַניעס, און עס קומט צו נעהנטער און נעהנטער... און עס געהט פאַר מיר פאַרביי, און אז עס גלייכט זיך אויס מיט מיר, זאָגט עס:

— ס'איז גוט!

ווי א פידעלע האָט עס אויסגעשפּיעלט, און עס ווערט פאַר־שוואונדען...

נאָר די אייגענע אויגען, דער אייגענער קול...

צוריק־צו־וועגס, בין איך געגאַנגען איבער שפּאַלע. געה איך אריין צום „אלטען“...

איך האָב א י ה ם דערקענט, ער האָט מ י ך דערקענט...

דער אוצר.

צו שלאָפען תמוז־צייט אין אַ שטיבעל פון ד׳ על ד׳, צוזאַ־מען מיט אַ ווייב און אַכט קינדערלעך, איז נישט קיין גרויסער תענוג, באַטש פרייטאָג צו־נאַכטס. כאַפּט זיך טאַקע שמערל האָלץ־העקער אויף נאָך האַלבער נאַכט אַז אָפּגעקאַכטער און אָהן אָטעם, גיסט זיך געשווינד אָפּ די נעגעל, כאַפּט אויף זיך דאָס כאַלאַטעל און לויפט אַ באַרוועסער פון טרוקענעם גיהנום אַרויס. קומט ער אין גאַס אַריין — שטיל, אַלע לאַדען פאַרמאַכט, און איבער׳ן שלאָ־פענדיגען שטעדטעל שטעהט אַ הויכער, שטילער, אויסגעשטערנטער הימעל. דאַכט זיך איהם, אַז אַצינד איז ער איינער אַליין מיט גאָט. ברוך הוא; מאַכט ער, אַרויפקוקענדיג צום הימעל: „נו, רבונו של עולם, אַצינד איז צייט, זאָלסט מיך אויסהערען און בענשען מיט אַן אוצר פון דיינע אוצרות". ווי ער זאָגט דאָס אַרויס, דערזעהט ער, אַז פאַר איהם לויפט עפּעס אַ פלעמעל פון שטעדטעל אַרויס. פאַרשטעהט ער, אַז דאָס איז עס. וויל ער נאָכלויפען, דערמאָנט ער זיך, אַז עס איז שבת, אַז לויפען טאָר מען נישט, — געהט ער נאָך. און אַזוי ווי פּאַמעלעך ער געהט, אַזוי פּאַמעלעך הויבט אויך דאָס פלעמעל אָן צו געהן, און דער מהלך צווישען איהם און דעם פלעמעל ווערט נישט לענגער, נישט קירצער. געהט ער. טיילמאָל רופט זיך איהם עפּעס אָן אין האַרץ: שמעריל, זיי קיין נאַר נישט. נעם אַראָפּ דאָס כאַלאַטעל, טו אַ שפּרונג־אונטער, און וואַרף עס אַרויף אויף דעם פלעמעל! פאַרשטעהט ער אָבער, אַז דאָס רעדט אין איהם דער יצר־הרע. דאָס כאַלאַטעל נעמט ער פון זיך אַראָפּ, גרייט צו וואַרפען איז ער, נאָר, להכעיס דעם יצר־הרע, מאַכט ער נאָך קלענערע טריט, און דערפרעהט זיך, זעהענדיג, אַז זייט ער מאַכט קלענערע טריט, רוקט זיך דאָס פלעמעל אויך פּאַמעלעכער. געהט ער אַזוי פּאַמעלעך דעם פלעמעל נאָך און געהט, קומט ער פּאַמעלעך אַרויס פון שטעדטעל. דער וועג שלענגעלט און דרעהט

זיך איבער פעלדער און לאנקעס, און דער מהלך צווישען איהם און דעם פלעמעל ווערט אלץ נישט לענגער, נישט קירצער, און אז ער זאל ווארפען דאס כאלאטעל, וואלט ער צום פלעמעל נישט דער־גרייכט. דערוויילע צורודערען זיך איהם אין קאפ די געדאנקען: ווען ער זאל כאפען דעם אוצר, וואלט ער אויף דער עלטער קיין האלץ־העקער נישט געווען; ער האט שוין נישט דעם כח צו דער ארבייט, וואס אמאל. דעם ווייב וואלט ער געקויפט א שטאדט אין דער וויבערשער שול, זי זאל נישט האבען קיין פארשטערטע שבתים און ימים טובים דערפון, וואס מען לאזט זי אין ערגעץ נישט זיצען, ראש־השנה און יום־כפור פאלט זי נעבעך גאר פון די פיס — די קינדער האבען איהר די כוהות צוגענומען! און ער וואלט איהר א ניי קלייד געמאכט, א פאר שנירלעך פערעל גע־קויפט... די קינדער וואלט ער אין בעסערע חדרים אפגעגעבען, פאר דעם עלטסטען מיידעל וואלט ער זיך שוין אומגעקוקט ווענען א שדוך... אזוי, נעבעך, טראגט זי דער מוטער נאך די קיישלעך מיט אויבס, און האט קיינמאל קיין צייט נישט אפילו זיך רעכט צו פארקעמען. און צעפ האט זי לאנגע, לאנגע, און אויגען, ווי א סארנע...

— עס וואלט א מצוה געווען צו כאפען דעם אוצר...

— ווייטער דער יצר־הרע! — טראכט ער — אז עס איז נישט באשערט, איז נישט! אין דער וואכען וואלט ער שוין געוואוסט, וואס ער האט צו טון... וואלט דא זיין יענקעל געווען, וואלט ער שוין נישט געשוויגען... היינטיגע קינדער — ווער ווייסט, וואס זיי טוען אלע שבת... דער אינגערער איז אויך נישט בעסער. אויס'ן מלמד מאכט ער חוזק... וויל ער א קלאפ טון, רייסט מען איהם אויס די באָרד... און ווער האט צייט אויף זיי אכטונג צו געבען?

— א גאנצען טאג האק און זעק...

ער זיפצט אפ און געהט אלץ ווייטער און ווייטער, אוןווארפט פון צייט צו צייט אן אויג אין הימעל אריין: „רבונו של עולם, ועמען ווילסט דו דא אויספרואווען? שמעריל האלץ־העקער? ווילסט געבען, גיב!“ דאכט זיך איהם, אז דער אוצר הויבט זיך אן צו רוקען אביסעל פאמעלעכער, נאר אין דער רגע דערהערט ער, א הונט בילט, דערקענט ער דאס בילען: דאס איז פון „וויסאקע“ —

דאָס ערשטע דאָרף אונטער דער שטאָדט, און ער דערזעהט שוין, ווי עס וויגען זיך אין דער פרישער פאַרטאָג־לופט ווייסע פלעקען. דאָס זענען די וויסאָקער פּויערישע הייזלעך. און באַלד דערמאַנט ער זיך, אַז עס מוז שוין זיין אַ תחום־שבת, שטעלט ער זיך אָפּ.

— יאָ, עס איז אַ תחום־שבת, — טראַכט ער, און זאָגט, ווי אין דער וועלט אַריין: — וועסט מיך נישט אָראָפּפיהרען פון וועג! עס איז נישט קיין ג אָ ט ־ ז אָ ך. גאָט מאַכט נישט קיין חוזק פון מענשען — מעשה לץ איז עס! און ער ווערט אַביסעל בייזליך אויפ'ן בעל־דבר, און דרעהט זיך צוריק אויס צום שטעדטעל, און געהט האַסטיג צוריק. טראַכטען טראַכט ער: אין דערהיים אויס־זאָגען וועל איך נישט; ערשטענס, וועט מען מיר נישט גלויבען... און אַז יאָ, וועט מען לאַכען פון מיר! און צו וואָס זאָל איך מיך ריהמען?... דער בורא־עולם ווייסט — איז גענוג. און זי וואָלט זיך נאָך אפשר געבייזערט, ווייס איך? די קינדער אודאי — נאַקעט און באָרוועס, נעבעך! צו וואָס זאָלען זיי זיין עובר אויף „כבוד אב“...

ניין, ער וועט עס פאַר'ן מויל נישט ברענגען... ער וועט אפילו דעם רבונו של עולם דערינען קיינמאָל נישט דערמאַנען. האָט ער דערמיט עפּעס גוטס געטאָן, וועט ער אַליין געדענקען...

און פּלוצלונג דערפיהלט ער אין זיך עפּעס אַ מאָדנע, ליכ־טיגע רוהיגקייט, אין אַלע אברים צוגיסט זיך איהם אַ שטילער נחת. „געלט איז פאַרט נישט מעהר ווי קיי און שפּיי! עשירות קאָן נאָך אָראָפּפיהרען פון רעכטען וועג“. און עס ווילט זיך איהם דאַנקען גאָט דערפאַר, וואָס ער האָט איהם נישט געבראַכט צו קיין נסיון. עס ווילט זיך איהם כאַטש אַ ליעד זינגען. „אבינו מלך“ דערמאַנט ער זיך פון די יונגע יאָהרען, נאָר ער פאַרשעמט זיך פאַר זיך אַליין און האַקט אָפּ. ער וויל זיך דערמאַנען אַ חזנ'ישע זאַך, אַ סיני'דיגעס, — פּלוצלונג אָבער דערזעהט ער, אַז דאָס אייגענע פלעמעל, וואָס ער האָט געלאָזט הינטער זיך, איז איהם צוריק אַרויסגעקומען פון פאָרענט, און עס רוקט זיך פאַר איהם גאַנץ פּאַמעלעך צום שטעדטעל, צום שטעדטעל... און דער מהלך צווישען איהם און דעם פלעמעל ווערט ווייטער נישט לענגער, נישט קירּ־צער, גלייך דאָס פלעמעל שפּאַצירט, און ער שפּאַצירט — אַזוי

אַביסעל, לכבוד שבת. פרעהט ער זיך שטיל און קוקט נאָך. דער הי־מעל ווערט בלאַסער, שטערענדלעך הויבען זיך אַן לעשען, דער מזרח רויטעלט זיך אַביסעל, עס צוגיסט זיך ווי אַ שמאָל רויטליך טייכעל אין דער לענג — און דאָס פלעמעל רוקט זיך אַלץ אין שטעדטעל אַריין, געהט אין זיין גאַס. אַט איז זיין שטוב, די טיר פון זיין שטוב, זעהט ער, שטעהט אָפען. ער האָט זי, אָפנים, פאַרגעסען צו פאַרמאַכען... און אַט: דאָס פלעמעל געהט אַריין, צו איהם אין שטוב אַריין געהט עס! געהט ער נאָך, זעהט ער, ווי עס לאָזט זיך. דאָס פלעמעל, אונטער'ן בעט אַרונטער. אַלע אַרום שלאָפען. — געהט ער שטיל צו, בייגט זיך איין, זעהט ער, דאָס פלעמעל דרעהט זיך אונטער'ן בעט, ווי אַ דרעהדעל, אויפ'ן אָרט. נעמט ער און וואַרפט אַרונטער אונטער'ן בעט דאָס כאַלאַטעל און דעקט דאָס פלעמעל צו, — קיינער הערט נישט, און דאַ גנב'עט זיך שוין אין שטוב אַריין אַ גאָלדענער מאָרגען־שטראַל דורך דעם שפּאַלט פון לאָדען.

זעצט ער זיך אויפ'ן בעט און טהוט אַ נדר, אַז איבער שבת וועט ער קיינעם קיין וואָרט נישט זאָגען, קיין האַלב וואָרט נישט — עס וועט קומען, חלילה, צו חלול שבת... זי וועט זיך נישט איינ־האַלטען, זיי, די בנים, אודאי נישט, זיי וועלען באַלד וועלען איבער־צעהלען, באַלד וויסען וויפיעל! און באַלד וועט דער סוד פון שטוב אַרויס, און אין שול, אין בית־המדרש און אין אַלע גאַסען וועט ווערען אַ גערעדעריי וועגען זיין עשירות... וועגען מזל... און קיינער וועט נישט דאַווענען, נישט וואַשען זיך, נישט בענשען, ווי עס דאַרף צו זיין — און ער וועט נאָך פאַרזינדיגען זיין הויזגעזינד און אַ האַלבע שטאָדט, ניין —קיין פּיפּס נישט... און ער ציהט זיך אויס אויף דעם בעט און מאַכט זיך שלאָפען...

און אין דעם זכות, אַז ער האָט נאָך הבדלה זיך אַראָפּגעבוי־גען אונטער'ן בעט און אויפגעהויבען דאָס כאַלאַטעל, איז אונטען טאַקע געלעגען אַ זאַק מיט אלף אלפי אלפים דינריז, כמעט אַהן אַ שיעור — אַ גרויס בעט געוועזען! — און איז טאַקע געוואָרען אַ גביר שבגבירים.

און ער האָט שוין אָפּגעלעבט אין נחת די יאָהרען.

נאָר דאָס ווייב פּלעגט איהם אַלע מאָל אין נחת פאַרוואַר־

פען: רבונו של עולם, ווי האט עס א מענש א הארץ ווי א שטיין. א גאנצען זומער־טאג אווארט נישט צו זאגען. פאר'ן אייגענעם וויב קיין איינציג ווארט... און איך האב — דערמאנט זי זיך — דאמאלט ביי „גאט פון אברהם“ זיך אזוי אנגעוויינט, א ז ו י אנגעוויינט... עס איז קיין דרייער אין שטוב נישט געווען...

און ער טרייסט זי מיט א שמייכעל:

— ווער ווייסט, אפשר האט זיך עס טאקי אין זכות פון דיין „גאט פון אברהם“ אזוי גוט אויסגעפיהרט.

א גאַנץ יאָהר שכור — פורים ניכטער.

עס איז אַ אידיש ווערטעל, און מען דאַרף וויסען, פון וואַנען עס קומט.

אין ר' חיים וויטאַל'ס צייטען איז אין צפת געווען אַ יונגער־מאַן, וואָס איז, נישט פאַר אונז גערעדט, נישט קיין גאַנץ יאָהר נאָך דער חתונה אַן אַלמן געוואָרען. גאָט ווייסט וועגען נישט צום פאַרשטעהן, און אַזוינע זאַכען טרעפען זיך. דעם יונגענמאַן האָט זיך אָבער גערעדט, אַז די וועלט איז איהם אונטערגעגאַנגען, אַז איין זון איז פאַראַן אין הימעל און איין אשה איז געווען זיין ווייב. געהט ער און פאַרקויפט די סחורה פון קלייטעל מיט'ן גאַנצען כלי־בית פון שטוב און גיט אַוועק דאָס גאַנצע געלט דעם צפת'ער ראש ישיבה, מיט אַ תנאי, מען זאָל איהם צורעכענען צו דער ישיבה אַריין און שפּייזען איהם גלייך מיט אַלע און אָפּגעבען איהם אַ באַזונדער חדר, וואו ער זאָל זיצען און לערנען ביחידות.

דער ראש ישיבה האָט צוגענומען די „אַפּותיקי" אויף די ישיבה, און דעם יונגען מאַן האָט מען מיט עטליכע ברעטער אָפּ־געצאַמט אַ באַזונדער חדר'ל אין אַ ווינקעל פון בית־המדרש־בוי־דעם. מען האָט איהם אַריינגעטראָגען אַ זאַק מיט שטרוי, כלים צום וואַשען, און דער יונגערמאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט לערנען. אויס־סער שבת ויום־טוב, ווען ער פלעגט פאַרבעטען ווערען צו בעלי־בתים, האָט ער פאַר זיך קיין לעבעדיגע בריאה נישט געזעהן; עסען אַ גאַנצע וואָך און אַ העמד לכבוד שבת ויום־טוב פלעגט מען איהם אַרויסטראָגען פון שמש. און אַז ער האָט דערהערט טריט אויף די טרעפּ, פלעגט ער זיך איבערדרעהען צו דער וואַנט, און אַזוי שטעהן מיט'ן פנים צו דער וואַנט, ביז מען איז נישט אַרויסגעגאַנגען און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

מיט איין וואָרט: ער איז געוואָרען אַ פּרוש.

אין אַנהויב האָט מען געטראַכט, ער וועט נישט לאַנג אויס־

האַלטען, ווייל פריהער איז ער בטבע א לעבעדיג מענשעל געוועזן; עס איז אָבער אריבערגעגאנגען א וואך נאך א וואך. דער פּרוש זיצט און לערענט, האַלבע נאַכט הערט מען זיין וויינענדיג־לערנען־קול אי־בער די גאַס, אָדער מען זעהט איהם שטעהן ביים בוידעם־פענסטערל און ארויפקוקען מיט'ן בלייכען פּנים אין הימעל אריין. — האָט מען אָנגעהויבען צו האַלטען דערפון, אַז צו האַפען, אַז פון פּרוש וועט אמאל ארויסוואקסען א גדול בישראל און אפשר א מקובל, א בעל מופת. מען האָט עס דערצעהלט ר' חיים וויטאַל. האָט ער אויסגעהערט, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און געזאָגט: הלואי ער זאָל אויסהאַלטען...

דערווייל איז געשעהען א קליין מופת'ל: דעם שמש'ס קליין מיידעלע, וואָס פלעגט איהם, דעם פּרוש, ארויפטראָגען עסען, איז איינמאַל איינגעפאַלען, אַז זי מוז דעם פּרוש כאָטש איינמאַל זעהן באַשיינפערליך. וואָס טוט זי? טוט זי אויס שיך און זאָקען און טראָגט איהם ארויף די גריץ באַרוועס, און אַזוי שטיל, אַז זי הערט איהר איינען הארץ־קלאַפּען. האָט זי זיך אָבער פאַר איהר איינען הארץ־קלאַפּען דערשראָקען, איז אראָפּגעפאַלען פון די האַלבע טרעפּ און איז אָפּגעלעגען א פּאָר חדשים. אין דער היץ האָט זי די גאַנצע מעשה דערצעהלט, האָט דער עולם אָנגעהויבען נאָך שטאַרקער צו גלויבען אינ'ם פּרוש, און נאָך אומגעדולדיגער צו וואַרטען, ער זאָל נתגלה ווערען.

מען האָט עס ווייטער דערצעהלט ר' חיים וויטאַל. ער האָט ווייטער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און דערצו נאָך אָפּגעקרעכצט און געזאָגט: הלואי ער זאָל גובר זיין! און אַז מען האָט איהם מפציר געווען, ער זאָל פאַרטייטשען די ווערטער, האָט ער געזאָגט: אַז ווייל די ערשטע כונה פון איהם איז נישט געוועזן לשם שמים, דע־ריבער וועט ער האָבען גרויסע מניעות פון יענעם צד, און הלואי ער זאָל נישט שטרויכלען...

און ר' חיים וויטאַל זאָגט נישט פון דער העלער הויט!

איינמאַל זיצט ער, דער פּרוש, פאַרטראַכט איבער א ספר, דער־הערט ער פּלוצים, ווי עפּעס פּיקט אין דער טיר, פאַלט אויף איהם אַן אַן אימה. עס פּיקט אָבער ווייטער און ווייטער, הויבט ער זיך

אויף, פארגעסט דערוויל צו פארמאכען דעם ספר און גהעט עפענען די טיר. עפענט ער די טיר, קומט אריין אן אינדיק. לאזט ער אריין דעם אינדיק. קומט איהם אויף דער מחשבה, אז עס איז גלייך צו האבען א לעבעדיג באשעפעניש אין שטוב. זיין אשה פלעגט האלטען זינגענדיגע פייגעלעך אין שטוב... גהעט דער אינדיק פאר איהם פארביי און זעצט זיך שטילערהייט טיף אין א ווינקעלע. און דער פרוש קלערט, וואס דאס קאן באדייטען, און זעצט זיך צוריק צום ספר. אזוי זיצענדיג, פאלט איהם איין: עס איז נישט ווייט פון פורים, האט מען איהם אין זכות פון זיין תורה אן אינדיק גע־שיקט. וואס וועט ער טון מיט'ן אינדיק? עס וועט איהם — טראכט ער — עמיץ פארבעטען אויף פורים צו דער סעודה, און אפשר וועט עס נאך זיין אן ארעמאן, וועט ער ערב־פורים אהינ־שיקען דעם אינדיק, וועט ער אויך טועם זיין דערפון. זייט זיין אשה איז נפטר געווארען, האט ער נאך קיין בשר־עוף נישט פאר־זוכט. אזוי קלערענדיג, הויבט ער אן מיט'ן מויל צו „סמאקיוועז". און ער באקומט א פול מויל מיט וואסער. ווארפט ער א בליק אויפ'ן אינדיק, זעהט ער, אז דער אינדיק קוקט אויף איהם פריינדליך, גלייך ער וואלט געוואוסט זיין מיין, און הנאה געהאט דערפון, אז ער וועט דעם זכות האבען געגעסען צו ווערען פון פרוש. קאן ער זיך שוין נישט איינהאלטען, און רייסט אלע ווייל אפ די אויגען פון ספר, און קוקט צום אינדיק, און עס הויבט זיך איהם אן דאכ־טען, אז דער אינדיק שמייכעלט צו איהם. אביסעל דערשרעקט ער זיך דערפאר, דאך האט ער הנאה דערפון, וואס עס שמייכעלט צו איהם א לעבעדיג באשעפעניש...

דאס אייגענע איז געווען ביי מנחה־ומעריב. אינמיטען שמונה־עשרה קאן ער זיך בשום אופן נישט איינהאלטען, און רייסט אלע מאל אויף די אויגען און קוקט צום אינדיק, און דער שמייכעלט אלץ און שמייכעלט. פלוצים הויבט זיך איהם אן דאכטען, אז דעם שמייכעל קען ער שוין פון לאנג... אז דאס האט דער רבונו של עולם, וואס האט איהם צוגענומען זיין אשה, צוריקגעשיקט איהם איהר ליעבליכען שמייכעל, ער זאל איהם טרייסטען אין זיין איינ־זאמקייט, און ער הויבט־אן ליעב צו קריגען דעם אינדיק, און ער טראכט, אז עס וואלט א יושר געווען, עס זאל איהם פארבעטען אויף פורים צו דער סעודה אן עושר, כדי דער אינדיק זאל לעבען...

און ארויסגעזאגט האט ער עס אין א גוטער רגע, ווי מיר וועלען ווייטער זעהן. דערווייל אבער ברענגט מען איהם, ווי דער שטיינער איז, א שיסעלע גריץ מיט א שטיקעל ברויט, וואשט ער זיך און מאכט זיך גרייט צום עסען.

נאר אזוי ווי ער נעמט דאס ברויט אין האנט אריין און וויל אפבייסען פון איהם — רוקט זיך דער אינדיק ארויס פון ווינקעל און הויבט זיך אן צו פיקען פיק פיק, בלשון בקשה, ווי דאס וואלט הייסען: ער איז אויך הונגעריג, און שטעלט זיך פאר איהם ביים טישעל. טראכט זיך דער פרוש: זאל ער בעסער עסען, וועל איך אן איהם קיין היזק נישט האבען... נעמט ער דאס שיסעלע גריץ מיט'ן שטיקעל ברויט און שטעלט אראפ אויף די פאדלאגע, און דער אינדיק זופט און עסט.

אויף מארגען געהט דער פרוש אריבער צום ראש ישיבה, און זאגט איהם, באשר בכן ער האט באקומען א מיט־עסער; ער פלעגט שטענדיג איבערלאזען פון דער גריץ, און היינט — גלייך ער וואלט פון איהר נישט טועם געווען... זעהט דער ראש ישיבה פאר זיך א הונגעריג פנים, זאגט ער, אז ער וועט דערפון מודיע זיין ר' חיים וויטאל, ער זאל מתפלל זיין, דער שד זאל זיך פון איהם אפטין. און דערווייל וועט ער אנזאגען, מען זאל איהם שיקען צוויי שטיקלעך ברויט און צוויי שיסעלעך גריץ, עס זאל זיין פארביידען גענוג. ר' חיים וויטאל אבער, וועלכען מען האט דערצעהלט אין ראש ישיבה'ס נאמען וועגען דעם מיט־עסער, האט נאר געשאקעלט מיט'ן קאפ און אפגעקרעכצט, אז עס הויבט זיך ערשט אן!

דערווייל באקומט דער פרוש טאפעלטע פארציעס, און ער איז זאט, און דער אינדיק איז זאט. דער אינדיק ווערט אפילו פעט. און אין א משך פון א פאר וואכען ווערט ער, דער פרוש, אזוי צוגעבונדען צום אינדיק, אז יעדען טאג בעט ער גאט, ער זאל אויף פורים פארבעטען ווערען צו אן עושר, כדי ער זאל נישט קומען צו קיין נסיון.

און ווי געזאגט, איז ער אין דעם פאל צו קיין נסיון נישט געקומען. איינער פון די גרעסטע בעלי־בתים האט איהם פארבעטען אויף פורים. און עס איז געווען, נישט נאר אינדיק־פלייש, נאר אלערליי מאכלים טובים און משקה כיד המלך. און אויך זענען פיינע פורים־שפילער געקומען משמח צו זיין דעם גביר מיט זיין

משפחה מיט אַלע געסט, וואָס זענען צו איהם געקומען נאָך זייער סעודה אין דער היים. און אונזער פרוש האָט זיך אונטערגעלענט דאָס האַרץ, ער האָט געגעסען און געטרונקען, אפשר מעהר גע־טרונקען ווי געגעסען, ווייל דער וויין איז געווען אַ זיסער און אַ שמעקעדיגער און די וואַרימקייט פון איהם איז זיך צוגאַנגען אין אַלע אברים.

פלוצלונג אָבער איז אין איהם אַלץ פאַרענדערט געוואָרען.

עס האָט זיך אָנגעהויבען דאָס אחשורש־ואסתר־שפּיל... ושתי וויל נישט טון דעם מלכ'ס רצון און אַריינקומען ווי גאָט האָט זי באַשאַפען... אסתר האָט באַלד דערנאָך נושא חן געווען... מען גיט זי איבער הגי דעם שומר הנשים. און זעקס חדשים בשמן המור, און אַנדערע זעקס חדשים מיט אַנדערע בשמים. אין אונזער פרוש איז פלוצלונג היים געוואָרען אין אַלע גלידער, און פינסטער פאַר די אויגען, און ענג אין האַרץ. און אין דער פינסטערניש זענען פאַר איהם געפלויגען רויטע בענדער, פייערדיגע צונגען, און עס איז איהם באַפאַלען אַ וואונדערליך שרעקליך בענקעניש אַהיים און אַהיים. צום בוידעם אויפ'ן בית־המדרש, צו זיין חדר, צום שטילען ווינקעלע... צום אינדיק... און ער האָט עס נישט אויסגעהאַלטען און איז פאַר'ן בענשען אויפגעשפרונגען און אַהיים געלאָפען.

ער קומט אַריין, קוקט אויפ'ן ווינקעלע, וואו דער אינדיק שטעהט, און ווערט נבהל ונשתומם: דער אינדיק איז מגולגל גע־וואָרען אין אַן אשה, אין אַן אשה אַ יפת תאר, וואָס די וועלט זעהט עס נישט, און ער הויבט אָן צו ציטערען אויפ'ן גאַנצען לייב. און די אשה געהט צו איהם צו, און נעמט איהם אַרום מיט ווייסע, וואַרעמע און נאַקעטע הענט דעם האַלז, און דער פרוש ציטערט נאָך מעהר, און הויבט זיך אָן בעטען: נאָר נישט דאָ, נאָר נישט דאָ, עס איז אַ מקום קדוש, הייליגע ספרים ליגען. רוימט זי איהם אַריין אין אויער, אַז זי איז די מלכה שבא, אַז זי האָט דאָ נישט וועיט פון בית המדרש, ביים טייכעל, צווישען די הויכע סטראָסטי־נעס, איהר קריסטאַלענעם פּאַלאַץ, וואָס שלמה המלך האָט איהר נאָך געשענקט... און זי ציהט איהם, ער זאָל מיט איהר געהן, אַהין צום קריסטאַלענעם פּאַלאַץ...

און ער וואַקעלט זיך און געהט, און געהט...

אויף מאָרגען — דער פרוש איז נישטאָ! מען געהט צו

ר׳ חיים וויטאַל, חייסט ער איהם זוכען ביים ברעג פון טייך. געפינט מען איהם אין אַ זומפּ צווישען די סטראַססטינעס, נישט טויט, נישט לעבעדיג...

מען האָט איהם דערראַטעוועט, נאָר פון דאַמאָלט אָן האָט ער אנגעהויבען טרינקען...

און ר׳ חיים וויטאַל האָט געזאָגט, אַז דאָס קומט פון גרויס בענקעניש צו דער מלכה שבא, אַז ער טרינקט, זעהט ער זי, און מען זאָל איהם לאָזען טרינקען, אַ גאַנץ יאָהר, נאָר נישט פּורים, ווייל פּורים וועט זי האָבען אויף איהם אַ גרויסע שליטה.

און פון דעם טאָקע וואַקסט דאָס ווערטעל: „אַ גאַנץ יאָהר שכור, פּורים ניכטער“...

דער הינטישער סדר.

צום בעל־שם פלעגט פאהרען אן אויפגעקומענער עושר, איז'ן טאקע נישט געווען אויסצוהאלטען. איך וועל'ן אנרופען ביים נאמען, און זאל ער מיך קומען ווערגען! יאקיל קאנסקיוואליער האט ער געהייסען. דער בעל־שם אליין איז דאך געווען בטבע א דימענט, פלעגט ער אויך, ביי זיין אריינקומען, איינקנייטשען דעם שטערן. דער עולם איז פון דער הויט געשפרונגען. ראשית, איז עס נישט געווען קיין ערנסטע זאך. אן אויפגעקומענער עושר, מיט א קופה של שרצים, מן הסתם, אויף די פלייצעס. האט ער זיך אמאל צוקריגט מיט קהל־און־רב ביים א קלפי וועגען כבוד, איז ער, זיי להכעים, געלאפען צום בעל־שם. א פראסטער בשר־ודם וואלט אין אזא מתנגד'יש שטעטעל נישט אונטערגעשטאנען אזוינס צו טון, מען וואלט'ן גע'דורס'ט, עוקר מן השורש געווען! האט ער דאך אבער די קלינגערס, איז ער א גבר־ אלים, טוט ער להכעים. שנית, איז עס געווען א גראבע זאך, א גשמיות, שאין לשער, און דערצו — א בעל־העזה מיט א באריהמער צוזאמען, ווי אלע אויפגעקומענע עשירים. שטעלט מען זיך דאווענען, רייסט ער זיך צום עמוד; עברי קאן ער! וויל מען בענשען, כאפט ער אוים די ברכה. אינמיטען, מען רעדט וועגען אן עניו, פאלט ער אריין: „האב איך, רבותים, געקויפט א פערדעל!" און גיט א סמאטשקע מיט די ליפען, אז עס הילכט. איינמאל האט ער מבלבל געווען דעם גאנצען טיש וועגען א בייטש מיט א גאלדענער סקופקע, וואס ער האט באקומען פון כראביע פאטאצקי'ס א לאקיי!... צו די אלע מעלות טובות איז ער נאך געווען א קמצן שבקמצנים! אויף באריטעניש נעמט ער אלע ווייל ארויס א גאלדען טאביק־שקעטעלע, „ויאכלו" — און מאכט שמעקען! צו דער נאז נעמט ער נישט; חלילה, א שאד דער טאביק! און שטעקט

עמיץ פון א זייט אריין א פינגער. פאַרמאַכט ער דאָס שקעטעלע מיט א שטיק פרעמדען פינגער. עס איז גאָר נישט אויסצודערצעהלען פון זיין קמצנות...

איינמאָל קומט ער חול־המועד־פסח; בלייבט אויף שבת־חול־המועד, און זיצט ביים טיש. דער בעל־שם לאָזט איהם נישט מבייש זיין — זיצט ער. רעדט דער בעל־שם וועגען א הויך עניז, ווי אזוי די תפלות קומען ארויף צום כסא־הכבוד, און זאָגט, אז נישט אלע תפלות קומען ארויף אין איין צייט, אז אמאָל איז א בר־נש מתפלל שפּעטער, און זיין תפלה קומט אָן פריהער! עס ווענדט זיך דערינען, ווי ר י י ן די תפלה איז! די תפלה, האָט ער פאַרטייטשט, איז א גוף מיט א נשמה. די ווערטער זענען דער גוף, די כונה — די נשמה. וואָס מעהר כונה, מעהר רוחניות, אלץ געשווינדער קומט די תפלה ארויף, אלץ מעהר איז זי מתמר ועולה, ווי דער רויך פון מזבח... איז אבער די תפלה מיט ווייניג כונה, קאָן זי נישט גלייך ארויף, שלעפּט זי זיך אין דער לענג און אין דער ברייט אין רחבות, כאַפּט זי אויף א ווינט אויפ'ן וועג, צי א כמארע, פאַרטראָגט זי אָן א זייט, און וואַרפט זי אין כף־הקלע... טיילמאָל גיסט זיך א תפלה, וואָס האָט זיך פאַרטשעפּעט אין א וואָלקען, מיט'ן רעגען אראָפּ... אויף ימים ומדבריות... קומען קומט זי דאָך אמאָל ארויף: די אותיות־הקודש אליין הויבען זיך אין דער הויך. יעדע זאָך ציהט זיך צו איהר שורש... און סוף כל סוף קומט אמאָל די צייט, דער אויר ווערט ריין, עס הערען אויף די מניעות פון וואָלקען און ווינטען, הויבען זיך אויף די אותיות פון דער תפלה ארויף, און פאַלען אותיות־ווייז פאַר'ן כסא־הכבוד... פריהער צי שפּעטער — אבי זי קומט! און שטענדיג קומען דעריבער תפלות! און דאָס איז דער סוד פון „כי הנה לא ינום ולא יישן“— שטענדיג פאַלען תפלות פאַר'ן כסא־הכבוד! מתנגדים האָבען אָפּגעדאַווענט, דאַווענען חסידים... דערנאָך קומען פאַרשפּעטיגטע... און טאָג און נאַכט געהען זיי, און מדת־הרחמים קאָן קיין אויג נישט צומאַכען... זי שטעהט אויף דער וואַך!

עס טרעפט זיך אבער, — זאָגט ער ווייטער, — א איד שטעהט שמונה־עשרה, אין האָט אין זינען קאָרן און ווייץ! די תפלה, רחמנא לצלן, ווערט שוין באַשוועדט מיט גשמיות, מיט זעקער תבואה, מיט גראָבע עסקים... און אזא תפלה קאָן שוין, רחמנא לצלן, קומען

שפעט: איבער הונדערט און צוואנציג יאהר! א נפש קומט ארויף אויף יענער וועלט, שטעלט זיך פאר'ן בית־דין־של־מעלה, דער קטיגור לעגט ארויף אויף דער לינקער וואגשאל עברות און עברות. — גאנצע פודען עברות. און דער מליץ־יושר שטעהט מיט לעדיגע הענט און האט נישט וואס ארויפצולעגען. שרייט דער איד: „רבונו־של־עולם, על כל פנים געדאווענט האב איך דאך!" איז אבער נאך זיין תפלה נישט אנגעקומען! און כדי ער זאל זעהן, אז דאס בית־דין איז א בית־דין־צדק, עפענט זיך איהם א פענסטערל פון הי־מעל, און מען הייסט איהם אראפקוקען... קוקט ער און זעהט, ווי זיינע תפלות וואלגערן זיך, רחמנא לצלן, ארום ערגעץ אין א מושב...

און אז א איד האט נאר, רחמנא לצלן, הרהורי עברה ביים דאווענען! און יעדע זאך ציהט צו איהר שורש... נעמען די הרהורי עברה און שלעפען אראפ די תפלות אין שאול־תחתית אריין...

באפאלט אונז אלעמען א מרה שחורה. וויל ער אונז משמח זיין, זאגט ער:

— איך קאן אייך אנזאגען א בשורה טובה! איך האב א ידיעה, אז אונזער סדר האט זיך אין ערגעץ נישט פארהאלטען, ער איז גלייך ארויף, און מען האט'ן דארט אנגענומען מיט אן אמת'ן סבר פנים יפות! דער חד־גדיא מיט'ן נייעם נגון איז גאר שטארק געפעלען געווארען!

פאלט ער אריין, דער מגושם, און גיט א פרעג:

— און מיין סדר, רבי?

פארקנייטשט ער, דער בעל־שם, דעם שטערן און ענטפערט:

— דיין סדר איז נאך נישט אנגעקומען! ער טראגט זיך נאך ארום מיין שטוב, ער וויל אריין צו מיר אויף תיקון.

פרעגט ער, דער שוטה: ווען וועט איהר איהם אריינלאזען? — ער גלויבט דאך נישט.

ענטפערט ער איהם געלאסען:

— נאך הבדלה!

פון דער אייגענער מתנגדישער שטאדט איז געקומען אויף פסח א מלמד'ל. געזאגט האט ער דארטען: ער פאהרט אהיים צו דער

פלונית'טע. אז דער קאַנסקיוואַלער עושר איז געקומען, האט ער זיך פאַר איהם באהאַלטען און צום טיש נישט געקומען. א מגושם'ער מענש, וועט ער אהיים קומען און דערצעהלען—וועט מען איהם דעם חדר צונעמען און באָרד און פאות אויסרייסען. קומט ער, דאָס מלמד'ל, נישט צום טיש, און זיצט אויף דער סטאַנציע, ביז דער קאַנסקיוואַלער וועט אפּפאַהרען. האָבען מיר אויף איהם רחמנות, נעמט מען פאַר איהם שיריים, און מען טראָגט איהם אויף דער סטאַנציע שיריים מיט א פּלעשעל י"ש... פרעגען מיר דאָס מלמד'ל, ווי אזוי דער אויפגעקומענער עושר איז זיך נוהג ביים סדר. איז ער דאך אויף איהם בייז, זאָגט ער: דער שוואַרץ־יאָהר ווייסט'ן! א מענש — דערצעהלט ער — וואוינט אונטער דער שטאָדט, עס זאָל איהם נאָהנט זיין צו די פּריצים, ער זאָל פריהער ארוים־קומען פאַר אלע סוחרים — די וועלט וויל ער איינשלינגען! איז ער מגדל־כלבים, מען זאָל'ן נישט באַ'גנב'ענען, קומט צו איהם קיין איד נישט אריין! א טבע האט ער, אז שבת און יום־טוב נאך מעריב זאָגט ער אַן דעם שמש, ער זאָל איהם אהיים שיקען צוויי־דריי אורחים. וואַרטען אויף זיי קאָן ער נישט, דער קאַלדאַן טראָגט'ן! אנטלויפט ער אינמיטען „עלינו". אין דער התחלה האט מען איהם געשיקט. זענען די אורחים צוריק געקומען מיט צוריסענע מלבושים און צוביסענע; אזוינע כלבים האט ער. און שריי „חי וקים" — אז מיר און לאַדען זענען פאַרמאַכט! האט מען איהם טאַקע אויפ־געהערט צו שיקען. און ער טוט זיך זיינס: שיקט, זאָגט ער, ווי־פיעל איהר ווילט!

פאַר פסח זאָגט ער נאך: „כל דכפין ייתי ויכול"! עברי קאָן ער!

הערען מיר אויס, וואָס דאָס מלמד'ל דערצעהלט, און וואַר־טען, וואָס דאָ וועט זיין נאך הבדלה, ווייל דער בעל־שם האט אונז געהייסען קומען הערען די „הגדה" פון קאַנסקיוואַלער עושר.

און מיר האָבען זיך דערוואַרט. עס איז נאך הבדלה, דער עולם איז דאָ, דער אויפגעקומענער עושר זיצט. ער וואַרט. עס פאַר־דריסט'ן אביסעל, וואָס זיין „הגדה" מוז זיך טליקען ארום פרעמדע שטיבער; אביסעל אָבער גלויבט ער אין דער גאַנצער מעשה נישט. זיצט ער און שפּילט זיך מיט'ן גאָלדענעם שקעטעלע, און פּויקט אריין דערינען, און וואַרטשעט: וועל'מיר זעהן, וועל'מיר זעהן...

מען האט שוין אפגעזונגען זמירות. שטעהט אויף דער בעל־שם און הייסט פארמאכען די לאדען און פארשליסען די טיר. ווערט דעם בעל־דבר אביסעל נישט היימליך! הויבט ער זיך אויף און האט חשק צו מאכען פיס. לאזט מען איהם נישט! נעהמט איהם עמיץ אן פון הינטען און זעצט'ן צוריק אראפ אויף דער באנק. פאלט ער אראפ אויף דער באנק, ווי א סנאפ תבואה. זיצט ער. הייסט נאך דער בעל־שם אויסלעשען די ליכט. לעשט מען אוים די ליכט, און עס ווערט פינסטער. זיצט מען אזוי א רגע אין דער פינסטער. זיץ איך נעבען דעם קאנסקיוואלער עושר, פיהל איך, ווי ער ציטערט מיט'ן גאנצען לייב. רופט־אוים דער גבאי (א פנים, דער בעל־שם האט איהם געהייסען):

— יאקיל קאנסקיוואלער'ם „הגדה", קום אריין און לאז דיך הערען!

און — זי לאזט זיך הערען! מען דערקענט באלד יאקיל קאנסקיוואלער'ם קול, נאר עס איז אויסגעמישט מיט נאך קולות! מיט קולות פון כלבים!

„עבדים היינו — האאו, האאו! לפרעה במצרים — האאו, האאו! — און אזוי ווייטער... כל דכפין — האאו, האאו! ייתי ויכול — האאו, האאו!"

ווי מען האט צוריק אנגעצונדען די ליכט, איז שוין יאקיל קאנסקיוואלער אין שטוב נישט געווען. און מעהר האט ער זיך נישט געוויזען.

דער בעל שם טוב פיהרט אוים א שידוך.

געווידמעט אנסקי, דעם זאמלער.

האט אין א שטעדטעל ביים ברעג פון בוג געלעבט א פאר־פאלק, וואס זיין ליעבער גאמען האט מיט קינדער נישט געבענשט. און דאס פאר־פאלק — שמואל וזוגתו טריינע מירל — האבען אפליו קיין קלער נישט געטאן וועגען א גט, און אלץ וויטער און וויטער געלעבט ווי אונטער דער זון.

און די שטאדט האט נישט געמורמעלט און דער בית־דין צדק — נישט געוועהרט. מען האט געוואוסט, אז נפשו קשורה בנפשה און אזוי פארקעהרט, און זיי זענען איינס מיט אנאנדער אזוי פארבונדען און פארקניפט, אז רעדען פון א גט וואלט געהייסען צוגעהן מיט א חלף. —

פאר דאס איז דער שמואל — א דאנציגער סוחר — א גרויסער מוצלח געווען אין זיינע עסקים. און מען ווייסט אפילו, פון ווען אן די הצלחה האט זיך אנגעהויבען, פון וואנען זי שטאמט און אז וואס זי האלט זיך.

איינמאל, שמואל איז נאך אין די פעדערען נישט געווען. טריינע מירל איז נאך אין עזרת נשים ביי דער קראטע נישט געשטאנען, קיין ברילאנטענע הענגעל־אויערינג נישט געטראגען. — געהאנדעלט מיט א קליין ביסעל געהילץ, צונעבונדען צוויי דריי טראטוועס צו א גרעסערען סוחר'ס טראנספארט און א קליין הייזעל געהאט, אויף הילצערנע פיסלעך, אונטער א שטרויענע דעכעל. — טרעפט זיך א מעשה, ערב שבת, דער בעל שם פאהרט איבער'ן שטעדטעל אהיים, און פונקט — ווי עמיצען איז באשערט! — פונקט פאר שמואל'ס טיר צוברעכט זיך אן אקס. שמואל און

טריינע מירל זענען ארוים פאר דער טיר, אריינגענומען דעם בעל־שם — נישט ווייסענדיג אפילו, ווער ער איז, נאר גלאט א איד! — צו זיך, געשיקט נאך א סטעלמאך, צו פאררינכטען די אקס; אייער וואס, איידער ווען — נאך צוועלף, דער בעל־שם בלייבט שוין אויף שבת. און א מכנים אורח איז שמואל פון אייביג אויף, און טריינע מירל האט אויך א גוט אויג און אן אפען הארץ פאר'ן אורח, — האט זיי טאקע פון דאמאלט אן אנגעהויבען צו שיינען דער מזל. און אזוי ווי עס איז שוין געווארען א מנהג, אז ווען דער בעל־שם פאהרט דורכ'ן שטעדטעל, שטעלט ער זיך אפ בייס פאר־פאלק, האט טאקע דער מזל געשיינט, וואס אמאל שענער... וואקסט די צאהל טראטוועס, וואס שמואל שיקט קיין דאנציג, פון יאהר צו יאהר, און אזוי די צאהל פערעל פון טריינע מירל'ס האלז. און עס וואקסט דאס הויז, צוגעבויט א שטוב נאך א שטוב, און צוויי שטיבער פאר'ן גרויסען אורח — פאר'ן בעל־שם אפגעשטעלט. און דאס שטרוי פון דאך אויף שינדלען פארביטען, און א הויז געווארען — א פולער בעכער. און עס ווימעלט דאס הויז פון סוחרים. און געהט אפ דער שניי, קומען זיך צוזאמען פון די שטעדטלעך א מנין שיפערס, און פון די דערפער כהנה וכהנה, להבדיל, פליסאקעס, און פול די קאמערען צידה לדרך, און פון הויף שלעפט מען און מען שלעפט באלקען און שוועלער צום ברעג... און דער מייסטער ביי שמואל איז בוזעם־טאש וואקסט אין דער דיק; אז אויף זיין געהילץ האט דאס וואסער ביי דער גרעסטער פארפלייצונג קיין שליטה נישט, דער גרעסטער ווינט צורייסט די טראטוועס נישט; און שיקט מען שפעט ארוים, און עס האט זיך א פריהער ווינטער געשטעלט, קירוועט זיך עס עפעס אליין דורך צווישען אייז און עס קומט אן בשלום... און אונזער שמואל קויפט אלץ גרעסערע וועלדער, און האט שוין געלט ביי לייט, ביי דער מזרח־וואנט — א שטאדט, טריינע מירל אין עזרת־נשים — ביי דער קראטע... און קומט דער בעל־שם, זיצט ער אפ מיט דעם שמואל גאנצע שעה'ען אין חדר און מען שמועסט פה אל פה...

הויבט שוין אן צו נעמען א וואונדער?

— פון וואס רעדט דער שמואל מיט'ן בעל־שם? מן הסתם פון זיינע עסקים... קיין גרויסער למדן און קיין מקובל איז ער נישט... ווי בעט עס נישט א איד וועגען בנים?...

און זיכער איז מען, אז ווען ער ברענגט נאר די פארע פון מויל ארויס, וואלט איהם דער בעל־שם נישט אפגעזאגט. א גרויסע זאך ביי איהם א ברכה צו געבען... אלא וואס ? — טראכט מען — דער איד איז אזוי פארטון אין זיינע עסקים, אז ער פארגעסט גאר. וואו ער האלט... הויבט אן צו פארדריסען. וואס איז ? ער איז דאך שוין קיין יונגער מאן נישט, און ווען מען גיט א רוף, קאן קיינער נישט וויסען. גיט מען איהם אנצוהערענישען. אין בית המדרש, צווישען מנחה ומעריב, כאפט איהם אמאל אן א גוטער פריינד אין מארק ביים עק לאַז : היתכן ? און אז שמואל פארשוויינט און דרעהט זיך אויס מיט עפעס א מאדנע אומעטיג שמייכעלע אדער פארדרעהט מיט עפעס אנדערש, קומט מען אהיים און מען דער־מאנט דערפון אין שטוב : מנע, וואס א איד קאן... הערען די וויי־בער, „טאקע נישט גלייך“, נעמען זיך די ווייבער צו טריינע מירלען. מען טרעפט זיך אין דער ווייבערשער שול ביים דאווענען, אויף א רומפלען, בשעת גוט־יום־טוב ביטען, — שוין א ווייבערישער „היתכן“... מילא, א מאנספארשוין איז א מאנספארשוין, פארנו־מען און פארגעסט, וואו ער איז אויף דער וועלט, אבער זי, טריינע ! און מען גיט איהר צו פארשטעהן, אז אייביג לעבט מען נישט, און נישט אייביג איז אן אשה יונג. און חן ביי א מאן איז אויך נישט קיין אייביגע זאך. און וואס שפעטער ער וועט צום אמת'ען שכל קומען, איז אלץ פאר איהר ערגער. האט טריינע מירל איהר מינהגים טבע : שמייכעלט און שווייגט, אדער פארערדט מיט עפעס אנדערש...

און נישט אומזיסט שווייגט זי און שמייכעלט. זי ווייס, וואס זי איז פאר איהר מאן שמואל — „א טעפעל מיט א שטערצעל“... אין הארץ דאך, פארט אן אשה, הויבט אן צו פיקען : א קינד, א אינגעלע, א קדיש'ל... און עס פיקט זיך אויס א בענקעניש און א שטיל הארץ־וועהטאג נאך א קינד, און ס'הויבט זיך אן אלץ מעהר און מעהר גלייך מיט אלע צו וואונדערען, ווי איז עס איהר שמואל אזא עולם־הזה'ניק געווארען און רעדט אלץ מיט'ן בעל־שם וועגען עסקים און עסקים, וועגען „קיי־און־שפיי“ און קלערט נישט וועגען א תכלית ?

זי, פון איהר זייט, וואלט איהם אודאי מוחל געווען די פארע מיט די אוירינגלעך מיט'ן שטערן־טיכעל און ברוסט־טיכעל

דאס גאנצע צירונג, וואס ער קויפט איהר, וואס א יאהר מעהר און טייערער... זי האט טאקע ליעב איהר מאן שמואל, ער איז איהר בעסער, ווי צעהן זיהן, אבער אוועקגעהן פון דער וועלט, ווי אן אפגעגאנגענער שאטען, ווילט זיך פארט נישט, א מאמע זיין גלוסט זיך...

זי וועט שוין אמאל מיט איהם א שמועס טון, מיט גוטען, ווי זי קאן... האט זיך אבער קיין געלעגענהייט נישט געמאכט. זי וועט דאך נישט ארויס דערמיט פון דער העלער הויט.

טרעפט זיך אמאל, שמואל דארף קומען פון בית־המדרש, פון שחרית, זי גרייט צו טיש אויף אנבייסען, ווארפט פארבייגעהענ־דיג א בליק אין שפיגעל אריין און דערזעהט זיך עפעס נישט ווי נעכטען און אייערנעכטען. זי געהט צו נעהנטער, קוקט זיך בעסער צו: יאהרען שטעהען נישט; דאס פנים׳ל שוין נישט אזוי פריש, די אויגעלעך נישט אזוי גלאנצענדיג, און אונטער די אויגען קנייטש זיך עפעס... זיפצט זי אפ, געהט אוועק פון שפיגעל פאר׳מרה־שחורה׳ט און זעצט זיך ביים טיש און פארטראכט זיך.

שמואל קומט מיט׳ן טלית־ותפלין־זאק; ווי זיין שטייגער איז:

— גוט מארגען!

טריינע מירל שטעהט איהם נישט אויף אקעגען, ענטפערט שלאבעריג „גוט־מארגען—גוט־יאהר", גיט אפילו נישט א שמייכעל.

— וואש דיך! — און עפעס נישט איהר קול.

פרעגט ער עפעס אומרוהיג:

— ס׳איז דיר עפעס, טריינע מירל?

זי ענטפערט נישט און לאזט די אויגען אראפ.

טראכט ער: מאלע וואס! וואשט זיך, זעצט זיך צום טיש; טריינע מירל נעמט כמעט נישט אין מויל אריין...

— טריינע מירל?

זי קוקט נישט אויף׳ן. די ברעמען אראפגעלאזט, פון אונטער די ברעמען קייקלען זיך טרערען איבער די באקען... איז דאך עס נישט פראסט. שטעהט ער אויף, געהט צו צו איהר שטול, הויבט אויף די האנט און וויל זי גלעטען איבער דער האר־באנד; מיין טריינע מירל גליטשט זיך ארויס פון אונטער דער האנט:

— לאז מיך געמאכט...

און הויבט זיך אויף און לויפט צו דער קאנאפע, און גיט זיך א ווארף אויף דער קאנאפע און — מיט׳ן פנים צו דער וואנט.

בלייבט שמואל שטעהן צומישט אינמיטען שטוב; צוגעהן האט ער מורא. ער איז גארנישט געוואוינט צו אזא אויפפיהרען און ווייסט נישט, וואס דאס באטייט:

— טריינע מירל, דו ביסט נישט בקו הבריאות? שיקען נאכ׳ן רופא? זאג... דיר פעהלט דאך עפעס...

דרעהט זיך טריינע מירל איבער כמעט מיט א כעס:

— און דו ווייסט נישט, וואס מיר פעהלט? און דיר פעהלט נישט, וואס מיר פעהלט?

און צוואויינט זיך:

— ווי איז עס א איד אזוי פארפלאמט אין עסקים, ווי האט מען יעס אזא תאוה צו געלט!

שטוינט שמואל:

— איך?

— ווער דען, איך?

און קעהרט זיך ווידער איבער אפ און מענה׳ט שוין מכלומר׳שט צו דער וואנט:

— א איד זאל האבען אזא תאוה צו געלט. אויף א איד זאל דער יצר הרע צו געלט אזא שליטה האבען...

— עס קומט א בעל שם... אז מען האט שוין די זכיה... און מען זיצט מיט א בעל שם שעה׳ן לאנג אין חדר פארשלאסען... און ער לאזט זיך בעטען, אודאי לאזט ער זיך... רעדט א איד נישט א ווארט וועגען תכלית... יאהרען שטעהען דאך נישט... א לעדיגע, א שטומע שטוב... קיין זכר פון א קינד... און ער וואס בעט? נאר געלט און געלט, רעדט נאר פון זיינע עסקים... פון זיין געהילץ, פון זיינע טראטוועס...

גיט זיך שמואל א רייב ביים שטערן, קוים פארשטאנען.

געהט ער נעהנטער צו, זעצט זיך נעבען טריינע מירלען, נעמט איהר האנט אין זיינע און זאגט:

— זיי וויסען, זוגתי טריינע מירל, אז איך האב נאך מיט׳ן בעל שם הקדוש וועגען מיינע עסקים קיין ווארט נישט גערעדט!

זעצט זיך טריינע מירל אויף מיט אן אפען מויל.

— גלויבסט מיר, טריינע מירל? בהן שלי זאג איך דיר!

איהר מאז גלויבט זי... מויערען צו שטעלען אויף שמואל׳ס ווארט...

— פון וואס רעדען רעדסטו?

— איך מוז דאך דיר שוין זאגען — ענטפערט שמואל — פון פרעמדע עסקים... איך בעט טאקע, אבער נישט פאר מיר, פאר אנדערע! ווייסט דאך, אז ארעמע שטאדט אהן פרנסה, און עס פעהלען נישט קיין אונטערגענג, קיין חולאת׳ן, רחמנא לצלן... און דער איך האט א מיידעל חתונה צו מאכען, און יענער דאס און נאך איינער יענעס....

לייכטען אויף טריינע מירל׳ס אויגען מיט שטאלץ אויף איהר שמואל׳ן...

„אזוינער, שטאמעלט זי, ביסטו גאר!"... און שפארט אן דעם קאפ אויף זיין הארץ. און רוקט זיך באלד צוריק אפ:

— אבער א קינד, זאגט זי, וויל איך!

— א גאט זאך, טריינע מירל...

— איז דערויף דא א בעל שם...

— איך וויל איהם נישט דולען דעם קאפ מיט אזוינע זאכען...

— דו מוזט!

— איך מוז?

— ווייל איך וויל... דיין טריינע מירל וויל...

און אזוי ווייטער און ווייטער... און דאס פאר־פאלק איז אזוי פארנומען און פארטיפט מיט זיך, און מיט׳ן ענין, פון וואס מען רעדט, אז עס הערט נישט, ווי מען פארפאהרט פאר דער טיר, ווי עמיץ געהט אין פאדער־שטיבעל... און אומגעריכט גיט זיך אן עפען די טיר, דער בעל שם בכבודו ובעצמו באווייזט זיך... מוז מען דאך איהם שוין זאגען, וועגען וואס עס איז דא געגאנגען...

ווענדט זיך דער בעל שם מיט זיין זיס־אומעטיג קול צו טריינע מירלען:

— ווילסט דוקא, אשה?

קוקט אויף איהר שמואל צוטראגען, און זי:

— איך וויל, רבי, איך וויל!

— און ער אויך! — טייטעלט זי אויף שמואל׳ן, וואס שטעהט שוין צומישט.

— אזוי? דו, שמואל, אויך? — צושמייכעלט זיך דער בעל־

שם, — נו, קום זשע מיט מיר אין חדר אַריין... גייהען זיי, שמואל געהט נאָך דעם בעל שם און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. טריינע מירל, מיט הארץ־קלאַפעניש פאַר שרעק און פרייד, שטעלט זיך שטיל אויף די נעגעל צו צו דער טיר, און קאָן זיך נישט איינהאַלטען און עפענט שטיל און אויף א שמאָלער שפּאַרע די טיר. זי קאָן זיך בשום אופן נישט איינהאַלטען! און לעגט צו אַן אויער און הערט אונטער. הערט זי, ווי דער בעל שם, אַז ער האָט זיך געזעצט און געהייסען שמואל'ן זיצען, זאָגט צו איהר מאַן מיט די ווערטער:

— זיי וויסען, שמואל — זאָגט דער בעל שם — אַז פון הימעל פאַר דיר האָב איך נאָר איין ברכה באַקומען. מיט'ן כח פון דער ברכה האָב איך דיר געגעבען עשירות... ווילסטו נאָר בנים... און גיב בנים איז אויס עשירות...

— איך האָב, רבי, קיינמאָל גאָרנישט געוואָלט קיין עשירות... זייט מיר מוחל, רבי...

„מיין טייערער שמואל“, קלאַפּט מיט פרייד אין טריינע מירל'ס האַרץ...

מאַכט דער בעל שם:

— אויב נישט עשירות, איז אָרעמקייט...

— איז אָרעמקייט! — באַשטעהט שמואל, און טריינע מירל'ס האַרץ הינטער דער טיר וואַקסט...

— אָרעמקייט איז דלות...

— איז וואָס, רבי?

— קאָנסט ווערען, לא עליכם, א מחוסר לחם... אויסשטעלען די האַנט...

— כ'נעם אָן פאַר ליעב...

טוט שוין טריינע מירל א צופּ ביים האַרץ: איהר שמואל וועט חלילה אויסשטעלען א האַנט נאָך א מתנת בשר ודם...

— עס קאָן, לא עליכם, פעהלען ברויט אין מויל אַריין... דיר, דיין ווייב...

שמואל כאַפּט א ציטער... „זיין טריינע מירל!“

— ווילסט?

פאַרגעסט זיך טריינע מירל און פאַלט אַריין:

— ער וויל, רבי, ער וויל!

— יאָ? — ווענדט זיך דער בעל שם צו שמואל'ן — אפילו ווערען נע ונד, לאָזען זיך אין דער וועלט אריין?...

— ווי טריינע מירל באַשטעהט!

— איך באַשטעה, איך באַשטעה!

— ווער אַזוי זיין! — שטעהט אויף דער בעל שם, און טרייסט זיי באַלד: ביז גאָט וועט זיך מרחם זיין...

— — — — — — — — — — —

און אַזוי איז געוועזן.

נישט אויסגעגאַנגען אַ יאָהר — אַ קינד אין וויג, אַ אינגעלע. און שיינען שיינט עס, זאָגט טריינע מירל און אַלע זאָגען, ווי די זון... מען זאָל נאָר דערהיטען, רבונו של עולם, פאַר עין הרע...

און עס האָדעוועט זיך דאָס קינד און וואַקסט... עס האָט אָפּ־געפּאַקט און אָפּגעמאָזעלט און וואַקסט ווידער... פון וויג צום דרדקי־מלמד, פון דרדקי־ צום גמרא־מלמד, פון חדר אין בית המדרש אריין... און אַן עלוי וואַקסט, אַ צירונג און אַ שיינדעל פאַר טאַטע־מאַמע, פאַר דער קהלה און פאַר דער וועלט... אָבער מיט דוד'לס וואַקסען — אָזאַ נאָמען האָט מען דעם קינד געגעבען.

— אי שמואל'ס אי טריינע מירל'ס פאָטער האָבען געהייסען דוד! — צוזאַמען מיט דוד'לס וואַקסען פאַלט דער מסחר... אינ־גאַנצען דאָס רעדעל זיך איבערגעדרעהט!

אָנגעהויבען האָט זיך עס באַלד ביים ברית...

דאָס געהילץ שוין אויף דער ווייקסעל, אין שטוב — נכבדים, אַ שמחה, אַ גדולה. מזל־טוב, מזל־טוב! דער קוואַטער גיט שוין צוריק איבער דאָס קינד, אריינצוטראָגען צו דער יולדת. קלאַפּט מען אָן אין פענסטער. קומט מען אריין אין טיר —

אַ בשורה רעה פון וואַסער:

— אַ ווינט די טראַטוועס צוריסען, דאָס וואַסער דאָס גע־הילץ צויאָגט... קיין שריד ופליט געבליבען.

הויבט אויף שמואל די אויגען צום הימעל:

— גאָט האָט געגעבען, גאָט האָט גענומען!

— געלויבט זאָל זיין זיין ליעבער נאָמען! — ענטפערט אָפּ די יולדת, פון איהר שטוב.

און צו וועקען דעם פאַרשטיינערטען עולם מאַכט שמואל:

— נאך דא אביסעל געהילץ אין וואלד, נאך אביסעל געלט ביי לייטען... מאכט בּרכה, אידען...

די לייט זענען במשך פון א קורצער צייט אויך יורדים געווארען; א גראשען נישט אפגענומען; געבליבען נאר דאס ביסעל געהילץ...

קומט די צייט, וויקעלט שמואל איין זיין דוד'לען אין טלית און טראגט איהם דאס ערשטע מאל אין חדר אריין צום דרדקי־מלמד. טריינע מירל שטעהט אין פענסטער און קוקט נאך, מיט א נחת־שטראלענדיג פּנים צו דער שויב צוגעקלעפּט. שוין נישט די גאנצע טריינע מירל, אבער די אויגען לייכטען!

באגעגענט שמואל, דוד'לען איבער'ן מארק טראגענדיג, א איד פון וואלד, א באקאנטען איד, א שרייבער אין וואלד, גיט ער איהם אין פארביינגעהן „שלום"; פארהאלט איהם אבער דער איד...

— אוי, שלעכט, שמואל, שלעכט... גאר ביטער...

— וואס איז? שמואל מיינט, דעם איד אליין איז עפּעס.

— גערעגענט — זאגט דער איד — און גערעגענט; וועגען — גריבער און לעכער; וואו א שטיקעל שאסיי — איבערגעקעהרט... אויף די שלאכטן צוואווארפען געהילץ, צובראכענע רעדער און אקסען... אין וואלד פוילט... דיין געהילץ אויך, שמואל...

שמואל קומט אהיים נישט פרעהליך. טריינע מירל פאלט ביי זיך נישט אראפ:

— ווייסט דו וואס, שמואל? נעם און פארקויף מיין צירונג און דאס ביסעל זילבער פון שטוב ארויס, מאך צו געלט און האנדעל...

— און ווייסט דו וואס, שמואל? פרואוו תבואה...

פאלגט ער. האנדעלט מיט אביסעל ווייץ, מיט אביסעל קארן. לאנגזאם, באהיטזאם, ער זעהט, דער מזל האט זיך אפגעטאן... שפּילען מיט'ן וואסער וועט ער זיך אודאי נישט אונטערשטעהן...

הויבט אן דערוויילע דוד'ל חומש...

פארגעסט מען אלץ. א שמחה, א גדולה! א סעודת־מצוה... א קניפּ אין באק, און עס שטעהט די פארב: טריינע דעקט א טיש מיט כל טוב — איבער'ן שטאנד... ארום טיש — דער פער פון דער קהלה. שטעהט שוין דוד און זיין חבר — דער אויספרעגער אין דער מיט אויפ'ן טיש... לעגט איהם שוין דער חבר דער אויספרעגער

דאס הענטעל איבער'ן קעפעלע:

— וואס לערענסטו, דוד?

און ווי דוד'ל וויל ענטפערען, ווערט פלוצלונג טונקעל אין שטוב, חושך—אין דרויסען. א שווארצע כמארע אנגעפלויגען, און א ווינט האט זיך ווי פון א קייט אפגעריסען... און א האגעל שלאגט, שלאגט די שויבען אויס...

פון שמואל'ס ביסעל תבואה, וואס ער האט ביי פריצים אויפ'ן פעלד, אויף אייגען אחריות געקויפט, איז — קיין שריד ופליט געבליבען... קוים דאס ביסעל שטרוי פאר'ן פריץ.

נאך אלץ אבער קיין סכנת נפשות נישט. פאראן נאך א הויז, און דער שכן דער אינו־ישראל האט אן אויג דערויף. פארקויפט מען איהם דאס הויז, מען דינגט ביי איהם צוריק א דירה מיט א געוועלב און מען פארלעגט א שניט־קראם. מאטערט מען זיך נאך עטליכע יאהר... קומט ווייטער א שמחה — דוד'ל הויבט אן תפלין צו לעגען... ער וועט א דרשה זאגען... אט שטעהט ער אין בית המדרש אויפ'ן בעלעמער. די עדה אידען קאן פון איהם קיין אויג נישט אפרייסען. טריינע מירל, הינטער'ן פארהענגעל אין עזרת נשים, ציטערט פאר עין הרע... אבער דוד'לס קול פאר־שכור'ט זי מיט פרייד... ווי עס קלינגט זיין קול'כעל...

פאלט אריין א איד:

— עס ברענט! רב שמואל, אייער געוועלב ברענט...

באלד קלינגט דער גלאק פון קלויסטער, גוים מיט עמערס און העק לויפען ראטעווען דאס הויז. — שמואל פון דירה און געוועלב איז ארוים מיט נארנישט...

נעמט מען אלץ אן פאר ליעב. א דירה קריגט מען. שמואל נעמט זיך צי לופט־שנאפען אין גאס, שטופט זיך אמאל צו צו א מעקלעריי, געהט אפילו אמאל אין שליחות... טריינע מירל לאזט זיך אויך אראפ און כאפט א כשר'ע מציאה אין מארק... אייער, א הון א פעטע און פארקויפט שכנות... לאזט זיך נאך טיפער אראפ— קויפט איין אויף באשטעלונג פאר בעל־הבית'טעס און צוטראגט אין די הייזער... ארעם, קרוע, בלויע, פארשווארצט דאס פנים, נעב־בעך. אבער נחת אין די אויגען שטראלט... אזוי ביי איהר, אזוי ביים אפגעמאטערטען שמואל:

דוד'ל קיין עין הרע, וואקסט, שוין איבערגעגאנגען אין בית

המדרש אריין. און ער שמ'ט — א מתמיד, אן עלוי שבעלויים.... און א זיידען קינד, א פרום קינד... מאמעס בענקשען זיך מיט איהם... שדכנים וויזען זיך, שדכנים האקען שוין אפ די שוועל... א לאנד־שדכן געקומען, מיט'ן בערדיטשעווער פרנס א שידוך גערעדט. דער בערדיטשעווער פרנס, א איד א למדן, א מיוחס און א גביר, שיקט אראפ א דיין פון שטאדט, דעם חתן צו פארהערען. און אט — גע־קומען דער דיין, א איד מיט ברילען גרויסע, א וויסער בארד א לאנגער, א חשוב'ער איד, אביסעל א צוטראגענער... און עס איז ערב ראש חודש, וועט עסען סעודת ראש חודש. טריינע מירל קאש־פערט ערגעץ אויס א הערינג און קוילעט... די מענער — דער אורח, דער מאן שמואל און דוד'ל — געוואשען זיך, זעצען זיך צום טיש... טריינע מירל שטעהט ביים אויווען און ווארט אויף נחת... זי זעצט זיך שוין נישט צום טיש מיט אזא איד... און אט ווישט זיך אפ דער דיין דאס מויל, שמואל דערלאנגט א גמרא, דער דיין עפענט, רוקט צו צו דוד'לען:

— דאס קאנסטו?

— כ'קאן — קלינגט דוד'ס קול...

— קוק נאך אמאל דורך.

— כ'דארף נישט...

שמואל ווארפט א בליק צו טריינע מירל, טריינע מירל רוי־טעלט זיך און ענטפערט מיט א פארבארגענעם שמייכעל. נעמט דער דיין צוריק די גמרא צו זיך און פרעגט א קשיא, אפנים זעהר א הארבע קשיא... טריינע מירל האט בטחון אין איהר קדיש'ל... און אט פיהרט ער מיט'ן הענטעלע איבער'ן גלאטען שטערנדעל, דאס פנימ'ל רויטעלט זיך, אין די אויגעלעך צינדען זיך ליכטלעך אן, ארום די ליפלעך שפילט א זיס שמייכעלע. און אט עפענט ער דאס כשר'ע מיילעכעל אויף, באלד וועט א זילבערען תאוה־גלעקעלע קלינגען...

אבער פון דוד'לס מיילעכעל איז נאר א פארע ארויס!
דוד'ל האט פלוצלונג דאס לשון פארלוירען!

— — — — — — — — —

מילא דלות — אויסגערעדט; די צרה איז אין די תנאים נישט געשטאנען. דער בעל שם קומט נישט. נעמט שמואל טריינע מירלען זיין ווייב און דוד'ען זיין קינד און לאזט זיך צום בעל שם; ער

וועט זיך מיט איהם אויס׳טענה׳ן. וואס איז עס פאר א פינסטערער צילאג?

שמייכעלט ער, דעם בעל שם.

— אזוי — זאגט ער — דארף זיין... ביז עס וועט — אונטערקומען די צייט.

און הייסען הייסט ער אזוי טון:

טריינע מירל, ביי וועלכער ער איז שוין אזוי פיעל מאל געווען א גאסט, זאל בלייבען ביי איהם אין שטאדט — זיין טאכטערס גאסט; עס וועט איהר, ברוך השם, גארנישט פעהלען. דוד׳ל זאל אויך בלייבען און זעצען זיך ביי איהם אין בית המדרש לערנען.

— זאל ער דערוויייל לערנען אהן לשון...

הערט מען: „דערווייל“, אטעמט מען שוין אפ.

— און דו, — ווענדט זיך דער בעל־שם צו שמואל׳ן — מוזט זיין א צייט נע ונד. האסט פארלוירען דיין מזל אויפ׳ן וואסער, מוזט דו דיר עס צוריקבריינגען פון וואסער. מיט׳ן ברעג פון וואסער, נאכ׳ן שטראם, זאלסטו געהן. פון קהלה צו קהלה... און הער, שמואל, — קומסטו אין א קהלה אריין און דו זעהסט, מען קען מיך, מען האט מיין נאמען געהערט, אז דו זאגסט „בעל שם“, ווייסט מען, וואס טייטש, געה ווייטער... וועסטו אבער קומען צו אן ארט, וואו מען וועט עפענען מויל און אויערען, נישט אנהויבענדיג צו ווייסען, ווער און וואס איך בין, — דארט, שמואל, ווערסט דו אויפגעריכט ווערען...

און ער איילט איהם צו:

— שטעה נישט, שמואל! איך האב דאך דיר געזאגט: „ווערסט אויסשטעלען א האנט“. נעה דיר אויף א טארבע, נעם א שטעקען און געה!

— מיט׳ן בוג נעה, דערנאך מיט דער ווייקסעל... — גיט ער א אפגעהענדיג אין זיין חדר אריין.

— — — — — — — — — — —

אז דער בעל שם הייסט, פאלגט מען; געזעגענט מען זיך.

בלייבט טריינע מירל ביים בעל־שם אין הויז; זיין טאכטערס גאסט. זעצט זיך דוד׳ל לערנען אין בעל־שם׳ס בית המדרש, „דערווייל“ אהן לשון. און שמואל נעהט זיך און הענגט זיך א טארבע איבער די אקסעל און לאזט זיך ביים ברעג, מיט׳ן וואסער...

געהט ער. וואו ער קומט אין א קהלה אריין — עס קלינגט מיט'ן בעל שם. חולאים אויסגעהיילט, מיט קינדער געבענשט, גע־פאלענע אויף די פיס אויפגעשטעלט... עס רעדען דערפון אלע מייַלער, עס לויבען און ווערען נישט מיד לויבענדיג אלע צונגען...

איבערגעקומען דעם ברעג פון בוג, געהט ער מיט'ן ברעג פון דער וויקסעל... ווידער דאסזעלבע... נישט לייכט צו געפינען אַן ארט, וואו מען ווייס נישט דעם בעל שם; אין פארוואָרפענסטע העק! געהט ער און געהט, ביז ער קומט צו א גרענעץ. קיין פּאַס האט ער נישט; דער בעל־שם האט געהייסען געהן, — פּעקעלט ער זיך דורך און קומט בשלום אריבער... געהט ער שוין, און די ביינער ברעכען, און פאלט ממש פון די געשוואָלענע פיס, אויף יענער זייט גרענעץ. עס שרעקט איהם נישט אָפּ. ער מוז צוריק ברענגען זיין מזל און דוד'לען זיין לשון. קומט ער אמאל, פרייטאג, שוין אויפ'ן טאג, אין א דייטשער שטאָדט אריין. עפּעס אין א שמאל געסעל אריינגעפאלען; די פיס טראגען נישט ווייטער. שטעלט ער זיך צו צו א מויער, שפּארט זיך אן מיט'ן אקסעל, און הויבט די אויגען צום הימעל ארויף: רבונו של עולם, וואו דא א מרחץ? וואו א מקום קדוש? און וואו וועט ער האלטען שבת?

עפענט זיך אין דער זעלבער רגע פון א הויז קעגענאיבער א פענסטער, שטעקט א דייטש ארויס דעם קאָפּ, אן אלטער דייטש, אפילו נישט קיין גלות, אפילו מיט א יארמולקע איבער'ן קאָפּ, אבער א פּנים פון אן אמת'ן דייטש, דאס בערדעל פיין פארקעמט, און די יארמולקע איז גארנישט יארמולקע, וואס שמואל קאן, נישט שפּיציג, עפּעס קאנטיג... א דייטשע יארמולקע...

כאַפּט שמואל א ציטער, ער וועט אודאי אנשרייען, וואס ער שטעהט דא, וואס ער שפּארט זיך אן אין מויער. דער דייטש אבער בייזערט זיך נישט און רופט צו איהם אריבער עפעס גאר אידישליך, דייטשמעריש, אבער מיט א אידיש הארץ:

— זי זינט י ו ד ע?

שמואל שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יא; „א שאלה דאס אין?" טראַכט ער.

— דאַן קאָמען זי גיטיגסט נעהער...

געהט שמואל קווער אריבער דער גאס, עפענט זיך א הויז־טיר, קומט ארויס א דינער, זאגט, דער הער בעט ארויף... פיהרט

ער איהם איבער געוועקסטע און מיט דיוואנס באלעגטע טרעפּ. שמואל געהט אויף די שפּיץ קנעפּעל, וואס וועניגער צייכען איבער־צולאזען. קומט מען אויפ'ן שטאק ארויף, שטעהט שוין דער דייטש, און הינטער איהם א דייטשקע, אין דער אפענער טיר. שטרעקט איהם דער דייטש אויס די האנט:

— שלום עליכם!

אויך אביסעל דייטשמעריש. די דייטשקע זאגט:

— איין גאסט אים הויזע — גאט אים הויז...

די שטימען זענען עפּעס נישט קיין פרעהליכע, אבער עס שמעקט מיט אמת'ער הכנסת־אורחים. מען פיהרט איהם אין שטוב אריין. מען גיט איהם עפּעס לייכטס טועם צו זיין. דער דינער, וואס איז אוועקגעגאנגען, קומט באלד צוריק און מעלדט:

— פערטיג!

ווייזט זיך אויס, אז פארטיג איז פאר שמואל'ן א וואנע. געהט ער אריין, וואשט זיך אפּ לכבוד שבת, געהט ארויס, ווישט זיך אפּ מיט האנטיכער, וויל אנטון די מלבושים, — קוקט זיך אום, דער משרת, אפנים ארויסגעהענדיג, האט איהם זיינע מלבושים צוגענומען... פאר דאס ליגען אויף א שטול — א פריש העמד מיט א טלית־קטן מיט אלע אנדערע זאכען... כאפּט ער אויף זיך דאס העמד מיט'ן טלית קטן. וואס אנבאלאנגט דער רעשט, בלייבט ער שטעהן: אפשר שעטנז?

קלאפּט אבער אז דער בעל־הבית:

— מיין הער, איילען זי גיטיגסט צו.. צייט צו געהן צו קבלת שבת... און ווייטער עפּעס גארנישט קיין פרייע שטימע.

אבער „קבלת שבת“ — אוים פּחד פאר שעטנז... ער טוט זיך אן. מען געהט דאווענען, א דייטשע שול, אבער אהן אן ארגעל, א כאר, אבער אהן נשים... און מען דאווענט עפּעס דייטשמעריש, אבער פון סידור ארויס... מען קומט צוריק אהיים: שלום עליכם, קידוש... און א געדעקטער טיש, אויף אלע אידען געזאגט. עס בליצט פון די זילבערנע לייכטער און כלים און אלערליי קריסטאל און גלאז־ווארג... ביים עסען זינגט מען זמירות... ביים בענשען — די דייטשקע נעמט א סדור און בענשט אויך; דאס טעכטערל, ער באמערקט זי ערשט, א מיידעלע פון א יאהר פופצעהן — בענשט אויך... נאכ'ן עסען — מען פיהרט איהם אין א באזונדער חדר

אריין, שלאָפען. זינט ער לעבט, האָט ער נאָך אַזאַ בעט נישט געהאַט...

אבער אין שלאָף טראַכט זיך איהם: וואָס קאָן עס זיין? אַזאַ עשירות — און קיין שמייכעל אויפ'ן פּנים. שבת, און אַז מען פאַרגעסט זיך אַ ווײַלע — זיפצט מען; אַזוי ער, אַזוי זי, אַזוי דאָס טעכטערל... דער שלאָף אבער איז גובר. אין דערפריה — אין שול אריין, דערנאָך עסען און ווידער אַפּרוהען אין באַזונדערען חדר.

— פיליכט ווילען זי איין ספר?

— אדרבא!

דערלאַנגט איהם דער בעל־הבית אַ מדרש.

ער עפענט און פאַרגעסט זיך און טראַכט, ווידער, וועגען דעם, וואָס עס קאָן פעהלען דעם דייטש, און דרימעלט איין. דאָס זעלבע ביים שלוש סעודות... שפּעטער ביי דער הבדלה... נאָך הבדלה ווערען די פּנים'ער עפּעס גאָר חושך... מען שווייגט, און אַז מען רעדט ארויס אַ וואָרט, איז עס, ווי פון אַ קבר ארויס...

מילא, פרעגען וועט ער דאָך נישט. אַן אורח מישט זיך נישט. און דערביי האָט ער דאָך זיינס אין זין. גיט ער אַ טאַפּ דעם דייטש נאָך ויתן לך, — דאָס ווייב מיט דער טאָכטער זענען ארויס.

— קענט איהר נישט, בעל־בית לעבי, דעם בעל שם?

— ווי?

זאָגט ער שוין דייטליכער:

— בעל שם!

— וואָס איזט זיין געשעפט?...

גיט שמואל'ן אַ פרעהליכען קלאַפּ אין הארץ.

און דער דייטש זאָגט:

— איין אונבעקאַנטע פירמא!

און גיט צו:

— ניעמאַלס געהערט!

שפּרינגט שוין שמואל אויף דערפרעהט:

— דער מאַן איז קיין פירמא, זאָגט ער, ער פיהרט קיין געשעפטען נישט... הס ושלום!

זעהט ער אבער, אַז דער דייטש הערט איהם שוין נישט, זיצט

טיף אריינגערוקט אין פאטעל, פארטראכט, די אויגען אין אויער אריין...

— נעבעך, עפעס א שרוי בצער! — טראכט שמואל און שארט זיך ארויס צו זיך אין חדר אריין אויף די נעגעל, און ווארפט זיך אין בעט אריין. שלאפען אבער קאן ער נישט. ליגט ער אזוי און ליגט, ביז עס ווערט גאר שפעט. די גאס ווערט שטי־לער און שטילער און גאר שטיל. מען לעשט אין גאס די לאמ־פען אויס. אין דער פינסטערער שטילקייט הערט ער, ווי די דייטש־קע קומט צו דייטש און רופט איהם זעהר שטיל שלאפען. באלד קומט די טאכטער:

דער דייטש ריהרט זיך, אפנים, נישט... שטעהען זיי אדער זעצען זיך נעבען איהם. עפעס הויבט מען אן זעהר שטיל צו רע־דען, מעהר שטיל צו זיפצען...

דערנאך צוואויינט זיך דאס מיידעל אויף א קול און געהט ארויס; צוואויינט זיך די מוטער און געהט איהר נאך. און דער דייטש — דער פאטער קרעכצט! — שטעלט זיך אויף:

— אך, גאט, גאט! אך, דו ליעבער גאט! — און געהט נאך.

אין דערפריה, טראכט שמואל, וועט ער זיך ביים געזעגענען דורכרעדען מיט'ן דייטש... דאגה בלב איש ישיחנה... און שלאפט ווייטער איין...

אין דערפריה, ער וויל זיך געזעגענען, מען בעט איהם בלייבען אויף פריהשטיק, די דייטשקע מיט דער טאכטער געהען ארויס, וויל שמואל רעדען. וועט ער דאך נישט צוטרעטען מיט אמאל צו דער זאך, הויבט ער אן פון א זייט:

— האט איהר,ווירקליך, דייטש־לעב, נישט געהערט פון בעל־שם...

ענטפערט דער דייטש נאך אמאל:

— ניע פאן דער פירמא געהערט: גאנץ היער אונבעקאנט...

— אזוי! — מאכט שמואל מיט נאך א לייכטערען הארץ.

— עס איז אבער, זאגט ער ווייטער, דייטש־לעב, בעל־הבית־לעב, קיין פירמא נישט... עס איז א איד...

— א יודע? — פרעגט איבער דער דייטש שוין מעהר פאר־אינטערעסירט, און הויבט, אפשר דאס ערשטע מאל, די ברעמען אויף.

— אַ יודע! — זאָגט שמואל נאָך.
— און אַ איד — זאָגט ער — מיט תורה ועבודה, מיט מצוות און מעשים טובים, און אַ הימעל־מאַן —
— וואָס?
— אַ געטליכער מאַן!
— זאָ? — ענטפערט דער דייטש עפּעס נישט זעהר גלויביג און וויל ווייטער פאַרזינקען אין זיינע מחשבות...
— איך וויל אַוועקגעהן, רב דייטש...
— זאָ, זי איילען?
— איך וויל מיך געזעגענען...
— זאָ... און שטרעקט איהם אויס אַ האַנט; ער וויל נאָך רופען די פרוי און די טאָכטער.
— אָבער — זאָגט שמואל — יאָגט אייך נישט אַזוי, רב דייטש; עס זאָל אייך נישט פאַרדריסען, איך וויל אייך עפּעס בעטען....
— אָך, זאָ... זעהר גערן... פערצייהען זי, דאָס איך עס פערגעסען האָב... איך בין, ליידער, זאָ...
און שטרעקט שוין די האַנט אין טאַש אַריין...
— ניין, ניין, דייטש... נישט דאָס האָב איך אַצינד געמיינט... עפּעס אַנדערש וועל איך אייך בעטען... איהר זייט דאָך אַ איד!
— מיט לייב און זעל!
— איך אויך... זאָגט מיר, וואָס אייך פעהלט?
בלייבט דער דייטש דערשטוינט... באַנוצט זיך דערמיט שמואל:
— עפּעס דריקט דאָך אייך אויף דער נשמה, אייך, אייער ווייב, אייער טאָכטער... זאָגט, וואָס... עפּענט דאָס האַרץ פאַר אַ איד: אַ איד, אַ איד העלפט אַמאָל... קוקט נישט אויף מיין אָרעמקייט...
— דאָס ניכט — ענטפערט דער דייטש — אָבער אונז קאַן ניעמאַנד העלפען...
און ער פאַרצעהלט איהם: ביי די גרעסטע דאָקטוירים געווען... ביי די גרעסטע פּראָפעסאָרען —
— אַ חולאת, לא עליכם?
— וואָס?

— א קרענק?

— א קראנקהייט... יא, א געהיימע... איין אומגליק...

— איז דא — פאלט איהם אריין שמואל אין די רייד — איינער וואס העלפט...

— יא, דער הער גאט!

— גיכער אין זיין נאמען דער בעל שם...

און דער דייטש לאזט עפעס צו זיך רעדען, און שמואל פארצעהלט איהם פון בעל שם, פון זיינע נסים ונפלאות. און דאס הארץ ביים דייטש הויבט זיך און הויבט זיך, און דאס פנים לייטערט זיך צוביסלעך, און די אויגען קלערען זיך ביסלעכווייז, און ער זאפט איין שמואל'ס רייד, אלע מאל איבערפרעגענדיג, אז ער פארשטעהט נישט, ווי א שוואם; זאפט זיי, ווי א נחת, ווי א בשורה א גוטע...

— פאלגט מיך — ענדיגט שמואל — איך וויל נישט און דארף נישט וויסען, וואס, וועמען ביי אייך אין הויז עס פעהלט, נאר פאלגט מיך, הייסט איינשפאנען א בויד און לאזט אייך פיהרען צום בעל שם...

וואקעלט זיך דער דייטש... און נאך א ווייל:

— יא... איך מוז אבער מיט מיינער פרוי אונד טאכטער שפרעכען...

שרייט אויס שמואל מיט פרייד:

— געהט מיט'ן רעכטען פוס און שפרעכט, און גאט וועט העלפען...

האבען אבער אלע ווייבער, זעהט אויס, איין טבע: די דייטשקע איז אונטער דער טיר געשטאנען, צו דער רעכטער מינוט אריינגעקומען, דאס טעכטערל הינטער איהר... זי זאגט, אז פרואווען דארף מען... אין א פאר שעה ארום — די בויד געשפאנט, מען זעצט זיך איין, מען פאהרט גאלאפ. מען פארהאלט זיך נאר ביי דער גרענעץ... דא וועט שוין געדויערען; שמואל האט דאך קיין פאס נישט...

— — — — — — — — — — — —

איידער זיי וועלען אריבער די גרענעץ, וועל'מיר זעהען, וואס דערווייל ביים בעל־שם טוט זיך.

זיצט ער איינמאָל, דער בעל־שם, און צושמייכעלט זיך און זאָגט צום שמש:

— געה, רוף מיר יונה דעם שניידער.

געהט ער און ברענגט איהם.

— זאָג נאָר, יונה, קאָנסט נעמען א מאָס מיט'ן אויג, אַז יענער זאָל גאָרנישט וויסען, ווי דו נעמסט פון איהם א מאָס?

— אזוי טו איך דאָך מיט אייך, רבי... אייער טאָכטער, זאָל לעבען, הייסט נעהען, קום איך און וואַרף אַן אויג...

— און פאַר נשים אויך אַזוי?

— אַלץ איינס, רבי!

— און ווילסט עפּעס טון פון מיינעטוועגען?

— עד חצי המלכות, רבי!

— איז גוט. דרעהט זיך דאָ ביי מיר אין שטוב ארום א פרעמדע אידענע...

— אהא, טריינע מירל, מיינט דער רבי.

— יאָ. און איהר זוהן דוד'ל לערענט ביי מיר אין בית המדרש. נעה און נעם פוןביידע אַראָפּ מיט'ן אויג א מאָס...

— אויף וואָס פאַר א מלבושים, רבי?

— שטעל דיר פאָר, יונה, ווי עס וועט זיין מיט דוד'לען תנאים. דאַרף ער מלבושים און די מוטער מלבושים... און — בעל הבת'ישע...

— און סחורה, רבי?

— נעם די בעסטע, אויף מיין חשבון, יונה...

— גוט, רבי!

— נאָר עס זאָל זיין פונקט פון היינט אין א חודש אַרום.

— נישט א שעה לענגער, רבי...

פאַרנאַכט, אין א חודש אַרום, ברענגט דער שניידער די מלבושים. זיצט דערביי דעם בעל שם'ס טאָכטער, זאָגט ער צו איהר:

— נעם די מלבושים און געה אַריין צו דיין גאַסט טריינע, און זאָל זי זיי אָנטון. איך האָב געהייסען. און זי זאָל נישט אַרויס פון שטוב און וואַרטען דאָ אין דיין צימער, ביז מען וועט זי רופען...

פרעגט זי נישט איבער קיין ווארט, נעמט די מלבושים און געהט.

— און דו, — זאגט דער בעל שם צום שמש, — נעם דוד׳לס מלבושים און טראג אין בית המדרש אריין. זאג, איך האב געהייסען, ער זאל זיך אפוואשען און אנטאן, און אריינגעהן און זיצען מיט זיין מאמען ביז איך וועל זיי רופען.

וויל שוין דער שמש געהן.

— און דערנאך — זאגט נאך דער בעל שם — זאלסט דו מיר תיכף ומיד אהער רופען אונזער שכן דעם דין און דעם סופר אין רוף מיר אריין א מנין אידען, נאר באלד...

קומען באלד אלע גערופענע, בעט זיי דער בעל שם זיצען, און דעם צוריקגעקומענעם שמש הייסט ער אריינגעהן צו דער טאכטער און הייסען אנגרייטען כיבוד.

— וואס פאר א כיבוד, רבי?

— ווי אויף תנאים... ווי אויף א געהויבענע תנאים.

געהט דער שמש, זאמט זיך א ווייל און קומט צוריק:

— גרייט!

— אצינד ברענג אריין ליכט, מעהר ליכט.

טוט ער אזוי, דער שמש. און ווי ער ברענגט אריין לייכטער מיט ליכט און צושטעלט אויפ׳ן טיש, פארפאהרט פאר דער טיר א בויד, קריכט אראפ פון דער בויד שמואל און דער דייטש, און די דייטשקע, און דאס טעכטערל, און קומען אין שטוב.

שטעלט זיך אויף דער בעל שם:

— שלום עליכם, אברהם!

און דערלאנגט דעם דייטש די האנט.

— ס׳קאצעל־קומט, נשים! זעצט אייך.

ווערען זיי נבהל ונשתומם און זעצען זיך; די דייטשקע מיט דער טאכטער, פארשטעהט זיך, ביי א באזונדער טיש.

— און אצינד, דייטש־לעב, — שמייכעלט דער בעל־שם — אמונה, זעה איך אין אייערע אויגען, אין מיר האט איהר שוין... פארצעהלט זשע אונז פריהער פאר אלעם — ווי אזוי איהר זייט רייך געווארען. און דו, שמואל, עפען אביסעל די טיר, — שמייכעלט צו איהם דער בעל שם, — מאך א שפארע, דארט זיצט זוגתך טריינע מירל, און זי האט ליעב צו הערען דורך א שפארע.

שמואל פאָלגט גאַנץ גערן, און דער דייטש אברהם פאַר־צעהלט, דייטשמעריש, אָבער מען פאַרשטעהט איהם.

מיט יאָהרען צוריק איז ער געווען אַ גאַנץ אָרעמער דייטש... געהאַט עטליכע טאָלער און פּירכט געהאַט געשעפטען צו מאַכען. איינמאל ביינאַכט, ער קאָן נישט שלאָפען פאַר זאָרג, קלאַפּט עמיץ אָן אין פענסטער... זומער־צייט, שטעהט ער שטיל אויף פון בעט, ער זאָל דאָס ווייב נישט וועקען, און עפענט דאָס פענסטער. אַ באַ־קאַנטער געווען פון הינטער דער שטאָדט, ביי דער אויסגוס פון ים... זאָגט איהם יענער אַזוי: אַ פאַרפּלייצונג האָט אָנגעבראַכט געהילץ... פויערים האָבען עס אַרויסגעצויגען מיט אייזענס, און מען קאָן עס קויפען כמעט אומזיסט...

— הערסט, שמואל? — מאַכט דער בעל שם צו שמואל'ן. וואָס האָט שוין נישט אָפּגעטראָטען פון דער טיר מיט דער שפּאַרע — דיין געהילץ!

— איך הער, רבי, איך הער! — ענטפערט שמואל און ווענדט זיך פאָרט פון שפּאַרע נישט אָפּ.

און דער דייטש מיינט, ער דאַרף זיך פאַרענטפערען, און ניט צו פאַרשטעהן, אַז על פּי דין איז אַזאַ געהילץ הפקר... און פאַר־צעהלט, ווי ביליג ער האָט דאָס האָלץ געקויפט... און וויפיעל ער האָט פאַרדינט דעריינען... אַ שפּאַר ביסעל געלט.

— און געלט—שלאָגט איהם איבער דער בעל שם—געהט שוין צו געלט... און באַלד איז דיר די בת יחידה געבוירען געוואָרען... קיין עין הרע אַ בתולה נאָה... אַ מיידעל, ווי מען זאָגט ביי אייך, ווי אַ גאָלד... שוין אַ כלה?

— דאָס איז דאָך, געטליכער מאַן, — פאַרברעכט דער דייטש די הענט — מיין אומגליק... זי קאָן ניכט פערלאָבט ווערען!

— פאַרוואָס?

פאַרצעהלט דער דייטש, אַז מען האָט זיין טאָכטער גערעדט די שענסטע און די בעסטע שידוכים, איז זי אָבער אַ קראַנקהייט באַפאַלען. אַזוי ווי מען ווייזט איהר אַ חתן, ווערט איהר איבעל, נישט גוט, און אַז מען פיהרט זי נישט שנעל אַרויס, פאַלט זי אין אָהנמאַכט.

— אַזוי ווי איהר זעהט, געטליכער מאַן, געזונט און פריש... און קוים דערזעהט זי אַ חתן — חלש'ט זי...

ער איז שוין געווען מיט איהר און גערופען צו איהר די בעסטע דאָקטוירים, די גרעסטע פּראָפעסאָרען...

— אַזוי? — שלאָגט איהם דער בעל שם איבער מיט אַ שמייכעל, — דאָס איז איינגאַנצען דיין צער און דיין צרה? און איך, זעהסט דו, אברהם־דייטש, וועל איהר געבען אַ חתן, און נישט נאָר זי וועט נישט חלש'ן, עס וועט איהר נישט איבעל ווערען, זי וועט איהם אָקעגען לויפען מיט פאַרשפּרייטע הענט!

— שמואל, לאָז אַריין דיין ווייב און דיין זוהן.

לאָזט אויף זיך טריינע מירל נישט וואַרטען און בלייבט שטעהן, ווי צוגעשמידט צום אָרט נעבען מאַן, קומט נאָך איהר אַריין — דוד'ל... און דאָס אינגעל מיט'ן מיידעל דערזעהען זיך, און דערשרעקען זיך, איינס אויף אַנדערען קוקענדיג, און ווערען בלאַס, און ווערען באַלד רויט... און נישט ווילענדיג מאַכען דאָס אינגעל מיט'ן מיידעל עטליכע שריט זיך אַקעגען, און בלייבען שטעהן צומישט, פאַרשעמט, און רייסען קוים אָפּ איינס פון אַנדערען די אויגען מיט געוואַלד און לאָזען די קעפּ אַראָפּ, צומישט.

— נו, מיידעל, — פרעגט דער בעל שם, — נישט איבעל? דעם חתן ווילסטו?

ציטערט זי און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ...

— און דו, דוד'ל, ווילסט די כלה?...

און געביט איהם:

— ענטפער, דוד'ל!

ענטפערט דוד'ל בפירוש:

— יאָ, רבי!

— און דו וועסט נאָך, — זאָגט דער בעל שם, — אַ דרשה זאָגען. סופר, שרייב תנאים...

— — — — — — — — — — —

אין די תנאים האָט דער בעל שם געהייסען איינשרייבען, אַז אברהם'ל דייטש גיט זיין גאַנץ פאַרמעגען אָפּ נדן דער טאָכטער... און הן אבות החתן ווי אבות הכלה וועלען עסען א י י ב י ג ע קעסט ב י י ד י ק י נ ד ע ר.

דרשה געשאנק.

דאס, וואס איך וויל אייך פארצעהלען, איז אין שבחי בעל־שם־טוב נישטא, אין קיין אנדער ספר פון סופרי־מעשיות נישט גע־דרוקט. און דאך נכרים דברי אמת, ווי איהר וועט אליין זעהן...

אנגעהויבען האט זיך די מעשה גאר, גאר פריהער, בשעת דער שווארצער מגפה. א פופצעהן מייל אונטער מעזשיבעזש איז פאראן א דארף, אנהויבען הויבט זיך אן דאס דארף מיט א קרעטשמע. האבען די קרעטשמע צוויי שותפים געהאלטען. אלטע אידען האבען געדענקט, אז די קרעטשמע ביים כראביע האבען געהאלטען צוויי שותפים. מען האט נאך דאמאלט געוואוסט די נעמען זייערע: איינער האט געהייסען דער קרומער אליה — א קרומען אקסעל גע־האט, דעם צווייטען האט מען גערופען: דער ברייטער מיכל, א איד — א פארנעם, קוים אריין אין טיר. די אידען האבען געלעבט, געהאנדעלט בשותפות, קינדער געהאט...

איז ארוים אויף דער וועלט די שווארצע מגפה, אריינגעכאפט זיך אין קרעטשמע, צוגענומעןביידע שותפים מיט די ווייבער און קינדער א סך. געבליבען איז נאר נאכ'ן קרומען אליה א אינגעלע און נאכ'ן ברייטען מיכל א מיידעלע, אין די זעלבע יאהרען, צוויי קליינע קינדער. דער ברייטער מיכל מיט'ן ווייב — דאכט זיך, שיינדעל האט זי געהייסען — זענען שפעטער געשטארבען און פאר'ן טויט האבען זיי די ביידע קינדער פאר'קנס'ט... די דער־מאנטע שיינדעל האט דאמאלט פון אונטער'ן קישען אפיר גענו־מען א פינגערל א זילבערען — איהר טבעת קדושין געווען — און איבערגעגעבען דעם אינגעל, זאגענדיג צו איהם כמעט ביי יציאת נשמה:

— אט מיט דעם פינגערל זאלסטו דערלעבען מקדש צו זיין דיין כלה...

אויסער די צוויי קינדער—חתן־כלה, איז געבליבען א משרת. האט דער משרת אפגעטאן אזא מעשה רע. ער האט מעלים געווען פאר'ן פריץ די קינדער, איבערגענומען די קרעטשמע. געצאהלט ארענדע דער פריצה. דאס האט איהר דער פריץ איבערגעגעבען, ווי עס הייסט ביי זיי — אויף שפילקעס. די קינדער געפייניגט, און ווי זיי זענען אויפגעוואקסען, האט ער איהם געמאכט ביי זיך פאר א משרת, דאס מיידעל פאר א קעכין. אין מעזשיבעזש האבען דאמאלט גערעדט דערפון פיעל: נאר פופצעהן מייל ווייט. דער ארענדאר איז געוואָרען א גבר אלים, א חשוב ביים פריץ און ביי דער פריצה, און דער פריץ איז געווען א כראביע, פון די שרי המלכות, קיין איד כמעט נישט צוגעלאזט, — זאל ער קומען אויף אנדערע הענט! האט מען גערעדט און גערעדט און פארגעסען. די קרעטשמע האט מען גלאט געמיטען: אן ארעמאן אורח פלעגט ער, דער געוועזענער משרת, נישט לאזען איבער דער שוועל, פון רייכערע — די הויט גערעסען...

ארויסגעשוואומען איז די מעשה נאך אמאל ערשט אין פער־צעהן, פופצעהן יאהר ארום. עפעס עמיץ איז דורכגעפאהרען מע־זשיבעזש. געווען ביים בעל־שם, גלאט אזוי, ארייגעקומען און פאר־צעהלט, באשר בכן, דער ארענדאר פון יענער קרעטשמע, דער גע־וועזענער משרת, שדכנ'ט זיך צו דער יתומה. אניט, זאגט ער, וועט ער ביידע ארויסטרייבען...

עס נעמט אן ביי דער לעבער, נאר אז דער בעל־שם הערט און שווייגט, שווייגט מען. זיפצט מען אפ, מען דערמאנט אמאל, און מען זיפצט ווייטער און מען פארגעסט ווידער...

דער בעל שם, אפנים, האט ניט פארגעסען, ווי איהר וועט זעהן...

איינמאל, ווינטער־צייט, איז א גרויסע זאווערוכע געווען. שניי און שניי. שבת פארנאכט איז פלוצלינג שטיל געווארען. מען קוקט ארויס פאר הבדלה: אן אויסגעשטערנטער הימעל. גוט. דער בעל שם מאכט הבדלה. הארעל, כמנהגה, האלט די הבדלה. די רבי'צין שטעהט איז טיר. אין שטוב—איבער דער וואך, צוליעב די שנייען, קיינער נישט געקומען — קוים א מנין.

נאָך הבדלה, מען ווארט, דער בעל שם זאָל אנהויבען ויתן לך. דער בעל שם פארטראכט זיך. דערנאָך צושמייכעלט ער זיך און גיט אַ זאָג:

— ווייסט איהר וואס, רבותים? מיר וועל׳ מיר פאָהרען שפּאַצירען, די רבי׳צין מיט האדלען פאָהרען מיט. „ויתן לך״ וועלען מיר זאָגען אויפ׳ן וועג. די אליהו׳ס וועל׳ מיר, אם ירצה השם, זינגען אין וואלד און „מלוה־מלכה״ וועל׳ מיר פראווען אין אַ קרעטשמע. אַ שמחה וועט זיין! זאָל וואסיל איינשפּאַנען דעם גרויסען שליטען.

לויפט מען ארויס אַנזאָגען וואסילין. און ער הייסט די רבי׳צין מיט האדלען איינפּאַקען אַ מלוה מלכה כיד המלך, נישט פארגעסען מיטצונעמען אביסעל לעקער און בראנפען, דאָס ביסעל וויין, וואס איז פון קידוש והבדלה געבליבען, אויך מיטנעמען...

ווי געזאָגט, אַ שמחה וועט זיין, זאָגט ער. ווערט שוין פרעהליך אויפ׳ן הארץ.

דערביי איז געוועזען דער סופר פון שטאָדט.

— האָסט נישט ביי דיר אַ גרייטע כתובה, נאָר ארייננצושרייבען נעמען?

מען ווערט נתפעל פון דער שאלה. דער סופר דערמאָנט זיך: ער האָט אין דער היים. הייסט ער איהם לויפען, ברענגען און מיטנעמען. ווערט מען נאָך מעהר נתפעל, נאָר איבערפרעגען פרעגט מען נישט.

עס געהט נישט אוועק אַ האלבע שעה, וואסיל מיט׳ן ברייטען שליטען פארפאָהרט; אויפ׳ן ערשטען געזעס זיצט שוין די רבי׳צין און האדעל, די מלוה־מלכה אין אַ טישטוך געפּאַקט אין דערמיט. אויפ׳ן צווייטען געזעס — דער בעל שם מיט צווישען צוויי עלטערע מקורבים. די רעשט כאַפּט זיך אויף, וואו עס איז, מיט די פיס פון שליטען ארויס. אַ יונגערמאַן האָט זיך ארויפגעכאַפּט, זיצענדיג, ווי זיין שטייגער איז געוועזען, מיט די פיס אויפ׳ן דישעל און מיט׳ן פּנים צום עולם, פרעגט:

— וואו אהין?

דער בעל שם ענטפערט: פאָהר!

פרעגט שוין וואסיל נישט איבער, גיט אַ שמעק אריין אין היי אין ווינקעל די בייטש, ביגדט צו די לייצען צום ראָגד פון וואַר־

סאנג, און — א הוק אויף די פערדלעך! הויבען אן די פערדלעך, איבער דער זאווערוכע־צייט אויסגערוהט, די פיסלעך מיט חשק, יאגען אויף א שנייענעם שטויב פון אונטער זיך, און מען טראגט זיך, ווי אין א ליכטיגען נעבעל, פון געסעל ארויס, פון מארק, פון שטאדט, אין ווייטען, ברייטען שנייענעם רחבות אריין, און מען זאגט „ויתן לך“...

אפגעזאגט „ויתן לך“ — הויבט זיך אן דער וואלד. דאמאלט אודאי פופצעהן מייל וואלד געווען... א שליאך א ברייטער, גלאטיג ווי איבער'ן טיש. און מען זינגט די אליהו'ס... דער נגון שטארקט זיך, דער אויסגעשטערנטער הימעל, זעהט מען בחוש, איז מקבל תענוג, ממש די שטערענדלעך טאנצען אונטער. די אלטע נאדעל־בוימער — רעכטס און לינקס ציטערען אויף ממש, ווי פון שלאף, און באשיטען אונז מיט שנייעלעך, ממש ווי מען באשיט חתנים מיט האפינקע. אמאל שפרינגט אויף א דערוועקטער שווארצער פויגעל און גיט א שאס ערגעץ אוועק מיט א געשריי אין אויער אריין און ווערט נעלם... אמאל וועקען זיך גאנצע שארען קליינע פייגע־לעך און פיפץ, פיפץ, פיפץ — זיי האלטען אונטער, זינגען מיט... און אזוי ווי עס ענדיגען זיך די אליהו'ס, ענדיגט זיך אויך דער וואלד, ווייטער א רחבות, זעהט זיך פון ווייטען א דארף, פאר'ן דארף א גרויס הויז — די קרעטשמע. דערקענט מען די קרעטשמע מיט'ן דארף, ווייסט מען — פופצעהן מייל פון שטאדט. פון דעם אבער רעדט מען נישט. מיט קפיצת הדרך, אז מען פאהרט שפאַ־צירען, איז מען געוואוינט.

— שטעה! — הייסט דער בעל שם. בלייבט מען שטעהן.

— דא, — זאגט ער, — וועל' מיר ווארטען אביסעל.

ווארטען איז ווארטען. שפרינגען טייל אראפ פון שליטען אויסגלייבען די פיס.

דערוויייל דערהערט מען, עפעס קאפיט זיך אלץ נעהנטער און שניי. מען קוקט זיך צו — א פערד מיט א שליטעל. נעהנטער — זעהט מען — צוויי פארשוין פאהרען. א שפאדיקעל מיט א שאל. זיי ווילען פארביי, שטעלט זיי דער בעל שם אפ.

— הער נאר דו, בחור איינער! — נאר אהן כעס, טאקע מיט א שמייכעלע — ווי פאהרט עס א בחור מיט א בתולה אליין ביי דער נאכט?

דער בחור קוקט זיך צו, ווער פרעגט עס איהם. זעהט ער, אפנים, ווער. און אפשר אַז קול דערקענט, אַז עס איז נישט קיין פראָסטער בשר ודם.

— מיר זענען חתן־כלה, רבי!

— דאָס וויים איך... אבער פאַר חופּה וקדושין...

— דער בעל־הבית, רבי, האָט אונז ארויסגעטריבען, ווי מיר שטעהען און געהען. א מערבה, א פּויער א שכן האָט אויף אונז רחמנות באקומען, א פערד און שליטעל געבאָרגט און פּעלצען, און געראַטען, איך זאָל ארייננפאָהרען קיין מעזשיבעזש צום ראבין, צום בעל־שם... ער וועט מיר העלפען...

— איז דיר — ענטפערט מען איהם אַלץ מיט א שמייכעלע— דער בעל שם אקעגען געקומען...

ער גלויבט קוים זיינע אויערען און אויגען.

— און פאָהר צוריק! — זאָגט דער בעל שם.

— ער וועט אונז דער׳הרג׳ענען... ער האָט געזאָגט...

— פאָהר, אַז מען הייסט!

דרעהט ער אוים און פאָהרט צוריק. דער גרויסער שליטען— נאָך... ווער ס׳איז אראָפּ, כאַפּט זיך צוריק אויף אדער געהט שוין דאָס שטיקעל צופוס...

און אַז דאָס קליינע שליטעל פאַרפאָהרט פאַר דער קרעטשמע, לויפט ארוים דער ארענדאַר מיט א דראַנג...

גיט מען אויף איהם א געשריי פון גרויסען שליטען. דערזעהט ער אַן עולם, רופט ער מיט כעס:

— שלעפּערס געקומען! פאָהרט ווייטער! נישטאָ, וואָס צו עסען, נישטאָ וואָס צו טרינקען, נישטאָ וואו צו נעכטיגען, היידאַ!

און לויפט צוריק און וויל פאַרשפּאַרען די טירען.

טאַקע א גבר דער איד דער גזלן, פלייצעס, הענט און א דראַנג אין דער האַנט. איז דאָך אבער דאָ וואסיל, און דער עולם קומט צו־הילף... אין א מינוט ארום זענען אלע אין שטוב.

— דאָ נעכטיגען! — זאָגט צו איהם דער בעל־שם — וועל׳ן מיר נישט, עסען און טרינקען האָבען מיר, ברוך השם, מיטגע־בראַכט. דו זוך אוים, געפין און צינד אַן מעהר ליכט...

וואַרטשעט עפּעס דער גזלן אונטער דער נאָז, נאָר פאָלגען פאָלגט ער. עס ברענען שוין עטליכע ליכט אין מעשענע לייכטער.

— דערלאַנג נאָך אַ טישטוך!

— זאָל ער דערלאַנגען! — ברומט ער, דער גזלן, מיט אַ בייזען בליק צום אַרויסגעטריבענעם בחור.

— דו ביסט זיין משרת! — שרייט איהם אָן דער בעל־שם. כמעט דאָס ערשטע מאָל האָט מען איהם געהערט אָנשרייען. און עס האָט אַ פּעולה געהאַט. דער אַרענדאַר איז מיט אַמאָל איינגע־צויגען, קליין געוואָרען, ממש איינגעשרומפּען, צוריק משרת גע־וואָרען. און ער געהט און ברענגט אַריין פון צווייטען שטוב אַ טישטוך.

— דרעננלעך האָסט דו? — פרעגט דער בעל־שם.

ער ענטפערט שוין, ווי אַ משרת:

— איינהייצען אין אויווען, אָדער אויפ'ן קוימען?

— ניט צום הייצען. ברענג פיער גלייכע דרעננלעך...

ברענגט ער.

זאָגט דער בעל שם צום סופר: נעם אַרויס די כתובה און שרייב איין די נעמען פון חתן כלה...

און דערנאָך:

— זאָל עמיץ פון טישטוך מיט די דרעננלעך מאַכען אַ חופּה.

דער סופר שרייבט. די חופּה ווערט געמאַכט. חתן־כלה שטעהען שוין אונטער דער חופּה. דער בעל־שם איז שוין מסדר קדושין... מזל־טוב, מזל־טוב! און מען זעצט זיך צו מלוה־מלכה. וואָס די רבי'צין מיט האָדלען האָבען דערווייל אויסגעפּאַקט און צום טיש געגרייט...

מען עסט, מען טרינקט, מען זינגט אונטער... — רופט זיך אָן דער בעל־שם:

— אַצינד דרשה־געשאַנק! די נאַכט שטעהט נישט פאַר ביי־דע, חתן'ס צד און כלה'ס צד מיט אַמאָל. און ער צושמייכעלט זיך און רופט אויס:

— איך פון מיין צד גיב דעם פּאַר־פאָלק די אַרענדע פון דער קרעטשמע!

— די קרעטשמע איז מיין! — צינדט זיך אָן דער געוועזע־נער משרת.

— נאַרישער רשע! אַצינד בין איך פריץ, און די קרעטשמע איז מיין, און איך גיב זי איבער דעם פּאַר־פאָלק.

— און ווענדט זיך צו דער רבי'צין:

— און דו, רבי'צין, וואָס גיסט?

גלייך מיט אַלע נעמט עס די רבי'צין אַן פּאָר אַ שפּאָס, דעם גזלן להכעיס, און רופט זיך אָן:

— אַז דער מאַן איז אַ פּריץ, איז דאָס ווייב אַ פּריצה, און אַזוי ווי דעם אַפּצאַהל פון קרעטשמע (אַ דבר ידוע געווען) נעמט די פּריצה אויף שפּילקעס, שענק איך זיי דרשה־געשאַנק — דעם אַפּצאַהל אויף אייביגע יאָהרען!

— אויב אַזוי — מאַכט האָדעל — אַז דער טאַטע איז אַ פּריץ און די מאַמע אַ פּריצה, בין איך דאָך דעם פּריצ'ס איינ־ציגע טאָכטער, האָב איך אויך אַ שטיקעל דעה.

— אודאי, אודאי!

— גיב איך פון מיין צד פון גאָרעלגע דעם פּאָר־פאָלק 300 וויאָדער בראָנפען.

— רבותי, מיר וועלען בענשען!

בענשט מען נאָכ'ן שפּאָס, ווי מען האָט געמיינט...

נאָכ'ן בענשען מאַכט דער בעל־שם צום פּאָר־פאָלק:

— אַצינד מעגט איהר שוין פאָהרען צוזאַמען. וואו אַהין ווילסט דו פאָהרען?

— איך האָב דאָ אַ פעטער נישט ווייט, אינ'ם וואַלד... אַ סמאָלע־מאַכער...

שמייכעלט דער בעל־שם און זאָגט:

— אַ מענש פאָהרט, און גאָט פיהרט... פאָהרט געזונטערהייט. נאָר די שיריים, זאָגט ער, מיט'ן טישטוך צוזאַמען נעמט אייך מיט. דער עיקר, פאַרגעסט נישט דאָס איבערגעבליבענע ביסעל וויין. עס וועט אייך צוניץ קומען...

געשיהט אַזוי. פאָהרט דער קליינער שליטען אָפּ אין איין זייט. מיר אויפ'ן גרויסען צוריק קיין מעזשיבעזש... מן הסתם וועט זיין קפיצת הדרך. שוין זיצענדיג אויפ'ן שליטען, ווענדט זיך דער בעל־שם צום אָרענדאַר:

— און דו, גזלן, זאָלסט תשובה טון! פון קרעטשמע וועסט דו אַרויס, זיין נע ונד, פאַרוועהן גלות. דערנאָך וועט דיר גאָט העל־פען, און וועסט אַנקומען צו מיר נאָך תשובה... פאָהר, וואַסיל...

דער שליטען ריהרט, דער אָרענדאַר בלייבט ווי פאַרשטיי־

נערט... נאך ביים וואלד אריינפאהרענדיג, האט מען זיך אומגע־קוקט און געזעהן, ווי ער שטעהט נאך אלץ און רייבט די אויגען. גלייך ווי ער וויל זיך אויפכאפען פון א בייזען חלום...

און וואס דער בעל־שם האט געזאגט, איז, פארשטעהט זיך, מקוים געווארען...

אין עטליכע יאהר ארום איז דער ארענדאר געקומען און מקבל תשובה געווען... עס איז איהם שוין ניט געווען צו דערקענען. דאס איז שוין אן אנדער מעשה. הערט בעסער, וואס עס איז געשעהען מיט'ן דרשה־געשאנק. מען האט דאך געמיינט: א שפאס...

פאהרט דער יונגערמאן מיט'ן ווייבעל אין וואלד אריין, דאס טישטוך מיט די שיריים פון מלוה־מלכה, מיט'ן ביסעל וויין אין פלעשעל איינגעפאקט. דארפען זיי פאהרען צום סמאלע מאכער לערך א האלבע שעה. פאהרען זיי שוין א שעה און אנדערהאלבען, און דעם פלאץ מיט'ן שווארצען הייזעל זעהט מען נישט. קיין וואונדער נישט, אנגעפאלען אזא שניי, געה דערקען א וועג! אבער אומרוהיג ווערט מען, און אביסעל שרעקט מען זיך אויך. דערווייל שטעלט זיך דאס פערדעל, זאל עס אפכאפען, ס'האט שוין לאנג אין מויל נישט געהאט. זאגט דאס ווייבעל:

— א צער־בעלי־חיים, אפשר געבען איהם א שטיקעל חלה פון די שיריים...

— מהיכא תיתי...

נעהט דאס ווייבעל אראפ פון שליטעל, פאקט אויף, דער־לאנגט צו א שטיק חלה און גיט דעם פערד צום מויל; קייט עס.

שפרינגט דער יונגערמאן אויך אראפ פון שליטעל; די פיס אויסגלייכען. אגב, מעג מען געהן אביסעל צו פוס.

דאס פערד האט אפגעקייט, אפגעטשוכעט זיך. מען וויל ריה־רען פון ארט, דערהערען זיי פון הינטער די בוימער א טיפען קרעכץ. און נאך א קרעכץ...

— אזא חיה? — פרעגט דאס ווייבעל.

— ניין, דאכט זיך, א מענש.

— געווים אַז אומגליק געשעהען...

— לאָמיר זוכען!

געהען זיי נישט לאַנג נאָכ'ן קרעכץ און טרעפען אַ ליגענדיגען מענש, אַ פאַר'חלש'טען. אַ יונגער מענש, קענטיג, אַ פריץ אַ יונגער. נעבען איהם די ביקס. נישט ווייט אַ געשאָסענער האָז.

— אַ פאַרבלאָנדזשעטער, פאַר'חלש'טער יעגער, טרעפט דאָס ווייבעל.

— אודאי אַזוי, ברענג דאָס ביסעל וויין...

דערמאָנען זיי זיך, דער בעל־שם האָט געזאָגט: עס וועט צו־ניץ קומען...

ברענגט דאָס ווייבעל דעם וויין, אַ שטיקעל לעקעך. דער יונגערמאַן האָט זיך דערווייל אָנידערגעזעצט און דעם פאַר'חלש־טענם קאָפּ צו זיך אויף די קניהען גענומען. דאָס ווייבעל באַשמירט איהם די ליפּען מיט וויין. ער עפענט קוים די אויגען אויף:

— וואו בין איך?

גיסט זי איהם אַריין עטליכע טראָפּען אין מויל אַריין, שלינגט ער. דערלאַנגט איהם צום מויל אַ שטיקעל לעקעך — בייסט ער איין. קומט צו זיך.

ווער איז עס געווען, מיינט איהר?

טאַקע דער יונגער כּראַביע אַליין. שוין דריי טאָג איז ער אַרום מיט יונגע פּריצים אויפ'ן געיעג. אַז אַ זייט זיך גענומען. וואָס? ער קען נישט דעם וואַלד? און פאַרבלאָנדזשעט. פריהער האָט ער נאָך געהערט שיסען, דערנאָך האָט אויפגעהערט. זיי האָבען אודאי באַמערקט, אַז ער פעהלט. און גלאָפּען איהם זוכען, און זענען זיך נאָך מעהר צוגאַנגען... הונגעריג און דורשטיג, האָט ער זיך, נאָך אַ לאַנג אומזיסטיג אַרומבלאָנדזשען, אַנידערגעזעצט אונטער'ן בוים... אוועקגעשליידערט פון זיך דעם געשאָסענעם האָז, כּדאי געווען צו־ליעב איהם צו פאַרבלאָנזשען... אַזוי פיעל נאָכצולויפען!... דער־נאָך האָט ער שוין שוואַך געהערט טרומייטערען ערגעץ ווייט אין רופען און הוקען אין וואַלד. געהן האָט ער שוין נישט געקאָנט, און זיין שוואַך געשריי האָט מען נישט געהערט... דערנאָך איז שטיל געוואָרען... ער איז, דאַכט זיך, איינגעשלאָפען, אפנים, מיט אָפענע אויגען... ווייל אין אַ צייט אַרום האָט ער געזעהן, ווי מענ־שען—פויערים און יעגער מיט ברענענדיגע שטורקאַצעס אין די

הענט לויפען ארום איבער'ן וואלד, טרומייטערען, רופען, הוקען...
ער הערט, זעהט, וויל און קאן זיך נישט אויפכאפּען...

א מערכה, זיי האבען איהם געפונען. ער וואלט שוין מעהר נישט אויפגעשטאנען.

נעמען זיי דעם יונגען כראביע, וואס איז שוין צו זיך געקומען, מאכען איהם אין שליטען א באזונדער געזעס, זעצען איהם און זיך אויף, צום פאהרען.

— מערקווירדיג, מאכט ער, דער יונגער כראביע, אצינד זעה איך באשיימפּערליך, וואו איך בין. אט דארט, — ווייזט ער מיט'ן פינגער — איז דער פּאלאץ. פאהרט אהין גלייך צווישען די בוי־מער...

— עפּעס א פארבלענדעניש געווען! — מורמעלט ער און בלייבט שטיל, נאכטראכטענדיג, וואס איז דער היים ביי פאטער און מוטער טוט זיך... און זיי פאהרען, ווי ער האט זיי געוויזען, גלייך צום פּאלאץ צו...

נישט ליכטיג איז אין פּאלאץ, אין איין פענסטער אינגאנצען שיינט דורך דער פאָרהאנג. אין דער רעשט חושך.

מען פאהרט אריין אין טויער. לויפען מענשען אקעגען: ווער קאן עס פאהרען ביי דער נאכט?... א געבילעריי ווערט פו־ן הינט. איינער שפּרינגט צו, דערקענט, ווער עס איז אין שליטען, און לאזט ארויס גאר אן אנדער ביל, א ביל פון פרייד, פון א גוטער בשורה. לויפט געהנטער צו א דינער:

— דער פּריץ, דער יונגער פּריץ!...

לויפט מען צום פּאלאץ, טוט מען צו ווייסען. לויפען ארויס פאטער און מוטער און געסט...

— מיין זוהן, מיין זוהן, מיין ברודער!

— סטאש, סטאש, ער לעבט! — שרייען די יונגע פּריצים, וואס האבען נאך די יענערישע קליידער נישט אראפּגעווארפען. מען כאפּט דעם פאן סטאניסלאוו אויף די הענט, מען טראגט איהם אין פּאלאץ. מיט אמאל ווערט ליכטיג אין אלע פענסטער, דער גאנצער הויף — באלויכטען.

דער פאן סטאניסלאוו פארצעהלט. אלע רינגלען איהם ארום און הערען מיט א פארכאפּטען אטעם... דערווייל איז שוין געדעקט דער טיש: ווייז, פארבייסעכטס. מען זיצט שוין, מען עסט, מען

טרינקט, מען פרעהט זיך, און דאמאָלט גיט עמיץ א פרעג:
— און ווער האט דיך אויפגעהויבען, ווער האט דיך געבראכט, טייערער סטאש?
זענען אַלע פארשעמט געוואָרען. מען האט גאָר אן די, וואס האָבען דעם בן־יחיד'ם לעבען מציל געווען, פארגעסען!
— אזא אומרעכט! פארברעכט דער פריץ די הענט.
— וועה מיר! — קרעכצט די פריצה: — גאָט וועט עס מיר ניט מוחל זיין...
— אויף א שליטעל געווען, געמוזט אוועקפאהרען. גארנישט אין מויל אריין גענומען, דאס הארץ נישט אונטערגעלעגט, נישט אנגעוואָרעמט זיך, קיין דאנק נישט געהערט — זאגט מיט שמערצ־ליכע טרערען די טאכטער.
דאמאָלט קומט צו דער קאמערדינער און ראפּאָרטירט:
— ער האט אַלץ געטאָן, וואס מען דאַרף. דאס פערדעל אויסגעשפּאנט און אין שטאַל אריין גענומען, פרישען האָבער גע־שיט. זיי—א אינגעל, דאכט זיך, און א מיידעל, אפשר שוועסטער און ברודער, אפשר חתן־כלה... זיי האט ער זיך אין קיך באַ־שערט, זיי זאָלען זיך אנוואָרעמען, עסען האָבען זיי זייער אייגענס מיט זיך געהאט. זיי זענען אידישע קינדער, זיי ווילען אונזער נישט פארזוכען...
— אהער ברענג זיין אריין, אהער! — רופט אויס דער פריץ.
— אליין וועל' מיר זיי ברענגען, אליין! — רופט אויס דעם יונגען כראביעס מוטער און שוועסטער... און זענען ארויס און דאס יונגע פאר־פאָלק געברענגט אין זאַל אריין...
— א דאנק, א דאנק... א דאנק...
די אַלטע פריצה פרעגט: וואס זייט איהר: שוועסטער און ברודער, חתן־כלה?... ביי אייך פאהרט מען דאך נישט אזוי...
— ניין, — זאגען זיי, — מאן און ווייב ערשט נאך דער חופה! צו א פעטער אין וואלד זענען מיר געפאהרען... צום סמאלע־מאכער...
— אויב אזוי, — רופט מען פון אַלע זייטען: — מזל־טוב אייך, מזל־טוב! זאָל זיין מיט גליק, הייסט עס אויף זייער לשון...
— קומט דאך אייך, — רופט זיך אפּ דער יונגער כראביע,— מתנות... דרשה־געשאַנק, אויף זייער לשון, חתונה־געשאַנק.

רופט זיך באלד אפּ דער אַלטער פּריץ:

— איך גיב זיי אוועק די בעסטע קרעטשמע אין מיינע גיטער.

און די פּריצה זאָגט:

— און איך שענק זיי די ארענדע אויף אייבּיגע יאָהרען!

און די טאָכטער רופט זיך אָן:

— איין איינציגע טאָכטער בין איך, אייסער מיין ברודער. האב איך אויך א שטיקעל דעה!

— האַסט, גיב — זאָגען פאָטער און מוטער — וואס דו ווילסט!

— גיב איך 300 וויאָדער אקעוויט פון גארעלנע.

וכך הוה... דער יונגער פּריץ האט נאך עפּעס אריינגעשטופּט אין די הענט אריין...

איך האב נישט געצעהלט...

דערווייל איז אריין מוזיק, מען האט אָנגעהויבען טאַנצען..

אונזער פּאָר־פּאָלק האט זיך שטילערהייט ארויסגע׳גנב׳עט און געפאָהרען צוריק—צו זיך אין קרעטשמע אריין...

דער ארענדאר איז שוין דארט נישט געווען... שוין געגאנגען ליידען גלות.

מסירת נפש.

מיט דורות צוריק האט גע'שמ'ט אין צפת א איד — א גביר און א גרויסער בעל־מזל, וואס האט געהאנדעלט מיט צירונג און אלערליי אבנים טובות ומרגליות. און געווען איז דער איד אן עושר אן אמת'ער, נישט קיין אויפגעבלאזענער, ווי היינטיגע צייטען.

און געהאט האט ער זיין אייגענם א פאלאץ, וואס האט ארויסגעקוקט מיט ליכטיגע פענסטער־אויגען אויפ'ן ים־כנרת; און ארומגערינגעלט האט דעם פאלאץ א גארטען א גרויסער, מיט אלערליי גלוסטיגע בוימער, מיט כל המינים פרות און זינגענדיגע פייגעל, און מיט אלערליי שמעקעדיגע קרייטעכצער און אנדערע געוויקסען, הן לנוי והן לרפואה. —

און געהאט האט דער גארטען וועגען ברייטע, אויסגעשיטע מיט גאלדענעם זאמד, און די בוימער איבער די וועגען האבען זיך אין דער הויך צוזאמענגעטראפען מיט די קרוינען, און צוזאמענגעפלאכטען און פארשאטענט די וועגען.

און סוכות זענען צוזיים און צושפרייט געווען אויף אלע עקען פון גארטען צום אפרוהען, און וואסערלעך, איבער וועלכע די טייערסטע ווייסע גענז — בר־אווזות — זענען ארומגעשוואומען, האבען געגלאנצט ווי די שפיגלען, — ממש א גן־עדן התחתון.

און געהאט האט דער איד זיינע אייגענע אייזלען און קעמלען, צו פאהרען איבער דעם מדבר; און אן אייגען שיף, מיט אייגענע שיפסלייט און א שיפס־קאפיטאן — צו פאהרען אויפ'ן ים...

מיט איין ווארט: אויף כל ישראל געזאגט...

און דער איד האט נישט געקארגט די מטבע, און האט זיך משדך געווען מיט רבנים, ראשי־ישיבות און אזוי גאונים פון בבל און ארץ־ישראל, און האט אוועקגעשיקט די קינדער למקום תורה; און וואס א זוהן ער האט אוועקגעשיקט, האט ער איהם באלד אפגעטיילט בכסף מזומן זיין חלק ירושה, אויסער נדן, כיד הגביר.

און מיט דער צייט איז ביי איהם געבליבען נאר די אינגסטע טאכ־טער מיט'ן נאמען שרה, דאס געליעבטע מוזיניקעל, וואס ער האט געהיט, ווי דעם שווארץ־אפעל פון אויג.

די שרה איז געווען א גרויסע יפה־פיה, און א לב טוב, און א מזג טוב — אין לשער.

און פאר דער בת יחידה, אז עס איז געקומען די צייט, האט ער זיך אראפגעברענגט פון נשיא פון בבל'ס ישיבה א טייערע כלי, מיט'ן נאמען חייא.

און געשריבען האט דער ראש ישיבה אויף'ן בחור צום צפת'ער רב נישט מעהר און נישט ווייניגער, ווי עטרת ראשי ועטרת הישיבה; דאס הייסט: די קרוין פון ראש ישיבה'ס קאפ, און די קרוין פון דער גאנצער ישיבה. און דאצו נאך — ז„שלשלת היוחסין".
ד. ה.: גאר דאס אויבערשטע פון שטייסעל — יחוס שביחוס.

און א קלאנג איז געגאנגען איבער דער וועלט, אז אותו הבחור חייא קומט ארויס „מזרע המלוכה"; נייערט בשעת חירום אין בבל, ווען מען האט דעם חייא'ן גע'הרג'עט פאטער און מוטער און אומגעבראכט שוועסטער און ברודער, און ער אליין איז נצול גע־ווארען, ממש על פי נס, — איז דער יחוס־בריעף פארלוירען גע־ווארען... האט אבער ר' חייא, דער גרויסער עניו, דערפון קיינמאל נישט גערעדט, ווייסט מען נישט. — זיכער איז אבער, אז מענ־שען, וואס האבען דעם בחור חייא אין גאס געזעהן, האבען זיך אפגעשטעלט קוקען אויף איהם, ווי אין א שיינדעל אריין, און נישט איינער האט א ברכה געמאכט איבער זיין שעהנקייט. ווארים א פנים האט דער חייא געהאט פון אן אמת'ן בן־מלך; די שכינה האט אויף איהם גערוהט...

באזעצט זיך דער חייא ביים שווער אין צפת — על התורה ועל העבודה...

נישט לאנג אבער האט זיין מנוחה געדויערט; דער שווער, דער אלמן, איז א צייט נאך חייא'ס חתונה נפטר געווארען. דער יונגערמאן האט געמוזט איבערנעמען די גרויסע עסקים און מאכען נסיעות איבער ווייטע מדינות. מיט איין ווארט, ער איז געווארען א גרויסער סוחר פון די גרעסטע אויף דער וועלט.

דאס האט אבער איהם, חלילה, צו בטול־תורה נישט געבראכט.
דער קעמעל, אויף וועלכען ער איז געריטען איבער דער

מדבר, האָט עמיץ פון דער קאַראַוואַנע ביים צייטעל געפיהרט, און ר׳ חייא האָט נישט אַרויסגעלאָזט דעם ספר, וואָס ער האָט גע־האַלטען, פון האַנט, און נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון ספר.

און אין שיף האָט ער געהאַט אַ חדר מיוחד (קאַיוטע בלע״ז), וואו ער איז געזעסען ביחידות און עוסק געווען בתורה, הן בנגלה, הן בנסתר.

און ער האָט נאָך אפילו געפונען צייט, צו לערנען זיך שבע חכמות ביי די אַלטע שייכען, מיט וועלכע ער פלעגט זיך טרעפען אויפ׳ן וועג, ווי חכמת הרפואה, שיחת חיות ועופות און אפילו אביסעל אצטגנינות, וכדומה...

און אַ בעל־צדקה איז ער געווען, אין לשער ואין לספר. ובכל מקום בואו — וואו ר׳ חייא האָט זיך ערגעץ אָפּגעשטעלט אין אַ קהלה, — פזר נתן לאביונים — האָט ער קודם כל מפריש געווען מעשר־עני פון ריוח אויפ׳ן וועג, אחוץ פדיון שבוים לפי הצורך.

און אַזוי פלעגט ער אויך טון גרויסע טובות דעם כלל ישראל.

וואָרים דער מסחר מיט אבנים טובות ומרגליות האָט איהם מקרב געווען צום מלכות מיט איהרע שרים. און מיט דער שעהנקייט און עהרליכקייט, און אפשר מעהר נאָך מיט זיין חכמה, האָט ער שטאַרק נושא־חן געווען אין זייערע אויגען, און זיי פלעגען אין איהם אמונה האָבען, גלויבען לכל היוצא מפיו, און אַלץ צוליעב טון...

פלעגט ער זיין אַ שתדלן און אַ מליץ יושר על כל צרה שלא תבא... און ברוח פיו האָט ער מבטל געווען בלבולים נוראים: אַרויסגענומען פון תפיסות, באַפרייט פון מלקות און קייטען; און נישט איינמאָל און אין׳ דער לעצטער מינוט, — פון תלינ׳ם הענט; אחוץ כמה וכמה יונגע נפשות, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון מעטשעטען, וואָס מען האָט זיי געוואָלט אָפּ׳שמד׳ען איבערגע־וואָלט...

און איבער דער צייט, וואָס ר׳ חייא איז געווען אַ מהלך בדרך, פלעגט שרה די צדקת ממלא מקומו זיין אין דער היים אין צפת לכל דבר שבצדקה, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אמת׳ער אשת־חיל. ובטח בה לב בעלה, — האָט זיך ר׳ חייא אויף איהר פאַרלאָזט און איז זיכער געווען, אַז דער הונגעריגער, וואָס וועט אַריינקומען אין

זיין הויז, וועט אַרויסגעהן אַ זאַמער; און דער דורשטיגער — אַז אַנגעטרונקענער. ווי אויך, אַז זי וועט זייער בת יחידה, מרים, מגדל זיין לצדקה ולמעשים טובים און מדריך זיין אין כשר'ן וועג.

וכך הוה: דער פּאַלאַץ איז שטענדיג פול געווען מיט אורחים און אָרעמע לייט. און תלמידי חכמים, רבנים און ראשי ישיבה, וואָס פלעגן אַרויסגעהן לחוץ לארץ וועגן צרכי הצבור און צו־ריקפאָהרען, האָבען זיך, אַהין־צו־וועגס, ווי צוריק־צו־וועגס, אָפּ־געשטעלט — אַזוי פלעגט מען שוין זאָגען — ביי ר' חייא'ס ווייב. און זי פלעגט זיי מקבל זיין בסבר פּנים יפות, און שפּייזען מיט אַל־דאָס גוטס, און פלעגט נאָר פאַרלאַנגען, זיי זאָלען אַרויפלעגען זיי־ערע הענט אויף דער בת יחידה'ס קעפּעלע און בענשען זי מיט מזל...

און די ברכות האָבען אָנגעהויבען מקוים צו ווערען: די איינ־ציגע טאָכטער מרים איז געווען אַן אויסטערליש געראָטען קינד, אַ ברכה פון זיין ליעבען נאָמען. און גאַנץ צפת פלעגט זיך בענשען מיט איהר, מען זאָגט: „חייא'ס טאָכטער לייכט ווי די זון“. „איז קלאָר ווי דער טאָג“; „עס ליגט אויף איהר אסתר המלכה'ס חן וחסד“; און זי איז ווירקליך געווען אַ יפה־פיה — די מוטער אוים'ן אויג.

זענען דאָך אָבער גאָטס דרכים נישט צום פאַרשטעהן; און צוריק געשמועסט, האָט דאָך שוין שלמה המלך, עליו השלום, גע־זאָגט: „את אשר יאהב... יוכיח“ — וועמען זיין ליעבער נאָמען ליעבט, דעם שטראָפט ער; טיילמאָל ברענגט דער רבונו של עולם גאָר אויפ'ן צדיק אַ נסיון; ער פּרואווט מיט יסורים דעם צדיק, צו זעהן, ווי ווייט, ווי טיף, און ווי שטאַרק דעם צדיק'ס בטחון איז,— סיי ווי סיי, שרה די צדקת פאַלט פלוצלונג אַוועק. ר' חייא באַ־קומט די בשורה־רעה אויף אַ ווייטען וועג. און לב יודע מרת נפשו— פיהלט ער, אַז עס איז שלעכט, וואַרפט ער אַוועק אַלע עסקים און לויפט אַהיים. איבער טאָל און איבער בערג, מדבריות און ימים. באַגעגענען איהם אַלערליי מניעות. פאַלען אונטער איהם אין מדבר אייזלען און קעמלען פאַר דורשט; שטורעם־ווינטען ווילען איהם צושלאָגען דאָס שיף אויפ'ן ים, — איז איהם אָבער דער זכות התורה והעבודה ביי־געשטאַנען. האָט ער גובר געווען אַלע מניעות און איז אַהיים געקומען בשלום... האָט ער אָבער שוין געטראָפען די צדקת שרה כמעט ביי יציאת נשמה... נאָר ווי די צדקת האָט

איהם דערזעהן, האָט זי זיך געשטאַרקט און אויפגעזעצט אויפ'ן בעט, און נאָך אָפּגעגעבען אַ שבח והודיה צום בורא עולם, וואָס האָט אויסגעהערט איהרע תפלות, זי זאָל זעהן איהר בשר'ן צדיק פאַר דער פטירה; און דרעהט זיך איבער צו ר' חייא'ן, און טרייסט איהם און איז איהם מבטיח, אז זי איז מקבל די יסורי־מות באהבה... און רעדט מיט איהם נאָך אַ וואָרט וועגען דער בת יחידה מרים, וואָס מען האָט ארויסגעפיהרט אַ פאַר'חלש'טע... און ר' חייא זאָגט איהר צו, אז ער וועט זיין פאַר איהר אי אַ טאַטע, אי אַ מאַמע; אז קיין פרעמדע הענט וועלען דאָס יונגע ביימעלע נישט בויגען, נישט קרימען, נישט, חס ושלום, ברעכען... ובנגד זה, זאָגט זי איהם צו, אז זי וועט אויפ'ן עולם־האמת קיין רגע אָן זיי נישט פאַרגעסען. אז זי וועט זיך שטענדיג מיהען פאַר דער בת יחידה וועגען אַ זווג, עס זאָל זיין לפי כבודה ומעלתה... און אויב עס וועט זיך מאַכען, חס ושלום, אַ סכסוך, אַ ספק, צי אַ מניעה, וועט זי אַלע אָנווענדען און באַקומען רשות, צו באַווייזען זיך ר' חייא'ן אין חלום, און זאָגען וואָס מען דאַרף... אזוי האָט זי זיך מיט ר' חייא'ן געזעגענט, געזאָגט נאָך אַמאָל שמע ישראל (עס איז שוין געווען נאָך ודוי) און נאָך אַמאָל געעפענט די אויגען און אַ קוק געטאָן אויף ר' חייא'ן באהבה רבה און מיט חן וחסד, און געהייסען גריסען די טאָכטער, און געבעטען איהם, ער זאָל מקבל זיין דעם גזר־דין פון זיין ליעבען נאָמען באהבה, און האָט זיך אראָפּגערוקט פון קישען, איינגעצויגען די פיס און איבערגעדרעהט זיך צו דער וואַנט — ויצאה נשמתה בטהרה...

און באַלד נאָך שלשים האָט ר' חייא, אָהן אַ רגע ישוב הדעת, מיט אַמאָל אָפּגעשניטען פון אַלע מסחרים, פאַרקויפט די פּערעל און בריליאַנטען און אַלערליי אַנדערע צירונג כמעט בחצי חנם, און האָט זיך באַזעצט במנוחה על התורה והעבודה אין צפת... און אין פּאַלאַץ זיינעם האָט ער זיך געעפענט אַ ישיבה, און האָט אויס־געזוכט און פאַרזאַמעלט אין איהר פון צפת און פון דער סביבה אַלע בחורים — וואויל־לערנער, און האָט געזאָגט פאַר זיי, וואָס גאָט גיט אַ טאָג, דעם שעור. און זיי האָבען ווירשטיג געטרונקען זיינע רעד, און די אָרעמע בחורים פון צווישען זיי האָט ער נאָך

אינגאנצען אויף זיך גענומען. און זיי אויפגעהאלטען ביי זיך אין פאלאץ, צו צוויי און צו דריי בחורים אין א חדר מפואר. און האט זיי מפרנס געווען בעין יפה, און האט זיי מלביש ומנעיל געווען כבני הגבירים. וכל מחסורם עליו — פארזארגט אפילו מיט קליינ־געלט. א בחור זאל זיך קאנען אמאל אנטון א נחת און נישט פארשעמט ווערען פאר זיינע בעל־הבתי'שע חברים...

וכשהגיע התור, אז אן ארעם־בחור איז געקומען צו שמונה־עשר־לחופה, פלעגט ר' חייא שיקען נאך שדכנים און אויסקלייבען איהם א שדוך מיט קעסט און אנהאלטעניש, לפי כבודו ומעלתו. און פלעגט געבען נדן, הלבשה ומתנות און נעמען אויף זיך כאטש האלב הוצאות החתונה מיט רח"ש, און פלעגט אליין פיהרען צו דער חופה, נאך דער חופה משמח זיין חתן־כלה כדת וכדין. און וואס אנבאלאנגט זיין טאכטער מרים, האט ער געהאפט, אז עס וועט זיך איהם טרעפען גאר א כלי יקר — טאקע, ווי מען זאגט, פאר גאט און פאר לייט.

וועגען דעם ענין האט ער אמאל געשריבען בדרך משל צו זיין מחותן דעם נשיא פון בבל, מיט וועלכען ער פלעגט זיך דורכשרייבען, הן אין דברי תורה, הן אין עניני משפחה, אויף לשון קודש, וואס מיר זעצען דא איבער אויף עברי־טייטש, כאטש אין עברי־טייטש פארלירט עס אסך פון מתיקות.

און אזוי שרייבט ער:

„מיט'ן הילף פון זיין ליעבען נאמען האב איך מיר געפלאנצט זעהר א שעהנעם גארטען (דאס מיינט ער די ישיבה), מיט כל המינים בוימער, וואס טראגען כל המינים פרות (דאס מיינט ער — די תלמידים) און אז א פרי ווערט צייטיג און זאפטיג, (דאס מיינט מען: ראוי לחופה) זוך איך איהם אויס אן אדם הגון (א שעהנעם מחותן) און הייס איהם א ברכה מאכען (ברכת נשואין). און אז גאט וועט מיר העלפען, — שרייבט ער — און עס וועט זיך באַווייזען אן אתרוג'ל א הדר, גאר אהן א פגימה, וועט שוין אין דעם הדר'ל זוכה זיין בתי היחידה מרת מרים, תחי'".

און אז דער נשיא פון בבל האט איהם צוריק געשריבען מיט זיין לשון בקצור נמרץ:

— היכא דמי, עס זאלען אין דיין ישיבה נישט זיין קיין לומדים מופלגים?

ניט איהם ר' חייא אָנצוהערען, אַז „לא המדרש עיקר“.

— אין תורה — שרייבט ער איהם בדרך המליצה — אלא מים; תורה איז געגליכען צו וואַסער. אָבער נישט אַלע וואַסערען פליסען אַרויס פון "גן־עדן. (נישט יעדערער, הייסט עס, לערענט לשם שמים)... איינער לערענט לשם תאוות הנצחון: ער וויל אי־בעריאָגען און מנצח זיין זיינע חברים; אַ צווייטער מיינט נאָר צו באַנוצען זיך מיט'ן כבוד פון דער תורה—נישט ער זאָל מכבד זיין די תורה, נאָר די תורה זאָל איהם מכבד זיין; אַ דריטער האָט צום לערנען גאָר אַן אַנדער מין יצר הרע — ער האָט ליעב שכל־דיגס! ער פרעהט זיך נישט מיט גאָטס תורה, נאָר מיט זיין אייגענער! מיט זיינע חדושי־תורה, מיט זיינע המצאה'לעך; ער קוועלט פון זיינע אייגענע אויפטועכצער. פון זיינע קונצען, וואָס ער באַווייזט אין דער תורה! און, צוליעב אַ קונץ, איז ער אפילו גרייט מגלה פנים צו זיין בתורה שלא כהלכה. טייל זענען מעהר מגושם, מאַכען זיי זיך פון דער תורה אַ האַק, צו גראָבען אין מיסט, און צו געפינען אַ שוער — אַז אַנהאַלטעניש, קעסט — ריין קישקע מיט שמאַלץ, און, איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, — אַ ירושה!... און ווען אפילו מתוך שלא לשמה קומט אַמאָל לשמה, — בלייבט אַלץ אויף דער נשמה אַ פלעק, אַן אַפּזאַץ, אַ טעם לפגם! הכלל אתרוגים כשר'ע זענען פאַראַן פיעל, וויל אָבער ר' חייא אַ הדר: עס זאָל זיין תוכו כברו, און דעם תוך פון אַ מענש — איז נישט אַזוי לייכט צו דער־קענען... כבדהו וחשדהו; און ער וויל גלאַט כשר!

איז איהם דער ראש־ישיבה מודה, און ענטפערט איהם, כדרכו, בתכלית הקצור:

— „יגעתי ומצאתי תאמין“.

ווי אַזוי אָבער זוכט מען?

הוא היה אומר, אַ מענש — פלעגט ר' חייא זאָגען — וואָלט לייכט געוועז צו דערקענען אין די אויגען... די נשמה אין גוף זיצט, ווי אין תפיסה; האָט דער בורא עולם, מיט זיין גרויס רחמנות, געעפענט דער נשמה אין דער תפיסה צוויי פענסטערלעך. דאָס זענען די אויגען פון אַ מענש, זי זאָל דורך זיי אַרויסקוקען,

זעהן די וועלט, און לאזען זיך דערקענען דער וועלט! וואלט מען אין די אויגען יעדען דערקענט, האט אבער א מענש פארהענגלעך צו די פענסטערלעך — ברעמען, מיט וועלכע ער קאן זיי פארשטע־לען... און, א מענש, וואס האט א נשמה מיט א פנים, באהאלט ער זי, ווי מען באהאלט קודם א חופה א כלה מיט א מום, און ווען די נשמה וויל זיך באווייזען, לאזט ער די פארהענגלעך אראפ; מכלומר׳שט פאר עניוות...

לייכטער — זאגט ר׳ חייא — וואלט שוין געווען צו דערקענען א מענש אינ׳ם קול. אין דעם האט ער געהאט זיין אייגענע שטה:

„משול — פלעגט ער זאגען — כחרס הנשבר“ — א פראס־טער מענש איז נישט מעהר ווי אן ערדענער שארבען. און דער גאנצער מענש, דער אדם השלם — צו אן ערדענער כלי, וואס קאן אין זיך מקבל זיין די תורה און פארלירט נישט קיין טראפען. הני מילי? ווען דער טאפ איז גאנץ... ווי אזוי דערקענט מען אבער, צי דער טאפ האט נישט קיין שפעלטעל, כאטש עס איז נישט מיט׳ן אויג צו דערזעהן? מוז מען אנקלאפען אן דעם טאפ און הערען זיין קלאנג — האט דער טאפ א ריינעם, פולען קלאנג, מה טוב! אניט, איז טאקע משול כחרס הנשבר... און אזוי אויך דער מענש.

א מענש, וואס איז נישט גאנץ, קאן האבען אן אויבער־קול, אן אונטער־קול, א ביי־קול, א צושפאלטען קול, א ציטערדיג קול, אבער נישט קיין ריינעם, קלארען קלאנג; קיין רעכט קול האט ער נישט! איז אבער א מענש קיין טאפ נישט; אז מען קלאפט אז, און ער האט נישט זיין אייגען קול, מאכט ער נאך א פרעמד קול... טוט ער ווי א פאפוגיי! דו הערסט אמאל פון ווייטענס א קול, מיינסט, דער און דער פויגעל, און אז דו קומסט צו — א נאכגע־מאכט קול, א פאפוגיי.

וכה יעשה כל הימים — לויט דער שיטה פלעגט ר׳ חייא זיך נוהג זיין אזוי:

דעם שעור פלעגט ער זאגען פאר ווארמעס; און א פאר שעה פאר מנחה פלעגט ער ארויסלאזען די תלמידים אין גארטען אריין; זאלען זיי מטייל זיין אין שאטען פון די בוימער, טועם זיין פון זייערע פרות און א ברכה מאכען, און אויך נהנה זיין פון די ריחות פון אלערליי קרייטעכצער, און שפאצירענדיג, איבער׳־חזר׳ען דעם שיעור בעל־פה, אדער גלאט רעדען פון תורה; אפילו

שיחת רעים איז אויך קיין סכנה נישט... און ער פלעגט זיך דאָ־מאָלט מתבודד זיין אין זיין חדר, און לערנען סתרי תורה... און זיין חדר האָט געהאַט אַ פענסטער אין גאָרטען אריין, מיט אַ שוועַר זיידענע פאָרהאַנג פאַר דער זון. און פון צייט צו צייט פלעגט ר׳ חייא אראָפּנעמען די ברילען, לעגען אויפ׳ן ספר און נאָך צודע־קען מיט׳ן פולאָרענעם טיכעל און ארויפלעגען דאָס טאַבאַק־שקע־טעלע, — און צוגעהן צום פענסטער, און שטעלען זיך אַ ווייל‍ע הינטער דעם פאָרהאַנג, און איינהערען זיך צו די קולות פון זיינע תלמידים, וואָס געהען אַרום אויף די שפּאַציר־וועגען, פאָרען־ אָדער קופּקעלעך־וויז, און רעדען צווישען זיך ווי חברים, און האָבען קיין סבה נישט צו היטען זיך און בייטען די קולות...

וואָס זיי האָבען געשמועסט, האָט ער נישט געוואָלט און נישט געקאָנט הערען: ארויף ביז צו זיין חדר איז צוגעקו־מען פון די בחורים נאָר דער קלאַנג אַליין, אָהן אַ התוך הדבור... און אַז עס איז אָוועקגעגאַנגען אַ צייט, און ר׳ חייא האָט קיין אמת רעכט קול נישט געהערט, איז ער אריינגעפאַלען אין עצבות.

איינמאָל האָט ער זיך אפילו געקלאָגט פאַר זיין ליעבען נאָ־מען:

— רבונו של עולם! — זיפצט ער — די פייגעלעך אין גאָר־טען, וואָס האָבען נאָר אַ נפש חיה, זינגען דיין שבח, און די תלמידים מיינע, וואָס האָבען אַ נשמה און אַ יחידה, לערנען דיין תורה... פאַרוואָס איז דער קול פון דיינע פייגעלעך אַזוי גאַנץ, אַזוי ריין, אַז עס גיסען זיך אין זיי אויס גאַנצע נשמות, בשעת ווען מיינע תלמידים — — —

געענדיגט אָבער האָט ער נ י ש ט: מקטרג זיין אויף זיינע תלמידים האָט ער נישט געוואָלט... די עצבות אָבער טרעט נישט אָפּ!

פון צייט צו צייט קומען אָן נייע תלמידים, נייע קולות, אָבער אַלע קיין קמח־סולת נישט!

און איינמאָל שטעלט ער אָפּ די טאָכטער מרים, קוקט אויף איהר אַ ווייל‍ע מיט גרויס ליעבשאַפט און רחמנות, און גיט זי אַ פרעג:

— געהסט אמאָל, טאָכטערשי, אויף דער מאַמעס קבר?

קושט ער זי אויפ'ן שטערן, און גלעט זי הארציג איבער'ן קאָפּ, און בענשט זי דערביי, און פרעגט דערנאָך:

— און וואָס בעטסטו ביי איהר, טאָכטער?

הויבט זי צו איהם אויף איהרע געטרייע אויגען און זאָגט:

— פאַר דיין געזונט, טאַטעשי, בעט איך! ביסט טיילמאָל אזוי טרויעריג... און איך, נעבעך, ווייס נישט, מיט וואָס דיך משמח צו זיין... זי, די מאַמע עליה השלום, האָט געוואוסט... בעט איך ביי איהר, זי זאָל עס מיר אריינגעבען אין הארץ אריין, אָדער צו חלום קומען און אויסלערנען, ווי אזוי דיך משמח צו זיין...

גלעט ער זי איבער די סאַמעטענע בעקלעך און זאָגט איהר:

— איך בין, ברוך השם, טאָכטער, בקו הבריאה! עפּעס אַנ־דערש דאַרפסטו בעטען ביי דער מאַמען!

— וואָס, טאַטעשי?

— אַז דו וועסט גיין, טאָכטערשי, אויף דער מאַמעס קבר, בעט זי, זי זאָל זיך מיהען, שטאַרק מיהען און זעהן, עס זאָל מקוים ווערען דאָס, וואָס איך טראַכט וועגען דיר.

ענטפערט זי איהם בתמימות:

— גוט, טאַטעשי!

ויהי היום — איינמאָל, זיצענדיג פאַר מנחה אין ערשטען חדר, דערהערט ר' חייא פון פאָדערהויז א וכוח, עס הערען זיך צוויי קולות: א קול א בייזערדיגס, דעם ריש־דוכנא'ס קול, און א צווייט קול, א יונגס, א פרעמדס — מן הסתם, פון א פרעמדען בחור. און דער קול פון פרעמדען בחור מאַכט אויף ר' חייא'ן א גרויסען רושם. אויף אזא קול האָט ער געהאָפט, אויף דעם האָט ער מתפלל געווען! פאַרמאַכט ר' חייא דאָס ספר, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר זיך, און וויל זיך לענגער איינהערען, האַקט זיך אָבער דער צווייטער, בעטענדיגער קול איבער, און עס הערט זיך נאָר דעם ריש־דוכנא'ס קול, וואָס מוסר'ט און בייזערט זיך. גיט ר' חייא א קלאַפּ אין טיש, פאַר א סימן, אַז ער רופט. עפענט זיך די טיר, און עס באַווייזט זיך פאַר איהם דער ריש־דוכנא, א צו־רודערטער, א דערשראָקענער, און שטעלט זיך פאַר ר' חייא'ן כעבדא קמיה מריה, און זיין אַלט פּנים איז נאָך בלאַס, די אויגען

— יאָ, טאַטעשי! — ענטפערט זי איהם און קושט איהם דערביי מיט גרויס ליעבשאַפט די האַנט.

שפּריצען נאָך מיט פייער, און די נאָז־פליגעל טאַנצען — אַזאַ כעסן איז ער געווען.

וואָרענט איהם ר' חייא: כל הכועס!...

— ניין, רבי! — בלאָזט זיך אָפּ דער ריש־דוכנא — עס איז משיח'ס צייטען — אַזאַ חוצפּה! אַזאַ חוצפּה פון אַ בחור!

— נו, נו, — וואָס וויל ער, דער בחור?

— ער וויל אַ קלייניגקייט: אַריין צו אייך אין ישיבה!

— נו?

— פרעג איך איהם: קאָנסט „ש"ס ופוסקים"? זאָגט ער: ניין! — כאָטש „משניות"? — פרעג איך ווייטער — ניין! — מאַך איך מיר אַ שפּאַס: און „עין יעקב"? — אויך נישט! — שפּאַס איך שוין ווייטער: און דאַוונען? צואַוויינט ער זיך! — וואָס איז? דאַוונען אין סדור קאָן ער, נאָר פּירוש המלות האָט ער פאַרגעסען! שוטה, וואָס־זשע ווילסטו? — צו ר' חייא'ן וויל ער! — נאָך וואָס? זאָגט ער, אַז ער וויל אייך בעטען, איהר זאָלט איהם לאָזען זיצען אין ישיבה און צוהערען זיך צום שיעור, אפשר וועט איהם גאָט העלפען, ער וועט זיך דערמאָנען!

— געקאָנט, הייסט עס, און פאַרגעסען, — זיפצט ר' חייא אָפּ, — אַ חולה, נעבעך; און וואָס איז דער כעס?

— וואָס דער כעס איז? אדרבא — זאָג איך איהם, — איך וועל דיך אַריינלאָזען צו ר' חייא'ן. טראָגט אָבער דער בחור אַ ליינוואַנטען מלבוש, אַרומגעבונדען איז ער מיט אַ האַנפענער שטריק איבער די לענדען און האַלט נאָך אין דער האַנט אַ וואַלד־שמעקען, ווי אַ גזלן, — אַן אָפּגעשיילטע צווייג פון אַ מאַנדעל־בוים. זאָג איך איהם: גוט, בחור, איך וועל דיך אַריינלאָזען צו ר' חייא'ן, נאָר טו דיך איבער. האָסט אַנדערע מלבושים? — נישט ער האָט, נישט ער וויל זיך איבערטון... ער טאָר נישט, זאָגט ער. — לעג כאָטש אַוועק דעם שטעקען! דאָס אויך נישט! ער טאָר דעם שטעקען נישט אַרויסלאָזען פון האַנט, נישט בייטאָג, נישט ביינאַכט; ער שלאָפט מיט'ן שמיעקען!

פאַרשטעהט ר' חייא, אַז עס איז אַ בעל־תשובה, זאָגט ער:

— יבאָ, זאָל אַריינקומען דער בחור.

קומט ער אריין א בלאסער, א מאגערער; אנגעטאן, ווי דער ריש דוכנא האט איהם אויסגעמאלט, און שטעלט זיך ביי דער טיר.

רופט איהם ר' חייא צו צו זיך נעהנטער, דערלאנגט איהם „שלום", לאזט זיך נישט פאלען צו די פיס, נישט קושען די האנט, און אז ער זעהט, אז דער בחור הויבט אויף איהם זיין אויג נישט אויף, פרעגט ער:

— קינד מיינס, וואס לאזט דו די אויגען אראפ פאר מיר? באהאלטסט דו פאר מיר דיין נשמה?

— יא, רבי — ענטפערט דער בחור — מיין נשמה איז א זינדיגע... איך האב מיך מיט איהר וואס צו שעמען...

זאגט ר' חייא: אין אדם משים עצמו רשע... איך הייס דיך אויפהויבען די אויגען.

פאלגט דער בחור.

און ר' חייא, קוקענדיג איהם אין די אויגען אריין, ווערט פארציטערט, א פארשאלטענע נשמה האט ער דערזעהן.

— קינד מיינס — פרעגט ר' חייא — עס שטעקט א קללה אין דיינע אויגען. ווער האט דיך פארשאלטען?

— דער ראש־ישיבה פון ירושלים!

ר' חייא ווייסט, אז דער ראש־ישיבה פון ירושלים איז ערשט נישט לאנג נפטר געווארען, פרעגט ער: ווען?

ענטפערט דער בחור: — שוין צוויי חדשים.

„ריכטיג! — טראכט ר' חייא — דאמאלט האט ער נאך געלעבט"... און הויך פרעגט ער:

— פארוואס?

— אויף דעם האט מען מיך געהייסען, איך זאל פאר אייך זיך מתודה זיין.

— גוט... און ווי הייסט דו, בחור?

— חנניא...

— נו, בחור חנניא, — מאכט ר' חייא און שטעלט זיך אויף — אצינד קום דאווענען מנחה ומעריב, דערנאך וועט דיר דער ריש דוכנא ווייזען אן ארט ביים טיש... נאכ'ן עסען, וועסט דו אראפגעהען אין גארטען אריין, איך וועל דיך אויפזוכען און אויסהערען דיינע רייד.

און ער נעמט איהם אָן ביי דער האנט, און פיהרט איהם מיט זיך צום בית־המדרש'ל ביי דער ישיבה.

און געהענדיג, טראַכט ר' חייא:

— אַזוי יונג, אַזאַ קול... און אַ בעל־תשובה... און אין די אויגען אַ קללה... וואונדערליך זענען דעם בורא'ס דרכים.

שפּעט ביינאַכט געהט ר' חייא מיט'ן בחור חנניא אַרום אין גאָרטען. פון צייט צו צייט גיט ר' חייא אַ קוק צום הימעל אַרויף און זוכט עפּעס אַ צייכען על פּי האיצטגנינות. עפּעס אַ סימן; איז אָבער דער הימעל פאַרשטעלט מיט אַ שטומען גרויען נעבעל; אַ נאַכט אָהן לבנה, אָהן שטערען... עס שטראַלען נאָר די שויבען פון די פענסטער אין פּאַלאַץ, און מיט זייער ליכט פיהרט ר' חייא דעם בחור חנניא מיט זיך אין סוכה אַריין, און זיי זעצען זיך.

„ופתח פיו בחכמה", און ר' חייא הויבט אָן:

— אין „פּסוק" שטעהט — זאָגט ער צו חנניא'ן — „דאגה בלב איש — ישיחנה"...

— רבי, וואָס איז דער טייטש? — בעט זיך דער בחור.

טייטשט איהם ר' חייא אויס וואָרט ביי וואָרט:

— דאָס איז טייטש: „דאגה" — אַ זאָרג (חנניא חזר'ט איבער), „בלב" — אין האַרץ, „איש" — פון אַ מענש, „ישיחנה" דאָס איז טייטש: ער זאָל אויסזאָגען אַ אַנדערען. — ער זאָל זיך אויסגיסען דאָס האַרץ. און כאָטש דער בחור איז תופס נאָר טייטש־ווערטער, הויבט זיך איהם אָן דאָס בלאַסע פּנים צו רויטלען, ווי ביי אַ פאַר'חלש'טען, ווען מען ראַטעוועט איהם און די נשמה קומט פּאַמעלעך צוריק אין גוף אַריין.

קריגט אויף איהם ר' חייא גרויס רחמנות און זאָגט איהם:

— פּתח פיך, בני, — עפען דיין מויל, חנניא. ויאירו דבריך— און זאָלען לייכטען דיינע ווערטער, און זיי דיך פאַר מיר מתודה...

האָט איהם חנניא דערצעהלט אַ מעשה נורא.

קומען קומט ער אַרויס פון ירושלים... זיין מאַמע איז אַ רייכע אַלמנה, וואָס האַנדעלט מיט בשמים...

און זי האָט נאָר צוויי קינדער געהאַט, אַן עלטערע שוועסטער מיט'ן נאָמען אסתר, און איהם, חנניא.

האָט זי, פאַרשטעהט זיך, ליעבער געהאַט חנניא'ן, דעם קדיש. פאַר זיין שוועסטער. בפרט, אַז חנניא האָט זיך באַוויזען אַ אינגעל אַן עלוי...

און כאָטש אסתר איז שוין אַלט געוואָרען אַ יאָהר זעכצעהן, האָט די מוטער זיך נישט געזאָרגט און נישט געטראַכט וועגען אַ שדוך פאַר איהר. און אַז שכנות דערמאַנען זי, האָט זי אַ גרייטען ענטפער: עס וואַקסען איהר נאָך, ברוך השם, קיין גרויע צעפּ נישט! און אָפּגעגעבען איהר גאַנץ האַרץ האָט זי חנניא'ן. זי האָט איהם געדונגען גוטע מלמדים, און ווייל זי איז דעם ראש־ישיבה'ס אַ ווייטע קרובה געווען, און האָט געהאַט אַ דריסת הרגל אין זיין הויז, פלעגט זי אַלע עטליכע שבתים פיהרען חנניא'ן צו דער רבי'צין, און די רבי'צין פלעגט איהם אריינפיהרען צום ראש־ישיבה צום פאַרהערען.

האָט דער בחור ביים ראש ישיבה שטאַרק נושא חן געווען. שטעהט די מוטער הינטער דער טיר און הערט, ווי מען לויבט איהם; און קוקט אריין דורך אַ שפּאַרע און זעהט, ווי דער ראש ישיבה קנייפּט איהם אין בעקעל אריין מיט גרוים ליעבשאַפט, און איז איהם מכבד מיט'ן שענסטען עפּעל פון שבת־אויבס — קוועלט זי!

נאָך מעהר וואַקסט אין איהר דאָס האַרץ, אַז די רבי'צין זאָגט איהר, אַז דער ראש־ישיבה וויל דעם בחור אריינגעמען צו זיך אין ישיבה אריין, אָבוואָל זי איז דערויף נישט באַשטאַנען, ווייל זי וויל זיך מיט איהם נישט צושיידען. איהר שיינדעל, וויל זי האָבען ביי זיך אין דערהיים; זי זאָל קאָנען וואָס אַמאָל מוסר זיין די השגחה אויפ'ן געוועלבל אַ שכנה, און אריינלויפען אויסקושען איהר בן יחיד אַלע אברים. נעמט זי איהם צו נאָך אַ גרעסערען תלמיד חכם, ער זאָל לערנען מיט'ן בחור אין דערהיים.

און אינ'ם גרויסען תלמיד־חכם איז זי נכשל געוואָרען...

עס איז געווען איינער פון די פאַלשע תלמידי חכמים, וואָס לערנען נישט תורה לשמה, און האָבען נאָר אין זין זיך צו הויבען און צו קריגען אויפ'ן חשבון פון דער תורה; האָט ער געפיהרט

חנניא'ן אויף דעם אייגענעם דרך. ער האט מיט איהם געלערענט נאר פלפול און קונצען, ווי אזוי אלץ אפצואוועגדען. און האט געפלאנצט אין חנניא'ס הארץ די ביטערע קרייטעכצער פון גאוה און נצחון. און חנניא האט זיך געשווינד אויסגעלערענט די חכמה; ווארים באמת איז עס נאר א ח כ מ ה, אבער קיין ת ו ר ה נישט. נישט דאס האט מען אויפ'ן בארג סיני געמיינט. — נאר דאס האט די מוטער און דער עולם ארום נישט פארשטאנען. האט מען חנניא'ן נאך מעהר געליובט, און די מוטער — וואס ווייסט א נארישע אידענע? — האט דערפון נאך מעהר נחת געהאט...

און אין א צייט ארום האט חנניא מקבל געווען די גאנצע תורה פון תלמיד חכם. און האט געזאגט דער מוטער, אז ער דארף שוין קיין מלמד נישט האבען. האט די נארישע אידענע געמיינט, אז עס עפענען זיך פאר איהר אלע שבעה רקיעים...

און חנניא איז געגאנגען אויפ'ן דרך השקר שוין אויף דעם אייגענעם חשבון. און פלעגט האבען וואס אמאל מעהר וכוחים מיט בחורים פון ישיבה און גלאט לומדים, און אלע גובר זיין און מבייש זיין, און מאכען פאר עם הארצים... אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז עס איז אנגעקומען צום ראש ישיבה. האט דער ראש־ישיבה גע־זאגט: מעשה ילדות! דערפון וואקסט א תלמיד חכם אויס! און האט נאר געהייסען געהן אין זיין נאמען און זאגען דער מוטער, זי זאל איהם דערלאנגען א פעטשעל דערפאר.

— א מאמע — זאגט ער — מעג!

געהט, מן הסתם, די מוטער און גיט איהם א קוש פאר'ן פעטשעל, און קויפט איהם נאך א שעהנע מתנה פאר זיין חכמה...

זעהט חנניא, אז עס איז גוט אזוי, ווערט ער נאך מעהר מחוצף. לויפט ער ארום אין שולען און בתי־מדרשים, און מאכט זיינע קונצען. וואו עס זיצט א מתמיד און לערענט, שטעלט ער איהם אפ אין דער אייגענער סוגיא, וואס יענער לערענט, און פרעגט קשיות, הערט תירוצים. און ווענדט אפ... אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז יענער ווערט פארטומעלט, און חנניא ווייזט פאר'ן גאנצען עולם, אז דער מתמיד האט קיין השגה נישט...

אמאל טרעפט ער, ווען א בחור זאגט א חלוק, אדער עס דרשנ'ט א תלמיד חכם, — און נאך איידער יענער זאגט „ובא לציון", שפרינגט ער שוין ארויף אויפ'ן בעלעמער, און מאכט פון

חלוק אשפה, און צושניידט מיט'ן מויל, ווי מיט א שער, דעם דרש אויף פיצלעך, און צורייסט איהם ווי א שפינוועבס, און מאכט אלע פאר עם־הארצים.

לויפט מען וויטער צום ראש ישיבה, גיט ער ארויס א האר־בערען פסק: געהט, זאגט ער, צו דער מוטער און זאגט איהר, אז איך האב געהייסען איהם אפשמייסען...

קריגט חנניא פון דער מוטער נאך שענערע מתנות און נאך מעהר ממתקים; טוט ער נאך מעהר מעשים רעים. דערצעהלט מען ווייטער דעם ראש ישיבה, זיפצט ער אפ און זאגט, אז ער האט איהם מורא מעניש צו זיין, אזא למדן איז ער, אז נאר א מא־מע מעג. דערצעהלט מען איהם, וואס די מוטער טוט, הייסט ער, מען זאל ארויפשיקען חנניא'ן אליין. קומט חנניא אריין מיט עזות. און אז דער ראש ישיבה הויבט אן א שמועס וועגען תורה, האקט ער איהם איבער מיט חוצפה און פרעגט שפיציגע קשיות, און קשיות אויף קשיות, און וויזט זיין גבורה, און מישט צונויף ש"ס ופוסקים... איז אבער דער ראש־ישיבה א גרויסער עניו געווען, בייד זערט ער זיך נישט, און זאגט איהם געלאסען:

— הער, חנניא! דיין גאנצע חכמה איז נאר אויף אפווענדען, אלע קשיות און תירוצים — אויף נישט אזוי, אלץ „ניין" און „ניין"... הייסט עס, אז דו האסט קיין גאנצע תורה נישט... ווייל די תורה האט דאך עשה'ן און לא תעשה'ן, האלב הן און האלב לאו, און דו האסט נאר: לאו און לאו... מעהר ווי העלפט וועסטו קיינמאל נישט האבען. א והא ראיה: זאג עפעס דיינס, דיין איי־גענעם אויף יא...

שווייגט חנניא; אין דעם איז זיין כח נישט געווען. זיין כח איז געווען „סתירה, נישט „בנין"...

פארענטפערט ער זיך:

— דאס האט מיך דער מלמד נישט געלערענט!

זאגט איהם דער ראש ישיבה: דיין מלמד, חנניא, איז נפטר געווארען, און עס ברענט איהם דאס פייער אין גיהנום און דער זכות פון דער תורה קאן איהם נישט מציל זיין, — און ער וועט אזוי ברענען, כל זמן דו, חנניא, וועסט נישט תשובה טון און אויסרייסען פון הארץ דאס שלעכטס, וואס ער האט אין דיר פאר־זייהט...

— דאַרפסטו — זאָגט דער ראש־ישיבה ווייטער: — רחמנות האָבען אי אויף דיר, אי אויף יענעם תלמיד חכם, און תשובה טון און לערנען תורה לשמה...

לויפט חנניא אויפ'ן בית עלמין אַרוים און פרעגט זיך נאָך, צי דער און דער מלמד איז באמת נפטר געוואָרען? און ווען? ווייל ער האָט דערפון נישט געהערט. זאָגט מען איהם: יאָ, און די קבורה איז געווען ערשט נעכטען, און מען ווייזט איהם דעם וועג צום קבר. זעהט ער, חנניא, ווי דער קבר איז איבער נאַכט פאַר־וואַקסען געוואָרען מיט שטעכעדיגע און ברענענדיגע דערנער... פאַרשטעהט ער, וואָס דאָס באַטייט, און באַשליסט זיך תשובה צו טון...

מאַכט זיך אָבער, מעשה שטן, אַזאַ מעשה:

אין יענער צייט האָט געלעבט אין ירושלים אַ געוועזענער קצב, וואָס דער בית־דין־צדק האָט איהם אַריינגעזעצט אַ תלמיד חכם פאַר אַ נאַמן, ווייל ער, דער קצב, איז געווען אַ חשוד על הטרפות; און אַז דער נאַמן וויל ממלא זיין משלחתו באמונה און באמת משגיח זיין אויף דער יאַטקע, כאַפּט דער קצב די האַק און וואַרפט דעם תלמיד חכם אין קאָפּ אַריין, און נעמט איהם אַן אַ פאַרוואונדעטען, און וואַרפט איהם אַרוים אין גאַס אַריין. נסים מן השמים, וואָס מען האָט איהם אָפּגעראַטעוועט. ווערט אַ רעש, געהט דער בית־דין־צדק און הייסט אויסרופען, אַז דעם קצב'ס פלייש איז פגול, טרפה ונבלה, ערגער ווי חזיר... איז אָבער דער קצב פון טרפות שוין אַ גביר געוואָרען, פאַרמאַכט ער גאָר אינגאַנצען די יאַטקע, און ווערט אַ מלוה ברבית, און מסר'ט דעם בית־דין־צדק למלכות. כאַפּט מען די דינים און מען וואַרפט זיי אין תפיסה אַריין, און מען איז זיי מחייב מלקות און גלות... און וואָס זאָל מען טון, אַז ער האָט שוין קיין כשר'ע יאַטקע נישט? — דאַנקט מען און מען לויבט גאָט, אַז דער רשע האָט זיך דאָס האַרץ נעקיהלט, און עס וועט שטיל ווערען.

איז נאָך דער עושר אַ רע לב און האָט אויף זיין אייגענער פרוטה קיין שליטה נישט געהאַט, און פלעגט נישט עסען, נישט טרינקען, און אַרומגעהען קרוע בלוא. און אַז אַ מלבוש איז איהם אַראָפּגעפאַלען פון לייב, האָט ער עס אויך נישט אוועקגעשענקט קיין אָרעמאַן, נאָר פאַרקויפט בפרוטה אויף לאַטעס... און מגדל

געוועז האָט ער כלבים, עס זאָלעז קיין אָרעמע לייט נישט מאַכעז זיך קיין דריסת הרגל אין זיין הויז...

און קיין בנים זכרים האָט דער רשע נישט געהאַט, נאָר איין איינציגע טאָכטער חנה. ווייל אַ ווייב האָט ער געהאַט אַן אשה צנועה און אַ צדקת, און נאָך דעם, ווי חנה איז געבוירען געוואָרען, און זי האָט אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן דאָס התנהגות פון מאַן, האָט זי געבעטען גאָט, ער זאָל איהר טראַכט פאַרשליסען, זי זאָל כאָטש קיין בנים זכרים נישט האָבען, ווייל ברא כרעיה דאבוהו, און וועלען בודאי ארויסגעהען לתרבות רעה. האָט זי מעהר ווי די איינע טאָכטער נישט געהאַט און דעם מאַן מחזיר למוטב זיין האָט די צנועה נישט געקאָנט, האָט זי פריהער מקבל געווען אויף זיך די יסורים באהבה, וכאשר כשל כח הסבל — ווייל ער פלעגט זי פייניגען און רודפ'ן, האָט זי אויף זיך אליין געבעטען דעם טויט... און פאַר דער פטירה האָט זי באַשוואוירען די קרובים, זיי זאָלען זיך אַליין מתעסק זיין אין איהר קבורה, און דער מאַן זאָל אפילו פון איהר קבר נישט וויסען.

און דער רשע איז שוין אַן אלמן געבליבען. קיינער וויל איהם נישט געבען קיין טאָכטער פאַר אַ ווייב. וואוינט ער אַליין מיט דער בת יחידה חנה. און הפלא ופלא — זי, די בת יחידה זיינע, האָט ער דוקא שטאַרק ליעב געהאַט, און געהאַלטען, ווי אַן אויג אין קאָפּ, און האָט געוואָלט זי מהנה זיין מכל המיני עולם הזה, און איז גרייט געווען פאַר איהר מבזבז צו זיין דאָס גאַנצע געלט, כאָטש דאָס געלט איז איהם טייערער געווען פאַר דער נשמה.

וויל אָבער די טאָכטער נישט נהנה זיין, זי האָט אַ צואה פון דער מוטער, זי זאָל אויסער ברויט מיט וואַסער, אין פאַטערס הויז נישט עסען... און קיין טייערע קליידער וויל זי נישט און דאַרף נישט, ווייל זי קומט נישט אַרוים מפתח ביתה, זי זאָל נישט הערען, ווי מען שילט דעם פאָטער און מען איז איהם מבזה אין אַלע גאַסען.

און וואָס וועניגער די טאָכטער וויל נהנה זיין פון זיין גוטס, מעהר חשק און תאוה האָט דער עושר איהר טובות צו טון.

און אַז עס העלפט קיין איבעררעדען נישט, טראַכט ער: איין טובה וועט זי וועלען; איך וועל איהר געבען אַ מאַן אַ תלמיד חכם. וכשהגיעה לפרקה, וויל ער פאַר איהר אויסזוכען אַ חתן, דאָס

איבערשטע פון שטויסעל — א למדן שבלמדנים; גיט ער לאנד־שרכנים גרויסע רשימות, און ער אליין לויפט ארום אין ירושלים און אין דער סביבה אין אלע ישיבות, און איז פוסק א הון רב פאר א גוטען בחור. און אלץ איז אומזיסט. קיינער וויל זיך נישט משדך זיין מיט דעם מנוול — ווארים פון קרן האט דאך קיין שום בן אדם נישט געוואוסט.

ווערט דער עושר מלא חמה, בפרט אז עס איז צו איהם גע־קומען אמאל א שדכן און געזאגט איהם, ער זאל אוועקלעגען די גאוה און טון, וואס עס לאזט זיך, און דערצעהלט איהם, אז בשכנות וואוינט א בעל מלאכה — א נהנה מיגיע כפו, אן עהר־ליכער מאן, וואס וויל זיין טאכטער, און וויל אפילו קיין גראשען געלט נישט, ווערט ער גאר אונטערגעצונדען!

וואס דען טוט ער?

פאלט ער אויף אן עצה און זוכט אויס צוויי תלמידי חכמים אביונים, און גיט זיי געלט אויף הוצאות הדרך אויף צוויי יאהר, אחוץ פרנסה, איבערצולאזען פאר ווייב און קינד אין ירושלים, און הייסט זיי ארויסגעהען אין גאנץ תפוצות ישראל, וואו זיין שלעכטער נאמען האט נאך נישט דערגרייכט, און ברענגען איהם אן איידעם א תלמיד חכם, א מופלג.

אידען — אביונים, באשטעהען זיי, — און נעמען צידה לדרך, און לאזען זיך אין וועג אריין; און מעסטען אויס אין דער לענג און אין דער ברייט גאנץ ארץ ישראל — און אלץ בחנם.

און — א פשוט'ע זאך: די תלמידי חכמים האבען אלץ גע־רעדט וועגען נדן, קעסט און מתנות, און פון מחותן נישט גערעדט א ווארט. און אז מען האט זיי געפרעגט וועגען מחותן, האבען זיי זיך געמאכט נישט הערענדיג, ווארים קיין ליגען זאגען האבען זיי נישט געוואלט; פארשטעהט מען, אז עס איז מיט א גרויסע סירכא, וויל מען נישט...

געהט אוועק די צייט, וואס דער עושר האט זיי געגעבען, גע־העו די תלמידי חכמים צוריק בידים ריקות, און שטעלען זיך אפ ביי די טויערען פון ירושלים מיט גרוים פחד; ווען נישט וואס זיי האבען איבערגעלאזט קינדער — לעבעדיגע יתומים און ווייבער־עגונות, וואלטען זיי בעסער אויף דער מדינה ארוים, און אהיים נישט געקומען, ווארים זיי ווייסען, אז דער עושר וועט זיי נישט

גלויבען, און מיינען, אז זיי האבען זייערם נישט געטאן בשלמות, און וועט זיי רודפ'ן עד חרמה און חס ושלום נאך איבערגעבען אין גוי'שע הענט... זיצען זיי אזוי און טרויערען.

און ווי זיי זיצען אזוי פאר'ן טויער פון שטאדט ירושלים און טרויערען, גענעהנט זיך צו זיי אן ארעם־בחור, אנגעטאן אין ווייסע לייגוואנט מיט א האנפענעם שטריק ארום די לענדען, און א פראסטען וואלד־שטעקען פון א מאנדעל־בוים אין דער האנט; און ער געהט צו צו זיי, און גיט זיי שלום, און פרעגט זיי, צי זיי ווילען נישט טרינקען, און וואס זיי זיצען אזוי פארשמאכט; און זאגט זיי, אז ער וואוינט דא אין דער מדבר און ער ווייסט פון א באר מים חיים, און עס איז נישט זעהר ווייט פון דאנען, און אויב זיי ווילען, וועט ער זיי פיהרען צום קוואל... ווייל ער האט קיין כלי נישט אהער צו ברענגען וואסער. זאגען זיי איהם, אז דארשטיג זענען זיי נישט, נאר זיי האבען אזוי עגמת נפש, און עס מאכט זיך א שמועס. פרעגען זיי ביי איהם, ווער ער איז; זאגט ער זיי, אז ער איז א נע ונד, ווייל ער איז א יתום אהן טאטע־מאמע, לעבט ער חוץ לישוב און שפייזט זיך פון קרייטעכצער...

— און ווילסט גארנישט לערנען קיין תורה?

ענטפערט ער זיי, אז ער לערענט תורה; אז אלע נאכט, ווען עס ווערט פינסטער אין מדבר, קומט צו איהם אן אלטער מאן, און לערענט מיט איהם בעל פה... און ער דערזעהט דעם אלטען מאן נאר פון ווייטענס, ווייל עס לייכטען איהם די אויגען אין דער פינסטער ווי די שטערען, און די ווייסע באָרד זיינע איז בלאנק ווי שניי, און דער אלטער מאן קומט צו איהם נאכט אויף נאכט און זעצט זיך נעבען איהם און לערענט מיט איהם ש"ס ופוסקים, ספרי, ספרא און תוספתא... ווילען זיי איהם פארהערען, צו זעהען אויב ער זאגט אמת. ווייזט ער זיך א גאון עולם... פערעל שיטען זיך איהם פון מויל... פרעגען זיי איהם, פארוואס ער האט פארלאזט די מדבר, און וואס ער טוט הינטער די טויערען פון ירושלים? דערצעהלט ער זיי בתמימות, אז נעכטען האט זיך מיט איהם דער אלטער מאן געזעגענט און געזאגט, אז ער וועט שוין מעהר צו איהם נישט קומען, און ער האט איהם געוויזען דעם וועג קיין ירושלים, און געהייסען איהם געהן אין דער הייליגער שטאדט אריין, וואו ער וועט געפינען זיין זווג און זיין מזל, און

וועט זיצען על התורה ועל העבודה. און איך — זאָגט ער — מוז דעם אַלטען פאָלגען... ווערען זיי, די תלמידי חכמים, דערפרעהט, און זאָגען איהם: קום, בחור, מיט אונז, מיר האָבען פאַר דיר אַ וואוילען שדוך. געהט ער מיט זיי...

פיהרען זיי איהם גלייך אריין צום גביר, און זאָגען איהם: „אל תבט אל מראהו" — עס איז אַ גאון עולם; אליהו הנביא אליין האָט מיט איהם תורה געלערענט. גלויבט זיי דער גביר און דערפרעהט זיך, און מאַכט באַלד אַ סעודה, און שרייבט תנאים און איז מגביל זמן החתונה אינגאַנצען אויף צוויי וואָכען. ער האָט מורא פאַר אַן עין הרע און אַ בייז וואָרט... און קודם כל נעמט ער פון חתן אראָפּ די קליידער און נעמט צו דעם שטעקען, און איז איהם מלביש ומנעיל כיד הגביר, און די אַלטע קליידער באַהאַלט ער צום פאַרקויפען, תיכף ומיד נאָך דער חתונה, דעם ערשטען בעסטען אויף לאָמעס פאַר אַ פּרוטה... און די זאַך באַקומט אין שטאָדט אַ שם. טייל זאָגען: דער ערגסטער הונט כאַפּט דעם בעס־טען ביין... אַנדערע ענגען עס אַן אין דעם זכות פון דער כלה'ס מוטער. דאָס האָט די צנועה אויסגעבעטען. נאָך אַנדערע — אַז בכלל זענען גאָטס דרכים נישט צו פאַרשטעהן.

די צוויי וואָכען געהען בשלום פאַרביי, און עס קומט דער טאָג פון דער חתונה. און צוליעב דער טאָכטער האָט ער אָוועקגע־נומען די האַנט פון האַרץ, און געמאַכט אַ הילולא, וואָס די וועלט זעהט עס נישט. און לכבוד דעם חתן, זענען אַלע נכבדים פון ירושלים געקומען אויף דער חתונה, און צום חתן'מאָל — אַלע בחורים פון די ישיבות...

— און די צייט פון פאַר'ן באַדעקענס — דערצעהלט חנניא ווייטער — איז געקומען, דער חתן זאָגט פאַר אונז בחורים און במעמד תלמידי חכמים, דיינים און דעם ראש ישיבה — אַ שאַר־פען חלוק... אין דער צווייטער שטוב איז מען שוין גרייט צו באַ־דעקענס... די כלי־זמר שפּילען שוין מוסר, און די אונטערפיה־רערס פון חתן'ס צד, דער רב און דער ראש ישיבה, האַלטען שוין הבדלות אין די הענט און דעם חתן'ס תורה גיסט זיך נאָך אַלץ ווי בוימעל, און צוגעהט זיך, ווי אַ ריח פון בשמים, און די אויגען זיינע לויכטען ווי די שטערען... אַלע גאַפען און הערען, חנניא אויך. ער האַלט וואָרט. עס פאַלט איהם גאָרנישט איין איהם אָפּ־

צואווענדען. אדרבא, ער האט נחת פון פרעמדען חלוק: ער פרעהט זיך, אז פון אצינד אן וועט ער האבען א חבר, מיט וועלכען עס וועט כדאי זיין צו לערנען און צו רעדען וועגען לערנען. און עס האט זיך שוין אין איהם דערוועקט אפילו א ליעבשאפט צום חתן, א הייסע ליעבשאפט. עס פארגלוסט זיך איהם דוקא אויפצור־שטעהן און צוגעהן און קושען דעם חתן... און ער טוט עס. אבער אין גאנג האט ער זיך אויסגעגליטשט! פארבייגעהענדיג דעם עולם, הערט ער, ווי איין בחור זאגט צום צווייטען: דער חתן קאן בעסער לערנען פאר חנניא'ן. און יענער ענטפערט: חנניא איז א גולם קעגען איהם... און דאס איז שוין פאר חנניא'ן א צו גרויסער נסיון געווען... עס האט איהם אנגעכאפט ביים הארץ, עס האט אויפגעפלאקערט אין איהם א וואונד, גלייך א שלאנג וואלט איהם א ביס געטאן — הוא הנחש — הוא היצר־הרע! און ער בלייבט שטעהן, שטעלט זיך אויף די נעגעל, הויבט פלוצלונג אן רעדען, אפ־צואווענדען, און פון מויל שיט זיך איהם פעך און סמאלע... פלוצ־לונג דערפיהלט ער, אז ער פארזינדיגט זיין נשמה, אז ער געהט נעגען אליהו הנביא'ס תורה, נעגען תורת אמת... אז ער שטעכט דער תורה אין הארץ אריין שפיזען און שווערדען, אז ער טויט די תורה. און ער דערשרעקט זיך און וויל אויפהערען רעדען, און קאן נישט... עס רעדט זיך שוין אהן זיין רצון, נעגען זיין ווילען, עס רעדט פון איהם א נישט־גוטער ארוים! און ער זעהט, ווי דער חתן ווערט בלאס פאר שרעק, ווי ער וואקעלט זיך און פאלט פאר חולשות הדעת אויף א שטול...

און באותו הרגע ווערט א גיהנום א־ין שטוב. דער סקנער ווערט מלא חימה און ברילט ווי א לייב: מקח טעות! מקח טעות!... און לויפט ארום ווי משוגע, און ער זוכט און כאפט די ארעמע תלמידי חכמים, די שליחים און שדכנים זיינע, און שלאגט זיי און רייסט זיי אויס די בערד, און לויפט קעגענאיבער צו די כלי־זמר און רייסט זיי די כלים פון די הענט ארויס, און ווארפט און צושמעטערט זיי. און לויפט־צו צו דער כלה אינמיטען שטוב און רייסט זי אוועק פון באדעקענס. און לויפט ערגעץ אין א קאמער ארוים און ברענגט אריין דעם חתן'ס אלטע מלבושים: דאס ליינוואטענע מלבוש מיט'ן האנפענעם שטריק און ווייסען וואלד־שטעקען. און רייסט אראפ פון פאר'חלש'טען חתן די נייע מלבושים, און שטופט איהם

אַרויס אַ נאַקעטער פון מיר, און וואַרפט איהם נאָך די אַלטע מלבושים... און די אנשים חושבים פון ירושלים און אַלע חתונה־געסט אַנטלויפען פאַר שרעק... איין חנניא בלייבט. ער שטעהט נאָך אַלץ פאַרשטאַרט אויפ׳ן אָרט, און הערט, ווי דער עושר שרייט: אַ שאָד די סעודה! ברענגט מיר אַריין דעם סטאָליאַר — שרייט ער — האַלט גרייט די חופה!... רייסט ער קוים די פיס אָפּ פון פאַדלאָגע און אַנטלויפט פון שטוב אַרויס. און באַלד איז נאָס איז איהם אַקעגען געקומען דער ראש־ישיבה; ער שטעלט איהם אָפּ און זאָגט איהם: חנניא, דו קאָנסט חרוב מאַכען אַ וועלט, פאַרגעס בעסער דאָס לערנען!...

— און באותו הרגע — דערצעהלט חנניא, — האָט מיר עפּעס אַ קנאַק געטאָן אין מח, עפּעס האָט דאָרט געפּלאַצט, און איך בין געבליבען ווי אַ לערע שטייג אָהן טויבען, אָהן אַ וואָרט תורה! פאַל איך דעם ראש ישיבה צו די פיס, און בעט אַ תשובה, זיפצט ער: — ווער ווייסט, צי עס וועט העלפען.

הויב איך אָן שטאַרק צו וויינען, ווייזט ער מיר, אַז נישט ווייט, הינטער אַ ווינקעל פון אַ הויז, שטעהט דער חתן, וואָס ווייסט נישט, וואו אוים און וואו איין אין דער פרעמדער שטאָדט.

— צום אַלעם ערשטען — זאָגט ער — געה צו איהם צו און בעט ביי איהם מחילה...

האָב איך מורא צו געהן, שטופּט ער מיך אונטער:

— געה און פועל ביי איהם, ער זאָל מיט דיר אַהיים געהן צו דיין מאַמען... איך וועל אויך אונטערקומען...

געה איך צו צום מבויש׳ן חתן; דערזעהט ער מיך, און לויפט מיר אַקעגען, און לאָזט מיך צום וואָרט נישט קומען, און רופט צו מיר:

— מוחל. מוחל! במחילה גמורה; עס איז קיין זווג נישט געווען!

געוואָלט וואָלט איך בעסער, ער זאָל מיך דורס׳ן; און ער לעגט מיר די האַנט אויף מיין אַקסעל און רופט מיך: חבר!

זאָג איך: וואָס פאַר אַ חבר קאָן זיין אַז עם הארץ מיט אַ תלמיד חכם? גאַפט ער. און איך דערצעהל איהם פון דער קללה, מיט וועלכער דער ראש ישיבה האָט מיך פאַרשאָלטען. ענטפערט ער מיר:

— אז עס וועט זיך מיר באווייזן מיין אלטער רבי (אליהו הנביא, הייסט עס), וועל איך איהם בעטען פאר דיר!

פיהר איך איהם צו מיין מאמען, און ליד אויפ'ן וועג חבוט הקבר! ער רעדט צו מיר תורה, און איך פארשטעה נישט א ווארט... און עס וויינט מיר דאס הארץ פאר בענקשאפט צו דער תורה... און אין דער נשמה איז פינסטער און וויסט, ווי ביינאכט אין א חורבה... קומען מיר אריין צו דער מאמען, פאל איך איהר אויפ'ן האלז מיט א געוויין:

— מאמעשי, גאט האט מיך און דיך געשטראפט... אצינד האסטו א זוהן אן עם הארץ!

ווערט איהר נעבעך נישט גוט און עס ציטערט איהר קול:

— ווי הייסט... ווי אזוי? ווער האט עס דיר אן עין־הרע גע־טאן?

דערצעהל איך איהר די גאנצע מעשה, און ווייז איהר, אז דאס איז דער חתן, וואס איך האב איהם פארשעמט. פארברעכט די מאמע איהרע הענט און וויינט מיט א פארביטערט קול, און אסתר, די שוועסטער מיינע, שטעלט זיך אין א ווינקעלע מיט'ן פנים צו דער וואנט, און גיסט טרערען... באותו הרגע קומט אריין דער ראש־ישיבה און ווענדט זיך קודם כל צו אסתר'ן:

— הער, כלה, געה אין קיך אריין, און מאך עפעס צו עסען פאר דעם תלמיד חכם... — ווייזט ער אן מיט דער האנט אויף דעם פרעמדען בחור — און אז דיין מזל וועט שיינען, — לעגט ער צו — וועט ער זיין דיין זווג.

פארצאגט קוקט זיך אסתר אום אויף דעם חתן און זיין הולד, נאר דעם ראש־ישיבה פאלגט זי און געהט ארויס...

און דער ראש־ישיבה ווענדט זיך צו דער מאמען:

— אצינד — זאגט ער — איז נישט קיין צייט פון וויינען... און דו האסט דיך אויך פארזינדיגט דערמיט, וואס דו האסט פאר אסתר'ן נישט געזארגט און חנניא'ן נישט געשטראפט... נישט גוט! נישט גוט!

הויבט די מאמע אן נאך שטארקער צו וויינען.

— נישט וויינען, — זאגט נאך אמאל דער ראש־ישיבה — מ'דארף מען.

— וואס? וואס? — קלאגט די מאמע

— און דו וועסט מיך פאלגען? — פרעגט דער ראש־ישיבה.
— פאלגען, פאלגען! — איילט זיך די מאמע צו זאגען.
זאגט דער ראש־ישיבה אזוי:
— קודם מאך חתונה אסתר'ן... אט איז איהר זווג!
רייסט זיך ארויס פון דער מאמעס הארץ א געוויין:
— דער בחור אין ליינוואנט, מיט'ן שטעקען?
— דאס איז דער בחור, וואס אליהו הנביא האט מיט איהם תורה געלערענט. אזוי פאלגסטו, קרובה?
— זייט מיר מוחל, רבי... איך פאלג שוין, איך פאלג...
— און דיין זוהן, — זאגט ער ווייטער — מוז געהן גלות אפ־ריכטען; ביז דעם רחמנ'ס רחמנות וועט זיך אויף איהם דערוועקען, און דו וועסט פון איהם אויך נחת האבען. נאר שפעטער... על־טער איז אסתר!...
— און דו, — ווענדט ער זיך צו מיר — דיר וואלט אפשר קיין תשובה נישט געהאלפען פאר דיין גרויסע זינד... האסטו אבער א נס, וואס עס איז קיין זווג נישט געווען, און עס האט זיך אויס־געלאזט מיט א טובה, אי פאר'ן חתן, אי פאר דער כלה!
— דער כלה אויך?... — וואונדערט זיך די מאמע.
ענטפערט דער ראש ישיבה:
— זיי וויסען, אז חנה, דעם רשע'ס טאכטער, איז א באהאל־טענע צנועה, און איהר מוטער די צדקת האט זיך פאר איהר גע־מיהט אין די עולמות העליונים, און אויסגעבעטען פאר איהם א למד־ואו'ניק... און דאס איז ער טאקע, דער סטאליאר, וואס דער עושר האט איהם געשלעפט צו דער חופה, די סעודה זאל נישט קאליע ווערען. נאר דאס, בעט איך, זאל בלייבען בסוד סודות, ביז ער וועט נישט אליין נתגלה ווערען!...
— גאטס נסים! — זאגט די מאמע, שוין אביסעל געטרייסט.
— און אצינד — זאגט ער ווייטער צו מיר און צום חתן — אצינד, מיינע ליעבע קינדער, טוישט אייך מיט די מלבושים!..
— און דו, — זאגט ער צו מיר — געה תיכף ומיד אין גלות אריין... און דעם שטעקען נעם אין הינט איהם, ווי אן אויג אין קאפ. ביינאכט האלט איהם צוקאפענס, וואו דו וועסט שלאפען. און איך וועל מתפלל זיין, עס זאל קומען דיין הילף און דער שטע־קען זאל אויפבליהען, און דאמאלט וועט דיין נשמה אויך אויפ־

בליהען און דו וועסט דיך אלץ דערמאנען. נאר געדענק, ערשט דאמאלט וועסטו מעגען אנטון אנדערע מלבושים, און אצינד גער און געזעגען דיך נישט מיט קיינעם.

כהרף עין האב איך מיך איבערגעטאן אין דעם חתן'ס קליי־דער, און באותו רגע קומט אריין מיין שוועסטער מיט א פאנקוכען אויף א טעלער אין דער האנט, און ווי זי דערזעהט אונז אין די פארטווישטע מלבושים, האט זי פאר שרעק אראפגעלאזט דעם טע־לער מיט'ן פאנקוכען, און דער טעלער האט געפלאצט מיט א הויי־כען קלאנג, און דער ראש ישיבה האט אויסגערופען: — „מזל טוב, מזל טוב!“

מעהר האב איך שוין נישט געהערט, איך בין באלד ארויס פון שטוב.

און אזוי ווי ער איז ארויס פון ירושלים, — דערצעהלט חנניא — האט ער תיכף ומיד פארבלאנדזשעט אין א מדבר, אהן ברויט און אהן וואסער, נאר נישט צו ברויט און וואסער האט ער געגלוסט, פאר'ן גוף האט חנניא יוצא געווען מיט גרעזלער, וואס געפינען זיך אמאל אין מדבר... און געווען איז ער שטענדיג בחזקת סכנה, צווישען אלערליי חיות, נחשים ועקרבים, נאר זיי האבען איהם גארנישט געטאן... פלעגען עפעס ברומען צווישען זיך און אראפגעהען פון וועג. האט ער, חנניא, פארשטאנען, אז זיי האבען אויף איהם קיין שליטה נישט, ווייל זיין פסק איז נאר „נע ונד“. און איינמאל האט ער אפילו געהערט בחוש, ווי א קול רופט אויס — „זה שייך“... — נאר צו וועמען, האט ער נישט דערהערט...

און אזוי האט ער ארומגעבלאנדזשעט טאג און נאכט, און גע־טראכט און געטרויערט האט ער אויף זיינע יונגע יאהרען, וואס געהען אוועק אהן תורה, אהן ליכט, אהן א שטראל פאר זיין פינס־טערען מח... וואלט ער כאטש א ווארט תורה געהערט! כאטש א סדור ער זאל האבען... בעל פה קאן ער אפילו נישט דאווענען, נאר־נישט.

איינמאל, דערצעהלט ער, האט ער זיך געשאטען זאמד אויפ'ן קאפ, און לשם צער זיך געשטעלט אויף איין פוס, און אלץ איינ־איינעם געשריען אין הימעל אריין „תורה!“ „תורה!“, נישט מעהר

ווי דאס איינע ווארט... און געשריען האט ער מיט מסירת נפש... לאנג, לאנג, ביז די זון איז אונטערגעגאנגען, און ער איז געפאלען אויף דער ערד און איז איינגעשלאפען פארשמאכט, און געפיהלט, אז ער וויינט אין שלאף אויך און שרייט: תורה! תורה!... באַוויזט זיך איהם דער ראש־ישיבה, אנגעטאן אין תכריכים און א גאלדענע קרוין אויפ׳ן קאפ, און האט איהם אזוי געזאגט:

— שטעה אויף, חנניא, דיין רפואה הויבט זיך אן... גאט האט געהערט דיין געבעט, און אליהו הנביא האט זיך פאר דיר געמיהט. שטעה אויף און געה פאר דיר, וואו די אויגען וועלען דיך טראגען. וועסטו קומען קיין צפת, און זאלסט אריינגעהען צום לב־טוב, ר׳ חייא׳ן, און וועסט זיך פאר איהם מתודה זיין, און בעטען, ער זאל דיך אריינגעמען אין זיין ישיבה, און ער וועט דיר נישט אפזאגען. און אז דו וועסט אלט ווערען אכצעהן יאהר, וועט ער דיר געפינען דיין זווג, און ער וועט מתפלל זיין פאר דיר, און זיין תפלה מאכט שטענדיג א רושם פאר׳ן כסא הכבוד. אחוץ דעם — איז חופה מכפר, און שבע ברכות אויך... וועסטו געהאלפען ווערען... און צום אכטען טאג נאך דער חופה וועסטו זיך אויפכאפען אין דערפריה, וועט דער שטעקען ביי דיר ציקאפענס שוין האבען אויפגעבליהט און שפראצען מאנדלען, און בליהען און שפראצען וועט אויך אין דיר די נשמה...

— און דו וועסט זיך אלץ דערמאנען, אויסער דעם שלעכטען, און וועסט זאגען פאר ר׳ חייא׳ן א חלוק, א בניז, נישט קיין סתירה; און ר׳ חייא וועט פון דיר נחת האבען... נאר צי וועסטו לאנג לעבען, — זאגט ער — ווייס איך נישט...

און ער איז נעלם געווארען, און איך האב מיך אויפגעכאפט פארטאג און געגאנגען, ביז איך בין געקומען צו אייך, רבי...

אזוי דערצעהלט חנניא, און ר׳ חייא קוקט אויף איהם מיט גרויס צער און פרעגט:

— און ווי אלט ביסטו, חנניא?

— זיבעצעהן יאהר און צעהן חדשים.

פארטראכט זיך ר׳ חייא... „נעבעך — טראכט ער — אהן אריכת ימים״! דערווייל הויבט חנניא אויף זיינע גרויסע אויגען אויף ר׳ חייא׳ן און זאגט מיט א הארציג געבעט, שטיל און פארציטערט:

— רבי, וועט איהר מיך אריינגעמען אין דער ישיבה?

„א לערע נשמה, — טראכט ר' חייא — אהן א וואָרט תורה, און פון האלז שפּילט ארויס דוד המלך'ס פידעלע" — און הויך זאגט ער:

— געה, מיין קינד, שלאפען... זאג דעם ריש דוכנא, ער זאל דיר ווייזען וואו, און קום מארגען פריה צו מיר נאך תשובה. אצינד געה, מיין קינד...

חנניא געהט ארויס, און ר' חייא בלייבט נאך א ווײלע אין סוכה, ער קוקט דורכ'ן פענסטערל אין הימעל אריין און פרעגט:

— זאל עס זיין ד ע ר?...

נאר דער הימעל איז פארוואלקענט און שווייגט.

און פארוואס ר' חייא'ן איז שווער געווען צו געבען חנניא'ן תשובה באלד אויפ'ן ארט, וועט מען זעהען אין שמועס מיט חנניא'ן צומארגענס אין דערפריה.

— חנניא בני, — זאגט ער איהם אין א באזונדער חדר — זיי וויסען, מיין קינד, אז בנוגע צו דיין בקשה, איך זאל דיך אריינ־נעמען אין מיין ישיבה אריין, איז פון מיין צד קיין מניעה נישט, נאר...

הויבט חנניא אן אויפ'ן גאנצען לייב צו ציטערען.

— רבי, — זאגט ער — לאזט מיך זיצען, ווי אם ווייטסטען פון אייך, ערגעץ אין אן עק באנק, אין א פינסטער ווינקעלע, איך וויל נאר הערען, וואס איהר וועט זאגען פאר זיי, פאר די תלמידים... נאר ה ע ר ע ן וויל איך...

— איך האב דאך דיר געזאגט, אז איך וויל. — טרייסט איהם ר' חייא — נאר, זאגט ער, איך האב פחד, עס זענען דאך פארט יונגע לייט, מעשה נערות, זיי וועלען אוים דיר, חס־ושלום, חוזק מאכען... און דערצו, לאמיר זיך נישט נארען, חנניא, תלמידי חכמים זענען זיי דאך, און דו דערווייל... און די שנאה פון א תלמיד חכם צו אן עם הארץ איז גרויס... וועכטו ליידען יסורים פון זיי, דאס האב איך מורא...

שרייט אוים חנניא מיט פרייד:

— אדרבא, רבי, איך דארף ליידען און אפּקומען, וואס מעהר ביוש, וואס מעהר יסורים; וועט געשווינדער אראפּ די קללה.

— זאל זיין אזוי, — איז ר' חייא מרוצה — האב איך אבער

מורא, עס זאָל זיי, חס ושלום, נישט שאטען. המלבין פני חבירו ברבים...

באוויזען זיך דערווייל פייערלעך אין חנניא'ס אויגען:

— וואס איז טייטש, רבי?

— עס איז טייטש, אז איינער פארשעמט זיין חבר, ברבים — צווישען מענשען — פארלירט ער זיין חלק עולם הבא!

ווערט חנניא נאָך מעהר דערפרעהט.

— הייסט עס — זאָגט ער — רבי, אויב איך וועל אפּקומען, און די קללה וועט אראָפּ פון מיין נשמה, וועל איך אַלץ קיין חלק לעולם הבא נישט האבען און לערנען וועל איך תורה טאקע לשמה, נישט האפענדיג אויף שכר...

— הלואי, רבי, הלואי!

ר' חייא'ס הארץ זאפט איין זיינע ווערטער ווי א שמעקענ־דיגען בוימאויל.

— אבער זיי, — טענה'ט ער — די תלמידים? ווי קאָן איך זיי לאָזען שטרויכלען און פארלירען עולם הבא?

בלייבט חנניא א ווייל שטיל און דערנאָך פרעגט ער:

— און ווי איז, רבי, אז איך בין זיי מוחל, פאראויס מוחל...

— „למפרע", הייסט עס! — טייטשט זיך אויס ר' חייא, און נעמט חנניא'ן אַן ביי דער האנט און פיהרט איהם מיט זיך אין ישיבה אריין, און זעצט איהם לויט זיין פארלאנג באזונדער, גאר אַן א זייט פון די תלמידים.

און ר' חייא זאָגט דעם שעור, און, פון צייט צו צייט, ווארפט ער אַן אויג אויף חנניא'ן. זעהט ער, ווי דער בחור זיצט מיט פאר־מאכטע אויגען, נאָר אפענע אויערען, און הערט זיך איין צום שעור, און זיין פנים רויטעלט זיך, ווען ער כאפּט א ווארט, און ווערט בלאס פאר שרעק, אז עס ווערט איהם עפעס פארלוירען. און טייל־מאָל פאלט אויף איהם א מרה שחורה, ווען ער קאָן אפילו דאס טייטש־ווארט נישט כאפען. דערמאנט עס ר' חייא'ן אַן א פאר־שמאכטען קעמעל, וואס בלאָנדזשעט אין מדבר, און האט יסורים פון דורשט, און נחת דערפון, וואס עס הערט פון ווייטענס א קלאר ריזלען פון א קוואל...

און אמאָל הערט ער, ווי די תלמידים מורמלען צווישען זיך וועגען חנניא'ן, טייטען אויף איהם מיט די פינגער, און זיין

אויער כאַפּט בלבולים ווי בור, עם־הארץ... האָט ר׳ חייא גרויס צער דערפון, און דאָך שרייט ער אויף זיי נישט אָן, ווייל ער זעהט, ווי חנניא הויבט דאַמאָלט אויף די אויגען, און קוקט אויף די תּלמידים, וואָס ווילען איהם פּייניגען דערמיט, מיט פרייד, מיט ליעב־שאַפט, גלייך זיי וואָלטען איהם די גרעסטע טובה געטאָן... זאָגט ער ווייטער דעם שעור...

און ר׳ חייא זאָגט, און די תּלמידים פרעגען קשיות, און ר׳ חייא ענטפערט, און מען אַמפּערט זיך, נאָר איין חנניא שווייגט, ער זאָל קיין פּאַרע פון מויל נישט אַרויסלאָזען, און פיהרט מיט קיינעם קיין חברותא נישט. און דאָס מסירת נפש, מיט וועלכען ער לאַקערט אויף יעדעס וואָרט, איז צוגאָסען אויף זיין פּנים... און אַז דער שעיר ענדיגט זיך, געהט ער אַרויס דער לעצטער, און די פּאָר שעה פאַר מנחה, געהט ער אַביסעל אַרום איינער אַליין און אויף אַפּגעלעגענע און פאַרוואַקסענע וועגען, ביז ער קומט צו צו אַ פאַרגעסענער סוכה צווישען אַלעאַנדער בוימער, און זעצט זיך דאָרט אין התבודדות און קומט ערשט אַרויס צו מנחה־צייט.

איינמאָל קומט דער ריש־דוכנא צו ר׳ חייא׳ן, זיך אַן עצה האַלטען, צי ער איז נישט מחויב, געהען איבערבעטען דעם בחור חנניא.

— וואָס איז פאַר אַ נייס? — פרעגט ר׳ חייא — האָסט זיך ווייטער געבייזערט?

— חס ושלום! — זאָגט דער ריש־דוכנא — און דערצעהלט איהם, אַז ווען עס קומט איהם אויס פאַרבייצוגעהן ביי דער סוכה צווישען די אַלעאַנדער בוימער, הערט ער פון סוכה אַרויס חנניא׳ס קול — אָדער ער חזר׳ט זיך איבער די ווערטער פון שעור מיט עברי־טייטש, אָדער ער איז מתפּלל צום הימעל מיט גרויס נעבעט און דבקות, און רופט אַלץ אינאיינעם! תּורה — תּורה — תּורה! ווי אַ הונגעריגער בעט זיך ברויט...

— זעה איך, — זאָגט דער ריש־דוכנא, — אַז עס איז אַ גרויסער בעל־תּשובה, האָב איך מורא, צי האָב איך איהם דאַמאָלט נישט מבייש געשטעלט און צי איך וועל נישט האָבען קיין עונש דערפאַר.

האלט איהם ר' חייא דערפון אפ, ווייל ער ווייסט, אז חנניא דארף נאך אלץ אפקומען; נאר ער האט גרויס הנאה דערפון, וואס מען הויבט־אן אויפ'ן בחור חנניא א מבין צו זיין; בפרט, אז ער האט באמערקט, אז אפילו די תלמידים פון ישיבה קריגען פאר איהם, נישט ווילענדיג, דרך־ארץ...

און ער קלערט ווייטער: צי איז עס נישט מרים'ס באשער־טער? און ענטפערט זיך מיט צער: פארט אן עם־הארץ.

איינמאל געהט ר' חייא אומישנע פאר מנחה אראפ צו חנניא'ן אין סוכה, אויסצופארשען, וואו ער האלט אין למוד.

— ביסט שוין עפעס תופס? — פרעגט ער.

— דערווייל נאך נישט, רבי! די זכיה האב איך נאך נישט געהאט, נאר הערען הער איך, וואס אמאל מעהר, וואס אמאל שאר־פער און באהאלט אין זכרון וואס אמאל מעהר טייטש־ווערטער.

שווייגט ר' חייא און זיפצט.

און חנניא בעט זיך רחמים:

— רבי, איהר האט דאך געזאגט „ישיתנה“ — דאס ווארט איז מיר געבליבען אין זכרון, עס לייכט אין מיין פינסטערער נשמה, ווי אויסגעזעצט מיט בריליאנטען... לאזט מיך רעדען פאר אייך!

— אדרבא! — איז ר' חייא מסכים.

— רבי, מיט מיר געשעהט עפעס וואונדערליכעס! אין אנ־הויב, באלד דעם ערשטען טאג, אז איך בין געזעסען פאר אייך מיט פארמאכטע אויגען און האב געלאקערט מיט אפענע אויערען, זיי זאלען, חלילה, קיין ווארט נישט פארלירען, — אזוי ווי איך האב די אויגען פארמאכט, האט זיך מיר אנגעהויבען דאכטען, אז איך געה נאך אלץ ארום און בלאנדזשע אין מדבר, און בין פאר־שמאכט, און די צונג איז מיר צוגעקלעפט צום גאמען פאר דורשט... נאר פון ווייטענס הער איך, ווי עס ריזעלט א קלאר, קלאר וואַ־סער, מיט א זיס, היימיש קול, וואס קלינגט ווי א בשורה טובה, א פריש נחת פאר דער נשמה... און איך האב געפיהלט, אז גאטס רחמנות וועקט זיך איבער מיר, און פיהרט מיך אויפ'ן גלייכען וועג צום קוואל, און איך גענעהן מיך צו איהם, צום לעבעדיגען וואסער, און דער קוואל גענעהנט זיך אויך צו מיר און קומט מיר אקעגען! און איך וויים דאך, ווער דער קוואל מיט זיין לעבעדי־

וואסער איז, איך האב דאך אמאל פון איהם געטרונקען, נאר א שלעכטער מענש האט מיך איבערגעדרייבערט און אוועקגעפיהרט פון קוואל צו שלעכט וואסער, צו פאר'סמ'ט וואסער, און איך האב געמיינט, אז דאס איז טוי פון הימעל... און אצינד האט מיר גאט געהאלפען. איך געה צוריק, און דער קוואל קומט מיר אקעגען, ער אליין העלפט מיר, און דער בטחון שטארקט זיך אין מיר, איך געה מיט אלע כחות... און כאטש איך קלעטער איבער שטיינער, ביי־נער און דערנער, פרעה איך מיך און געה... און געה... און אזוי ווי איך געה צום קוואל, אזוי גענעהנט זיך דער קוואל צו מיר.

— אמן, זאל דיר גאט העלפען! — ווינשט איהם ר' חייא.

— און זיצענדיג אליין אין סוכה, פארטראכט איך מיך אמאל, און עס דאכט זיך מיר, אז איך בין געווען ווי א שטייג, פול מיט זינגענדיגע פייגעל, און די פייגעל האבען גאטס לויב געזונגען, זיין שבח געשפילט... דערנאך איז געקומען א כשוף־מאכער, און האט די פייגעל א כשוף אפגעטאן, און זיי האבען אנגעהויבען אנדערע נגונים צו זינגען... חוצפה'דיגע, אויסגעלאסענע... דער פראסטער עולם האט זיך נישט פארשטאנען דערויף, און געלויבט די שטייג און די פייגעל אין שטייג, ביז עס איז אמאל דורכגעגאנגען א צדיק א גרויסער, און איז צוגעגאנגען זעהן, וואס מען זינגט פון שטייג ארויס פאר'ן עולם. האט ער געהערט, און זיין אויער האט באלד געכאפט דעם אמת'ן תוך פון די נגונים. ער האט דערהערט אין זיי אלערליי קולות פון תאוה, פון נבול־פה, און ער איז צוגעגאנגען נעהנטער צו דער שטייג און געזאגט: איידער אזוי צו זינגען, פאר־שטומט בעסער, פייגעל! און ער האט א בייזען בלאז געטאן אין דער שטייג אריין מיט א בייזען, קאלטען אטעם, און תוך כדי דבור זענען די פייגעל ווי פאר'כשופ'ט און פארשאלטען געווארען, און זענען פארשטומט און פארפרוירען אראפגעפאלען אויף דער פאדלא־גע פון שטייג, און זיי ליגען דארט צונויפגעקנוילט, מיט פארווי־קעלטע פליגעל, מיט פארשלאסענע שנאבלען און פארמאכטע אוי־גען, ווי די טויטע...

און אז איך הער מיך איין צו אייער שעור, און כאפ אווארט נאך א ווארט, וועקט יעדעס ווארט אין מיר אויף אן אנדער פיי־געלע, עפענט עס זיינע אייגעלעך און זיין מיילעכעל און הויבט אן זינגען מיט א שוואך קול, מיט א שטילס, נאר גוטע נגונים; פרו־

מע, עהרליכע נגונים... און ריהרט שטיל מיט די פליגעלער... אַט, אַט וועט עס פליהען.

— זעהסט, חנניא, גאָט האָט רחמנות — טרייסט איהם ר' חייא.

לאָזט זיך אָבער חנניא נישט טרייסטען.

— דאָס אַלץ, — קלאָגט ער זיך, איז אָבער נאָר בייטאָג... און אַזוי ווי די זון לאָזט זיך אַראָפּ, לעגען זיך די שאָטען פון דער נאַכט צוריק אויף מיין נשמה... אַלץ אין שטייג ווערט צוריק פאַרשטומט, פאַרפרוירען, און וואָס עס האָט מיט אַ פליגעל געריהרט, ווערט געלעמט און פאַלט צוריק אַראָפּ ווי טויט, מיט אַ פאַרשלאָסען מיילעכעל, מיט פאַרמאַכטע אויגען...

האָט ר' חייא דערפון גרויס צער, זאָגט ער איהם: געה, מיין קינד, דאַווענען מנחה... איך וויל דאָ בלייבען און אויף דיר מתפלל זיין...

קוקט אויף איהם חנניא מיט גרויס ליעבשאַפט און דאַנק, און געהט אַרויס פון סוכה.

ר' חייא בלייבט אַליין, ער דאַווענט אָפּ מנחה ומעריב אין סוכה און וויל אַרויסגעהן אין גאָרטען אַריין, מתפלל צו זיין פאַר חנניא'ן אונטער'ן הימעל. קומט ער צו צו דער שוועל פון סוכה, דערזעהט ער, אַז אַ פּאָר טריט אינגאַנצען פאַר דער סוכה האָבען זיך צוויי שלאַנגען אַרומגערינגעלט אַרום צוויי נאָהנטע אַלעאַנדער בוימער, און זיי האָבען אייגע קעגען דער אַנדערער אויסגעבויגען די פּיסקלעך אַזוי, אַז די גיפט־געפעלער האָבען זיך כמעט אָנגעריהרט.

קאָן ר' חייא אַלע חיות ועופות פון זיין גאָרטען: הן די, וואָס פליהען הויך אונטער'ן הימעל; הן די, וואָס ליגען אויף די בוימער צווישען די צווייגען; הן די, וואָס קריכען אַרום איבער די בלעטער פון אַלערליי נידעריגע פלאַנצען און אויף די בייטען פון אַלערליי קרויט; ווי אויך די, וואָס פּרוכפּערען זיך נידעריג אין גראָז. דערקענט באַלד ר' חייא, אַז איין שלאַנג איז אַ היימישע שלאַנג, די צווייטע, וואָס הייסט „עכנאי“, איז אַ פרעמדע שלאַנג. וואָס ער האָט נאָך דאָ נישט געזעהן. וויל ער וויסען, נאָך וואָס זי איז אַהער געקומען. ציהט ער זיך צוריק אַריין אין שאָטען פון דער

סוכה, הערט ער, ווי דאס זעלבע פרעגט די היימישע שלאנג, און ווי די פרעמדע ענטפערט איהר:

— איך בין געקומען דא עמיצען בייסען.

שמייכעלט די היימישע שלאנג:

— אומזיסט איז דיין טרחא: איך בין דא שוין לאנג א היי־מישע, און געקומען בין איך א ברענענדיגע שלאנג, א מרשעת, און פלעג בייסען די תלמידים פון ישיבה. מיט דער צייט האב איך אבער אויפגעהערט צו בייסען. און ווייסטו פארוואס? ווייל ר' חייא, דער ראש פון דער ישיבה, איז אמאל א סוחר געווען, און געמאכט אמאל ווייטע נסיעות איבער דער וועלט, און פון אלטע שייכען, וואס האבען שבע חכמות בירושה, און מיט וועלכע ער פלעגט זיך טרעפען אויפ'ן וועג, האט ער זיך אויסגעלערענט צווי־שען אנדערע חכמות אויך חכמת הרפואה... און זיי האבען איהם אנגעוויזען, און ער האט זיך געבראכט פון ווייטע אינזלען גראז אויף רפואות געגען אונזער בייסען... איך בייס, און ער היילט... זעה איך, אז איך ארבייט אומזיסט, האב איך אינגאנצען אויפגע־הערט צו בייסען...

— נאריש! — ענטפערט די פרעמדע שלאנג. — גראזען — זאגט זי — העלפען נאר דאמאלט, ווען א שלאנג בייסט מדעת עצמה, פאר שנאה, וואס קומט נאך ארוים פון דעם „ואיבה אשית" — פון דער גאטס קללה אויף מענשען און שלאנגען, פאר'ן חטא אין גן־עדן... האט ער אבער, דער רבונו של עולם, א טבע, מקדים צו זיין רפואה למכה, און נאך איידער ער האט באשאפען דעם גיפט פון שלאנגען, האט ער געהייסען, אז די ערד אויף די אינז־לען, וואו אלע שלאנגען זענען זיך פרה ורבה, זאל ארויסשפראצען אלערליי גראזען אויף רפואה... דערפאר אבער האב איך קיין פחד נישט: איך קום נישט מיט מיין אייגענעם ווילען, נישט אויס רשעות וועל איך בייסען; איך קום אין שליחות פון מלאך המות, וואס האט מיך געשיקט מקיים צו זיין א פסק אויף א חייב־מיתה.

— וואו האסטו דא א חייב־מיתה? סאמע תלמידי חכמים, צדיקים!... — וואונדערט זיך די היימישע שלאנג.

— אט דער בחור חנניא, וואס האט יעדען טאג דא התבודדות אין סוכה, איז חייב מיתה.

— ווי איז מעגליך?

— זעהסט דאָך! ער האָט מבייש געווען א תּלמיד־חכם. אליהו הנביא׳ס א תלמיד... און — ברבים... אין טאָג פון תּלמיד חכם׳ס חופּה! און א שטיקעל פּסק האָט ער באַלד באַקומען: דער ראש־ישיבה פון ירושלים, וואָס איז דערביי געווען, האָט איהם פאַר־שאָלטען, ער זאָל פאַרגעסען דאָס לערנען, און ארויסגעגעבען א תּשובה, ער זאָל ווערען א נע־ונד, טראָגען ליינוואַנטענע קליידער. מיט א פּראָסטען האַנפענעם גאַרטעל אויף די לענדען. און האָט איהם געגעבען אין דער האַנט אריין אַן אָפּגעשיילטען צווייג פון א מאַנדעל־בוים, און געזאָגט, אז ער וועט זיך נישט דערמאַנען דאָס לערנען, ביז דער שטעקען וועט נישט אויפבליהען!

— הייסט עס — לעולם ועד! — מאַכט די היימישע שלאַנג.

— דאָס קאַן מען נישט וויסען! — ענטפערט די פרעמדע.— נאָר אין הימעל איז מען אויף דעם פּסק נישט באַשטאַנען! דאָס איז ווייניג, האָט מען געזאָגט; מען דאַרף איהם צונעמען דעם חלק לעולם הבא. האָט זיך אָבער דער שר־התורה אַנגענומען געשטעלט. ניין און ניין! איז געבליבען, אַז מען זאָל איהם געבען א כּפּרת עון... זאָל דער בחור חתונה האָבען מיט א בת טובים, לפי מעלתו, און צום אַכטען טאָג נאָך דער חופּה זאָל ער שטאַרבען... האַלב וועט מכפּר זיין די חופּה מיט די שבע ברכות, די אַנדערע העלפט — די מיתה... און ווייל א בת־ישראל וועט ווערען, אָהן איהר חטא און שולד, א פריהע אלמנה, על כּן זאָל זי דערפאַר געבענשט ווערען מיט א בן זכר, וואָס וועט ארויסקומען א גאון עולם, א מאור הגולה באמת...

די שלאַנג איז שוין מיד געוואָרען רעדענדיג, זי האָט נאָך אפשר קיינמאָל נישט מיט אמאָל אזוי פיעל גערעדט. בעט זי זיך ביי דער חבר׳טאָרין, זי זאָל זי פיהרען צום וואַסער. וויקלען זיך די שלאַנגען אָפּ און געהען אוועק... און אויף ר׳ חייא׳ן פאַלט א גרוי־סע שרעק...

וואָרים ר׳ חייא איז צו א גרויסען נסיון געקומען: וועט ער חנניא׳ן נישט חתונה מאַכען, וועט ער געהן געגען דער השגחה פּרטית, און חנניא וועט זיך קיינמאָל נישט דערמאַנען דאָס לער־נען... יאָ, חתונה מאַכען? טוט ער איהם מיט די אייגענע הענט! און ווי קאַן ער נעמען א בת־ישראל און ברענגען פאַר א קרבּן? מאַכען אַכט טאָג נאָך דער חתונה פאַר אַן אלמנה?

קוקט ער און קוקט אין הימעל אריין; דער הימעל שווייגט. נאר דאס הארץ אין ר׳ חייא׳ן הויבט אן שטארק צו קלאפען און צו צאפלען; און ער הערט בחוש א קול פון הארץ ארויס:

— חייא, זיי מקריב דיין טאכטער, דיין בת יחידה מרים... אברהם אבינו וואלט זיך נ י ש ט מישב געווען...

נישט אזוי לייכט איז אבער מקריב צו זיין אן איינציגע טאכטער. דערמאנט ער זיך, אז שרה די צדקת האט איהם צוגע־זאגט צו קומען צו חלום, ארויסצופיהרען פון ספקות. הויבט ער אויף צום הימעל די אויגען און איז מתפלל וועגען דעם...

און אזוי ווי ער איז מתפלל, וויקעלט זיך אפ דער וואלקען פון הימעל, און עס באווייזען זיך מיליאנען שטערענדלעך מיט אמאל, און זיי ווינקען צו איהם מיט חסד, מיט בטחון, מיט א גוטען צוזאג!

ר׳ חייא׳ס תפלה איז אויסגעהערט געווארען. איינמאל פאר־נאכט, נאך א תענית, זיצט אזוי ר׳ חייא אויף דער שטול, קומט אויף איהם א חולשות הלב, פארמאכען זיך איהם די אויגען, און ער דרימעלט איין, און באותו הרגע באווייזט זיך איהם שרה די צדקת. זעהען זעהט זי אוים פונקט ווי בשעת פטירה, און קוקט אויף איהם מיט די זעלבע חן־וחסד־שטראלענדיגע אויגען, און זי לעגט איהם מיט גרוים ליעבשאפט די רעכטע האנט אויפ׳ן אק־סעל, און זאגט איהם:

— זארג נישט, חייא, אונזער טאכטערס מזל שיינט ווי די זון, פארלאז דיך אויף א י ה ר...

וויל ער זי איבערפרעגען, ווערט די צדקת פארשוואונדען, און עמיץ, פיהלט ער, וועקט איהם... עפענט ער די אויגען אויף, דער־זעהט ער, אז מרים׳ל, זיין איינציגע טאכטער, שטעהט פאר איהם, און לעגט איהר רעכטע האנט אויף דעם אייגענעם אקסעל, וואו איהר מוטער די צדקת האט איהר האנט געהאלטען, און זי זאגט איהם:

— טאטעשי, זיי מיר מוחל, וואס איך האב דיך געוועקט... די זון איז שוין לאנג אונטערגעגאנגען, די לבנה איז שוין ארויפגע־שוואומען אויפ׳ן הימעל און די שטערענדלעך האבען זיך צופלא־קערט. — שוין צייט, זאלסט עפעס טועם זיין, טאטעשי...

זעהט ר׳ חייא, אז עס איז א המשך פון חלום; נעמט ער זי

אַז מיט ליעבשאַפט ביי דער האַנט, און דריקט זי צו צום האַרץ, און זאָגט איהר:

— טאַכטערשי, איך וועל נישט טועם זיין, ביז איך וועל דיר נישט פרעגען, און דו וועסט מיר נישט ענטפערען דעם אמת.

זעהט ר' חייא, ווי זי רויטעלט זיך, זאָגט ער ווייטער:

— טאַכטערשי, דער סדר עולם איז, אַז בנוגע צו געוויסע מחשבות אַנטפּלעקט אַ בתולה איהר האַרץ נאָר פאַר דער מוטער. ביסטו דאָך אָבער, טאַכטערשי, אַ יתומה, בין איך דיר, — ווי איך האָב דיין מוטער, דער צדקת, צוגעזאָגט, — אי אַ פאָטער אי אַ מוטער, מוזט דו מיר דעם גאַנצען אמת זאָגען. גאַרנישט איבערלאָזען אין האַרץ...

באַהאַלט מרים'ל איהר פּנים אויף זיין ברוסט און זאָגט שטי־לערהייט:

— פרעג, טאַטעשי.

זאָגט ער איהר:

— זעה, טאַכטער מיינע! יאָהרען ציהען. איך בין שוין נישט יונג... די באָרד מיינע איז ווייס ווי דער שניי אויפ'ן באַרג חרמון — און וואָס וועט זיין, טאָכטער, אַז מען וועט מיך רופען צום בית־דין של מעלה, און צו דער מאַמען דיינער, — אויף וועמעס באַראַט וועל איך דיך איבערלאָזען?

— טאַטעשי, רעד נישט דערפון... איך וועל שטענדיג טון דיין רצון...

פרעגט ער זי:

— מרים'ל, ווילסט זיין מעהר צדקת, ווי רבקה?

שמייכעלט מרים'ל: ניין.

— און אַז אליעזר עבד אברהם איז געקומען רעדען רבקה'ן אַ שדוך מיט יצחק'ן, שטעהט: „ושאלו את פי הנערה", האָט מען רבקה'ן געפרעגט, צי זי וויל געהען מיט דעם מענש, מיט אליעזר'ן, הייסט עס. האָט זי זיך נישט געשעמט און געענטפערט: הן, — איך וויל!

— פרעג, טאַטעשי! אַז דו הייסט, וועל איך דיר ענטפערען.

פרעגט ער זי כהאי לישנא:

— זאָג מיר דעם אמת, מרים'ל: וועלכער פון מיינע תלמידים וואָלט דיר אַמבעסטען געפעלען פאַר אַ מאַן?

— חנניא! — ענטפערט מרים׳ל שטיל, אזוי שטיל, אז נאר א פאטערס אן אויער האט געקאנט אויפכאפען דעם נאמען.

ווערט ר׳ חייא נבהל ונשתומם און פרעגט:

— און־מיט וואס געפעלט ער עס דיר, טאכטער? האסט גע־רעדט מיט איהם?

ענטפערט זי:

— חס ושלום! און — ער וואלט מיר דען געענטפערט?

שמייכעלט ר׳ חייא און פרעגט:

— וואס דען, קינד? אדרבא, דערצעהל.

און אז ער זעהט, אז עס איז איהר נישט לייכט צו רעדען, זאגט ער:

— איך בין אויף דיר גוזר בכבוד אב!

דערצעהלט זי איהם, אז באלד אין דער ערשטער רגע איז ער איהר געפעלען. ערשטענס — דער קול; ער גיסט זיך אין איהר הארץ אריין, ווי כשר׳ער בוימאויל! צווייטענס — די גבורה!

— גבורה? — וואונדערט זיך ר׳ חייא.

— אודאי איז א גבורה, אז א בחור געהט ארום אין ליינ־וואנטענע קליידער צווישען לייטישע חברים און שעמט זיך נישט, און האט קיין מורא נישט...

— און שוין? — וואונדערט זיך ר׳ חייא.

— און פאר זיין גוט הארץ, וואס קוקט איהם, ווען ער הויבט די ברעמען אויף, פון די אויגען ארויס. און זיין טרויער... עס כאפט אן ביים הארץ...

— קינד, ער קומט אפ... א זינד ליגט איהם אויף דער נשמה!

— גאט מיז איהם מוחל זיין! — רייסט זיך איהר ארויס פון מויל מיט בטחון — איך געה אמאל פארביי דער סוכה, וואו ער זיצט פאר מנחה... הער איך זיינע תפלות! טאטעשי, איז א מענ־ליכע זאך, מען זאל אזוינע הארציגע תפלות נישט הערען?

— גאט איז א בעל רחמים, טאכטער!

— איך וויים נישט זיין זינד... נאר זיין תשובה איז גרויס! עס ליגט אויף זיין פנים אזוי פיעל חרטה, אזוי פיעל הארץ־וועה־טאג... טיילמאל — אזא מרה־שחורה! מען מ ו ז אויף איהם רחמנות האבען!...

— האסטו נאר רחמנות, טאכטער?

— דאס איז געווען דער אנהויב, טאטעשי... איך זאל זיין— האב איך אמאל געטראכט — אויף דיין ארט, טאטעשי, וואלט איך פאר איהם שטענדיג מתפלל געווען... דערנאך האב איך אזא נעדאנק געהאט: איך זאל זיין א ברודער זיינער, וואלט איך מיך פאר איהם מוסר נפש געווען... אין פלוצלונג, טאטעשי, — דו הייסט דאך מיר זאגען דעם אמת — האט מיר א שטראם הייס בלוט צוגעשלאגען צום הארץ... עס האט זיך מיר געדאכט, אז באמת מוסר נפש זיין קאן זיך נאר א ווייב! אז דו ביסט אויף מיר גוזר, דערצעהל איך דיר!...

— און איינמאל, טאטעשי, האב איך וועגען דעם א חלום גע־האט.

עס איז געווען ל"ג בעומר. דו ביסט מיט דיינע תלמידים שפאצירען געפאהרען אויף דער שיף איבער'ן ים... חנניא אויך; דו האסט איהם געהייסען... און געזעהן האב איך דורכ'ן פענס־טער, ווי טרויעריג ער איז ארויף אויף דער שיף...

און איך בין אליין געבליבען... עס איז מיר אומעטיג געווא־רען איינע אליין אין הויז און אזוי טרויעריג... בין איך ארפגע־גאנגען אין גארטען אריין. אין גארטען איז אויך געווען שטיל— קיין פויגעל האט נישט געזונגען... עס האט קיין ווארים אין קיין בוים נישט געקלאפט... און איך בין וואונדערליך טרויעריג און מיר געווארען... געה איך צו די בלומען... שטעהען זיי אלע פאר'חלש'ט און נעבויגען; עס איז א הייסער טאג געווען... לעג איך מיך אויף א בייט ביי די ווייסע ליליען, מיט די הענט אונטער'ן קאפ, און קוק אזוי אין הימעל אריין... און ווער אזוי איינגעדרימעלט, חלום'ט זיך מיר א חלום:

עס פליהט אונטער'ן הימעל א טויב... א ווייסע, שטילע, טרויעריגע טויב. און הינטער איהר, — די טויב זעהט עס נישט, — פליהט נאך א שווארצער פויגעל, מיט אן אויסגעשטרעקטען שארפען שנאבעל און וויל שטעכען די טויב... קריג איך אויף דער טויב א ווילד רחמנות און הויב אן רופען, שרייען. די טויב הערט מיך נישט, שווימט ווייטער אין דער לופט. נאר דער שווארצער פייגעל דערשרעקט זיך און ווערט פארשוואונדען אויף א ווייל‏ע... ער קומט אבער צוריק, פליהט האסטיגער, הויבט אן דעריאגען די טויב... וועקט זיך אין מיר נאך א שטארקערע, נאך א ברענענדיגע־

רער רחמנות; שריי איך נאך העכער. דער שווארצער פויגעל דער־שרעקט זיך נאך אמאל, רוקט זיך אביסעל הינטערוויילעכטס צו־ריק... און פליהט נאך אמאל צו... שריי איך נאך הארצרייסענדי־גער... און אזוי עטליכע מאל, ביז די טויב האט מיך אויך דער־הערט, און לאזט זיך אראפ צו מיר און מאכט צו מיר טרויעריג:

— וואס שרייסט דו, קינד!

ענטפער איך:

— איך יאג אפ פון דיר דעם שווארצען פויגעל, וואס דו זעהסט נישט, און וואס וויל דיך טויטען!

ענטפערט מיר די טויב מיט מרה־שחורה:

— נישט ער וויל, ער מוז מיך טויטען... איך בין א חייב מיתה... און ער וועט מיך טויטען, אויב עמיץ וועט זיך נישט פאר מיר מוסר נפש זיין! דאס אבער — זאגט זי טרויעריג — וועט קיינער נישט טון!

— איך! — שריי איך אויס צו דער טויב. — איך וועל עס טון!

— און וועסט קיין חרטה נישט האבען?

— ניין! — און איך שווער צו, אז ניין...

ניקט זי צו מיר, די טויב, מיט ליעבשאפט, שטעהט א ווילע און פליהט אוועק. און אז איך האב מיך אויפגעכאפט, האב איך פארשטאנען, וואס עס באטייט...

— די טויב איז ער — חנניא... און מוסר־נפש זיין, טאטעשי, קאן זיך נאר א ווייב... און געשוואוירען האב איך!

ווערט ר' חייא זעהר טרויעריג און פרעגט:

— און ווי איז, אז דעם חנניא איז קיין אורך ימים נישט באשערט? עס דארף נאר פון זיינע לענדען ארויסקומען א גאון. אבער ער מוז אוועקגעהען יונגערהייט פון דער וועלט?

ענטפערט זי:

— וויפיעל עס איז איהם יאהרען באשערט, אזוי פיעל גוטע זאל ער האבען...

טרויעריג לייכטען אויף ר' חייא'ס אויגען, און ער פרעגט:

— און ווי איז, אויב עס איז איהם נאר באשערט ארויסצו־געבען פון זיך א גאון־עולם... א גרויסען, גאר א גרויסען — זיין

לעבען אבער איז אין הימעל גערעכענט נישט אויף יאָהרען, נאָר פון דער חופה אָן — אויף טעג —

— זאָל זיין טעג! אבער גוטע טעג זאָל ער האָבען.

— און דו ווילסט א יונגע אלמנה בלייבען?

— אבער א געבענשטע פון גאָט!

בלייבט ר' חייא זיצען, נישט פארשטעהענדיג די גבורה פון יונגען קינד.

„א הימעל־זאַך," טראַכט ער.

און זי לעגט איהם נאָך אמאָל די האַנט אויפ'ן אקסעל און מיט אויפגעהויבענע אויגען, און מיט א קול פון א נביאה זאָגט זי:

— איך האָף אבער, אז דער גזר דין, וואָס הענגט איבער איהם, וועט בטל ווערען! — איך וועל פאַר איהם מיין לעבען אויסקויפען.

— ווי אזוי, טאָכטערשי?...

— איך אליין ווייס נישט, ווייל איך ווייס דאָך נאָך נישט פאַרוואָס פאַר א זינד ער דאַרף אָפּקומען. שפּעטער, וועט ער מיר שוין זאָגען...

און ר' חייא'ס שווערען האַרץ בלייבט שוין קיין ספק נישט, אז עס איז א זווג פון גאָט... „און גאָט — טראַכט ער — פראָוועט מיך, נאָר איך וועל דעם נסיון ביישטעהן." און הויך זאָגט ער:

— מזל־טוב דיר, טאָכטער! אם ירצה השם וועלען מיר מאָרגען שרייבען תנאים.

מרים בייגט זיך איבער'ן פאָטערס האַנט, און אז זי האָט זיך צוריק אויפגעהויבען, האָט זי ר' חייא כמעט נישט דערקענט. זי איז מיט אמאָל אזוי גליקליך געוואָרען... שטראַלענדיג איז זי מיט אמאָל געוואָרען.

— האָסט גאָר קיין פחד נישט, מרים!

— ניין, איך פאַרלאָז מיך אינגאַנצען אויף גאָט!

און איהר קול האָט געקלונגען אזוי קלאָר און אזוי ריין, ווי קריסטאָל...

ר' חייא'ס האַרץ איז אבער דאָך נישט אזוי רוהיג... און אז די טאָכטער איז אוועקגעגאַנגען, האָט ער געשריבען בריעף צום ראש ישיבה פון ירושלים און צום נשיא פון בבל.

און ער גיסט פאר זיי אויס זיין פארביטערט הארץ:

„מארגען — שרייבט ער — וועלען זיין ביי מיין טאכטער. מרים שתחי', תנאים... טייכמאל דאכט זיך מיר, אז איך זעץ איהר ארויף א קרוין אויפ'ן קאפ, און טייכמאל — אז איך פיהר מיין איינציג וויים שעפעלע, רחמנא לצלן, צו דער שחיטה...

„גאט וויל איך אבער נישט געהן — שרייבט ער; — מנביל זיין דעם זמן החתונה וועל איך אויף א חודש...

„איבער דער צייט ווארט איך פון אייך אן עצה, א ראט — און זייט פאר מיר מתפלל, און פאר מיין טאכטער, און פאר'ן בעל תשובה חנניא..."

אן עומד בדבורו איז ר' חייא געווען.

דעם צווייטען טאג האט מען תנאים געשריבען. דער עולם האט נעגאפט. די בחורים פון דער ישיבה זענען אויסער זיך: דעם עם־הארץ זאל אזוינס קומען! פאר דרך ארץ אבער שווייגט מען.

און דער חודש געהט פארביי... קיין תשובה פון ראש ישיבה פון ירושלים און פון נשיא פון בבל האט ר' חייא נישט באקומען; נעמט ער עס אן פאר א שלעכטען סימן, רופט ער אין טאג פון דער חופה אריין די טאכטער, און זאגט איהר:

— זיי וויסען, מרים, אז אויף דיין חתן חנניא איז נגזר גע־ווארען אוועקצוגעהען פון דער וועלט דעם אכטען טאג נאך דער חופה...

און ער דערצעהלט איהר, וואס ער האט געהערט פון דער שלאנג, און אז ער האט קיין תשובה נישט פון די גדולי הדור, און זאגט איהר, אז אויב זי איז נישט פעסט אין דער דעה, קאן זי נאך חרטה קריגען.

ענטפערט איהם מרים'ל:

— איך בין פעסט, און מיין הארץ איז פעסט, און אז איך וויים דעם גזר דין, וויים איך שוין, ווי אזוי איך וועל איהם מבטל זיין!

— דו! אין וועמענס זכות, אין וועמענס כח? — קאן זיך נישט אויסוואונדערען ר' חייא...

און מרים'ל זאגט:

— אין כח פון מיין אמונה... און אין זכות, דיר, טאטעשי, צו לאנגע יאהר, פון מיין מאמען דער צדקת, עליה השלום! און אין

זכות, טאַטעשי, אין זכות פון דיין תורה, מצוות און מעשים־טובים.

בלייבט צו שטעלען אַ חופה...

און עס איז אַ חתן־מאָל, זיצט דער חתן אין זיינע מלבושים, און רעדט נישט אַ וואָרט...

ר׳ חייא האַלט פאַר איהם אַ דרשה, און ער הערט זיך איין, מיט נחת און צער צוזאַמען...

פיהרט מען דעם חתן צו קבלת פנים, זיצט די כלה אין לייני־וואַנטענע קליידער, אפּנים, שלא לבייש את החתן, און מיט אַ פּראַסטען טוך איבער׳ן קאָפּ...

און אַז מען הויבט אויף דאָס טוך, שיינט אויף אַ פּנים, ווי אַ זון, אויגען קלאָרע, גלויבענדיגע, שטילע, נאָר טיף גליקליכע!

לויפט זיך גאַנץ צפת צוזאַמען צו דער חופה — שטעהט דער חתן אונטער דער חופה אין ליינוואַנטענע קליידער, מיט אַ האַנפענעם שטריק אויף די לענדען, און מיט אַ וואַלד־שטעקען אין דער האַנט...

און מען פיהרט אַרום איהם די כלה אין וואָכעדיגע קליידער, שלא לבייש את החתן... און ר׳ חייא שטעהט און שעפּט נחת און וויינט.

און אַז ער וויל פאַרזאָגען דעם חתן „הרי את" — פרעגט ער:

— וואָס טייטש?

און ר׳ חייא גערט צו און פאַרטייטשט איהם וואָרט ביי וואָרט... און אַזוי, פאַרטייטשט ער איהם די ברכות און די כתובה... גאַפט מען.

נאָר אַז ר׳ חייא טוט אַזוי, מן הסתם ווייסט ער, וואָס ער טוט...

נאָר מעהר געגאַפט האָט מען איבער דעם, וואָס דער חתן האָט קיין וואָרט תורה נישט געזאָגט, אפילו נישט ביי דער סעודה, און מען האָט דעריבער נישט אויסגערופען קיין דרשה־געשאַנק, אפילו נישט פון כלה׳ס צד...

און די שבע ברכות — עס איז געווען זומער־צייט — זענען אין גאָרטען געווען... אויף דער מיטעלער ברייטער אַלעע זענען געשטאַנען טישען פאַר זכרים באַזונדער, און פאַר ווייבער באַזונדער, און די כלה איז געזעסען, ווי אַן אָרעמע כלה צווישען רייכע

געסט; און דער חתן איז געזעסן ווי א שטומער צווישן אלע למדנים און רבנים, וואס האבן גע׳דרש׳ענט און גערעדט תורה, און איבער אלע — ר׳ חייא...

און ר׳ חייא, צי ער אליין האט געזאגט, צי אנדערע, איז אלץ געזעסן אומרוהיג, און האט עפעס געזוכט ארום און ארום מיט די אויגן אויף דער ערד. צי האט ער נישט חרטה אויפ׳ן שידוך? חס ושלום! ער זוכט נאר מיט די אויגן די פרעמדע שלאנג, און זעהט, ווי דער „עכנאי" דרעהט זיך ארום שטילערהייט צווישן די געסט, פון קיינעם נישט געזעהן, און לאזט קיין אויג נישט אראפ פון זיין קרבן — פון חתן חנניא...

און אין אווענט, נאך די לעצטע שבע ברכות, האט ר׳ חייא צוגערופען די טאכטער און האט איהר געזאגט מיט א משונה׳דיג קול:

— טאכטער, מארגען איז דער יום הדין. שטארק זיך!

— איך בין שטארק! — ענטפערט דאס יונגע ווייבעל. — איך בין געבענשט פון גאט! און — גיט זי צו מיט בטחון — איך וועל איהם אויסלעזען פון טויט...

— זאל דיר גאט העלפען! — ווינשט איהר ר׳ חייא מיט הייסע טרערען.

— נאר געדענק, — זאגט זי, — טאטעשי, אז מארגען דארף פריהער זיין דער נס! — דער שטעקען דארף בליהען, זיין נשמה אויך! ער דארף זאגען פאר דיר א חלוק! קום צו אונז, טאטעשי, גאנץ פריה. פארשלאף נישט!

טראכט ער: צי וועל איך דען שלאפען? און הויך זאגט ער איהר צו.

און צומארגענס, אז ר׳ חייא איז געקומען צום פאר־פאלק, איז שוין פרים געווען אנגעטאן. נאר חנניא איז נאך געלעגען אין בעט.

— זייט מיר מוחל, שווער, — זאגט ער, — איך פיהל מיך נישט בקו הבריאה... — און ער פארמאכט צוריק די אויגן.

קוקט ר׳ חייא אויפ׳ן ווייסן שטעקען, וואס שטעהט חנניא׳ן צוקאפענס, גלייבט ער זיינע אויגן נישט — דער שטעקען באדעקט זיך מיט א גרינער הויט, די הויט — ווערט אנגעדראלען מיט א־ערלעך, באדעקט זיך מיט קנאספען און הויבט אן בליהען... וויל

ער זיך אויפהויבען און נעהנטער זיך צוקוקען צום נס. דערזעהט ער אבער, ווי חנניא׳ס פנים פארענדערט זיך, רויטעלט זיך, און ער עפענט אויף א פאר שטילע, קלארע, געבענשטע אויגען, אהן א צייכען פון א קללה. — קוקט ער און גאפט, זוכט ער מיט די אויגען די טאכטער, צי זי זעהט, איז אבער מרים׳ל שוין נעלם געווארען. און דערווייל עפענט חנניא די ליפצען און הויבט אן דרש׳ענען, און ר׳ חייא הערט און פארגעסט אן אלעם: אן נס פון שטעקען, אן דער טאכטער, אן „עכנאי" — דעם שליח פון מלאך המות; פערעל שיטען זיך חנניא׳ן פון מויל: תורה און סתרי תורה, און עפענט פאר ר׳ חייא׳ן די טויערען פון א נייעם עולם התורה — א וואונדערליכער גארטען — א גן־עדן מיט׳ן עץ הדעת, מיט׳ן עץ החיים, און אלערליי אנדערע פרות, און די ריינע ליכט פון שבעת הימים באשיינט אלץ און באשיט מיט ריין גינגאלד, און אלע בוימער בליהען, און מחנות פייגעל זינגען צווישען די בלעטער און פרות אויף די צווייגען — און עס בליהט, און שפראצט, און זינגט, און שפילט... חנניא רעדט, און ר׳ חייא׳ן דאכט זיך, אז די נשמה פון דער וועלט רעדט! צי חלומ׳ט ער נישט? ווייט און ברייט עפענט ער די אויגען — די אויערן זאפען־איין וואונדערליכע קולות. און מיט׳ן אפענעם מויל שלינגט חנניא די ווערטער פון די ליפען אראפ, און א הייליגער, שטילער נחת צוגעהט זיך איהם אין אלע גלידער.

נאר דעם תענוג פון ר׳ חייא׳ן קאנען מיר נישט באשרייבען, בפרט נאך — אויף עברי טייטש. די סודות התורה, וואס חנניא האט מגלה געווען, הלא הם כתובים על ספר הישר — אין חנניא׳ס ספר, וואס ר׳ חייא האט ארויסגעגעבען מיט׳ן גאלדענעם שניט. וועלען מיר דעריבער פארלאזען די גאונים, און זעהן, וואס די צדקות מרים׳ל טוט.

אזוי ווי זי האט דערזעהן, ווי דער שטעקען הויבט אן בליהען, און דער פאטער, ר׳ חייא, איז פארקוקט אויפ׳ן שטעקען, האט זי געכאפט דעם מאנס ליינוואנטענע מלבושים און איז פון שטוב ארויס... שטיל און לייכט געהט זי ארויס פון חדר, דער דיוואן זאפט איין זיך איין איהרע לייכטע טריט... און זי לויפט איבער אלע חדרים ביז צום לעצטען חדר, פאר דער פאדער־שטוב... קיין שום בן־אדם טרעפט זי נישט איבער׳ן וועג. זי האט נאך נעכטען

אנגעזאגט, עס זאל זיך דא קיינער נישט באווייזען, ביז זי וועט רופען. און אז זי קוקט זיך אום און זעהט, אז זי איז אליין, ווארפט זי פון זיך אראפ איהרע קליידער, „גאט! — שעפטשען איהרע ליפען — עס איז פקוח נפש, זיי מיר מוחל „שמלת־גבר“... — און כאפט אויף זיך דעם מאנס לייבוואנטענע מלבישים, און לויפט צו און עפענט די טיר, און זעצט זיך אויף דער שוועל פון פאדער־שטוב אין גארטען אריין. אזוי זיצט זי א ווײלע שטיל און קוקט אויף די אלעע, וואס ציהט זיך פון דער הויז־טיר, ווייט, ווייט און ווערט פארלוירען צווישען די אלעאנדער־בוימער...

און איהרע ליפען שעפטשען תפלות ותחנונים צום בורא עולם, ער זאל אננעמען איהר קרבן; און אז זי דערזעהט, ווי דער „עכנאי“ וויקעלט זיך אפ פון אלעאנדער־בוים און לאזט זיך איבער'ן וועג, נעמט זי געשווינד און פארשטעלט זיך דאס פנים מיט די הענט. זעהט זי אוים כהויה ווי דער מאן חנניא. און לאזען לאזט זי נאר איבער א דין שפעלטעל צווישען די פינגער, און קוקט, ווי די שלאנג רוקט זיך און רוקט זיך... און דער „עכנאי“ רוקט זיך פאמעלעך, בנעימות, נאר זיכער. ער ווייסט, אז דער קרבן וועט איהם נישט אנטרינען! — און אז ער דערזעהט חנניא'ן (אזוי מיינט ער), ווי ער זעצט זיך רוהיג אויף דער שוועל, דאס פנים פאר־שטעלט, טראכט ער: דער קרבן זיצט שטיל. און דאס הארץ זאגט איהם שלעכטע נביאות. און ער איז מתפלל, אדער ער זאגט ודוי... שטעקט ער דאס גיפט־געפעלע פון מויל ארויס און האלט עס גרייט. דאס כלי זין! און מרים'ל זעהט עס. און זעהט, ווי דער „עכנאי“ הויבט זיך אן שטארקער צו רוקען; די תאוה פון א שלאנג צו בייסען, האט זיך אין איהם דערוועקט; און זי הערט שוין דאס רייבען מיט'ן בויך איבער'ן זאמד, און זיין סאפען... און אז ער קומט נאהנט, און זיינע הויט־פלעקען זעהען זיך שוין קלאר, פאר־מאכט מרים'ל דאס דינע שפעלטעל פון צווישען די פינגער, און בעט אין שטילען הארץ אהן אטעם: — „רבונו של עולם, נעם אן מיין קרבן“... און הויבט אן ודוי זאגען... שטיל, אהן אטעם, אהן א ציטער מיט די ליפען... נאר איידער זי ענדיגט ודוי, דערפיהלט זי דעם ביס... און פאלט ארונטער אויף דער שוועל און רופט:

— רבונו של עולם, זיי מיר מוחל פאר'ן גאזן, וואס דו האסט מיר געוואלט נעבען!... זאל לעבען חנניא אויף זיין ארט! און

הויבט אן גוסס'ען, און די נשמה שיידט זיך אפ מיט גרויס יסורים פון יונגען גוף.

איז אבער גאט — דער גאט פון משפט!

און אז די נשמה מרים'לס איז ארויף אויפ'ן הימעל, האט מען געוואָרט אויף איהר, דאס הייסט: אויף חנניא'ס נשמה... צדיקים זענען פון גן־עדן ארויס!

און אז מען פיהרט זי צום בית־דין, גיט מען זי א פרעג, — אבי מקיים צו זיין דעם מנהג, ווייסען ווייסט מען דאך:

— עסקת באמונה?

ענטפערט מרים'ל:

— איך האב קיינמאל נישט געהאנדעלט.

— האסטו געלערענט תורה?

צושמייכעלט זי זיך מיט א חן:

— רבונו של עולם, האסטו דען געהייסען, אידישע טעכטער זאלען לערנען דיין תורה?

ווערט א גערודער.

— ווער ביסטו? ווער ביסטו?

זאגט זי:

— מרים בת שרה וחייא, אשת חנניא!

ווערט א רעש... דערגעהט מען, אז זי האט זיך עס פאר איהר מאן מוסר נפש געווען! אז „עכנאי" האט זיך געלאזט נארען. שרייט מען צו דער נשמה:

— גיה, לויף געשווינד צוריק אראפ, גיה צוריק אין דיין גוף אריין, איידער מען ריהרט איהם פון ארט!

וויל זי נישט, מרים'ל! צוויי מאל ליידען יסורי מות — זאגט זי — איז קיינער נישט מחויב... נייערט, — שטעלט זי א תנאי — אז מען וועט אננעמען איהר טויט פאר חנניא'ס טויט! ער זאל לעבען!

ווערט א געשריי אין פמליא של מעלה:

— מסכים! מסכים! — מען האט מורא צו פארשפעטי־גען!... און מרים'לס נשמה קומט תיכף בדי דבור צוריק אין גוף אריין, און זי הויבט זיך אויף אפילו אויסגעהיילט פון וואונד, כלא

היה, און זי לויפט אריין מיט פרייד צו די צדיקים, מיט גרויס שמחה, און דערצעהלט זיי, וואס מיט איהר האט זיך געטראפען. און באותו הרגע זענען אנגעקומען צוויי משולחים מיט צוויי בריף, איינער פון דעם ראש־ישיבה אין ירושלים, און דער צווייטער פון נשיא פון בבל, און אין ביידע בריף איז מעהר נישט געשטאנען ווי איין ווארט:

— מזל טוב!...

וועגען דעם גאון וואס איז ארויסגעקומען פון דעם זווג, און וועגען נחת, וואס ר׳ חייא האט נאך פון איהם דערלעבט, וועלען מיר, אם ירצה השם, דערצעהלען אן אנדערש מאל.

מיר וועלען נאר צוגעבען, אז „עכנאי׳ן“, וואס האט זיך געלאזט נארען, האט מען פון דאמאלט אן אפגעשאפט, און מען זעהט איהם נישט...

שטומע נשמות

צוויי וועגען — צוויי משלים

א קאפיטעל תהלים

„שמע ישראל"

נסים אויפ'ן ים

צוויי וועגן — צוויי משלים.

שני דרכים — צוויי וועגן פיהרען צו זיין ליעבען נאמען, וואס איז די נשמה פון דער וועלט און דער תוך פון דער וועלט.

איז איינער פון זיי דער וועג פון שכל, אויב דער בשר ודם שארפט זיין מוח אין דער תורה הקדושה; און דער צווייטער — דער וועג פון הארץ פון א בשר ודם, אויב ער רייניגט עס און היי־ ליגט עס לעבודת הבורא.

נתעלה — על פי דרך הטבע ווערט געהויכט און געהויבען א מענש נאר דורך דעם שכל; דורך דעם שכל לערענט ער די תורה הקדושה, וואס איז דער חוק ומשפט — דאס געזעץ פון דער וועלט. און ער דערקענט דורך איהר דעם פלאן, לויט וועלכען דער בורא עולם האט זי, די וועלט, ארויסגעפיהרט פון תהו ובהו. און ער ווייסט, אויף וואס זי שטעהט, און וואס עס קאן זי חרוב מאכען. און אז ער קומט צו דער השגה, קריגט ער אליין אויך שוין א שטי־ קעל דעה אין דער הנהגה פון דער וועלט, און ווערט, כביכול, א שטיקעל שותף צום הקדוש ברוך הוא אין מעשי־בראשית...

צו א גאנץ הויכער מדרגה קאן אבער אויך קומען א מענש דורכ'ן הארץ, אויב די כונה איז גוט און דאס הארץ איז גוט, און עס ברענט אין דעם הארץ דאס פייער פון גרוים ליעבשאפט צום בורא עולם, און עס רויכערען זיך דערויף מצוות און מעשים טובים ווי קרבנות אויפ'ן מזבח...

און אשרי — וואויל איז טאקע דעם מענש, וואס געהט אויף ביידע דרכים, וואס עפענט זיך דעם הימעל מיט ביידע שליסלען. ווארים ער איז זוכה: אי צו דער גרויסער השגה, אי צו דער גרוי־ סער ליעבשאפט. — דאס איז אבער — לאו כל אדם זוכה...

על פי רוב זענען די תלמידי־חכמים סאמע דין, ווייל זיי געהען נאר מיט'ן וועג פון שכל; און דער שכל איז דין. זענען זיי טאקע „נוקם ונוטר כנחש", און וואלטען בהבל פיהם די וועלט פארברענט.

ווארים — מי יעמוד? על פי שלחן ערוך קאן די זינדיגע וועלט קיין רגע קיין קיום נישט האבען; די זינדיגע וועלט דארף דעריי־בער רחמים.

און פון דער צווייטער זייט זענען די ל"ו צדיקים פון יעדען דור, כאטש עס ווארטען אויף זיי גאלדענע שטולען און קרוינען אין גן עדן און די וועלט וואלט אהן זיי קיין קיום נישט געהאט -- דוקא נישט קיין גרויסע למדנים... זיי זענען יוצא מיט א פרק משניות, מיט א קאפיטעל תהלים, אפילו מיט תפלה בכונה...

דער עיקר איז ביי זיי דאס הארץ. ווארים פון אמת'ן צדיק'ס הארץ שטראלט און פליסט ארויס דאס גרויסע, הארציגע רחמנות אויף דער וועלט...

אל יאמר — זאל דעריבער נישט זאגען דער עם הארץ: „הן אני עץ יבש" — איך בין א טרוקען שטיקעל האלץ; אויף מיר קאנען נישט בליהען נישט בליטען, נישט קיין מצוות, נישט קיין מעשים טובים — —

„נסתרה דרכי מה'" — מיין וועג איז פארוואגעלט פון גאט... זיין אויג, כביכול, זעהט מיך נישט, ווייל איך געה ארום אין חשך און מיין נשמה איז איינגעהילט און איינגעוויקעלט אין א פינסטערען וואלקען — —

און איך קאן אפילו נישט נצול ווערען פון גיהנום. ווייל, ווי אין פרק אבות שטעהט: „ולא עם הארץ חסיד", דער, וואס לערענט נישט די הייליגע תורה, קאן נישט זיין קיין אפגעהיטענער איד, ווייל ער ווייסט נישט, וואס א מצוה איז, ער זאל זי מקיים זיין, און וואס אן עברה איז, ער זאל פאר איהר אנטלויפען, וואו דער פעפער וואקסט, און ער איז גאר נישט מבחין — ער קאן נישט אונ־טערשיידען בין טוב לרע — צווישען גוטס און שלעכטס.

דאס זענען גאר קיין טענות און קיין דבורים נישט.

ווארים סוף כל סוף קוקט גאט, ברוך הוא, אויפ'ן הארץ. און „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא": סיי די וואויל־לערנער, סיי די נישט וואויל־לערנער, וואס קאנען נאר „שמע ישראל". און „שערי תפלה אינן ננעלין" — די טויערען פון תפלה ווערען נישט פאר־שלאסען אפילו פאר שטומע נשמות, וואס פארשטעהען נישט אפילו די טייטש־ווערטער פון די תפלות און קאנען זיך נישט אויסרעדען דאס הארץ פאר גאט...

ווארים גאָט איז א בעל־רחמים, און אזוי ווי א בארמהארציגע מאמע שטעקט אריין דעם ווארצעל פון דער ברוסט דעם הונגעריגען קינד אין מויל אריין ביים ערשטען קרעכץ, און ווארט נישט, ביז דאָס קינד וועט שארף ארויסזאגען: מילך, אזוי ווייסט דער רבונו של עולם, וואס א מענש וואלט געבעטען, ער זאל קאָנען, און טוט מיט גרויס רחמים זיין רצון...

און ער פארהאלט נישט דעם שכר פון קיין שום בריאה, וואס מיינט, אז ער טוט א מצוה און האָט א טעות, עס איז קיין מצוה נישט. ועל אחת כמה וכמה, אז זיין ליעבער נאָמען שטראָפט נישט פאר אן עברה, וואס א זינדיגער מענש טוט בשוגג, האבענדיג אין זינען א מצוה...

און אין דעם ענין געפינען מיר צוויי טייערע משלים ביים של״ה הקדוש.

דער ערשטער משל איז: משל למלך — צו א מלך, וואס איז געוועזן א מושל איבער א וויטער מדינה, וואס איז געוועזן אפגע־שלאָסען, און תרפ״ט אלפים מיילען אפגעלעגען פון אנדערע מדינות, און האָט געהאט גאר אנדערע געזעצען ווי אלע מדינות. אין איינמאָל צו דעם מלך אריינגעקומען דער ערשטער מיניסטער מיט א פאפיר אין דער האנט, און ער האט, זיך בוקענדיג, דער־לאנגט דעם מלך דאס פאפיר; דער מלך זאל עס חתמ׳ענען מיט זיין אייגענער האנט אדער צולעגען דעם טבעת המלכות. נעמט איהם דער מלך ארויס דאס פאפיר פון דער האנט, און לעגט עס פאר זיך אויפ׳ן טיש, און זעצט זיך אויפ׳ן כסא המלכות, און נעמט אין דער האנט אריין די פעדער און וויל אונטערשרייבען דאס ראפיר. ווייל דער מלך האט, ווי דער סדר עולם איז, אמונה צו זיינע שרי מלכות, בפרט צום ערשטען מיניסטער, און ווייסט, אז מען וועט איהם קיין עולה צום אונטערשרייבען נישט דערלאנגען.

האט אבער דער מלך געהאט א שארפע ראיה, און ווי ער וויל שוין מאכען דעם צוק, וואס איז דער אנהויב פון מלך׳ס חתימה, דערזעהט ער, אז עס שטעהט אין כתב: „חיב מיתה״ — „מורד במלכות״, נעמט ער תיכף ומיד און לעגט ארויס די פעדער פון דער האנט, און פרעגט:

— ווען און פאר וואס האט עס מיין בית־דין־צדק אזוי שארף פאר׳משפט?

זאגט איהם דער ערשטער מיניסטער:

— אדוני קעניג, עס איז א מורד במלכות. וואס האט זיך נישט געבוקט און נישט געבויגען פאר דיינע שרי מלכות. און איז ארומגעגאנגען אויף אזוינע מקומות, אויף וועלכע מען טאָר קיין פוס נישט שטעלען — אויף די וואלען פון דיין פעסטונג. און פאר'ן צעבהויז, וואו עס ליגט דאס פולווער צום שיסען, איז ער ארומגעגאנגען מיט פייער, כאטש עס שטעהט אויפגעשריבען שווארץ אויף ווייס איבער'ן טויער, מען זאל זיך היטען פאר פייער — — איז א סימן, אז ער האט קיין דרך ארץ נישט פאר'ן מלך, ווארים ער גיט נישט אפ כבוד די שרי מלכות; און אז ער האט געוואלט אויסזעהן די שאנד פון דיין מלוכה'ס פעסטונג און איבערגעבען דיין שונא; און האט נאך בדעה געהאט אונטערצוצינדען דעם מלך'ס אוצרות מיט פולווער...

— און דאס אלץ — גיט צו דער מיניסטער — האט ער געטאן אין שעהנעם העלען טאג, פאר אלע אין די אויגען, גלייך ווי די וועלט וואלט געווען הפקר, און עס וואלט קיין מלך און קיין מלוכה נישט געווען. און אפשר נאך נאר — להכעים.

טראכט דער מלך: ווער ווייסט, צי עס איז קיין משוגע'נער נישט? און ער פרעגט:

— און וואס האט דער פארזינדיגטער גע'טענה'ט פאר'ן בית־דין? האט ער גערעדט צו דער זאך?

ענטפערט דער מיניסטער, אז דאס קאן מען נישט וויסען; ווייל דער פארזינדיגטער איז פון א ווייטער מדינה, און דאס בית־דין האט זיין לשון נישט פארשטאנען, אזוי ווי ער האט נישט פארשטאנען דאס לשון פון בית־דין.

זאגט דער מלך צום ערשטען מיניסטער:

— דער מענש, וועלכען איהר האט גע'פסק'עט מיתה, איז קיין שולדיגער נישט... צו וואס זאל ער מיר טון להכעים?

— ער איז נאר א פרעמדער, וואס האט נאך אונזערע מונדירען נישט געזעהן און ווייסט נישט, ווי אונזערע שרי־מלכות זעהען אויס, און דערקענט זיי נישט.

— אויך ער ווייסט נישט דעם פלאן, לויט וועלכען אונזער שטאדט איז געבויט, און וואו די פעסטונג איז און וואו די וואלען זענען; און ער האט געוואלט מאכען חשבון הנפש און האריי

התבודדות, איז ער אהין געגאַנגען, וואו מען טאָר נישט, ווי איינער.
וואָס געהט הינטער דער שטאָדט...

— און ער קאָן די שווארצע אותיות אויף דער ווייסער שילד פון צעכהויז נישט לייענען, און היט זיך דעריבער פאַר'ן פייער נישט !...

פארשעמט זיך דער ערשטער מיניסטער און לאָזט די אויגען אראָפּ ; און דער מלך נעמט און צורייסט דאָס פּאַפּיר און גיט א באפעהל :

— לויף, ערשטער מיניסטער, געשווינד אין תפיסה אריין, און נעם אראָפּ די קייטען פונ'ם ארעסטירטען, און היים איהם אפּגאָ־לען און אפּוואשען, און אויסשמירען מיט'ן פיינסטען בוימאויל, און אנטון די טייערסטע מלבושים, און באצאָהל איהם פון אוצר המלכות צער און רפוי, און שבת, און בושת, און לאָז איהם פריי... און טאָמער וויל ער דאָ אין דער מדינה בלייבען, שיק איהם צו מיר, וועל איך איהם אליין מוסר זיין די סימנים פון אונזער לשון און די דינים פון אונזער מלכות...

און אז מען האָט די זאַך חוקר ודורש געווען, האָט זיך ארויס־געוויזען, אז דער מלך איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט. עס איז נאָר א פרעמדער געווען. און אויב ביי א מלך בשר ודם איז אזוי, על אחת כמה וכמה ביים מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, וואָס דאַרף נישט חוקר ודורש זיין און שטויסען זיך. ווארים פאַר איהם איז אפען דאָס הארץ פון א בשר ודם און ער לייענט דערינען, ווי אין אן אויפגעוויקעלטער מגילה...

נאָך מעהר, דער רבונו של עולם לעגט צו די עברות, וואָס אז עס האָרץ טוט צוליעב א מצוה, צו דעם חשבון המצוות און אויף דעם האָט דער של"ה הקדוש אויך א משל למלך, נאָר א שענער משל.

— אמאָל איז געווען — דערצעהלט דער של"ה הקדוש — א מלך, נאָר נישט, ווי דאָס רוב מלכים, א בייזער מלך, נאָר א גוטער מלך — א מלך חסד.

האָט דער מלך חסד — דער גוטער מלך — אמאָל געדאַרפט פייער. ער האָט, מאָלט אייך, געוואָלט זיך פאררויכערען די ליולקע. גיט ער א זאָג : פייער ! דאָס הייסט, ער באפעהלט, מען זאָל איהם ברענגען פייער.

איז איינער אבער פון זיינע שרים־משרתים, מרואי פני המלך, — פון די, וואס שטעהען פאר'ן מלך, געווען, צי פון געבוירענהייט אן, צי, רחמנא לצלן, מחמת א קרענק, אין וועלכער ער איז אריינגעפאלען, אביסעל טויבליך, האט ער נישט רעכט דערהערט. און ווייל עס איז געווען אינמיטען וואלד, וואו דער מלך האט זיך געיאגט נאך חיות־רעות, זיי צו פארטיליגען, און עס איז געווען אינמיטען זומער, און די היץ צווישען די ביימער איז געווען זעהר גרויס, און ער אליין איז געווען דורשטיג, — האט ער געטראכט, אז דער מלך וויל אויך אודאי א פרישען טרונק וואסער! איז ער תיכף ומיד ארויסגעלאפען פון מלך'ס געצעלט נאך פריש וואסער.

איז אבער גראד אין דעם ארט, וואו דער מלך האט זיך געיאגט נאך די חיות רעות, און וואו זיין געצעלט איז געשטאנען, קיין וואסער נישט געווען. — איז דער שר געלאפען, נישט געשלאפען, נישט געגעסען, נישט געטרונקען, דריי טעג און דריי נעכט, ביז ער האט זוכה געווען צו קומען צו א קוואל וואסער.

איז אבער ארום קוואל געשטאנען א חברה גזלנים מיט כלי זין. און די גזלנים זענען נאך געווען גרויסע מכשפים דאצו, זענען איבער זייערע קעפ ארומגעפליגען רוחות רעות זיי צו העלפען; האבען זיי, די גזלנים, נישט צוגעלאזט דעם שר צום קוואל. האט אבער דער שר געהאט גרויס אמונה און בטחון אין מלך, האט ער קודם כל מיט'ן כח פון זיין אמונה און בטחון פארטריבען די רוחות רעות, און דערנאך האט ער גענומען די גזלנים ארויסגעצויגען זיין שווערד און איז אויף זיי ארויפגעפאלען מיט א גרויסען אימפעט, און מיט התלהבות פון דער ליעבשאפט צום מלך. און ער האט מלחמה געהאלטען שעה'ן־לאנג מיט די גזלנים, און האט זיי סוף כל סוף, נאך גרויס מיה און מאטער און סכנת נפשות, גובר געווען, און האט זיי פאריאגט פון קוואל! און ער האט זיך נישט אפגעשטעלט צו היילען אדער כאטש ארומצובינדען זיינע וואונדען, וואס ער האט פון די גזלנים באקומען. און האט תיכף ומיד אנגעשעפט א קריגעל פריש וואסער פון קוואל, און אליין נישט געטרונקען, כאטש עס האט איהם געברענט פאר דורשט. און איז געלאפען א פארבלוטיגטער צום מלך אין געצעלט אריין, און האט מיט שמחה און מיט גרויס התלהבות א געשריי געטאן: נא דיר, גרויסער קעניג, וואסער!

האבען דאך אבער די אנדערע שרי־מלכות געהערט, ווי דער מלך האט בפירוש געזאגט „פייער", נישט קיין וואסער; האבען זיי אנגעהויבען צו לאכען און חוזק צו מאכען פון טויבען שר. און איינער פון די שרים איז געווען א רשע בטבע, האט ער געזאגט. אז לויט זיין מיינונג, איז דער שר גאר חיב מיתה, ווארים ער האט מורד געווען אין מלכות...

וואס אבער האט דער מלך, וואס איז געווען א מלך חסד, גע־טאן? קודם כל האט ער אפגעריסען די עפאלעטען פונ'ם שר, וואס האט מקטרג געווען און געמאכט דעם טויבען משרת פאר א מורד במלכות. און ער האט איהם אפגעריסען די גאלדענע קייט פון האלז, און אלע ארדערען און מעדאלען, וואס ער האט געהאט אויפ'ן הארץ, און ארויסגעטריבען פון שטאדט און פון לאנד ארוים. —

און א באפעהל האט ער געגעבען, דער מלך, מען זאל תיכף ומיד רופען זיינע בעסטע דאקטוירים, זיי זאלען אויסהיילען דעם געטרייען משרת'ס וואונדען. און דער מלך אליין איז בכבודו ובעצמו אויפגעשטאנען פון זיין כסא המלכות, און איז צוגעגאנגען צום געטרייען משרת, וואס איז איהם געפאלען צו די פיס, און האט איהם אויפגעהויבען, און א קוש געגעבען אין שטערן אריין.

און צו זיינע איבעריגע שרים האט ער אזוי געזאגט: כדי דעם מלך'ס געטרייער דינער זאל מעהר קיין טעות נישט האבען, און אנדערע שרים זאלען פון איהם נישט לאכען, הויב איך פון היינט אן זיין שטול איבער די שטולען פון אלע שרי־מלכות. ער זאל זיצען נעהנטער פאר אלע שרים צום מלך, און הערען פון מויל אין אויער זיין געבאט.

ועל אחת כמה וכמה — גיט צו דער של"ה הקדוש, — דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, וואס דארף בעצם נישט קיין פייער, נישט קיין וואסער, און האט געגעבען די תרי"ג מצוות נישט, חלילה, פאר זיין אייגענע טובה וועגען, נאר מזכה צו זיין ישראל, זיי זאלען נעמען שכר, נישט קיין מתנת חנם; איז טאקע א קל־וחומר, אז ער איז גומל־חסד פאר אזוינע טעותים...

און איהר זאלט קלארער זעהן דעם אמת דערפון, וועל איך אייך דערצעהלען עטליכע מעשיות פון שטומע נשמות, איהר זאלט זעהן, צו וועלכע מדרגות זיי זענען געקומען.

א.

א קאפיטעל תהלים

אדער

יוחנן וואסער-טרעגער און דער „אורח-חיים".

און די ערשטע מעשה, וואס איך וויל אייך דא דערצעהלען, האב איך בקבלה פון מיין זיידען, עליו השלום, וואס האט די זכיה געהאט צו זיין אן איינגעהער ביים „אורח חיים" אין שטוב, און האט עס, במעמד פון נאך בעלי־בתים חשובים, געהערט מפיו הקדוש — פון „אורח חיים'ס" הייליגע לעפצען.

און אנגעהויבען האט זיך די מעשה אזוי:

אין דער פריה, באלד נאך שחרית, זיצט זיך דער „אור־חיים", כמנהגו, אין קליינעם בית־המדרש'ל פאר'ן אנבייסען, און קוקט אין א ספר אריין. נישט ווייט פון איהם זיצען און רעדען צווישען זיך שטיל די דיינים; עס איז גראד קיין דין תורה נישט געווען. און נאך אביסעל ווייטער — די תלמידים, דעם „אורח־חיים'ס: איי־נער חזר'ט זיך איבער די נעכטיגע סוגיא, אן אנדערער קוקט זיך דורך דעם מהרש"א צו דער היינטיגער, א דריטער זאגט זיך א לייענען.

אינמיטען דערהערט זיך פון גאס א קול: „צדקה תציל ממות" און א קלונג מיט דער פושקע. זאגט מען „ברוך דיין אמת". מען ווייסט, וואס עס באטייט: נאך פאר שחרית האט מען געגעבען צוויי קלעפ אין טויער און געזאגט, אז יוחנן וואסער־טרעגער איז נפטר געווארען אין הקדש.

ווערט אבער דער „אורח־חיים" פארענדערט אויפ'ן פנים, הייסט זיך דערלאנגען דעם שטעקען מיט'ן ספאדיק, און זאגט — ער געהט צו דער לויה.

מילא, אז דער „אורח־חיים" געהט, געהען די דיינים אויך

מיט; נעמען די תלמידים רשות און געהען אויך. און אזוי — אנ־דערע, וואס זענען גראד געווען אין קליינעם בית־המדרש'ל. קומט מען אין גאס אריין. זעהען די גאס־מענשען, ווער עס געהט, געהט מען מיט; פארמאכט מען די קלייטען און מען געהט. קוקט עמיץ פון בית־המדרש דורך א פענסטער ארויס און זעהט די לויה, איז ער מודיע דעם בית המדרש־עולם, פארמאכט מען די גמרות און מען לויפט אראפ צו דער לויה. הכלל — די שטאדט געהט, קינד און קייט געהט!

מען געהט און מען חדוש'ט זיך: וואס איז?

— דער נפטר איז געווען, ער זאל אונז מוחל זיין, א פשוט'ער איד... אמת, געדאווענט ותיקין; מנחה ומעריב — אין גרויסען בית־המדרש; דערנאך ארומגעטראגען קאלט וואסער פאר די לומדים. אבער אזא לויה?

געווען נאך א תהלים־זאגער, אבער די עברי זיינע! מען פלעגט זיך קוים איינהאלטען פאר געלעכטער... איינמאל האט איהם דער „וחלקלקות" בשום אופן נישט געקאנט פון מויל ארויס; האט מען זיך נעקייקעלט... אמת, דער „אורח חיים" איז געווען דערביי. ער איז אין כעס געווארען און אנגעשריען...

און וואס נאך? א נהנה מיגיע כפו; ביז אין דער לעצטער רגע קיין מתנת בשר ודם נישט גענומען — נו הכלל?

און דער „אורח־חיים" געהט... איין גאס, נאך א גאס... א ווינט און א גליטש, עס קיהלט אין אלע אברים, און ער געהט ארויס פון שטאדט, לעגט די האנט אויף א מטה־שטאנג און פיהרט די מטה אויפ'ן בית־החיים, געהט אריין צו דער טהרה... נעמט ביים קבר אן ביים לייטעד און העלפט אראפלאזען... נעמט ארויס די לאפעטע פון א קברן'ס האנט און שיט א שאל ערד. הערט אויס קדיש, זאגט הויך „אמן" — —

פארשטעהט מען, אז עס איז נישט פשוט!

און געווען איז דאס דאנערשטאג. פרייטאג איז פרייטאג; דער עולם איז פארנומען, מען גרייט זיך צו לכבוד שבת; מען געהט אין מרחץ אריין; נאכ'ן מרחץ געהען נאך לייטישע בעלי־בתים אויף א גלעזעל מעד. שבת איז שבת... געלויבט איז גאט — מוצאי שבת, קוים דערלעבט, מאכט דער זיידע, עליו השלום, געשווינד

אפ הבדלה, זאגט אפ „ויתן לך" און לויפט צום „אורח־חיים". און קומען קומט ער צום „אורח־חיים" נישט אליין; אויפ'ן וועג האַ־בען זיך צו איהם מצרף געווען נאך עטליכע בעלי־בתים, און לומדים... קומען זיי צום „אורח־חיים" איז שטוב אריין, זאגט ער נאך „ויתן לך", ווארט מען. דערנאך: „גוט וואך, רבי!" „גוט יאהר, בעלי בתים!" די רבי'צין איז מיט עפעס וואס מכבד. זעצט מען זיך צום טיש; די רבי'צין געהט זיך צו זיך אין שטוב אריין.— מילא, מען ווערט דאך נישט ארויס פון דער העלער הויט מיט'ן עצם־ענין — מאכט מען פריהער א שמועס מכח דער קהלה. צי עס איז נישט א חשש אויפ'ן ערוב, דערפון איז מען ארויף אויף אן עגונה, איבער וועלכע א וועלט מיט רבנים האבען זיך דאמאלט געהאמפערט, וכדומה. און אזוי ווי אלע שמועסען ענדיגען זיך סוף כל סוף מיט'ן טויט, האט מען שוין געקערעוועט צו דער זאך.

איז דאך דער אורח־חיים א קלוגער איד געווען, שמייכעלט ער: ער האט באלד געוואוסט נאך וואס זיי זענען געקומען...

זענען זיי זיך מודה: אמת — זאגען זיי — אזא מעשה נורא...

זאגט זיי דער אורח־חיים:

— זייט וויסען, רבותי, אז עס איז נפטר געווארען א איד, וואס האט געהאט א חוש הריח צו דערקענען לומדי תורה, וואס אן אורח־חיים האט עס נ י ש ט. און דערצו א איד, וואס האט מעהר גע'פועל'ט מיט דער האק אין דער גראבער האנט, ווי דער אורח־חיים מיט די כונות אין מח...

גאפט מען: מען האט פון קיין פתרון, פון קיין חלום נישט געוואוסט... דער אורח־חיים האט גאר קיינמאל דערפון קיין ווארט נישט גערעדט:

— עס איז געווען א סוד, — זאגט דער אורח־חיים.

דער איד—זאגט ער—האט נישט געוואלט נתגלה ווערען, און אז עס איז געשעהן א מעשה, און ער האט מיר געמוזט אנטפלע־קען, האט ער גענומען ביי מיר דאס ווארט, אז בחייו וועל איך שווייגען.

נאך איינער איז געווען דערביי, אויך להבדיל בין החיים ובחמתים, דער געוועזענער בית־דין־שמש, כאטש ער איז געווען אין

דרויסען און האט וועניג וואס געזעהן, האט ער געגעבען א תקיעת־כף, אז ער וועט שווייגען, און האט געהאלטען ווארט.

אבער איצינד, זאגט דער „אורח־חיים“, איז אוים סוד, און אז איהר ווילט, מהיכא תיתי.

מילא — שטעלט מען אויף מויל און אויערען.

— עס איז שוין דערינגען — הויבט אן דער אורח־חיים צו דערצעהלען — א יאהר פינף־און־צוואנציג. ער איז דאמאלט נאר וואס אנגעקומען אין קהלה אריין.

נאר וואס אנגעקומען, איז ער זיך מישב. ער וועט געהן צו מעריב אין גרויסען בית־המדרש אריין, זעהן ווי מען דאווענט און לערענט אין גרויסען בית־המדרש.

קומט ער צו מעריב; געהט צו עפעס א קרעמפע אידעל צום עמוד.

פרעגט ער, ווער עס איז? זאגט מען איהם: איינער יוסל דבשה'ס — א גאנץ עהרליכער איד.

דאווענט ער, דער יוסל דבשה'ס, גאלאפ — א מיהל מאהלט...

ארט עס איהם: א בעל־הבית, יאגט ער זיך אזוי צו דער וועלט־משערע... מן הסתם וויסט ער, אז מען קאכט קליסקעלער מיט באבעלעך...

וויל ער שוין אנקלאפען אין שטענדער: איז ער אבער בטבע א רוהיגער, יווארט ער; ווארטענדיג דערהערט ער, אז עס שטעקט עפעס אין בעל־תפלה'ס קול — ער כאפט, און דער קול כאפט אז ביים הארץ...

שווייגט ער.

צו שמנה עשרה, דרעהט ער זיך איבער צו דער מזרח־וואנט, זעהט ער „הבחור יחיאל בן דבשה לרפואה שלמה“, אויפגעשריבען מיט קרייד אויף דער וואנט! פארשטעהט ער שוין, וואס דער איד, נעבעך, יאגט זיך! צום קראנקען קינד.

איז ער זיך מחיה מיט זיין אפגעהיטקייט, און האט זיך אין איינוועגס א הרהור תשובה געטהאן דברים שבלב. ווארים אין הארצן האט ער דאך דעם איד. וואס האט זיך געאיילט צום קראנקען

קינד, חושד געווען, אז ער איז איבערגעגעבען דער שיסעל... קומט ער, דער אורח־חיים, צו „רפאנו ה' ונרפא" — איז ער זיך טאקע מתכוון צו הבחור יחיאל בן דבשה... און האט, ברוך השם, גע־פועל'ט! א שעת רצון.... נאך די אייגענע נאכט האט דער בחור געשוויצט, איז אריבער בשלום דעם קריזיס; דעם שוחט'ס איידעם איז ער היינט; קאן לערנען...

נאך דער הקדמה, געהט דער אורח חיים איבער צום עיקר המעשה.

מען האט אפגעדאווענט מעריב, אפגעזאגט רבנן־קדיש און דער שמש איז צוגעגאנגען צום ארון טיילען ליכטלעך. טיילט ער און טיילט, און קאן זיך ניט דערטיילען. אזא עולם, קיין עין הרע!

און דער עולם צוגעהט זיך אויף זיינע ערמער, זיצט שוין יעדער ביי זיין ליכטעל און פאר זיין גמרא אויפ'ן שטענדער. הינטען ביים שלחן — א חברה ש"ס! ספאדיק ביי ספאדיק!

מיט איהם, דעם אורח־חיים, טאקע שטארק הנאה — ליכטלעך און פלעמלעך, ווי די שטערען אין הימעל; אויף כל תפוצות ישראל געזאגט! —

יוען דער רבונו של עולם וואלט אראפגעקוקט מיט נחת אויף אונזערע ליכטלעך אין די בתי מדרשים, ווי מיר קוקען צום הימעל ארויף מיט נחת צו זיינע ליכטלעך, וואלט גוט געווען.

און ווי ער זיצט און טראכט אזוי, קומט צו איהם צו דער שמש און פרעגט איהם, וואס פאר א ספר ער וויל. זאגט דער אורח־חיים „מועד"; ער האט דאמאלט עוסק געווען אין אן ענין פון „מועד"; געווען עפעס א שאלה פון א גדול הדור. שטעהען אין גרויסען בית־המדרש די ש"ס־גמרות הויך אויף דער שאנק איבער'ן שלחן פון דער חברה ש"ס. האט דער אלטער שמש געמוזט מבטל זיין די לומדים, און נעמען און ארויפקריכען אויף א לייטער... און דער שמש איז אן אלטער איד... א בחור האט אפילו געוואלט ממלא מקומו זיין, וויל ער אבער נישט, דער אלטער... האט שוין דער אורח־חיים חרטה, נאר פארפאלען; ער האט נישט געוואוסט, וואו די ש"ס גמרות שטעהען... דאך קוקט ער זיך דערווייל אום איבער'ן בית־המדרש און הערט זיך צו צו די קולות: עס זשומט, און ברומט, און זינגט, אז עס נעמט דורך.

מיט אמאָל דערזעהט ער, ווי א וואסער־טרעגער (דערנאָך ערשט איז ער געוואר געוואָרען, אז ער הייסט יוחנן) געהט אַרום מיט א קאַן און טראָגט צו צו די שטענדערס קאַלט וואסער. גע־פעלט איהם זיין התנהגות: אַז ער קומט צו צו אַ שטענדער, שטעלט ער זיך אָפּ, וואַרט ביז דער לומד־תורה וועט דערזעהן, און אויס־שטרעקען די האַנט צו דער קוואָרט; מבטל זיין פון תורה וויל ער נישט... און ווער עס נעמט די קוואָרט, זעהט ער, שמייכעלט און מאַכט פאַר איהם הויך א ברכה. און יוחנן וואסער־טרעגער ענט־פערט מיט'ן גאַנצען האַרץ: אָמן! זאָגט נאָך: אַ שעהנעם דאַנק! און קוקט אויפ'ן לומד־תורה מיט גרויס ליעבשאַפט, און געהט ווייטער...

ווערט דער אורח־חיים אַביסעל נתפעל פון דער התנהגות פון א פּראָסטען איד. פרעגט ער, ווער איז ער. זאָגט מען איהם, יוחנן וואסער־טרעגער. גוט. קוקט ער אַזוי ווייטער, דערזעהט ער פון דעם איינענעם יוחנן וואסער־טרעגער א משונה־ווילדע זאַך, וואָס קיינער האָט דאָס גאָר נישט באַמערקט. נישט ווייט פון אורח־חיים'ס אָרט, אויף דער מזרח־וואַנט, איז געזעסען אַן א זייט איינער א בלאַסער יונגערמאַן, ציא בחור, — שפּעטער האָט זיך אויסגעוויזען א פּרוש, — איבער א קבלה־ספר זיצט ער. דער אורח־חיים האָט גע־האַט זעהר א שאַרפע ראיה, און פון דערווייטענס האָט ער דער־זעהן, אַז אויפ'ן אָפענעם בלאַט זענען אויסגעמאָלט ספירות, — עס איז אודאי געווען דער „עץ־חיים". און צו דעם שטענדער, זעהט ער באַשיינפערליך, ווי יוחנן וואסער־טרעגער וויל צוגעהן מיט וואסער, און קאָן נישט! וואָס ער גענעהנט זיך צום שטענדער, פאַלט ער צוריק, גלייך עפּעס וואָלט איהם אָפּגעשטויסען. יאַ א פּלאָ?! איז ער דאָך אָבער אַן אָפּגעהיטענער, דער אורח־חיים, וואַרט ער... ברענגט איהם דער שמש די גמרא „מועד". פאַרהאַלט ער איהם, און פרעגט איהם אויפ'ן מקובל. זאָגט איהם דער שמש מיט אַביסעל גאוה: א, דאָס איז, רבי, אונזער פּרוש! א גרויסער מקובל, זיצט גאַנצע טעג אין תעניתים, לערענט שטענדיג ביחידות... און שטילער גיט ער צו: וואוינען וואוינט ער אין עק שטאָדט, אין א חורבה... גאַנצע נעכט הערט מען פון חורבה אַרויס משונה'דיגע קולות און זמירות... אפנים, מען קומט צו איהם לערנען און זמירות זינגען...

וואס זאל ער טראכטען, דער אורח־חיים?

טראכט ער, אז בשעת'ן למוד איז דער פרוש אויף אזא הויכער מדרגה, אז דער פראסטער וואסער־טרעגער האט די זכיה נישט צו שטעהן אין זיינע ד' אמות, צו קומען אין זיין מחיצה אריין; שטויסט עס איהם אפ.

איז ער דאך א לב טוב, דער אורח־חיים, קריגט ער רחמנות אויפ'ן ארעמען איד, וואס וויל א מצוה טון, און קאן נישט. דאס איז איינס; און צווייטענס, וויל זיך דער אורח־חיים באקענען מיט'ן פרוש, איבערערעדען דערפון. איז ער דאך אבער מרא־דאתרא, וויל ער אנזאגען דעם פרוש דורכ'ן שמש, אז ער וויל מיט איהם רעדען... אבער ווי ער האט דאס נאר א טראכט געטאן, דערזעהט ער עפעס נייעס: יוחנן וואסער־טרעגער געהט צו דעם פרוש'ס שטענדער, דער פרוש דערזעהט איהם, און שטרעקט אויס די האנט נאך דער קווארט, און הויבט די אויגען אויף מיט א בקשה צו א טרונק... און יוחנן וואסער־טרעגער דערשפירט עס, דרעהט ער זיך צו איהם צוריק אויס, וויל דערלאנגען די קווארט, און ווערט נאך אמאל ווי אפגעשטויסען, גיט א מאך אוועק מיט דער האנט, געהט זיך זיין וועגס, און דער פרוש בלייבט זיצען ווי דערשראקען.

דערווייל קומט אונטער אן אנדער וואסער־טרעגער, נאך א פשוט'ערער איד, וואס הערט נישט אויס קיין ברכה, ענטפערט נישט אמן, קוקט אויף די לומדי־תורה גאר אהן ליעבשאפט — א מענש מיט א מגושם פנים, טוט א מצוה אין פשטות אריין... און דער מגושמ'ער וואסער־טרעגער האט יא שליטה צום פרוש, עס שטויסט איהם נישט אפ; פארקעהרט, ער שטעלט זיך אפ, שטעלט אוועק די קאן, שפארט אן די האנט אויפ'ן שטענדער, רעדט עפעס צום פרוש, קענטיג, ער פרעגט איהם, צי ער וויל א טרונק וואסער, און דערלאנגט איהם. און דער פרוש איז דורשטיג, לויפט מיט'ן מויל אקעגען דער קווארט. דער אורח־חיים דערזעהט אפילו נישט, ווי ער מאכט די ברכה...

וואס, נאך מעהר וואונדער?

טראכט דער אורח־חיים, אז יוחנן וואסער־טרעגער מוז האבען עפעס א שנאה צום פרוש; האלט די שנאה צום פרוש מלחמה מיט'ן חשק צו טון א מצוה, און די שנאה פון עם־הארץ צום תלמיד חכם

איז גובר... און דאָס שטויסט איהם צוריק. דאַרף מען עס אַמאָל חוקר ודורש זיין...

האָט אָבער אַן אורח־חיים וויכטיגערע ענינים אויפ׳ן קאָפּ. פאַרגעסט ער... איבעי׳ר דער צייט מאַכט זיך אָבער ווידער אַ מעשה:

איינמאָל ערב ראש־חודש קומט דער אורח־חיים אַביסעל צו־פריה צו יום־כפור־קטן אין שול אריין, איז די שול נאָך לעדיג. אין דער הויך, אין אָפענעם פענסטער, פישטשען פייגעלעך; אַ מחנה שיואַלבען פליהט אַרויס, אַן אַנדערע מחנה שוואַלבען קומט אַן. און אונטען אין שול, אין אַ ווינקעל ביים בעלעמער, שטעהט יוחנן וואַסער־טרעגער און זאָגט תהלים. געהט דער אורח־חיים פאַרביי — לאָ קם ולאָ זע — אַזוי פאַרטיפט איז ער אין תהלים. שטעלט ער זיך, דער „אורח־חיים", אָפּ נישט וויט, הערט ער זיין עברי... וויל ער שוין שמייכלען... פּלוצלונג, דאַכט זיך איהם, אַז די ווערטער, וואָס קומען מיט די גרייזען פון יוחנן וואַסער־טרעגערס מויל אַרויס, זענען נישט קיין פּשוט׳ע ווערטער, נאָר לעבעדיגע ווערטער, עס פיהלט זיך אין זיי אַ חיות... ווייטער דאַכט זיך איהם, אַז די ווערטער פליהען איהם פון מויל צום באַלקען אַרויף, און ריהרען זיך אַן אַן די אויסגעמאָלטע בלי־זמר פון דוד המלך׳ס „הללויה"... און די כלים, גלייך די ווערטער קלאַפּען אַן זיי, צי־טערען; דאָ רופט זיך אָן אַ פּייקעל, דאָרט אַ פּלייט, אַמאָל אַ סטרונע פון אַ פידעל, אָבער אַזוי שטיל, אַז נאָר דאָס אויער פון דער נשמה הערט... און פון דאָרט ערשט פליהען די ווערטער מיט שטילע קולות צו צום פענסטער, און אַ מחנה פייגעלעך פון דרויסען פלי־הען זיי אַקעגען מיט גרויס שמחה, און כאַפּען זיי אויף, און פלי־הען מיט זיי אַרויס, און צום הימעל אַרויף, און אַ נייע מחנה פייגעלעך קומט אַן אויף זייער אָרט. נאָך אַנדערע ווערטער, נאָך אַנדערע קולות...

צי האָט ער נישט קיין טעות? זיין אויער הערט אָבער די קולות!

קומט ער, דער אורח־חיים, נאָך יום כפור־קטן אַהיים, פרעגט ער די רבי׳צין, וועך עס טראָגט צו איהר וואַסער? ווייסט זי נישט. דאַרפסט דען וויסען? פרעגט זי.

זאגט ער: אודאי! אז איך פרעג, מז הסתם דארף איך וויסען.
לויפט די רבי'צין אין קיך אריין און קומט צוריק מיט א תשובה: איינער א יוחנן.
זאגט דער אורח־חיים:
— אז ער וועט קומען, זאָל מען איהם שיקען צו מיר אין חדר אריין. ער האט מיט איהם וואס צו רעדען.
גאפט זי, די רבי'צין, נאר איבערפרעגען וועט זי נישט.
אין א פאר שעה ארום, דער אורח־חיים זיצט ביי זיך אין שטוב, הערט ער: עמיץ הוסט. קוקט ער זיך אום: יוחנן וואסער־טרעגער.
בעט ער איהם זיצען, וויל ער נישט.
זאגט ער: איך הייס! זעצט ער זיך אויף אן עק פון א בענקעל.
— יוחנן — הויבט אן דער „אורח־חיים“ — איך האב גע־הערט דיין תהלים־זאגען...
זיפצט יוחנן אפ.
— הלואי וואלט איך עברי געקאנט.
און ער זאגט עס אזוי ערנסט, אזוי פראסט, אז דער אורח־חיים מיינט שוין זיכער, אז ער האט א טעות געהאט. ווייסט ער שוין נישט, וואס צו טון מיט דעם יוחנן. דערמאנט ער זיך אבער די מעשה, מיט'ן פרוש, זאגט ער:
— יוחנן, וואס האסט דו אזוינס צום פרוש, וואס דו ווילסט איהם קיין וואסער נישט געבען?
ווערט יוחנן צירודערט, דאס פנים ווערט איהם וויים ווי קאלך, און שווייגט:
פרעגט דער אורח־חיים נאך אמאל, ענטפערט יוחנן הייזעריג:
— רבי, איך דארף נישט זאגען... עס איז א סוד...
— און אז איך וועל הייסען?
ענטפערט יוחנן:
— וועל איך קיין ברירה נישט האבען!
זאגט דער אורח חיים:
— בין איך אויף דיר גוזר...
— מוז איך!
— זייט וויסען, רבי, — הויבט יוחנן אז צו דערצעהלען, —

אז זייז ליעבער נאמען האט מיך געלייטזעליגט מיט א חוש הריח, צו דערקענען א תלמיד חכם... איך אליין לערנען — קאן נישט, נאר א חוש הריח האב איך און איך דערפיהל פון ווייטענס א תלמיד חכם, צי ער איז תוכו כברו...

— פון וואנען קומט עס צו דיר?

— איך בין, זייט איך לעב, משמש תלמידי חכמים, דאס איז מיין עבדות... האב איך אבער מורא געהאט, איך זאל נישט נכשל ווערען אין א פאלשען תלמיד חכם, האב איך מתפלל געווען דער־רויף צו גאט, און עס איז געווען אן עת רצון, און מען האט מיר נעגעבען א חוש, צו דערפיהלען דעם ריח פון דער תורה... פון דאמאלט אן, אז איך געה פארביי א תלמיד חכם, דערפיהל איך זיין מדרגה. פאראן א תלמיד חכם, וואס די תורה זיינע שמעקט מיט'ן ריח פון פריש ברויט פון אויווען ארויס — דער לערענט אין פשטות אריין... איז ער גרעסער במעלה, פיהל איך זיין תורה, ווי פרישע עפעל... טיילמאל ווי בלומען אויפ'ן פעלד, טיילמאל אויך — ווי פרישע בשמים...

— און ביים פרוש, וואס פיהלסט דו, יוחנן?

— סמאלע! ברענענדיגע סמאלע פון גיהנום...

גלויבט נישט דער אורח־חיים; שווייגט ער.

און יוחנן זאגט:

— רבי, עס איז אפשר גלייבער, אז איהר ווייסט, איהר זענט דאך מרא דאתרא... און ווען איהר וועט מיך דארפען, וועל איך אייך קומען צו הילף!

גאפט ער, דער „אורח־חיים“, און דער וואסער־טרעגער נעמט ביי איהם רשות און געהט ארויס.

„מען דארף חוקר ודורש זיין“ — זאגט זיך צום צווייטען מאל דער אורח־חיים און פארגעסט ווייטער.

איינמאל דערמאנט ער זיך דערינען, איז ער זיך מישב, ער וועט געהן אין גרויסען בית־המדרש אריין נאך מעריב און אויס־פרואווען. קומט ער, זיצט שוין דער עולם און לערענט, דער פרוש, ווי געוועהנליך, אויף זיין ארט. געהט ער, דער אורח־חיים, אומישנע הארט פארביי פאר'ן פרוש, זעהט ער, ער איז עוסק אין קבלה

מעשות... ריהרט ער זיך אן אומישנע אפילו אן שטענדער — גאר נישט, ער פיהלט נישט...

באפאלט איהם אביסעל חולשות הדעת.

סטייטש? ער, דער „אורח־חיים“ פיהלט נישט, און יוחנן וואַ־סער־טרעגער פיהלט? ווי אזוי קאן דאס געמאלט זיין? קלערט ער ווייטער: עס מוז זיין א טעות...

זעצט ער זיך לערנען, לערנט זיך נישט. פארמאכט ער דעם ספר, געהט אהיים צו דער וועטשערע; עסט זיך נישט. וואשט ער זיך, עסט א כזית, פון ברכה וועגען, און בענשט... נעמט ער זיך אנשרייבען א תשובה; פיהלט ער, אז דער מח איז איהם נישט קלאר, אז ער איז נישט בקו הבריאה. גיט איהם די רבי'צין עפעס א היימישע רפואה; לייענט ער אפ „קריאת־שמע“ און לעגט זיך אין בעט אריין. קוים ער שלאפט איין, אזוי קעגען האלבער נאכט, חלומ'ט זיך איהם א שרעקליכער חלום.

עמיץ וועקט איהם, עפענט ער די אויגען אויף, שטעהט פאר איהם דער פאטער, עליו השלום, און זאגט איהם:

— דיין קהלה ברענט און דו פארלעשסט ניט דאס פייער! און ווערט נעלם.

שפרינגט דער אורח־חיים פון בעט ארויס און לויפט צו צום פענסטער, זעהט ער, אז פון דערווייטענס, פון דער חורבה הינטער דער שטאדט, וואו עס וואוינט, לויט דער שמש האט איהם געזאגט, דער פרוש, רייסט זיך ארויס א פייער, א רויט־פלאמענדיג פייער, און ציהט זיך אין שטאדט אריין. קוקט ער ווייטער, זעהט ער, ווי איין פייערדיגע צונג לעקט דעם דאך פון שול און די צווייטע פון גרויסען בית־המדרש, און ארום איבער די דעכער פון די בעלי־בתים פליהען פונקען און עס דויערט אזוי א ווײלע און ווערט פארשוואונדען.

ווערט ער, דער אורח־חיים, פארציטערט.

פארשטעהט ער, אז דאס איז אן התראה. אז אין דער חורבה מוז זיין א גרויסע זינד, אז ער איז מחויב עפעס צו טון; ווייסט ער אבער נישט וואס. דערמאנט ער זיך, אז יוחנן וואסער־טרעגער האט איהם געזאגט, אז ווען ער וועט איהם דארפען, וועט ער איהם קומען צו הילף. כאפט ער, דער „אורח־חיים“, שטילערהייט, די רבי'צין זאל נישט הערען, אויף זיך די בגדים און געהט אויף די

נענעל אין דער ערשטער שטוב אריין, וואו דער בית־דין־שמש האט גענעכטיגט, און וועקט איהם, און פרעגט איהם, צי ער ווייסט גישט, וואו יוחנן וואסער־טרעגער וואוינט? מוז ער איהם דריי מאל איבער׳חזר׳ן, איידער דער בית־דין־שמש געטרויט זיינע אייגענע אויערען און אויגען... ער גלויבט נישט, דער „אורח־חיים“ זאל האל־בע נאכט דארפען יוחנן וואסער־טרעגער, און שטעהט און רייבט זיך אלע די אויגען. קוים מיט צרות איז ער צום גלויבען געקומען, און ער ווייסט, וואו ער וואוינט — געהען זיי ביידע ארויס אהן א לאמטערען, און אין גאס איז חשך, אז איינער זעהט נישט דעם צווייטען, און קוים, קוים זיי טרעפען, נאך מיה און מאטערניש, צו יוחנן וואסער־טרעגערס דירה. קומען זיי צום פענסטער און ווי־לען אנקלאפען, עפענט זיך דערווייל די טיר פון אינעווייניג און יוחנן קומט ארויס...

איך האב, זאגט ער, געווארט אויף אייך, רבי... שוין צייט צו פארלעשען דאס פייער.

זעהט דער אורח־חיים, ער ווייסט...

תוך כדי דבור שפאלט זיך דער וואלקען אין הימעל און עס באווייזט זיך א שטראל־ליכט, דערזעהט דער אורח־חיים, אז יוחנן געהט מיט א האק. פרעגט ער, וואס באטייט די האק? ענטפערט יוחנן, אז זי וועט צוניץ קומען.

געהען זיי צו צו דער חורבה, וואו דער פרוש וואוינט... קומען זיי צו נאהנט, דערפיהלען אלע דריי א ריח פון ברענענדיגער סמא־לע, וואס רייסט זיך פון דער חורבה ארויס. און וואס נעהנטער צו דער חורבה, ווערט דער ריח געדיכטער, ביז עס פארכאפט דעם אטעם... קומען זיי צו נאך נעהנטער, רייסען זיך ארויס פון דער חורבה משונה׳דיגע קולות, קולות פון נשים, וואס זינגען, און פון כלי־זמר, וואס שפילען, און א טופען מיט די פיס פון טענץ, און אז מען קומט נאך נעהנטער צו — זעהט מען ווי פעדים פון ליכט שפארען זיך ארויס פון די שפאלטען...

הויבט אן דער בית־דין־שמש צו ציטערען אויפ׳ן גאנצען לייב פאר שרעק. ווייל איהם דער אורח־חיים מאכען א לב, זאגט ער איהם, האלט זיך אז ביי מיין גארטעל, ציטערן אבער אונטער׳ן שמש די קני; פאלט ער אנידער אין מיטען גאס.

זאגט יוחנן צום „אורח־חיים": רבי, לאזט איהם ליגען אזח קומט אין חורבה אריין, מיר זאלען, חס ושלום, נישט פארשפעטיגען...

פרעגט דער „אורח־חיים", צי ער ווייסט, וואו די טיר איז
ענטפערט יוחנן: מיין חוש הריח וועט מיך פיהרען.
נעהען זיי.

— און וואס וועל איך דארט טון? — פרעגט דער אורח־חיים שמיל.

זאגט יוחנן: יעדערער זאל טון זיינס. איהר, רבי, וועט מלחמה האלטען מיט אייערע כונות אין מח, איך — מיט דער האק! האלט איהר נאר די חברה פון דערווייטענס מיט השבעות; די רעשט פארלאזט אייך אויף מיר...

און באותו הרגע עפענט ער די טיר אויף.

און זיי דערזעהען א חתונה.

די חורבה איז באלייכט.

אין דער הויך, און ארום אויף אלע ווענט, הענגען שארבענס פון מתים, און אין די לעבער פון מויל און אויגען ברענען פלעמלעך פון רויט פייער... אן א זייט שטעהען שווארצע כלי־זמר און שפּילען אויף שווארצע כלים; און פון די שווארצע כלים פליהען ארויס די קולות מיט פייערדיגע צונגען צוזאמען... און נאקעטע נקבות, מיט קרענץ פון רויטען מאן אויף די שווארצע קעפּ, און פייערדיגע גארטלען אויף די לענדען, טאנצען ארום און ארום א ראד, און פון אונטער די בארוועסע פיס, ציגענע פיס מיט פאדקאוועס — שפּריצען פייערדיגע פונקען... און א מהומה פון פלאמען שלאגט זיי פון די אויגען, און פון די פייערדיגע גארטלען, און פון די מיילער צוזאמען מיט'ן געזאנג...

א בדחן שטעהט אויף און רופט: שבת! שבת! אז עס הילכט...

און אינמיטען ראד געהט א כלה־טאנץ...

אויף א ווייס טיכעל טאנצט דער פרוש מיט לילית דער כלה —
ער זינגט: באי כלה, באי כלה, און ציהט איין צו זיך דאס טיכעל. לילית לאכט און זיי טאנצען שוין האנט אין האנט — —
— שבת! שבת! — רייסט זיך דער בדחן. שטארקער הילכען

די כלים, ווילדער דרעהט זיך דאָס ראָד, שרעקליכער לויפען און וויקלען זיך די פלאַמען, און לילית וויל שוין פאַלען דעם פרוש אויפ'ן האַרץ אַרויף. באותו הרגע אָבער האָט מען דערשפּירט די נעסט, די נישט־געבעטענע פרעמדע געסט, און מען איז פאַרצי־מערט געוואָרען.

עס ווערט אַ ליאַרם, אַ געשריי, אַ גערויש, אַ געקריצעריי מיט די ציין, דאָס ראָד צולאָזט זיך, אַלע מאַכען פויסטען און ווילען צולויפען צו די נישט־געבעטענע געסט...

נאָר דער אורח־חיים מיט זיינע כונות האַלט זיי פון וויטען, מיט אויפגעהויבענע איינציגע פיס אין דער לופטען שטעהען זיי אויף דער גרענעץ פון זיינע ד' אמות, און איבערטרעטען זיי קאָנען זיי נישט — זיי ווערען אַזוי ווי פאַרשטאַרט, ווי פאַרשטיינערט, נאָר אויסגעצויגען זענען די הענט, די ציין קריצען און אין די אויגען פלאַמט די שנאה — —

— צו הילף, צו הילף! — שרייט לילית אַרויס פון דערמיט.

און באותו הרגע הערט זיך אַ רעש, אַ געטומעל פון דרויסען... אַ שטורעם־ווינט האָט זיך פון ערגעץ אויסגעריסען און לויפט אַרום דער חורבה און זוכט, ווי אַרום זיך אַריינצורייסען אין איהר, און קאָן נישט... די גאַנצע חורבה ציטערט, אין שטורעם־ווינט הערען זיך טויזענטער געשרייען, — אַריינרייסען קאָן מען זיך אָבער נישט. דער „אורח־חיים" האַלט אָפּ מיט זיינע כונות, מיט זיינע השבעות... און פול ווערט די חורבה מיט כונות און השבעות און דער שוואַרצער עולם שטיקט זיך אין דער לופט, מיילער עפענען זיך ברייט, רויטע צונגען שטעקען זיך אַרויס... און זיי טרעטען אָפּ. און רוקען זיך אין די ווינקעלער אַריין, ווערען איינגעשרומפּען.

און באותו רגע כאַפּט יוחנן די האַק און צילט מיט איהר, און וואַרפט און טרעפט לילית'ן אין מיטען קאָפּ אַריין, און די האַק שפּאַלט זי איבער פון קאָפּ ביז אַראָפּ צו די פיס — — —

און באותו הרגע פאַלט דער פרוש מיט'ן פנים צו דער ערד... די ווינטען הערען אויף, די געשטאַלטען פאַרשווינדען, די כלים פלאַצען, די לעמפּלעך לעשען זיך אויס, די שאַרבענס פאַלען אַראָפּ פון וואַנט און באַלקען און צופאַלען אויף שטויב — שטיל... און אַ שוואַרצע בריאה מיט שוואַרצע פליגעל כאַפּט דעם ליגענדיגען

פרוש פון דער ערד, רייסט, פליהענדיג מיט איהם, אויף א פענס־טער, און ווערט מיט איהם נעלם...
דורך דעם פענסטער רייסט זיך אריין א פרישער פארטאג...

— אזוי, אזוי, רבותי! — זיפצט אפ דער „אורח־חיים“.
נעלם איז געווארען דער פאלשער פרוש; ווער ווייסט, אויב ער איז געקומען לקבורת ישראל. אין שטאדט האט מען געמיינט: ער איז געגאנגען אפריכטען גלות...
דעם בית־דין־שמש האבען מיר, יוחנן און איך, קוים דערמיג־טערט און אהיים געפיהרט — עס האט קיין בן אדם נישט גע־זעהן...
די רבי'צין האט פון גארנישט געוואוסט. זי האט נישט גע־זעהן, ווי איך בין ארוים און ווי איך בין געקומען... אין דער־פריה פרעגט זי מיך, וואס איך בין אזוי בלייך; מאד איך מיך נישט הערענדיג... אז יוחנן וויל, עס זאל בלייבען בכוד...
אצינד ווייסט איהר שוין, וואס אזא יוחנן קאן באטייטען?
אזא פראסטער איד האט א חוש הריח און פיהלט, וואס אז „אורח־חיים“ פיהלט נישט...
און ווען אז „אורח־חיים“ האט מחשבות, כונות, השבעות, האט דער פראסטער איד א יד, און א האק אין דער יד, און קלערט נישט, און ווארפט וואו מען דארף, און טרעפט...
און דאס אלץ מיט'ן כח פון א קאפיטעל תהלים...
איהר פארשטעהט?
און אז יוהנן וואסער־טרעגער קומט אויף יענער וועלט, ווער, מיינט איהר, קומט איהם אנטקעגען? דוד המלך מיט'ן פידעלע!
דאס האט מען מיר אין חלום געוויזען...
אזוי האט דער אורח־חיים פארצעהלט.

ב.

„שמע ישראל“

אדער

דער באס.

אין טאמאשאוו—א קליין פויליש שטעדטעל, וואס ליגט אויף דער גאליצישער גרענעץ — האט זיך אמאל, אין א שעהנעם העלען טאג, באוויזען א בחור, אז ארעמער בחור, וואס קיינער האט נישט געוואוסט, פון וואנען ער איז געקומען, וואו ער טאגט און וואו ער נעכטיגט, און וואס פלעגט זיך פון צייט צו צייט באווייזען און בעטען עסען.

מילא „כל הפורש יד“ — ווער עס שטעלט אוים א האנט, דעם גיט מען. בפרט אז דער בחור נעמט נישט, נישט קיין פרוטות, נישט קיין מאכלים, נאר א שטיקעל טרוקען ברויט, איז דאך אודאי „אין בודקין למזונות — פרעגט מען נישט, ווער און וואס; עסען קומט יעדער לעבעדיגער נשמה. באמערקט מען אבער, אז עס איז א משונה'דיגער בחור. אויגען האט ער, וואס קוקען, דאכט זיך, וויט-ווייט, און וואס אין די ד' אמות טוט זיך, זעהען זיי נישט; און מיט די לעפלעך פון די אויערען ריהרט ער שטענדיג, ווי אנדערע מיט די ברעמען איבער די אויגען, גלייך ער וואלט שטענדיג געכאפט קולות פון דער לופט; כאטש עס איז שטיל, ווי פאר שופר-בלאזען. און דעריבער, ווייל ער זעהט, מכלומר'שט, אזוי וויט און הערט אזוי ווייט, איז ער שטענדיג פאר'חוש'ט. אז מען גיט צו איהם א רעד, ווערט ער פארציטערט, גלייך מען וואלט איהם געוועקט פון יענער וועלט, און אז ער ענטפערט, ענטפערט ער אדער „יא“ צי „ניין“. אניט — פארפלאנטערט ער זיך אין די אייגענע רעד, ווי אין נעץ; עס קומט איהם דער שוויים אויפ'ן שטערן ארוים, און קאן זיך נישט ארויסארבייטען...

און פלעגט אמאל א בעל-הבית, צי א בעל הבית'טע, וועלען זיך

באנוצען מיט'ן בחור און שיקען איהם א גאנג. פלעגט דער בחור פארלוירען ווערען אויף עטליכע טעג און קומען צוריק מיט א תשובה קאפויר, נישט געפלויגען, נישט געשטויגען. און נישט חלילה, פאר פוילקייט, נאר פאר פאר'חוש'טקייט.

— האסט געטראפפען דעם און דעם? (צו וועלכען מען האט איהם געשיקט).

— ערשט היינט.

— און ביז אהער?

ווייזט זיך ארויס, אז ער איז ארויסגעגאנגען אין שליחות, האט ער אויפ'ן וועג געטראפפען א מייזעל, האט דאס מייזעל גע־פישטשעט, עס האט אודאי נישט געקאנט טרעפען אהיים... דערנאך האט מען איהם צוגערופען פון דער הויך, עפעס א פויגעל, — איז ער נאכגעלאפפען, וכדומה, און ער איז ערשט היינט געקומען. וואו מען דארף; און מען האט איהם וואס געזאגט—און דאס וואס מען האט איהם געזאגט, אדער ער האט פארגעסען, אדער באלד נישט פארשטאנען. אזוי קומט אלץ ארויס קאפויר, און ער שמייכעלט בתמימות, און שטרעקט אוים די דארע האנט נאך א שטיקעל ברויט — ער האט איבער דער גאנצער צייט אין מויל נישט געהאט.

אין אן ארעם שטעדטעל אהן עסקים, זומער־צייט, גרויסע לע־דינע טעג, זיצען בעלי־בתים ביי די פענסטער און גענעצען, און קוקען ארויס אין מארק אריין, עס זאל זיך עפעס באווייזען, עס זאל זיין אן וואס זיך אנצוכאפפען. שטעהט אזוי א בעל־הבית ביי א פענסטער, דערזעהט ער דעם פרעמדען ארעם־בחור, רופט ער איהם צו. ער האט נישט, וואס צו טוהן, שוין אלע פליגען אויסגעכאפט. וועט ער איהם חוקר ודרוש זיין.

— קום נאר, בחור, אין שטוב אריין.

שאקעלט דער ארעם־בחור מיט'ן קאפ אין דער ברייט; ער וויל נישט.

— פאר וואס?

— אזוי! — זאגט ער.

לאכט דער בעל־הבית און פוילט זיך נישט, און נעהמט ארוים

צום בחור פאר דער טיר און זעצט זיך אויף דער שוועל, און הויבט אן.

— ווי הייסטו, בחור?

— ווי איך היים? — חזר'ט דער בחור איבער. — אברהם! דאכט זיך מיר, אברהם; יא — אברהם!

— דו ווייסט נישט אויף זיכער.

ער איז קיינמאל נישט זיכער. ווי קאן מען זיין זיכער? עס דאכט זיך אזוי פיעל.

קייכט דער בעל־הבית.

— און אויפ'ן צונאמען?

פון דעם ווייסט שוין דער בחור גארנישט. און ער פרעגט איבער בתמימות, צי מען דארף א צונאמען.

זאגט דער בעל־הבית:

— אודאי, עס קאן זיין א סך אברהם'ס, קאנען זיי זיך אויסמישען...

— נו, וואס איז?

— און וועמעס ביסט דו, בחור?

— דעם טאטענס.

— און ווי הייסט דיין טאטע?

— טאטע הייסט ער.

— און וואו וואוינט דיין טאטע?

— דא, וואו דיין טאטע וואוינט! — און דער בחור הויבט אויף א פינגער און ווייזט אין דער הויך ארויף צום הימעל.

— א שעהנע פרי! — שמייכעלט דער בעל הבית, און פרעגט ווייטער:

— און קיין אנדערען טאטען האסטו נישט?

— ניין!

— און א מאמען?

— מען דארף דען?

קייקעלט זיך דער בעל־הבית פאר געלעכטער, און דער בחור פרעגט:

— מעג איך שוין געהן?

— באלד, באלד! — ענטפערט דער בעל־הבית, וואס שמעלצט

זיך פאר נחת, — און פון וואנען קומסט דו, חכם איינער?
— פון דארף!
— ווי הייסט דאס דארף? וואו ליגט עס?
דאס ווייס ער נישט, דער בחור.
— ווייט פון דאנען?
ער איז געגאנגען און געגאנגען, און געגאנגען...
און דער בחור חזר'ט אזוי פיעל מאל איבער דאס ווארט „גע־גאנגען", ביז די ליפען ווערען איהם מיד און ענדיגט: און נאך געגאנגען!
— וויפיעל טעג און וויפיעל נעכט?
ער האט נישט געצעהלט.
פאלט איין דעם בעל־הבית צו פרעגען:
— און דאווענען קאנסטו?
דאווענען? מוז איהם דער בעל־הבית פארטייטשען, וואס מען מיינט „דאווענען", און נאך ניין מאס פון בעלי־בת'ישע רייד, שטויסט זיך דער בחור אן, אז ער מיינט: שמועסען מיט'ן טאטען.
— יא, יא! — זאגט דער בעל־הבית, און עס דאכט זיך איהם, אז די געדערים דרעהען זיך איהם אום פאר געלעכטער.
ער קאן „שמע ישראל".
— ווער האט דיך געלערנט?
דערצעהלט דער בחור, אז געהענדיג, פון דארף דורכ'ן וואלד, אין שטאדט אריין, האט איהם געטראפען זעהר אן אלטער מאן, האט איהם דער אלטער מאן געזאגט, ווער זיין טאטע איז. און האט איהם אויסגעלערענט רעדען מיט'ן טאטען, זאגען „שמע ישראל". און כאטש ער פארשטעהט נישט, וואס ער רעדט צום טאטען, זאגט אבער דער אלטער, אז דער טאטע פארשטעהט און האט הנאה דערפון!
— און ווען רעדסטו מיט'ן טאטען?
— צוויי מאל אין טאג.
און דערביי שפילט ער.
— דו שפילסט? אויף וואס?
— אויף וואס עס איז.
אין דארף פלעגט ער שפילען אויף גרעזלעך, אויף שאווער; דערנאך האט מען איהם אויסגעלערענט מאכען א הילצערען פייפערל.

האָט ער געשפּילט אויפ'ן הילצערנעם פייפערל... און שטאַרט האָט מען איהם געשענקט אַ ליימען פייפערל, שפּילט ער דערויף...

— און מען זאָל דיר, למשל, געבען אַ פידעל?

פלאַמען אויף דעם בחור'ס אויגען: אי, וואָלט ער געוואָלט אַ פידעל, ווי די שטאָדטיגע כלי־זמר האָבען. בפרט אַזאַ גרויסע, גרויסע כלי, וואָס מען טראָגט אויף אַ רימען... אי, וואָלט ער גע־שפּילט — —

— נאַר, — טרייבט ווייטער קאַטאָוועס דער בעל־הבת'ישער חוקר ודורש — אפשר וועט מען דיר קויפען אַזאַ כלי, ווייז נאַר פריהער, וואָס דו קאָנסט!

נעמט דער בחור אַרויס פון בוזעם אַ ליימען פייפערל און פייפט.

ווי ער פייפט, ווערט אַ געוודער אונטער'ן הימעל, עס קומען זיך צולויפען מחנות פייגעל און פליהען אַרום אין דער הויך, און דער בחור קוקט אַרויף צו זיי און שמייכעלט און באַהאַלט צוריק דאָס פייפערל.

דער בעל־הבית האָט אָבער דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבען און דאָס אַלץ נישט געזעהן. צום קול פון פייפערל איז אַרויס פון שטוב די בעל־הבית'טע. הינטער איהר — די דינסט, צום פענסטער זע־נען צוגעקומען צוויי פּאַר־פּאָלק און קוקען אַרויס. וויל דער בעל־הבית ווייזען זיין חריפות און פאָרשט ווייטער דעם בחור —

— און פון וואָס האָסט דו געלעבט אין וואַלד?

פון שוואָמען האָט ער געלעבט.

אַ, ער איז כאָטש אַ מבין אויף שוואָמען!

— און פריהער אין דאָרף?

פון וואָס מען האָט איהם געגעבען!

— ווער האָט דיר געגעבען?

אַ פּויער, אַ פּויערטע, אפילו דער גלח און דער קרעטשמער...

— און וואָס האָט מען דיר געגעבען?

און דער בעל־הבית האַלט איין דעם אָטעם; דאַ דאַרף אַרויס די נאָל פון זאַק.

און דער בחור ענטפערט בתמימות, אַז מען האָט איהם געגע־בען, אַ קרויט, אַ בארשט, אַ פלייש, אַ ברויט — נאַר געגעסען

האט ער נאר ברויט. — אנדער עסנוואַרג האט ער גענומען אין נעוואָרפן: די פייגעל.

— און פאַרוואָס — נאר ברויט?

ער האט ליעב נאר ברויט; אנדערע מאכלים האט ער פיינט.

וואס ער עסט, האט איהם געפרעגט דער אלטער אין וואלד אויך. און אז ער האט איהם דערצעהלט, אז ער עסט נישט מעהר ווי ברויט, האט דער אלטער געזאגט, אז ער האט איהם ליעב דער־פאר; און האט איהם דערפאר אויסגעלערענט רעדען מיט'ן טאַ־טען. — און דעם אלטען האט ער אזוי ליעב, אזוי ליעב... און זאַ־גען זאגט ער אזוי ערנסט „שמע ישראל“, ווייל דער אלטער האט איהם געהייסען...

לאזט איהם נאך דער בעל־הבית נישט אפּ און פרעגט:

— און ווען דער אלטער זאל דיך הייסען גנב'ענען?

וואלט ער גע'גנב'עט.

— און גזל'ען?

וואלט ער גע'גזל'ט...

נאר ער וועט נישט הייסען, ער איז א גוטער, דער אלטער.

— אבער פּאַרט, ווען ער קומט און הייסט דיר, הרג'ענען א מענשען?

וואלט ער גע'הרג'עט.

— און וואלסט נישט קיין מורא געהאט פאר'ן טאַטען?

פאר וואס זאל ער מורא האבען?

— פאר זיין שטראף.

דאס ערשטע מאל האט זיך דעם בחור'ס פּנים צושמייכעלט:

— איהר מאכט חוזק; א טאַטע שטראפט נישט!

דערווייל האט מען געקלאפּט אין שול אריין צו מנחה, איז דער בעל־הבית געלאָפען אין בית־המדרש אריין, דערצעהלען צווי־שען מנחה ומעריב, ווי קלוג ער האט אויסגעפרעגט דעם בחור...

עס וואלט, פארשטעהט זיך, געווען פאר'ן שטעדטעל אן עסק, ווען נישט, וואס עס האט זיך געמאכט אן אנדער מעשה.

די קהלה האט געהאט א קאפעליע: צוויי פידעל, א פליוט, א קלאַרנעט, א „באמציקצאק“ אדער א „קלאפּטעלער“, ווי מען רופט

דאס אין אנדערע מקומות. און צום רומעל, ווי דער שטיינער איז,— א באס. אז ארעמע קאפעליע, שפילט אויף אידישע פארשפילען און חתונות, מאכט א פאר גראשען פורים און חנוכה. און טיילמאל, אז אנדערע קאפעליעס זענען פארנומען, נעמט מען זיי צו קלענערע פריצים אויף א באל. קיין חריפות אין שפילען האט די קאפעליע נישט באוויזען.

מאכט זיך א מעשה: ווינטער־צייט, די קאפעליע געהט פאר־טאג צוריק פון א קליין פריצ'ישען באל. א קאפ האט מען גענומען, עסען ווי עס דארף צו זיין, האט מען נישט געטארט, קוים פארבי־סען מיט א בראקען ברויט, — געהט דער עולם צוואווארפען, האלב־זינגענדיג, ברומענדיג, שילטענדיג, און דער באס, וואס טראגט די שווערסטע כלי, שלעפט זיך נאך פון הינטען. קוים, קוים וואס ער ציהט אוים־און־איין די פיס פון שניי, — אז אלטער מאן געווען און א שוואכער. רופט ער און שרייט, און בעט זיך, מען זאל נישט אנטלויפען פון איהם, הערט מען איהם „ווי דעם רב"; דער עולם געהט צוואווארפען. אינמיטען הויבט מען זיך אן צו ווערטלען, צו שילטען, עס קומט זיי גאר אוים אינמיטען וועג א סכסוך אין חשבון. און ניכטער, ווי געזאגט, איז מען נישט... דערווייל בייט זיך דאס וועטער; עס גיט א יאג אן א פרישער שניי. מאכט דער עולם פיס; ווערט מען אביסעל אויסגעניכטערט און מען לויפט. קומט מען אין שטאדט אריין, כאפט זיך יעדערער צו זיין הייזעל. פאלט יעדער איינער, ווי א הרוג, אויף זיין בעט — שלאפען שלאפט מען אבער נישט לאנג: דער באס איז נישט אהיים געקומען, און דאס ווייב זיינס לויפט ארום צו די כלי־זמר מיט א געוואלד, רייסט זיי פון די בעטען ארוים: וואו איז מיין מאן? וואו איז מיין מאן?

קוים די פאר'שכור'טע פון בראנפען און פון שלאף קומען צו זיך און פארשטעהען, וואס מען רעדט צו זיי, כאפט זיי אן א שווי־דער. כאפט מען און מען לויפט ארוים זוכען דעם באס; קיין וועג, קיין שטעג — ווייסע, גלאטע תכריכים — פריש אנגעפאלענער אומשולדיגער שניי, געה ווייס וואו דער באס ליגט — —

קומט מען צוריק מיט גארנישט. איין האפנונג איז נאר, אפשר האט ער, דער באס, שכל געהאט און אראפגעכאפט זיך אין א דערפעל אריין...

עס גײען אַװעק אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, דער פּראָסט האָט שױן געלאָזט, דער שנײ איז האַלב צוגאַנגען; עס איז פרײטאָג. דער עולם גײט, לכבוד שבת אין באָד אַרײן. מען פרעגט זיך נאָך אױפ'ן באָס און קײנער װײסט קײן נײעס נישט. פּלוצים קומט אַן צופאָהרען און שטעלט זיך אָפּ אינמיטען מאַרק אַ פוירערשע פוהר מיט'ן פאַרפרױרענעם, מיט'ן באָס... מען האָט געכאַפּט דעם בר־מנן און געשװוינד קובר געװען פאַר ליכט־בענשען... מען האָט מורא געהאַט פאַר פאַלמעסען... מען איז שיער נישט אַרײנגעפאָהרען אין שבת אַרײן. צומאָרגענס לאָזט די אַלמנה נישט אױסנעמען.—פינף קלײנע װערים האָט ער איבערגעלאָזט, דער באָס. מוצאי־שבת איז אַן אסיפה, מען רופט די כלי זמר. קהל האָט קײן פונדוש נישט און װיל, די כלי זמר זאָלען זיך באַגײן אָהן אַ באָס און צאָהלען דער אַלמנה; די כלי זמר טענה'ן: לא כי! אַ קאַפּעליע אָהן אַ באָס איז קײן קאַפּעליע נישט,—אױף אידישע שמחות װאָלט מען זיך, מיט קהל'ס הרשאה, אפשר באַגאַנגען, נאָר אַ פּריץ װעט אָהן אַ באָס נישט אױסשטעלען קײן פוס צום טאַנצען... טענה'ט דער רב, אַז מקיים צו זײן אַ נפש מישראל איז מעהר װערט װי אַ קאַפּעליע מיט אַ פּריצ'ישען טאַנץ; טענה'ן די כלי־זמר, אַז דער רב, זאָל ער זײ מוחל זײן, איז אין מוזיק־זאַכען קײן בר הכי נישט. װערט אַ געשרײ — שקצים! —

גיט דערװײל אונזער חוקר ודורש, דער בעל־הבית, װאָס האָט אַזױ קלוג אױסגעפרעגט דעם בחור, אַ קלאַפּ אין טיש אַרײן:

— שאַט, רבותים!

ער האָט אַן עצה. ער האָט אַ בחור, װאָס גלוסט צו אַ באָס און קאָן אודאי שפּילען... זאָל מען דעם בחור חתונה מאַכען מיט דער אַלמנה, װעט זײן אי דער װאָלף זאַט, אי די ציג גאַנץ, און קהל װעט אַ דרײער נישט קאָסטען...

ער האָט אפשר געמײנט אױף קאַטאָװעס, נאָר קהל און רב פון אײן זײט און די כלי־זמר פון דער צװײטער זײט האָבען זיך אָנגעכאַפּט אָן דער עצה, װי אַ טרינקענדיגער אָן אַ ברעט; די אַלמנה האָט אױך באַשטאַנען, אברהם'ל בחור אױך, און מען האָט נאָך דעם זעלבען חודש געשטעלט אַ חופּה...

און אומגעריכט האָט אברהם'ל בחור באַקומען אַ װײב מיט פינף קינדערלעך מיט אַמאָל, און אַ באָס מיט אַ סמיטשיק.

מיט'ן ווייב לעבט ער בשלום: ער קומט נישט אין שטוב אריין; נעכטיגט פאר דער טיר; דרעהט זיך גאַנצע טעג ערגעץ ארום, אויסער, אז עס מאַכט זיך א שמחה אין שטעדטעל אדער א באַל ביי א פריץ און ער שפילט. ווערט ער הונגעריג, קלאַפט ער אָן צום ווייב אין פענסטער, דערלאַנגט זי איהם ארויס א שטיק ברויט, ווערט ער דערמיט נעלם, ביז ער ווערט ווייטער הונגעריג... שכנות פרעגען די באַסיכע ווענען שלום-בית, לאַכט זי: עס איז איהר וואויל ווי די וועלט! וואָס דאַרף אַן אַלטע אידענע? ער עסט נישט און טרינקט נישט, זאָגט איהר נישט א שלעכט וואָרט; חשבונות מיט דער קאַפעליע האָט זי, דעם חלק פאַרדינסט גיט מען א י ה ר אין האַנט אריין... וואָס פעהלט איהר?

און אברהם'לען, זעהט אויס, האָט אויך נישט געפעהלט. אין דער התחלה האָט ער געהאַט צרות פון די כלי-זמר, ווייל ער פלעגט קיינמאָל נישט איינטרעפען אין נגון אריין; דער באַס שפּילט פאַר זיך... זיי הערען שוין אויף צו שפּילען, און אברהם'ל טוט זיך ווייטער זיינס בשלמות, גלייך ער וואָלט אונטערגעהאַלפען גאַר אַן אַנדער קאַפּעליע, וואָס שפּילט ערגעץ ווייט, ווייט, און קיינער הערט ניט, נאָר ער אַליין. נאָר מיט דער צייט האָט מען זיך צו איהם צוגעוואוינט... ביי א פריץ האָט מען שוין געוואוסט, וואָס צו טון. אַז דער נגון האָט זיך געדאַרפט ענדיגען, האָט איהם איינער פון די כלי-זמרים אַנגעכאַפּט ביים סמיק און ציגעהאַלטען, — און אויף אידישע חתונות האָט מען איהם אומישנע געלאָזט ווייטער שפּילען און דער עולם פלעגט פּלאַצען פאַר געלעכטער; מען פלעגט דערמיט גאַר שטאַרק משמח זיין דעם עולם, בפרט ביי דער גרויסער וועטשערע צום טיש!

און קהל איז אודאי צופרידען געווען פון אברהם'לען, שטיל און ציכטיג, זיצט ער שטענדיג איינגעדרעהט מיט'ן פּנים צו א וואַנט אין מיט די פּלייצעס צום עולם, ער זאָל קיין נקבות נישט זעהן... נעמען אין מויל אריין אויף א חתונה פלעגט ער בשום אופן נישט; ער האָט מיט זיך זיין שטיקעל ברויט. מען זעהט אפילו נישט, ווען ער עסט, און א גאַנץ געהענדיג יאָהר קאָן מען יוצא זיין מיט איהם פאַר א שול-קלאַפּער; וואָרים א מנהג האָט ער געהאַט, דער אברהם'ל, אַז דריי מאָל אין טאָג פלעגט ער זאָגען „שמע ישראל“ אויפ'ן באַס. אין דערפריה, ווען די זון האָט אויפ-

געשיינט, פארנאכט, ווען די זון איז אונטערגעגאנגען, און צו חצות... אין דערפריה און פארנאכט פלעגט ער עס טון ביים וואַסער אויף דער לאנקע הינטער דער שטאדט, און צו חצות — אינמיטען מארק, און די קולות פון זיין באס פלעגען זיך צושווימען אין דער שטילער מוטער־נאכט און אריינרייסען זיך דורך טירטויער און לאדען אין די שטובען, אין די הערצער אריין... און אין די קולות האט געשטעקט אזא ערנסט־כונה'דיג תמימות. אז ווען דער שוהל־האמער האט נישט געוועקט, דער האט זיך אויפגעכאפט פון באס, פון די קולות: בו, בו, בוהה, בוהה.... און אידען פלעגען זיך, נישט ווילענדיג, ארויסרייסען פון די בעטען לעבודת הבורא, אנצינדען ליכט און לויפען צו חצות.

א פריץ פלעגט אמאל אפלאזען א פריצה אינמיטען טאנץ און צולויפען צו אברהם'לען און אויסרייסען איהם א פאה פאר : שלעכטען אריינפאהרען אין נגון; קהל האט אויף שמחות פו אברהם'לען געלאכט, און א גאנץ געהענדיג יאהר, אויפכאפענדיג זיך פון זיין באס צו חצות, — אפזיפצען:

— נעבעך, א תם, נאר אין זיינע קולות שטעקט עפעס. עס מוז עפעס שטעקען.

אנדערע האבען געזאגט:

— נעבעך, א שטומע נשמה, וויל רעדען מיט'ן בורא און האט קיין אנדער לשון נישט.

איינמאל האט זיך אין טאמאשאוו געמאכט א גרויסע חתונה. אזא חתונה טרעפט זיך אמאל אין א יובל!

א שפאס! עס האט זיך משדך געווען דער לובלינער פרנס מיט'ן קראקאווער רב, און טאמאשאוו איז אינמיטען וועג!

וויל דער לובלינער פרנס מהנה זיין דעם קראקאווער רב מיט א חתונה — ער זאל וויסען, מיט וועמען ער האט צו טון.

הייסט ער ארויסקייקלען פון קעלער א פעסעל רענדלעך אויף הוצאות החתונה; שיקט ער אראפ סארווערס קיין טאמאשאוו, מען זאל אלץ אנגרייטען כיד המלך — ווי עס פאסט פאר א לובלינער גביר א פרנס, וואס האט זוכה געווען צו טון מיט'ן קראקאווער רב!

קומען די לובלינער סארווערס קיין טאמאשאוו און זוכען קודם כל אוים אן ארט פאר דער חתונה: עס וועלען זיין לובלינער, קראקאווער און א היימישער — טאמאשאווער עולם! עס וועלען קומען גבירים, בעלי־בתים, מיוחסים, לומדי תורה, רבנים און דינים...

און דריי קאפעליעס וועלען שפילען. די לובלינער, די קראקאווער און די טאמאשאווער קאפעליע וויל אויך נישט אפטרעטען.

שטענדיג שטעהט, כמעט שוין הינטער דער שטאדט, א שאפע א גרויסע, וואו עס האט זיך איבער'ן ווינטער געטריקענט סוחר'יש האלץ, וואס איז שוין היינט ביי דער ווייקסעל, צו שווימען קיין דאנציג, דינגען די סארווערס אפ אויפ'ן גביר'ם חשבון די שאפע — א תיבה א גאנצע, און לאזען זי אויסמאלען פון אויסענווענינ מיט אלערליי בילדער, און הענגען זי אינעווענינ אוים, ווי א סוכה, מיט טייערע יריעות — געשפונענע פארהאנגען, און מען שטעלט טישען פון עק תיבה צום עק תיבה, פאר מענער באזונדער און פאר ווייבער באזונדער, און די ווענט באהענגט מען מיט העסעס און פאפירענע לאמטערנעס — א רחבות פאר פיערציג מנינים. און אן אריינגאנג, באזונדער פאר ווייבער, באזונדער פאר סארווערס. עקסטרא פאר די כלי־זמר, און א גרויסער טייער אין דער מיט. מיט אן אויסגעמאלטען כתר־תורה אין דער הויך פאר'ן קראקאווער רב און אנדערע געסט...

און דער טאג פון דער חתונה איז געקומען, געסט קומען נאך אלץ און קומען, מען צושטעלט זיי ביי בעלי־בתים אין די הייזער, יעדערער האלט זיך עס פאר'ן גרעסטען כבוד און טרעט אפ די שענסטע שטוב. און אז מען זעצט זיך צו דער גרויסער וועטשערע ביי די טישען, און אז עס צוברענען זיך די ליכט אויף די טישען אין שבת'ניקעס און אויף די ווענט אין העסעס און פאפירענע לאמטערנעס, און עס צופינקלען זיך ביי די ווייבער די אוירינגלער מיט די שטערנטיכלעך און ברוסט־טיכער — איז די שאפע פול געווארען מיט ליכט פון דער תורה — קראקאווער און לובלינער לומדים; טאמאשאווער אין דערמיט... אויבען־אן דער קראקאווער רב.

געהען א שורה סארווערס מיט גרויסע טעלער פיש, הויבען אן קלינגען זילבערנע גאפעל־מעסער, מישט זיך אוים מיט'ן פרעהלי־

כעז זשומעז פון די ווייבער ביי זייער טיש, — שווימט איבער אלעם א שמועס פון תורה ביים קראקאווער רב'ס טיש — פאלט אבער אינמיטען אריין די מוזיק מיט א פרעהליכס... דריי קאַפּעליעס, עס הילכט, עס ציטערען פאר פרייד די פלעמלעך איף'ן טיש, ארום אויף די ווענט, שפארט זיך אַן דער קראקאווער רב אויפ'ן אנלעהן און שעפּט נחת, א גרויסער מבין געווען אויף מוזיק...

און פון „פרעהליכס" געהען די קאפעליעס איבער אויף א „וואלאך", פשוט איבערגעשוואומען, מען האט דעם איבערגאנג נישט געפיהלט — עס שווימט, עס פליסט א „וואלאך" — א קראַקאווער פידעל שפילט, רעדט דבורים, שליסט אויף די הערצער און גיסט זיך אריין... און דריי קאפעליעס האלטען שטיל און ציכטיג אונטער... און עס דאכט זיך, א וואסער פליסט, א ווייקסעל האט זיך אויסגעגאסען גלענצענדיג, און וויגט זיך שטיל, און ברומט, און ציטערט לכבוד דעם חתן מיט דער כלה און לכבוד דעם קראקאווער רב מיט די טייערע געסט, און איבער'ן וואסער פליהט ארום, הפלא ופלא, א פויגעל און שפילט, און שפילט אזוי זיס־חנ'ודיג־וויינענדיג — א שטילע „יעלה" נאך א „יעלה" און אינמיטען אויסגעשרייען, לוסטיגע, פרעהליכע, געהויבענע — און ווייטער אראפ צו א „יעלה" — עס איז טאקע א שמחה, נאר מען טאר אין גלות נישט פארגעסען אַן גלות השכינה — און ווייטער אַן אויסגעשריי פון שמחה: פארט אזא חתונה, א קבוץ פון לומדים, און דער קראַקאווער רב בראש (א לובלינער חזן האט עס אויסגעשטעלט), און די קאפעליע ווערט פלוצלונג ווי מיטגעריסען, אלע כלים שפּילען, הויך, הויך, ארויף, ארויף, גלייך מען קלעטערט מיט גרוים שמחה ארויף פון א מדרגה צו א מדרגה, עס רוישט, עס טאנצט, עס בליצט —

און פלוצלונג ווערט אלץ אפגעריסען מיט אמאל, גלייך אלע סטרונעס און אלע כלים וואלטען געפּלאצט — שטיל, נאר אין דער שטילקייט הערט זיך: בו, בו, בוהה... איין אברהם'ל שפּילט ווייטער, אלע אויגען ווענדען זיך צו זיינע פלייצעס, — שטיל, קיינער ריהרט מיט קיין ברעם נישט, נאר אברהם'לס האנט ריהרט זיך, ציהט זיך אויס, ציהט זיך איין מיט'ן סמיטשיק:

— בו, בו, בוהה...

דאָס האָבען די כלי־זמר אומישנע געטאָן, משמח צו זיין דעם עולם אויף אברהם׳לס חשבון...

עס איז זיי אָבער נישט געראָטען...

די כלי־זמר קוקען און וואַרטען, דער עולם זאָל אַרויספּלאַצען מיט אַ געלעכטער, נאָר דער עולם קוקט אויף אברהם׳לען און פּיהרט איבער די אויגען צום קראָקאָווער רב; מען וועט איהן זיין געגענוואַרט נישט לאַכען; די פּנים׳ער רונצלען זיך, די ליפּען קריי־מען זיך אויס, פון די אויגען שפּאַרט אַרויס דאָס געלעכטער, נאָר מען קוקט אויפ׳ן קראָקאָווער רב און מען וואַרט. און דער קראָ־קאָווער רב זיצט אָנגעשפּאַרט מיט׳ן שטריימעל אויף דעם אָנלעהן פון שטול און די ברעמען זענען אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגען— צי האָט ער נישט איינגעדרעמעלט, דער קראָקאָווער רב?

און דער באַס שפּילט נאָך אַלץ:

— בו, בו, בוה, בוהה...

אומהיימליך ווערט דעם עולם.

פּלוצלונג ווענדען אַלע די אויגען אָפּ פון קראָקאָווער רב צו דער מיטעלסטער טיר. עס הערט זיך פון הינטער דער טיר אַ גע־רויש, טריט הערען זיך, סאַרוועדס לויפען צו, עפענען און רופען דערשראָקען אַרויס:

— ניין, ניין; עס וועט זיין פאַר אייך אַן אָרעמע וועטשערע...

פאַרשטעהט מען, אָרעמע לייט ווילען אַריינקומען, דער קראָ־קאָווער רב עפענט די אויגען אויף און וויל עפּעס זאָגען, מן הסתם, מען זאָל אַריינלאָזען, ווי דען?

נאָר באותו הרגע באַווייזט זיך אין טיר אַן אַלטער מאַן אין אַ צורישענעם ספּאַדעק, מיט צושויבערטע, גרויע באָרד און פּאות, אַ בעטלער, ווי אַלע בעטלער, נאָר מיט אויגען, וואָס קוקען מיט דער גדולה פון אַ מלכות, מיט אַ תנועה פון דער האַנט פון אַ מלכות— סאַרוועדס דערשרעקען זיך און רוקען זיך אָפּ פאַר זיין בליק, נישט ווילענדיג, מיט גרוים דרך־ארץ; ער מאַכט מיט דער האַנט — און זיי מאַכען איהם, נישט ווילענדיג, אַ וואַרע, — דער אַלטער, אַנגע־

טאַן און בגדי קבצן שבקבצנים און מיט אויגען און תנועור פון אַ מלך, קומט אַריין, הינטער איהם געהט אַ חברה בעטלער, און דער אַלטער קומט אינמיטען שאַפּע אַריין, און שטעלט זיך אַפּ, הינטער איהם שטעלט זיך אַפּ די גאַנצע חברה קבצנים — אַלע קוקען פאַרבליפט און שווייגען, דער קראָקאָווער רב אויך, נאַר אברהם׳ל טוט זיך זיינס, די איבערגעבויגענע פּלייצע, זעהט מען, ציטערט, די האַנט פיהרט אויף און אַפּ דעם סמיטשיק; און דער באַס קרעכצט האַרציג און ערנסט:

— בו, בו, בוהה, בוההה...

און דער אַלטער מלך אין בגדי קבצנים עפענט נאָך אַ ווײַלע דאָס מויל — די געסט בויגען זיך איבער׳ן טיש פון פאַרענט, פון אַנדערע טישען שפּרינגט מען פּלוצלונג, גאָר אָהן אַ שום גערויש, אויף די נעגעל — מען ווערט צוגעצויגען צום אַלטענס מויל, ווי אַ מאַגנעט, אַלע אויגען בלייבען הענגען אויף זיינע ליפּען —

און דער אַלטער זאָגט איין וואָרט: חצות!

— קראָקאָווער רב, — מאַכט ער ווייטער, — אברהם׳ל שפּילט צו חצות... איהר גלויבט נישט, קראָקאָווער רב, וועט איהר הע־רען... איהר זאָלט זוכה זיין צו הערען, ווי אברהם׳ל שפּילט צו חצות, איז אייך באַשערט געווען צו טון מיט׳ן לובלינער פּרנס, טאָמאַשאָוו זאָל זיין אינמיטען וועג... און אייך צוליעב וועלען אַלע הערען, נאָר נישט אַלע אַזוי ווי איהר! איהר זענט אַ מבין אויף מוזיק...

— בו, בו, בוה, בוהה — שפּילט זיך אברהם׳ל זיינס — און דער עולם שווייגט פאַרגאַפט, ווי פאַר׳כשופ׳ט. און דער אַלטער בעטלער הויבט אויף די רעכטע האַנט און גיט אַ צייכען צום בע־ליק, נעמט דער בעליק און שפּאַלט זיך, און לעגט זיך אויס, איין העלפט רעכטס, די צווייטע לינקס, ווי פּליגעל פון אַ סוכה.

און עס באַווייזט זיך דער הימעל, אַן אויסגעשטערנטער, אויסגעפינקעלטער הימעל. איבער דער עפענונג פון דער שאַפּע שוויכט שטיל דורך די לבנה... שטיל איז זי אריבערגעשוואומען. און אַזוי ווי זי איז אריבערגעשוואומען, גיט דער אַלטער בעטלער

נאָך אמאָל א מאָך ארויף מיט דער האַנט, שפּאַלט זיך דער הי־מעל — שווימט אין דער הויך א רחבות פון סאַמעראַדנער ציטער־דיגער ליכטיגקייט, און אין דער ליכטיגקייט, וואָס ציטערט און וויגט זיך, הערט זיך זינגען און שפּילען, די פמליא של מעלה זאָגט חצות, מלאכים־משוררים זינגען, קאַפּעליעס־מלאכים שפּילען, און אלע שפּילען איין נגון און אברהם׳ל באַס פּאַסט צו צום נגון, שווימט מיט אין זמר פון דער ליכטיגקייט, וואָס וויגט זיך און הויבט און ציטערט אין דער הויך — —

און פאַרציטערט בלייבט דער עולם...

און נאָך א וואונק ארויף גיט דער אַלטער, און דער הימעל שליסט זיך. אויפגעהערט האָט די מוזיק, שטערענדלעך שווימען און פינקלען, ציטערענדיג, ווי פון שטילע, טרויעריגע נחת — —

און נאָך א וואונק טוט דער אַלטער און ביידע העלפטען פון דאַך איבער דער שאַפּע פאַלען צוריק צו און פאַרשליסען און באַ־העפטען זיך — פאַרשטיינערט זיצט דער עולם, קוים מען אָטעמט, און עס הערט זיך צוריק אברהם׳לס באַס.

— בו, בוה, בוההה...

און פּלוצלונג פאַלט דער סמיטשיק מיט׳ן באַס פון אברהם׳לס האַנט ארויס, ער שטעלט זיך אוועק, דרעהט זיך איבער צום עולם און הויבט אָן: שמע ישראל! און זאָגט עס מיט דערזעלבער נגינה, מיט וועלכער ער האָט געשפּילט אין הימעל... און ער האָט געענדיגט און איז געפאַלען חלשות —

דער אַלטער האָט איהם אין דער לופטען געכאַפּט...

— טראָגט איהם אין הקדש אריין! — האָט ער געגעבען די סאַרווערס א באַפעהל...

און זיי האָבען איהם גענומען און ארויסגעטראָגען...

— קראָקאווער רב, — רופט זיך אָן דער אַלטער, אז מען האָט שוין אברהם׳לען ארויסגעטראָגען — נישט אויף א חתונה זענט איהר געקומען, נאָר אויף א לויה. אברהם׳ל איז נתבקש געוואָרען צו דער פמליא של מעלה, עס האָט דאָרט א באַס געפעהלט...

און דער אַלטער איז נעלם געוואָרען מיט אַלע קבצנים...
וכך הוה.

אברהם'ל באַם איז דעם צווייטען טאָג אין בית־המדרש נפטר געוואָרען און דער קראָקאווער רב מיט אַלע געסט זענען געווען אויף זיין לויה, און דער אַלטער, זאָגט מען, איז געווען ר' לייב שרה'ס...

אַ כבֿרא איז עס...

ג.

נסים אויפ'ן ים.

אין דער מדינה האלאנד, אין א האלב איינגעזונקענ הייזעל ביים ברעג פון ים, האט געוואוינט אויך א שטומע נשמה — א אידישער פישער מיט'ן נאמען „סאטיע". אפשר נאך אן עלטער־זיידענ סעדיה; נאר פון דעם האט ער נישט געוואוסט, ער האט בכלל זעהר ווייניג געוואוסט פון אידישקייט. פון אבות אבותיו א פישער, פארברענגט טעג און יאהרען אויפ'ן ים, געלעבט — איין איינציגע אידישע משפחה צווישען ניט־אידען, וואס זאל ער ווי־סען? סאטיע כאפט פיש, דאס ווייב זיינס שטריקט נעצען און פיהרט די שטוב, די קליינע קינדער וואלגערען זיך אין זאמד און זוכען בורשטין... און אז סאטיע געהט אויפ'ן ים און עס מאכט זיך א שטורעם־ווינט, עס ווערט סכנות נפשות, האט — נישט ער אויפ'ן ים, נישט דאס הויזגעזינד אין שטוב, נישט געקאנט אפילו קיין שמע ישראל מתפלל זיין... האט סאטיע געקוקט שטום אין הימעל ארייז; דאס ווייב זיינס שלאגט זיך אין קאפ אריין, אדער שליידערט נאך אפשר א בייזען בליק צום בייזען, פינסטערען הימעל ארויף, און די קינדער ווארפען זיך אויפ'ן זאמד און רופען גלייך מיט אנדערע קינדער: סאנטא מאריא, סאנטא מאריא!

און פון וואנען האבען זיי געזאלט וויסען מעהר? צופום געהן אין קהלה אריין — איז ווייט, פאהרען האט די ארעמע פאמיליע, וואס האט קוים פרנסה געהאט, נישט געקאנט, און, אחוץ דעם, לאזט דער ים נישט אוועק. סאטיע'ס פאטער, סאטיע'ס זיידע און עלטער־זיידע זענען אומגעקומען אויפ'ן ים. נאר אזא כח האט ער שוין, דער ים: ער איז דעם מענשענס געפעהרליכסטער שונא, און גאנץ אפט א פאלשער שונא, און — ליעב האט מען איהם, און ציהען ווערט מען צוגעצויגען צו איהם ווי מיט צוואנגען... און

מען קאָן זיך פון איהם נישט אָפּרייסען, ווייל מען לעבען אויף איהם און אונטערגעהן אין איהם...

נאָר איין אידישער מנהג איז אין דער משפּחה געבליבען — יום־כּפּור!

ערב יום־כּפּור אין דערפריה האָט מען אויסגעקליבען דעם גרעסטען פּיש, און די גאַנצע משפּחה איז געגאַנגען מיט'ן פּיש אין שטאָדט אריין, און אָפּגעגעבען האָט מען דעם פּיש דעם קהל'־שען שוחט, ביי וועלכען מען פלעגט פאַרפּאַסטען און עסען נאָכ'ן תענית.

איבער'ן מעת־לעת פלעגט די משפּחה זיצען אין האָלענדישען מקום־קדוש, צוהערען זיך ווי דער כאָר זינגט, ווי דער אָרגעל שפּילט, ווי דער חזן זאָגט אויף זיין אופן און שטייגער... פאַר־שטאַנען א וואָרט האָט מען נ י ש ט. געקוקט האָט מען נאָר צום אָרון־קודש, צום פּרעדיגער אין דער גאָלדענער יאַרמולקע. האָט זיך די גאָלדענע יאַרמולקע אויפגעהויבען, האָט מען זיך אויך אויפ־געשטעלט; האָט זיך די גאָלדענע יאַרמולקע אַראָפּגעלאָזט, האָט מען זיך צוריק געזעצט. טיילמאָל פלעגט סאָטיע פאַר מידקייט איינדרימלען, האָט איהם א שכן מיט אַן עלענבויגען צום אויפ־שטעהן געוועקט...

אָט דאָס איז געווען דער גאַנצער יום־כּפּור. אז עס איז א יום־הדין, אז א פיש אין וואַסער ציטערט, און וואָס אין הימעל טוט זיך, — פון דעם האָט סאָטיע נישט געוואוסט. עס איז ביי איהם א מנהג געווען, יום־כּפּור צו הערען כאָר און אָרגעל א ו מ ג ע ג ע־ס ע ן, און אז נאָך „נעילה“ (ער האָט אפילו נישט געוואוסט, אז עס הייסט „נעילה“) געהט מען צום שוחט אויף וועטשערע... אַסר מעהר האָט דער שוחט אליין אפשר אויך נישט געוואוסט — האָ־לאַנד!

און באַלד נאָכ'ן שוואַרצען קאַפע, פלעגט סאָטיע מיט'ן ווייב און מיט די קינדערלעך זיך אויפהויבען, געזעגענען זיך מיט'ן שוחט און זיין הויזגעזינד, און אָנווינשעווען זיך, און אוועקגעהן און וואַנדערען א גאַנצע נאַכט צום ים. נישט „אַהיים“ פלעגט מען זאָ־גען, נאָר — „צום ים“.

און אויפהאַלטען לאָזט מען זיך נישט.

— סטייטש, — טענה'ט דער שוחט מיט דער שוחט'קע: — איהר האָט דאָך אפילו די שטאָדט נישט געזעהן.

פאַרקרימט זיך סאַטיע:

— די שטאָדט!

קיין בעל־דברן איז סאַטיע נישט; דער ים לערענט שווייגען. נאָר די שטאָדט האָט ער פיינט. ענג, אָהן לופט און אָהן הימעל. אַ פּאַסיקעל צווישען דאָך און דאָך... אויף'ן ים אָבער — אַ רחבות... עס אָטעמט זיך...

— עס איז דאָך אייער שונא... אייער טויט! — טענה'ט מען צו איהם.

— אָבער אַ גוטער טויט!

ער וויל האָבען זיין פאָטערס און זיין זיידענס סוף — איינגעשלונגען ווערען געזונטערהייט פון ים, נישט קרענקען און גוסס'ען אַ צייט לאַנג אויף אַ בעט... הערען ווי מען וויינט... און דערנאָך באַגראָבען ווערען... אין דער האַרטער ערד... בררר!

קאַלט ווערט איהם, אַז ער דערמאָנט זיך פון אַזאַ קבורה...—

און מען געהט צופוס אַהיים, צום ים...

און אַז מען געהט צופוס איבער נאַכט, און עס הויבט אַן גרויען דער טאָג, און מען דערזעהט דעם גאָלדענעם אָפּגלאַנץ פון זאַמדיגען ברעג, און דערנאָך בליצט־אויף דער שפּיגעל פון ים, דערפרעהט מען זיך, פּאַטשט מען מיט די הענט...

אַ חתן מיט אַ כלה פרעהט זיך נישט אַזוי...

און אַזוי געהט עס פון יאָהר צו יאָהר...

עס בייט זיך דער פישער, זעלטענער — דער שוחט; מנהג בלייבט מנהג.

און דער מנהג איז אַ סכום הכולל פון פאַסטען, כאַר און אָרגעל, אויסגעמישט מיט'ן גרויסען פיש צו דער וועטשערע נאָך נעילה ביים שוחט, מיט'ן געזעגענען און אָנווינשען זיך...

דאָס אַלץ צוזאַמען איז דער איינציגער פאָדים, וואָס בינדט צו סאַטיע'ן צום כלל ישראל...

ויהי היום, איינמאָל פאַרטאָג, קוים געדוימעלט האָט זיך דער

מזרח, שטיל וועקט זיך אויף דער ים, קוים ער אָטעמט, קוים עס הערט זיך זיין ברומען. ער ציהט זיך פוילֿ און נאָך פאַר'חלום'ט אויס, און ציהט זיך איין... וואו־ניט־וואו פלאַטערט אין דער בלוי־ער לופט אַ ווייסע פּאָר פליגעל, שרייט־אויף אַן עוף... און ווייטער שטיל... שטילע גלאַנצען פליהען איבער'ן ים, גאָלדענע פלעקען גלי־טשען זיך איבער'ן געלען זאַמד, פאַרמאַכט זענען די שיפער־שטיב־לעך איבער'ן ברעג, נאָר אַ טיר סקריפּעט, — סאַטיע געהט אַרויס...

ערב־יום־כפּור איז היינט. פרום און ערנסט איז זיין פּנים. שטיל לויכטען איהם די אויגען: ער געהט טון אַ מצוה, כאַפּע: אַ פיש אויף יום־כפּור!

און ער געהט צום שיפעל צו און נעמט אָן די קייט, מיט וועל־כער עס איז נעכטען צוגעבונדען צום בּאָרט. די קייט קלינגט, און קולות דערהערען זיך רעכטס און לינקס:

— ניט'ע, ניט'ע!

דאָס רופען צו איהם די שכנים, וואָס האָבען אַרויסגעשטעקט די קעפּ פון די קליינע פענסטערלעך.

רוהיג און שטיל ליגט ווייט און ברייט אויסגעגאָסען דער ים. צוזאַמענגעגאָסען מיט'ן זוים פון פריש־מאָרגענדיג לאַכענדיגען פרעהליכען הימעל... קוים ער אָטעמט, דער ים, קוים ער רונצעלט זיך ביים ברעג, און ווי ביי אַ גוטער באָבען, טאַנצען ליכטיג־גלאַנ־צענדיגע שמייכלען צווישען די רונצלען... און עפּעס מורמעלט ער. אַ באָבע־מעשה דערצעהלט דער ים די צואַוואָרפענע, מיט לאַנגע וואַסער־פלאַנצען, ווי מיט האָר באַוואַקסענע שטיקער פעלזען, און ער גלעט זיי איבער די האָר שמייכלענדיג, שפּילענדיג — דער פי־שער אָבער קען בעסער דעם ים, און ער גלויבט איהם נישט.

— ניט'ע...

דער ים וויגט זיך און וועט זיך צוואוויגען, און פּלאַצען וועט דער ליכטיגער שפּיגעל, און פון שפּיל וועט ווערען אַן ערנסט, פון שטילען ברומען — געשריי און געפּילדער, און פון רונצלען וועלען אויפשטעהן וואַלען, וואָס וועלען שלינגען שיפלעך און שיפען, ווי קליינע פישלעך דער לויתן...

— ניט'ע...

און אַ באַרוויסער אַלטער מאַן, מיט אַ פלאַטערדיגען גרויען קאָפּ אָהן אַ היטעל, מיט אַן איינגעשרומפּטען פּנים, ווי דער ים.

נאָר אַהן זיין פאַלשען, זיסען שמייכעל, — קומט אַרויס פון אַ שטיבעל, נעהמט צו סאַטיע'ן צו און לעגט איהם אַרויף די האַנט אויפ'ן אַקסעל:

— זעה!

און ער ווייזט איהם אַ קליין שוואַרץ פינטעלע, וואָס נאָר אַ פישער־אויג קאָן דערזעהן, אויפ'ן זוים פון הימעל.

— פון דעם וואַקסט אַרויס אַ וואָלקען...

— כ'וועל פריהער צוריק אין דערהיים זיין, — ענטפערט סאַטיע — איין פיש וויל איך נאָר כאַפּען.

און ערנסטער ווערט דאָס פנים ביי זיין אַלטען שכן:

— האָסט ווייב און קינד, סאַטיע!

— און אַ גאָט אין הימעל! —ענטפערט סאַטיע מיט בטחון— ער נעהמט ז י י ן מצוה טון... און ער שטופּט אָפּ דאָס שיפעל און שפּרינגט אַריין...

און לייכט ווי אַ פעדער טראָגט זיך סאַטיע'ס שיפעל איבער'ן ים, און דער ים וויגט עס אַרום, זיס־ברומענדיג, אַזוי ליעבליך, און זוימט עס און וויקעלט עס אַרום מיט די שענסטע פּערעל, וואָס ער פאַרמאָגט — און דער אַלטער פישער שטעהט אויפ'ן ברעג און מורמעלט:

— סאַנטאַ מאַריאַ, סאַנטאַ מאַריאַ!

לייכט טראָגט זיך סאַטיע'ס שיפעל איבער'ן ים — געשיקט וואַרפט סאַטיע אַראָפּ זיין נעץ, און שווער און שווערער ווערט די נעץ, און מיט אַלע כחות ציהט ער זי קוים־קוים אַרויס און געפינט אין איהר וואַסער־פּלאַנצען, ים־שטערען, — נאָר נישט קיין איינ־ציגען פיש...

דער אַלטער פישער אויפ'ן ברעג האָט דאָס שיפעל שוין פאַר־לוירען פון אויג. סאַטיע ציהט שוין צום דריטען מאָל און צום פיערטען מאָל אַרויס די נעץ: נישט לייכט איז זי אַרויסצוציהען, אַלערליי וואַסער־פּלאַנצען האָבען זיך אין איהרע אויגען פאַרפּלאָנ־טען — נאָר קיין איינציגער פיש...

און דער ים ווינט און צוואַווינט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער, און אויפ'ן הימעל איז שוין אַרויסגעשוואומען די זון, נאָר פייכט

אין איהר גלאנץ — א פארוויינטע זון; און דאס שווארצע פינטע־לע אין עק הימעל האט זיך אויסגעצויגען אונטערוויילעכץ אונטער דער זון, ווי א ברוינע שלאנג, און ווערט טונקעלער און טונקעלער, און רוקט זיך צו דער זון...

עס איז שוין האלבער טאג, און סאטיע שווימט און שווימט. פרואווט און פרואווט דאס מזל. —

— גאט, טראכט ער, וויל נישט, איך זאל דאס יאהר מקיים זיין די מצוה, מען מוז צוריק! און טרויעריג ווערט איהם אויפ'ן הארצען: ער האט געמוזט עפעס זינדיגען געגען גאט, וועלכער באַ־וויליגט נים היי־יאהר זיין קרבן. און ער נעמט דעם רודער פעסט אין דער האנט אריין און וויל שוין אויסדרעהען דאס שיפעל צוריק. נאר אין דער זעלבער רגע באקומט ער א שפריץ אין פנים אריין, און ער דרעהט זיך אוים און דערזעהט, ווי א גרויסער גאלדענער פיש ווארפט זיך, שפילענדיג, איבער'ן ים און שפריצט מיט'ן וויי־דעל איבער'ן וואסער.

עה! דעם פיש מוז ער כאפען, דעם פיש האט איהם גאט באַ־שערט, גאט, וואס האט זיין עגמת־נפש געזעהן, זיין בענקען, מקיים צו זיין די מצוה. — און ער דרעהט צוריק אוים, און יאגט נאך דעם פיש...

און דער ים איז שוין צואוויגט, כוואליעס הויבען זיך העכער און העכער... א האלבע זון איז שוין מיט א וואלקען באדעקט, בונ־טען ווייסע שטראלען רייסען זיך קווער אהער פון הינטער'ן וואל־קען, און דער פיש שווימט איבער די פלייצעס פון די כוואליעס, און סאטיע'ס שיפעל נאך, נאך... און פארשוואונדען ווערט פלוצ־לונג דער פיש, צווישען איהם און סאטיע'ס שיפעל הויבט זי אויף א וואל, אויפגעבלאזען, אויפגעיאגט פון ווינט...

— עס נארט מיך, עס בלענדט מיר די אויגען! — טראכט סאטיע און וויל ווייטער אויסדרעהען דאס שיפעל און שווימען צו־ריק. אין דער זעלבער רגע לעגט זיך אבער די כוואליע, ווי זי וואלט מיטאמאל איינגעזונקען געווארען; כמעט צום שיפעל צו־שווימט צו דער פיש און קוקט אויף איהם מיט גרויסע אויגען. גלייך ער בעט זיך: נעם מיך, נעם מיך... זיי מקיים מיט מיר די מצוה, זיי מיך מזכה מיט איהר...

דרעהט סאטיע צוריק אוים.—פארלוירען ווערט דער פיש! א

נייע כוואליע שווימט אויף צווישען איהם און דעם שיפעל. און עס הויבט זיך ווידער אן דער „ירגזון" פון ים! נישט קיין ליעבליך ליעדעל זינגט ער, דער ים, ער כעס'ט זיך: א העזה, אצינד אויף איהם צו שווימען! אויף זיינע כוואליעס צו טרעטען! און גלייך זי וואלט זיך פאר'ן ים דערשראקען, באהאלט זיך הינטער'ן וואל־קען די זון... אויף דעם, זעהט אויס, האט נאר געווארט דער ווינט — ער איז באפרייט געווארען, און צויאגט זיך מיט אן אויס־געלאסענעם צארן, און ער שמייסט, און פאטשט ווי מיט ריטער. און רייצט נאך מעהר אויף דעם ים, און דער ים ברויזט און קנאקט, גלייך טויזענטער באסען שפילען אין זיינע געדערים, קע־סעל־פויקען — אין זיינע כוואליעס...

— אהיים, אהיים! — קלאפט ביי סאטיע'ן דאס הארץ, און ער נעמט צוזאמען די נעצען אין שיפעל אריין, און כאפט שטארקער אן דעם רודער, און ארבייט מיט אלע קרעפטען. די אדערען אין דער האנט ווילען פלאצען. ווי א הוילע נוס ווארפט זיך דאס שיפעל אויף און אפ איבער די כוואליעס, פארשווארצט איז דער הימעל, ברוין־צארניג דער צובראכענער ים — און ער ארבייט אלץ — אהיים, אהיים...

פלוצלונג דערזעהט ער, עפעס שווימט צו איהם צו פון דער זייט — א מענשליכער קערפער שווימט, א דערטרונקענער — א פרוי איז עס — פאר איהר שווימען די האר, שווארצע האר — זיין ווייב האט אזוינע האר... פון אונטער די האר באווייזען זיך ווייסע הענט — זיין ווייב האט אזוינע הענט... און א קול רופט:

— ראטעווע! — זיין ווייבס קול... די מוטער פון זיינע קינדער... זי האט איהם געמוזט נאכשווימען אויפ'ן צווייטען שיפעל. זי טרינקט זיך, זי רופט נאך זיין הילף...

און ער דרעהט דאס שיפעל אויס רעכטס און וויל צו צום קער־פער, — דער ים לאזט נישט! כוואליעס הויבען זיך אין דער מיט, דער שטורעם רייסט און וואיעט — נאר אין דעם שטורעם הערט ער איהר קול: — העלף! העלף! סאטיע, העלף!...

און ער שטרענגט אן די לעצטע קרעפטען צוזושווימען, און אט איז ער שוין נישט ווייט פון ווייסען פלעק; די האר זעהט ער שוין נישט, נאר דאס שווימענדיגע, זינקענדיגע קלייד... מיט'ן רודער צו דערלאנגען... נאר אין דער מיט, צווישען איהם און זיין ווייב,

הויבט זיך אויף א וואל, שטויסט זיך אפ אין איין זייט, דאס שי־פעל — אין דער צווייטער — — —

— א פארבלענדעניש! — טראכט ער, זיך דערמאנענדיג, אז דאס זעלבע האט ער געהאט מיט׳ן גאלדענעם פיש; און נישט ווי־לענדיג ווארפט ער אן אויג צום ברעג, זעהט ער, ווי עס לייכט זיך שוין אין די פישער־הייזלעך די פענסטער!

— יום־כפור! — דערמאנט ער זיך, און לאזט פלוצלונג ארויס דעם רודער פון דער האנט.

— טו מיט מיר, — שרייט ער צום הימעל ארויף, — וואס דו ווילסט, יום־כפור רודער איך נישט!...

און דער ווינט רייסט, אין כח־הקלע ווארפען די כוואליעס דאס שיפעל; און סאטיע, ווי ער האט ארויסגעלאזט דעם רודער פון דער האנט, אזוי זיצט ער רוהיג, און קוקט מיט אפענע אוי־גען אמאל צום פארשלאסענעם הימעל ארויף, אמאל צום קאכענדיג־שוימענדיגען ים אראפ.

— טו מיט מיר, גאט, וואס דו ווילסט! זאל דיין רצון גע־שעהן...

פלוצים דערמאנט ער זיך א ניגון פון כאר, אונטערגעהאלטען פון ארגעל, און ער הויבט אן נאכצוזינגען דעם ניגון. די דאזיגע שטומע נשמה האט נאר דאס איינציגע לשון צו רעדען מיט גאט— און ער זינגט. דער הימעל ווערט שווארצער און שווארצער, די כוואליעס הויבען זיך העכער און העכער, שארפער נאך בלאזט דער ווינט... דאס שיפעל ווארפט זיך בארג־אויף, בארג־אפ, איין כוואליע ווארפט עס צו דער צווייטער... איינע רייסט איהם ארויס און שליידערט איהם אוועק דעם רודער, א צווייטע קומט אן פון הינ־טען און יאגט זיך נאכ׳ן שיפעל מיט אן אפענעם מויל... דער ווינט רייסט ווי טויזענטער וועלף — און אין דעם גערודער אריין זינגט סאטיע דעם ניגון פון „מי ינוח ומי ינוע“... ווי דער כאר, אונ־טערגעהאלטען פון ארגעל...

די כוואליע שלאגט אין שיפעל אריין. סאטיע וויל שטארבען זינגענדיג. נאר דאס שיפעל קעהרט זיך איבער, אבער סאטיע׳ן איז נאך דער טויט נישט באשערט...

צוויי ווייסע געשטאלטען, ווי פון נעבעל געוועבטע, געהען, האלטענדיג זיך ביי די הענט, בארוועס, מיט צופלאסענע האר און

לייכטענדיגע אויגען, איבער'ן ים, און ווי סאַטיע דרעהט זיך אי־בער מיט'ן שיפעל, קומען זיי צו, הויבען איהם אויף, נעמען איהם צווישען זיך, און געהען מיט איהם אונטער די אָרעם, און טרעטען מיט איהם איבער די כוואַליעס, ווי איבער בייטען און בערגלעך. און פיהרען איהם אַזוי געאָרעמט צווישען ווינט און געטומעל. ער קוקט און וויל רעדען, עפּעס פרעגען וויל ער — נאָר זיי זאָגען איהם:

— זינג בעסער, סאַטיע, זינג! דיין געזאַנג וועט גובר זיין דעם צאָרן פון ים...

זיי געהען מיט איהם, און סאַטיע הערט, ווי דאָס שיפעל זיינס געהט איהם נאָך... ער דרעהט זיך אום — דאָס שיפעל מיט דער נעץ, און אין דער נעץ איז פאַרוויקעלט דער גאָלדענער פיש...

און אַז זיי האָבען איהם צוגעפיהרט צום ברעג און געלאָזט איהם אַהיים, האָט ער געטראָפען ביי זיך דעם שוחט מיט דער שוחט'קע...

אין שטאָדט איז אַ שרפה געווען, זענען זיי געקומען צו איהם צו גאַסט...

האָט מען געקוילעט דעם פיש, און — מנהג איז געבליבען מנהג...

מלוה־מלכה

איך וויל אייך דערצעהלען א שעהנע, וואונדערליכע מעשה:

פון דער פיערטער סעודה פון שבת קודש — מלוה מלכה, וואס דוד המלך, עליו השלום, האט מתקן געווען...

פון א פשוט'ען עהרליכען איד, וואס האט אויף זיך גענומען די מצוה פון מלוה־מלכה;

פון יענע לייט, וואס האבען דוקא געוואלט אראפפיהרען דעם איד פון זיין דרך, ער זאל כאטש איינמאל אין לעבען נישט קאנען מקיים זיין די מצוה —

און ווי אזוי דער איד איז נצול געווארען פון זייערע הענט.

און א מעשה איז עס מיט א מוסר־השכל:

דער פשוט'ער איד וועט זיך דרש'ענען א קל־וחומר: מה דאך אזא קליינע מצוה, שאדם (וואס א מענש) דש (טרעט) בעקביו (מיט זיינע טריט) מאכט אזא רושם, ברענגט צו אזא נסיון. אנ־דערע, גרעסערע מצוות, אויף וועלכע די וועלט שטעהט באמת, על אחת כמה וכמה.

און דער יודע חן, וואס האט א ידיעה אין־ענין פון סעודת דוד המלך, עליו השלום, — דעם וועט דאס גאר אויפגעהן א ליכט אין די אויגען!

ער וועט, נעמליך, זעהן באשיינפערליך, עד היכן הדברים מגיעים, און וואס א נדר, וואס א איד נעמט אויף זיך, באטייט— ווי מען וועט, בעזרת השם, זעהן פון גוף המעשה.

און אצינד הויב איך אן:

1.

פארצייטענס, אין א גאליצישען שטעדטעל אין קיר"ה זענען געווען צוויי שותפים.

תבואה־סוחרים זענען זיי געווען; היבשע תבואה־סוחרים:

געפיהרט גרויסע פּאַדריאַדען פאַר'ן מלכות. געהאַלטען אייגענע פערד און וואָגען, און א יונג — א שמייסער. און צוויי מויערען געהאַט אין שטאָדט, יעדערער זיין מויער.

און די שותפים, וואָס זענען געווען גלייך אינ'ם מסחר, זענען נישט גלייך געווען אין יהדות.

איז נעמליך איינער פון די צוויי שותפים געווען א חסיד, א ירא שמים און א למדן א גרויסער דערצו, און דער צווייטער — אזוי, א פּשוט'ער איד, אַן עהרליכער מאַן.

פלעגט דער שותף דער למדן זיצען אין דער היים על התורה ועל העבודה און קוים אָפּשפּאַרען א שעה צי צוויי שעה אין טאָג אויף עצות און חשבונות מענין המסחר. און דער צווייטער פאַר דאָס, דער פּשוט'ער איד, פלעגט א גאַנצע וואָך באַדען זיך אין עסק.

פאָהרט מען א גאַנצע וואָך אַרום: פון פויער צו פויער, פון פּריץ צו פּריץ — אויפקויפען קאָרן; אין די מיהלען אַריין — מאַלען דאָס קאָרן; אויף די פונקטען דערנאָך, צוצושטעלען די מעהל פאַר די חיילות.

און די חיילות זענען צוואָרפען אין דער גאַנצער סביבה, איבער אַלע דערפער, — פלעגט טאַקע דער איד אַהיים קומען קוים צום מרחץ אויף שבת.

און וואָס האָט ער, אומשטיינס געזאָגט, פון שבת? קוים ער קאָן מקיים זיין די מצוה פון „שינה בשבת תענוג"... אוים מענש קומט ער אַהיים.

מיד, און דער גאַנצער „הו־האַ" אין קאָפּ.

ווייס דאָך אבער א איד, וואָס דער תוך און דער עיקר איז. געהט ער און נעמט אויף זיך די מצוה מקיים צו זיין ברוב פּאַר והדר די מצוה פון מלוה־מלכה!

צו דער מלוה־מלכה פלעגט דער שותף דער חסיד קומען זעהר זעלטען: א פּאָר מאָל אין יאָהר, שלא לבייש.

ער פלעגט בעסער זיצען צווישען זיינם גלייכען אין שטיבעל, און עוסק זיין אין זיינע זאַכען.

פאַר דאָס פלעגען קומען אַנדערע שעהנע אידען, אפילו לומדים און אַזוי אָרעמע לייט, וואָס פלעגען אפשר א גאַנצע וואָך

ווארטען אויף דער מלוה־מלכה, זיך כאַטש איינמאָל אָנצועסען זאַט.

און באַלד טאַקע נאָך הבדלה, דער פשוט׳ער איד זאָגט זיך „ויתן לך", זינגט זיך זמירות (פון געשעפט, ביז נאָך דער מלוה־מלכה, רעדט ער נישט), און אין קיך ברענט שוין אַ פייער, וועל־גערט מען שוין פרישע לאָקשען, קאָכט מען פרישע פיש, זענגט מען אָפּ פרישע עופות, וואָס מען האָט נאָר־וואָס געבראַכט פון שוחט. — אַביסעל משקה וועט, פאַרשטעהט זיך, אויך נישט פעה־לען — אויף אַ גביר׳שער חתונה דאַרף מען נישט — נישט שענער, נישט בעסער...

און ביי דער מלוה־מלכה איז ששון ושמחה.

ווייס־געדעקטע טישען, אַז עס בלאַנקט. אויסגעשטעלט כלי כסף וזהב, אַלערליי קאָלירטע גלעזערנע כוסות, ווי צו׳ן אַ סדר. און ליכט אַנגעצונדענע אַסך: הן אויפ׳ן טיש אין די זילבערנע לייכטער, הן אַרום די ווענט אין די זילבערנע העסען.

און די בני בית מיט די אורחים זעצען זיך אַרום, אנשים לחוד ונשים לחוד. די מענער אין בגדי שבת ויו"ט, די ווייבער אין טייערע קליידער, אבנים יקרות ותכשיטין, און מען עסט, און מען טרינקט, און מען רופט: דוד המלך, עליו השלום, חי וקים! און — מען לאָזט זיך אַ טענצעל...

מן הסתם געפעלט עס נישט יענע לייט!

האָט מען אויף דעם עהרליכען איד אין זיין מלוה־מלכה אַן אויג.

2.

ויהי היום — עס איז געקומען אַ צייט, און די שותפים זע־נען געשטאַנען אין אַ גרויסער סכנה.

געהאַט האָבען זיי אַ גרויסען פּאַדריאַד, אויף כמה וכמה אלפים כור קמח פאַר׳ן חיל אין דער סביבה, און אין קאָנטראַקט, וואָס מען האָט געמאַכט מיט׳ן מלכות, איז געשטאַנען, ווי דער סדר־עולם איז, שחור על גבי לבן, אַ תנאי, אַז אויב, חס־ושלום, מען וועט עובר זיין איין טערמין פון שטעלונג, וועט ווערען פאַר־פאַלען דער גרויסער זאַלאַג, און דאָס מלכות וועט נאָך צונעמען ביי די שותפים זייערע מויערען, מיט׳ן כלי בית און אַלע מטלטלין.

ביז פערד און וואגען; און האט נאך פראוו, ווי פארצייטענס דער מנהג איז געווען, זיי אליין צו נעמען און ווארפען אין קייטען אריין. און פארשיקען, וואו דער פעפער וואקסט...

און געווען איז עס פונקט נאך א שוואכען ווינטער; געלעגען אן ערד — א נאקעטע. אהן שניי. דער זאמען פון קארן איז אויס־געלופטערט געווארען —

איז נאך וועניג?

לאזט זיך נאך, באלד נאכ'ן ווינטער, ארויס א קול, אז קיר"ה איז זיך מכין למלחמה געגען תוגר! ווערט ג א ר געלד און טאלער קארן! און נישט בנמצא.

איין פריץ אין דער סביבה, א שררה א גרויסער, האט יא עטליכע הונדערט קארץ קארן, און נישט צוצוטרעטען. ער האט געלאזט זאגען, אז אויב מען וועט איהם נישט ברענגען א דריי, צי גאר א פיער־פאכיגען פרייז פאר'ן קארן, וועט ער ארויסטרייבען פון פאלאץ, נאך אנרייצען די כלבים...

מיט איין ווארט — סכנות נפשות: בדיל הדל, און נאך פאר־פאלען צו ווערען אויף כף הקל...

מילא, איז דאך אבער א איד געוואוינט צו צרות, צו סכנות נפשות, איז דאך אויף דעם פאראן בטחון... זיצט זיך מוצאי־שבת קודש דער שותף דער למדן אין שטיבעל און הערט און דערצעהלט מעשיות פון לאדירער. און דער שותף — דער עהרליכער, פשוט'ער איד — ווארט אויף דער מלוה־מלכה, און אויף אורחים, און געהט זיך אזוי אויף און אפ איבער דער שטוב, און ברומט זיך די אליהו'ס...

און ווי ער ברומט אזוי די אליהו'ס, דערהערט ער פלוצלונג פון דרויסען א געזעצעריי איבער'ן ברוק אין גאס; די שויבען קלינגען אונטער: א רייטער יאגט זיך צו צום הויז.

וואס קאן עס זיין? א רייטער פון פאלק? אצינד? פאר מלוה־מלכה?

א רגע כמימרא — דער רייטער איז שוין פאר'ן הויז. ער שפרינגט שוין אראפ פון פערד, בינדט עס צו ביים ציימעל צום דראנג פאר דער שטיב, ער עפענט שוין די טיר — דעם שותפ'ס ווייב רעדט שוין צו איהם.

ער, פאר מלוה־מלכה, ריהרט זיך נישט פון ארט.

ווייזט זיך אויס: עס איז נישט פון פאלק — עס איז א שטאַ־פעט פון א פריץ. טאַקע פון גרויסען שררה, וואָס האָט דאָס קאָרן — א בריף האָט ער אין גרויס איילעניש געשיקט. און דער בריף איז א ישועה פון הימעל: באשר בכן, דער פריץ איז פּלוצלונג גע־רופען געוואָרען קיין וויען, תיכף ומיד צו קומען צום מלכות, האָל־בער נאַכט מוז ער ארויספאָהרען, נו — פעהלט איהם הוצאות הדרך (פריצים האָבען קיינמאָל קיין באָרען גראָשען נישט). על כן, אויב „יאָש" (יוסף האָט דער איד געהייסען, מילא: יוסף—יוסל, יאָש...) אויב יאָש וועט תוך כדי דבור קומען מיט מזומנים, קריגט ער דאָס קאָרן בחצי חנם. א מקח, וואָס מען הערט עס נישט אין גרעסטען זול.

האָט די אידענע איבערגעלייענט דעם בריף אין דער ערשטער שטוב, פאַלט זי אריין מיט דער בשורה צום מאַן, לויפענדיג צו דער צווייטער שטוב, שרייט זי אין קיך אריין צום משרת, ער זאָל גע־שווינד איינשפּאַנען פערד און וואָגען און —

— הערסט, מיין מאַן!

וויל דער מאַן אבער נישט הערען.

שרייט זי אויס די בשורה אויף א קול:

— כאַפּ, מיין מאַן, פאָהר!

להד"ם! מיין אידעל וויל פאַר „מלוה־מלכה" נישט פאָהרען. ער וועט צוליעב מסחר נישט מבטל זיין זיין מצוה, נישט עובר זיין אויף א נדר!

דער אידענע געפעלט עס אפילו; פונדעסטוועגען זאָגט זי:

— נאַרעלע איינער, איינגאַנצען א מייל וועגס, און די פערד זענען אויסגערוהט... און דאָ שאַבט מען ערשט די פיש, מען איז נאָך נישט צוריקגעקומען פון שוחט... וועסט נאָך, אי"ה, צוריק־קומען צו דער צייט... און ווען אביסעל שפּעטער? —

ענטפערט דער מאַן יוסף, אז פ א ר מלוה־מלכה מאַכט ער קיין מחריבים נישט.

זאָגט זי, אז זי וועט שיקען נאָכ'ן שותף. אן עהרליכער איד, א למדן, זאָל ער זאָגען...

און איידער זי רעדט ארויס דאָס וואָרט — אצבע אלקים! דער שותף דער חסיד איז פונקט געקומען צו מלוה־מלכה.

הערט ער, דער למדן — דער חסיד, וועגען וואָס עס געהט.

לאכט ער! — פּע, זאגט ער, אפּשטויסען בידים א ישועה פון זיין ליעבען נאמען? און — א דבר האבוה, און אזא נס! משוגע מיינע שונאים!"

הויבען זיך אן צוזאמענצוקומען אורחים. העלפען זיי אונטער: באשיינפּערליך, א גאט־זאך!

ווערט דער פּשוט'ער עהרליכער איד בטל ומבוטל פאר די לייד־טישע אורחים, דער עיקר פאר'ן שותף דעם ירא שמים, דעם חסיד און דעם גרויסען למדן; בפרט אז דער רופט זיך נאך אויס, אז ער פאהרט מיט.

דערווייל פאהרט, פארביי פאר דער טיר, דער וואגען מיט'ן קנאק. דער יונג שפּרינגט אראפּ, גלייכט אויס דאס געזעם; דער חסיד כאפּט זיך ארויף און זיצט שוין. דער פּשוט'ער עהרליכער איד קריכט ארויף — הייסט מען דעם שטאפּעט רייטען פאראויס. רייט ער. הילכט ווייטער די גאס פון די טריט פון פערד. שפּרינגט ארויף דער שמייסער אויף דער קעלניע, נאך אמאל א קנאק מיט דער בייטש, די בני בית מיט די עטליכע, שוין אנגעקומענע אורחים רופען נאך: אין א מזל'דיגער שעה! דאס ווייב: פאהר געזונטער־הייט און קום געזונטערהייט! דער וואגען ריהרט. דער פראסטער איד — דער שותף לאזט אראפּ דעם קאפּ. עס צופּט איהם עפּעס ביים הארץ, עפּעס שלעכטע נביאות זאגט איהם דאס הארץ. נאר ער שעמט זיך אויסצוזאגען דעם למדן. — זיפצט ער אפּ און שווייגט.

די אורחים מיט די בני בית זענען צוריק אין שטוב אריין, זינגען זמירות...

3.

און גאר איננאנצען איז דעם פראסטען אידו'ס הארץ קיין שער נביא נישט געווען...

ארויסגעפאהרען זענען זיי אין א לבנה־נאכט: שטערען כחול־הים. אבער קוים האבען זיי געהאט די שטאדט הינטער זיך, האט זיך דער הימעל פארוואלקענט. טונקעל איז געווארען און וואס אמאל טינקעלער.

דער רייטער איז שוין לאנג פארשוואונדען געווארען; א

פריצ'יש פערד! די פערדס־טריט הערען זיך נאך א ווײלע און — פארהילכען!

דערווייל ווערט נאך טינקעלער. עס הויבט אן בלאזען א צפון־ווינט און יאגט אן כ י י ע ענגים. די שטערען לעשען זיך. איינס נאכ'ם אנדערע ווי קליינע קינדער־לאמטערענדלעך פון ווינט.

עס ווערט חושך, מען פארלירט דעם וועג, מען שניידט זיך עפעס אריין אין א וואלד, אויפ'ן וועג דארף גאר קיין וואלד נישט זיין; פון וואנען האט זיך גענומען א וואלד?

דערווייל פארלירט דער יונג, דער שמייסער, די בייטש; שפרינגט ער אראפ זוכען די בייטש. די פערד שלעפען זיך ווייטער, דער שמייסער קומט נישט צוריק. מען רופט, ער ענטפערט נישט. דער ארעמער פראסטער איד זיצט פאר'חוש'ט און האלב פאר'חלש'ט פאר שרעק. דער חסיד שפרינגט אראפ זוכען דעם שמייסער, און ווערט אויך נעלם אין דער פינסטערניש. דער פראסטער איד ווערט שוין גאר פאר'חלש'ט; שטארקט ער זיך אבער, שטעלט זיך אויף, קריכט ארויף אויפ'ן געזעס, גלאצט אין דער פינסטערניש אריין מיט די אויגען — ער זעהט נישט.

וויל ער שרייען, קאן ער, פאר גרויס שרעק, נישט ארויס־ברענגען קיין קול. דערווייל שלאגען אן די פערד מיט'ן דישעל אן א בוים; דער דישעל פלאצט, דער וואגען קעהרט זיך איבער. דער איד פאלט ארויס, צו זיין גליק — אויף א בערגעל גראז. די פערד רייסען זיך אפ פון בוים, און אנטלויפען, משוגע פאר שרעק, אין דער וועלט אריין... עס הילכען א ווײלע די טריט, די רעדער, און ווערען אויך פארזונקען אין חושך. און דער פראסטער איד הויבט זיך אויף איינער אליין אין דער פינסטער, ער שטויסט קוים מיט די לעצטע כחות א קול פון האלז ארויס, שרייט; קיינער ענטפערט נישט. דער ווינט כאפט דאס געשריי און צוברעקעלט עס, און צוטראגט עס, און עס ווערט פארזונקען אין געפייפעריי.

וואס זאל, נעבער, טון א איד? אין א פינסטערען וואלד איי־נער אליין איז ער; מי יודע וואס פאר א חיות רעות עס האלטען זיך אויף אין וואלד; אינ'ם געפייפעריי פון ווינט, דאכט זיך איהם, ברילען זיי, די חיות...

ענטפערט ער איבער זיין נשמה צום בורא עולם: טו מיט

מיר, ווי דיין ווילען איז. — און הויבט אַן שטיל צו זאָגען ודוי. גרייט זיין האַרץ אַ איד.

און דער ווינט רוישט. ער הערט זיינע אייגענע ווערטער, זיין אייגענעם ודוי נישט; עס רוישט, פייפט און רייסט די בוימער, די צווייגען.

אָבער אַט — צווישען די פונאַנדערגעריסענע צווייגען, גיט פּלוצלונג, אַ בליץ. אויף אַ רגע כמימרא באַווייזט זיך אַ ליכט...

מילא, ותחי נפשו! עס מוז דאָך זיין דאַ ערגעץ אַ הויז! די צווייגען האָבען זיך שוין צוריק באַהעפט, פאַרפלאָכטען אינ'ם חושך... הויבט ער אָן צו געהן צום אָרט, פון וואַנען דאָס ליכט האָט זיך איהם באַוויזען... און ער איז געגאַנגען, און געגאַנגען, ביז גאָט האָט איהם געהאָלפען, און ער איז צוגעקומען צו אַ הויז מיט אַ ליכטיגען פענסטער.

געלויבט איז זיין ליעבער נאָמען!

פונדעסטוועגען צוגעהן גלייך זובען אַ טיר, האָט ער מורא. אַ קשיא אויף אַ מעשה: אַ הויז אין וואַלד, עס קאָנען זיין גזלנים, עס קאָנען זיין יענע לייט, באַהיט און באַשירעמט זאָל מען זיין... ער וועט נאָר אַ בליק טון אין פענסטער... לאָזט ער זיך אַראָפּ אויף אַלע פיער, קריכט שטיל און פאַמעלעך צום ליכטיגען פענסטער צו, שטעלט זיך, פאַמעלעך און מיט גרוים הארצקלאַפעניש, אויף, בויגט זיך צו, קוקט אריין, און דערזעהט דאָס, וואָס איך וועל אייך דערצעהלען אין פיערטען קאַפּיטעל.

4.

אַ גרויסע שטוב האָט ער דערזעהן, און ער וואָלט געשוואוי־רען, זיין שטוב: אינמיטען שטוב שטעהט אַ טיש, פונקט ווי ביי איהם צו מלוה־מלכה. פונקט אַזאַ טישטוך; פונקט, צו דער האָר, אַזוינע כלים: זילבער, גאָלד און קאַלירט גלאָז. און טעלער אַזוינע, ווי ביי זיין אשה, און אויף די טעלער די זעלבע מאכלים... און פונקט אַזוי פיעל ליכט: הן אויפ'ן טיש אין זילבערנע לייכטער, הן אַרום די ווענט אין זילבערנע העסען. און די לייכטער זענען זיינע, און די העסען, כהויה דערקענט ער זיי.

איז עס נישט אַ חלום? גיט ער זיך אַ צופּ ביי דער באָרד,

א ריס ביים אויער, א ביס אריין אין פינגער. ניין, עס איז קיין חלום נישט!

און ביים טיש, צו איהם הינטער'ן פענסטער מיט'ן רוקען, זיצט א איד, — דאכט זיך, ער אליין! זיין קרומער אקסעל.

רבונו של עולם. א חלום, צי א כשוף, צי גלאט אזוי א פאר־בלענדעניש?!

ווי עס איז, ער מוז אריינגעהן. סיי ווי סיי, א איד זיצט, א טיש צו מלוה־מלכה איז געדעקט; ער וועט געהן, מקיים זיין די מצוה.

און ער איז גובר די שרעק, רייסט קוים אפּ די פיס פון דער ערד און געהט ארום הויז, טאפּט און געפינט אין דער צווייטער זייט, פונקט קעגענאיבער דעם פענסטער, א טיר! ער עפענט זי מיט א פארציטערטער האנט, דערזעהט דעם איד פנים אל פנים, עס העננט דארט נישט קיין שפּיגעל, ער זעהט דעם איד בחוש, און דער איד איז ער אליין: זיינע בארד־און־פּאות, זיינע ברעמען, זיינע אויגען, זיינע באקען, און די יארמולקע מיט'ן קאפּטאן זענען זיינע... ער אליין איז עס.

און דער איד, דאס הייסט, ער אליין, זיצט און קוקט אויף איהם מיט שטילשווייגענדיגע אויגען, נאר פול מיט רחמנות'דיגער שטראף; ווי איינער רעדט: וואס האסטו מיר, וואס האסטו, הייסט עס, דיר געטאן? פון וואנען פאלסט עס דו אוים?...

וויל ער פרעגען, וואס? קאן ער ווייטער קיין קול פון האלז נישט ארויסרייסען, נאר דאס הארץ זאגט איהם: מבטל געווען מלוה־מלכה, עובר געווען אויף א נדר...

און ווי דאס הארץ זאגט איהם אזוי, פארלירען פּלוצלונג די כלים אויפ'ן טיש זייער גלאנץ און ווערען ווי פארטריבט; און די ליכט אין די לייכטער און העסען הויבען אן טונקעל און טונקעלער צו ווערען, און ווערען באלד טאקע שווארץ — שווארצע ליכט ברע־נען! און דער איד, דאס הייסט ער אליין, צוזאמען מיט'ן טיש, מיט די מאכלים, מיט די כלים, מיט די לייכטער הויבען אן אלע צוזאמען פאמעלעך, פאמעלעך צו זינקען אין דער פאדלאגע אריין... די שווארצע ליכט־פלעמלעך אין די לייכטער און העסען הויבען אן צו ווערען רויכיג און רויכיגער. און אז דער טיש מיט אלעם ארום איז שוין איינגעזונקען ביז צום אויבערשטען שטח פון טאוועל,

און דער איד, דאס הייסט, ער אליין אין יענער געשטאלט, איז שוין אראפ מיט דער בארד, און עס האלט שוין ביי די ליפען, האַבען זיך די פלעמלעך מיט אמאל געטאן א לעש אוים...

זאגט פלוצלינג דאס הארץ אונטער דעם איד: כאפ עפעס און מאך ברכה, זיי מקיים מלוה־מלכה! — שטרעקט ער אוים א האנט, און כאפט, איידער דער טיש ווערט איינגעזונקען, א פרי פון א טעלער אראפ, מאכט „בורא פרי העץ"; א ביס, א שלונג־אראפ, און גיט א געשריי: דוד מלך ישראל חי וקים!

און דאס האט געהאלפען!

כהרף עין איז אלץ פארשוואונדען געווארען: די געשטאלט, דער טיש, דאס הויז, דער וואלד. — איינער אליין שטעהט ער ווייט הינטער דער שטאדט, אויף עפעס א לאנקע... און תוך כדי דבור נעמט איהם אן פון הינטען א האנט; הויבט איהם אויף, טראגט איהם אין אויר, צו דער שטאדט צו טראגט מען איהם, און מען לאזט איהם אראפ פאר זיין איינענער טיר. —

5.

שטעהט דער איד מבולבל הינטער זיין איינענער טיר און גלויבט זיינע אויגען נישט.

הערט ער פון אינעווענינ, די אורחים זינגען זמירות, הויבט ער שוין אן צו גלויבען, — זאל עס האבען אזוי ווענינ געדויערט?

דערהערט ער אבער, ווי זיין פלונית'טע זאגט אין קיך:

— שוין אלץ פארטיג, — וואס זאמט ער זיך, נעבעך?! ווער ווייסט, וואס מיט איהם איז, נעבעך, געשעהען?...

טראכט ער: וואס איז זי נעבעך שולדיג? עפענט ער אויף די טיר און געהט אריין.

זעהט ער, קיינער וואונדערט זיך נישט.

דאס ווייב האט'ם דערזעהן און שמייכעלט.

פרעגט ער: וואו איז דער שותף?

זאגט מען: נישטא!

„גאר נישט געווען?" — ניין! — אודאי, ווי אלע מאל אין שטיבעל.—

און דאס ווייב זאגט איהם: וואש דיך! און רופט באלד צו

דער קוך; זי הייסט, דער יונג זאָל אריינטראָגען דעם באָרשטש...

פאַרשטעהט ער נאָך וועניגער:

— דער יונג איז אין דערהיים?

— ווי דען?

— און די פערד?

— שטעהען אין שטאַל. וואו זאָלען זיי זיין? הערסט נישט זייער הירזשען?

ער הערט!

ער הערט אפילו, ווי די פאַרקאַוועס קלאַפּען אן דער פּאָדלאָגע; די שטאַל איז נישט ווייט פון שטוב.—

פאַרשטעהט ער שוין, אז עס איז געווען א שפּיצעל פון יענע לייט, אז נאָר מיט'ן „בורא פרי העץ" און „דוד מלך ישראל חי וקים" האָט ער זיך מציל געווען פון זייערע הענט.—

הויבט ער אויף די הענט מיט לויב און דאַנק צו זיין ליעבען נאָמען...

און ווי ער דאַנקט אזוי און לויבט גאָט אין דער שטיל, דער־הערען זיך ווייטער פערדס־טריט פון גאַס, הילכט ווייטער אָפּ דער ברוק; א רייטער גענעהנט זיך ראַש צום הויז. און אָט איז ער דאָ, שפּרינגט אראָפּ, קומט אריין, — א זעלנער איז עס, נישט קיין שטאַפעט — א קיראַסיר.

און האַלטענדיג דאָס צוימעל פון פערד איבער דער שוועל, גיט ער איבער א פּאַפּיר:

דאָס איז געווען א פּריקאַז פון גענעראַל.

און אזוי האָט דער גענעראַל געשריבען:

„היות דער חיל רוקט זיך אָפּ קיין ווילנע, איז בטל דער פּאָדריאַד, דאַרף מען נישט קיין קאָרן."—

פאַרשטעהט איהר שוין אליין, וואָס פאַר א מלוה־מלכה עס איז געווען!

פדיון שבוים.

שעהנקייט, מיינט איהר, האט איהר אויסגעטראכט, די פריי־הערדיגע דורות האבען פון שעהנקייט גארנישט געוואוסט? אז איינרערעניש! מען האט פון אייביג אן געוואוסט, אז די וועלט איז אויך א וועלט, אבער נישט יעדערער איז זוכה צוביידע וועל־טען, און א גרויסער נסיון איז עס; מען געהט אויף א גליטש...

אט איז אמאל געווען איינער צמח, נאך גאר א יונגערמאן, האט ער באקומען א גרויסע ירושה — האט ער טאקע געפיהרט א הויז, אויף אלע אידען געזאגט! א פאלאץ אויפגעשטעלט, גע־מאלטע דירות, פריצ׳יש מעבעל, מיט סאמעט און זייד געבעט. די־לען, ווי שפיגלען רויטע, עס האט געבלענדט! און קריסטאלענע הענג־לייכטער, און קונציג־געבויגענע העסעם אויף די ווענט, און מזוזות איף די טירען אין זילבערנע, עכט־זילבערנע שיידלעך מיט גאלד באפוצט... און א סוכה האט ער זיך געשטעלט א געשניצטע, מען האט געזאגט: פון פימסענהאלץ. ארום אויף די ווענט—יריעות געהאפטענע, און אויסגעהאנגענע מיט אתרוגים, לולבים, גראנא־טען... און אלע יאהר. לכבוד יום־טוב, פרישע. א הויז — א גן־עדן. און א ווייב האט ער געהאט אן אמת׳ע יפה־פיה, א יפת־תואר, פארטרעטען צו מאלען... האט מען אבער אן יענער וועלט אויך נישט פארגעסען: האט די יפת־תואר געהאט איהר גרויסע שטוב באזונ־דער, האט זי די שפיגעל־שטוב געהייסען: גרויסע געשליפענע שפיג־לען ארום אויף אלע ווענט, און אין שטוב זענען געשטאנען רעד־לעך צום שפינען, און רעמען צום שטיקען און העפטען; פארזא־מעלט זי ביי זיך אין שטוב, א פאר שעה אין טאג, אויסער שבתים און ימים־טובים, די יתומות פון שטעדטעל און לערענט זיי שפינען פון וואל און פלאקס, העפטען און שטיקען מיט זילבער און גאלד. זי האט דערצו א געבענשטע האנט געהאט, א בריה נפלאה געווען, און דערביי א חכמה נפלאה און אן אמת׳ע צנועה, פלעגט זי זיי

ביים לערנען אויך מדריך זיין, גוטע רעד רעדען און קלוגע רעד, ווי אזוי א אידישע טאכטער דארף זיך אויפפיהרען, וכדומה. דאס איז איהר מצוה געווען. און דער מאן צמח האט זיין מצוה געהאט: אין קרוין־פוילען איז געווען א צייט פון תהו ובהו, איין מלך האט מען ארויסגעטריבען, דעם צווייטען — נאך נישט אויסגעקליבען. און בין מלכא למלכא איז „איש הישר בעיניו" — איז יעדער שלאַ־באן געווען א גרענעץ, יעדער „מאיאנטעק" — א באזונדער מלוכה און יעדער פריץ א קייזער, וואס האט זיך זיין היל און זיינע תפיסות געהאט. פעהלען דאך, מן הסתם, קיין שלעכטע פריצים. ווילדעווען זיי — און אויסגעלאזט האט זיך ווי דער סדר עולם איז, צו זרע אברהם יצחה ויעקב... האבען געליטען די ישוב'ניקעס. די פאכטער מיט ארענדארען. פאר א שלעכט ווארט — שמיץ, פאר נישט צאהלען א ראטע צו דער צייט — תפיסה, אנגעטאן דיבעס און אריינגעווארפען אין א נאסע הייל מיט ווייב און קינד... האט זיך דער צמח פארנומען מיט פדיון שבוים און פלעגט ארומפאהרען אין די דערפער מיט א בייטעל מיט רענדלעך און אויסלייזען.

איינמאל, ווינטער־צייט איז עס געוועזען, א גרויסער שניי אנגעפאלען, פאלט אריין צום גביר צמח א מלמד פון א דארף, וואו ער האט ביים ארענדאר געקנעלט, אטעמט קוים פאר שרעק, די אוי־גען קריכען איהם פון אונטער'ן שטערן ארויס, און מיט שוים אי־בער די ליפען דערצעהלט ער, אז היינט פאר־טאג איז מען פון פריץ באפאלען דעם ארענדאר, אנגעטאן דיבעס איהם מיט'ן ווייב און אלע בני בית, פארנומען און אריינגעווארפען אין תפיסה אריין, און ער אליין, דער מלמד, איז קוים אנטלאפען מיט'ן לעבען; מען האט איהם אויך געוואלט פארנעמען, נאר ער האט א פענסטער אויסגעהאקט, ארויסגעשפרונגען און איבער'ן וואלד אנטלאפען. א פויער האט איהם נאכגעווארפען א קלאניצע, אין פוס אריין גע־טראפען, און אט בלוטיגט נאך דער פוס... שיקט מען נאכ'ן רופא צום מלמד, און צמח הייסט איינשפאנען דעם שליטען, ווארפט זיך אריין אין ביבער־פעלץ, פארגעסט נישט מיטצונעמען א בייטעל מיט רענדלעך, זאגט א תפלה קצרה פאר'ן וועג און פאהרט... וואס רע־כענט ער, צמח? דער ארענדאר האט קיין ראטע נישט באצאהלט! פאלט ער אריין צום פריץ — אריין לאזט מען איהם, ער איז דאך צמח, האט עסקים מיט'ן פריץ — לאנג ברייען וויל ער נישט. דער

ארענדאר מיט די בני בית קאנען דערוויייל געפרווירען ווערען אין תפיסה, דער פראסט קנאקט, פארשמירטע שויבען! פרעגט ער נאר: יאסני פאניע, וויפיעל קומט פון ארענדאר?

שמייכעלט דער פריץ פון אונטער די וואנסען און שלעכטע פייערלעך שלענגעלט זיך איהם אין די אויגאנעם: עס קומט איהם ביים ארענדאר גארנישט... פאר א חוב וואלט ער איהם אין תפיסה אריינגעווארפען? פאלט איין ביי צמח'ן דאס הארץ, פרעגט ער: יאסני פאניע, ער האט דיך באליידיגט, א שלעכט ווארט געזאגט?

— וואלט ער שוין לאנג געהאנגען!

— וואס דען, יאסני פאניע, וואס דען? און דאס הארץ ביי צמח'ן קלאפט, ווי ביי א גזלן.

— גארנישט,—זאגט דער פריץ.—נאר איך ווייס, זאגט ער, אז איהר האט א גרויסע תורה מיט תרי"ג מצוות און אלע קאנט איהר נישט מקיים זיין, נעמט זיך יעדער איד צו איין מצוה, צו זיין מצוה, פאר וועלכער ער איז זיך מקריב, און מען האט מיר דערצעהלט, אז דו האסט אויף דיר גענומען פדיון שבוים, און דו האסט א ווייב א יפה־פיה, אן אמת'ע יפת־תואר, שענער ווי אלע פריצות, וויל איך דו זאלסט מקיים זיין פדיון שבוים... פאר איין שעה יחוד מיט דיין ווייב! — מאנס זיין וועל איך זי נישט.

כאפט צמח און אנטלויפט, און פארגעסט אן שליטען און לויפט צופוס. לויפט ער פארביי פאר'ן פריצ'ס תפיסה, געהען גוים מיט קאסעס ארום דער תפיסה אויף דער וואך, און פון תפיסה הערט זיך א גרויסע יללה, און איין פויער לענט איבער די קאסע פון דער רעכטער אין דער לינקער האנט און ווישט זיך מיט'ן רעכטען ארבעל די אויגען אויס. „פאניע צמח, זאגט ער, א ביטערער רחמנות, איין קינד איז שוין דערפרווירען געווארען..."

כאפט עס צמח'ן אן ביים הארץ, לויפט ער צוריק צום פריץ: אז נישט מאנס זיין, איז ער ביי גאט אין די הענט — און דער שליטען איז נאך איינגעשפאנט. כאפט אויף זיך דער פריץ א בערען־פעלץ, לויפט ארויס, צמח שטרויכעלט נאך, דער פריץ זיצט שוין אויבען אן, כאפט אן צמח'ן. וואס ווייגערט זיך אין דער העלפט, הויבט איהם אויף ווי א קינד און זעצט איהם נעבען זיך, און גיט א זעץ דעם שמייסער אין די פלייצעס אריין: פאהר! און

די אפגעקיהלטע פערד רייסען אוים מיט אמאל און מען פארשווינדט אין א שטויב פון שניי, גלייך שדים וואלטען געפלויגען...

געקומען, לאזט צמח דעם פריץ אין א באזונדער חדר אריין, און געהט איבער'ן קארידאר צום ווייבס חדר, שטעהט די טיר אפען, שטעהט דאס ווייב צווישען יתומות און רעדט מיט זיי הארציגע דבורים און לערענט זיי. רופט ער זי ארויס און דערצעהלט מיט גרויס געוויין און הארץ־וועהטאג, וואס עס איז געשעהען, און ווייזט איהר אז אויפ'ן חדר, וואו דער פריץווארט אויף איהר. און איי־דער ער הערט איהר תשובה, ווערט איהם, נישט פאר אייך גע־דאכט, נישט גוט, פאלט ער אנידער אויף א שטול און בלייבט חלישות... און אז ער כאפט זיך אויף, פארשטעהט ער נישט, וואס דא איז געשעהען, וואס ער זיצט אין פאדער־הויז אויף א שטול און איז אזוי מאט און באגאסען מיט שוויים. עפענט ער אויגען און אויערען, דערהערט ער דעם פריץ'ס קול פון א שטוב. דערמאנט ער זיך אלץ מיט אמאל, שפרינגט אויף, לויפט צו צו דער טיר, די טיר איז פארמאכט; בויגט ער זיך איין, קוקט דורכ'ן לאך פון שליסעל, זעהט ער, ווי זי זיצט אויף דער סאפע, ער לעבען איהר אויף א פאטער־שטול, אויפ'ן טיש — כבוד, און ער האלט איהרע הענט אין זיינע הענט, און אט נעמט ער איהרע הענט צו זיין מויל.

— כאפט צמח'ן אן א שרעק, הויבט ער אן לויפען איבער'ן פא־דער־הויז, לויפט ער פארביי דער שטוב, וואו די מיידלעך זיצען, די טיר איז אפען, זעהט ער גאר, אז זיין ווייב זיצט צווישען די מיידלעך און לערענט זיי, און איהר פנים שטראלט מיט חכמה און צניעות — וואס איז? א פארבלענדעניש? לויפט ער צוריק צום לאך פון שליסעל אין יענעם חדר, זיצט זי שוין איבערגעבויגען צום פריץ, איהר קאפ אויף זיין אקסעל, און ער נעמט זי ארום און בויגט צו די יצר־הרע־פאר'שכור'טע אויגען צו איהר בלאס פנים, די וואנסען צו די ליפען, כאפט צמח'ן ווייטער אן א גרויל, לויפט ער צו יענער שטוב, זיין ווייב איז פארט צווישען די מיידלעך. ער זעהט זי באשיינפערליך, און ער הערט איהר קול און טרינקט מיט דורשט איהרע קלוגע רעד:

— א אידישע טאכטער — לערענט זי די יתומות — מוז זיין ריין, ווי א קריסטאל, ווי א ריינקייט.

דערהערט ער אבער א געריודער פון יענעם חדר, כאפט עס

איהם אַז און וואַרפט איהם אַהין. זי זיצט שוין אינגאַנצען אויף זיין שוים, נעמט אַרום מיט ווייסע נאַקעטע הענט זיין רויטען האַלז, און מויל גענעהנט זיך צו מויל, ליפּען — צו ליפּען, אַז עס קלינגט... פּאַקט עס איהם, ווי אַ שגעון, לויפט ער צוריק, דערהערט ער שוין אויפ׳ן וועג איהר זיס־קלינגענדען קול פון דער שפּיגעל־שטוב אַרויס:

— אַ אידישע טאָכטער דאַרף זיין שטיל, ווי אַ טויב, און ריין, ווי אַ שפּיגעל אַהן אַ הויך... פאַרדרעהט זיך שוין דעם אַרע־מען צמח אין קאָפּ, פאַלט ער, אַ שוויס־באַגאָסענער, אויף דעם שטול און פאַרגעסט זיך אינגאַנצען...

און אַז די שעה פון יחוד איז אַריבער, כאַפּט ער זיך פון זיך אַליין אויף. דער פּריץ געהט אַרויס פון פאָדער־הויז, ער זעהט נאָך זיין רויטען קאַרק אין טיר, ווי ער פאַרשווינדט, דערמאָנט ער זיך אַלץ, וויל אויפשפּרינגען, קומט אָבער זיין ווייב, זיס און צניעות׳דיג־שטראַלענדיג, פון שפּיגעל־שטוב אַרויס, געהט צו איהם שטיל צו, לעגט די האַנט אויף זיין שטערן און זאָגט איהם:

— אין זכות פון פּדיון שבוים!

ענטפערט ער איהר:

— אין זכות, וואָס דו לערענסט די יתומות...

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַ סיעתא דשמיא— אויפ׳ן יצר־הרע׳דיגען פּריץ אַ פאַרבלענדעניש.—

דער זווג.

אדער

שרה בת טובים.

1.

און די מעשה, וואס איך וועל יעצט דערצעהלען, איז אן אויס־טערליש־וואונדערליכע מעשה, און — אן אמת גמור. זי איז אין קיין שום ספר נישט געדרוקט, אין קיין קהל'שען פנקס נישט פארשריבען; איך האב זי בקבלה איש מפי איש און שטאמט פון א גרויסען ארט...

און געשעהען איז די מעשה פארצייטענס, ווען עס זענען נאך אזוי פיעל שטעדט און דערפער נישט געווען; א וועלט מיט „וואלד־אויס, וואלד־איין". און געטראפען האט זיך עס אין מעהרען דער מדינה. א אידישע קהלה איז זעלטען, משפחות־ווייז אין דערפער פארזייט, אין וועלדער צושפרייט, אהן תורה, אהן תפלה בצבור. אויסער ימים נוראים, ווען מען ציהט מיט קינד און קייט אין די ווייטע שטעדט אריין.

זיצט זיך דאמאלט א איד א שווייגער ביי א גראף אין א דארף; פרנסה רינט איבער'ן מויל... 500 קיה מעלקט ער דעם גראפס; זיינע אייגענע אויך אביסעל. האט ער א פולען קעלער מיט פוטער און קעז, א בוידעם מיט תבואות, פלאקס און פער־לעבלעך, און דער טייסטער איז בוזעם וואקסט אין דער דיק, און דאס קניפעל ביי דער שווייגערין באזונדער, און א זוהן וואקסט א געזונטער, א וואוילער, ווי א יונגער בוים אין וואלד.

און פונדעסטוועגען, איינמאל אין א ווינטער־נאכט, זיצט דער שווייגער ביי א וועקסען־ליכט ביים טיש איבער די חשבונות, מיט דעם שפיץ ווייסליכער בארד צווישען די ציין, דער שטערען גע־

רונצעלט, ווי פון שווערע זארג, און קוקט מיט פארנעבעלטע אויגען אין פענסטער אריין...

— דו זינדיגסט, מיין מאן! — וועקט איהם פון די געדאנקען דער שוויינערינס קול. פון דער צווייטער שמוב איז זי אריינ־געקומען, צום של׳אפענדיגען זוהן געקוקט, און איהר פנים שטראלט.

„הערסט, איבערגעבויגען האב איך זיך איבער איהם... די בעקלעך רויטלען זיך, ווי א פרישער פריהמארגען און דער אטעם איז רוהיג און שטיל, און שמעקט נאך פרישע עפעל...״

— דאס איז טאקע מיין זארג, — ענטפערט דער שווייגער.— מען וואוינט אין א דארף, ווייט פון א אידישער קהלה, און יאהרען ציהען, יאהרען פליהען, וואו נעמט מען א שדוך פאר אונזער זוהן. ווי אזוי וועט מען איהם פאר׳קנס׳ן?

— גאט וועט העלפען — טרייסט די שווייגערין, — ער האט ביז אהער אונז נישט פארלאזט...

— אט דאס איז טאקע, — מאכט דער שווייגער, — גאטס הילף דארף מען, און אין וועלכען זכות? קיין יודע ספר בין איך נישט, לערנען לערען איך נישט, צווישען אידען וואוינט מען נישט, נאר איין מצוה קאנען מיר מקיים זיין, — הכנסת־אורחים הייסט די מצוה — און זעה! — ער ווייזט איהר מיט׳ן בליק צום פענס־טער־צו — איז אנגעפאלען א שניי פון הימעל, א גרויסער שניי, האט ער די שטעגען פאריאגט, די וועגען פארשיט, און טעג און אפשר וואכען, וועט קיין אורח איבער דער שוועל נישט קומען...

הויבט ער זיך אויף, און געהט ארוים, זעהן, וואס אין דרויסען טוט זיך. זי נעמט זיך די בעטען צורעכט מאכען, זאמט ער זיך אבער צו לאנג, ווערט איהר אומעטיג, לאזט זי אפ דאס בעטגע־וואנט, געהט צום פענסטער צו און פויקט מיט די דיקליכע פינגער אין דער שויב צום מאן ארוים.

איז אבער די שויב געפרוירען, קלינגט זי העל נישט אפ; כאפט זי די שאל אויף זיך, און געהט נאך דעם מאן פאר דער טיר. זעהט זי, אז דער מאן, וואס הערט נישט איהרע טריט און קערט זיך נישט אום, שטעהט פארקוקט אויפ׳ן וועג פון וואלד ארוים. קוקט זי איהם, פארוואונדערט, נאך. זעהען זיי ביידע צוזאמען, ווי איבער׳ן פארשאטענעם וועג פון וואלד געהט א געשטאלט א ווייבערי־שע, אין א הויב א הויכער, אין א טערקישער שאל. און די שאל איז

איבער די אקסעל נאר פאר שעהנקייט וועגען פארווארפען, גלייך א לינדע זומער־נאכט; נישט איינגעוויקעלט איז זי אין דער שאל, פריי פליהען רעכטס און לינקס די עקען פון איהר, גלייך זיי וואלטען איהרע פליגעל געווען... און נישט זי געהט אין שניי, זי שווימט איבער׳ן שניי, קיין פוס פאלט נישט אריין, לאזט קיין צייכען איבער.

קוקען זיי אזוי ביידע פארגאפט, ביז די געשטאלט קומט צו צו זיי און פרעגט, צי קען זי נישט רוהען א שעה ביי זיי אין שטוב...

קומט דאס פאר־פאלק אביסעל צו זיך, קוקען זיך איבער, פיהרען מיט גרויס פרייד דעם ווייבערישען וואונדערליכען גאסט אין שטוב אריין, גאט האט זיי א גאסט באשערט! און ווילען וועקען דעם משרת, הייסען מאכען ווארעמס א גלעזעל; און די שוויגעריז לויפט צו צו דער שאנק און עפענט זי ברייט און וויל ארויסנעמען פון שענסטען און בעסטען עסען און טרינקען, און איינגעמאכטס, און זיסען בראנפען אביסעל. דער אויסטערלישער גאסט זאגט אבער: ניין! זי וועט גארנישט פארזוכען, גארנישט טועם זיין, אז זי דארף נישט, נאר אפרוהען וויל זי זיך אביסעל, זי געהט אין א נויטיג שליחות... גיט זיך די שוויגעריז אונטער, צינדט־אן נאך א וועקסען ליכט, פיהרט דעם גאסט אין א באזונדער חדר אריין; וויזט־אן אויף א גרויס בעט, אויף בעטגעוואנט ווי שניי, קישענס פוכענע, א לייכט ווארעם איבערבעט... און ווילט איהר נישט עסען, נישט טרינקען, שלאפט אייך געזונטערהייט.

שלאפען אבער, זאגט די געשטאלט, וועט זי נישט, נאר אפרוהען אביסעל, ווייל זי האט נאך א ווייט שליחות. און אז די שוויגערין וויל זי איבערלאזען אין שטוב, האלט זי זי איין און פרעגט, וויפיעל עס קומט פאר׳ן חדר, ווארים אוועקגעהן וועט זי שטיל, און וויל קיינעם נישט וועקען, וויל זי איבערלאזען געלט.

שפרינגט די שוויגערין אפ טיף געקרענקט: קיין געלט נעמט זי נישט, אויף קיין פאל נישט... דאס איז דאך די איינציגע מצוה, וואס זיי קאנען מקיים זיין אין דארף; אין דעם זכות נאר העלפט זיי דאך גאט, און וועט — גיט זי מיט גרויס בטחון צו — ווייטער העלפען!

צושמייכעלט זיך די געשטאלט און פרעגט:

— פעהלט אייך עפּעס דען? האָט איהר נאָך אַ בקשה צו גאָט?

— חס ושלום!... מ׳זע׳מיר, ברוך השם, איך און מיין מאַן געזונט, און אונזער זיהן זאָל לעבען אודאי... און פּרנסה, ברוך השם, איבער׳ן מויל... נאָר וועגען אַ זווג געהט...

און זי דערצעהלט וועגען איהר זוהן, וואָס ווערט 17 יאָהר אַלט... און מען וואוינט אין אַ דאָרף, צו אַ קהלה איז ווייט...

— און וואָס טוט איהר דערצו?

— מען האָפט צו גאָט, מען בעט זיין ליעבען נאָמען... דער מאַן אויף זיין לשון, זי אויף איהר לשון... אַלע געבעטען בעט זי אויס, אַלע תחנות קאָן זי אויסוועניג כמעט, שׂרה בת טובים׳ס אַלע זיסע, הארציגע תחנות... נאָר איינע, דער עיקר, האָט זי שוין מיט טרערען דורכגענעצט, די זווג־תחנה...

— גאָט וועט העלפען, — שמייכעלט די געשטאַלט... — איך בין זיכער, שמייכעלט זי... אַ סמן האָט איהר, קיין געלט פאַר׳ן חדר ווילט איהר נישט, גיב איך אייך אַ מתנה פאַר אייער זוהנס כלה וועגען...

אַזוי זאָגט זי עס, און נעמט דערביי פון אונטער דער טערקי־שער שאַל די מתנה אַפיר: אַ פּאָר גאָלדענע פאַנטאָפּעלעך מיט פּערעלעך באַנעהט... בליצט עס אין דער שוויגערינס אויגען, שטופּט איהר די געשטאַלט די פאַנטאָפּעלעך אין דער האַנט אריין און זאָגט:

— „אַ מתנה פון שׂרה בת טובים“, און פאַרשווינדט...

און אַז דער שוויגער האָט זיך נישט געקאָנט אויפ׳ן ווייב דערוואַרטען, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר און נישט באַקומענדיג קיין ענטפער, דערשראָקען די טיר געעפענט, זעהט ער, דאָס ווייב שטעהט אַליין אינמיטען שטוב מיט אַן אָפען מויל, אויסגעגלאָצ־טע אויגען און גאָלדענע פאַנטאָפּעלעך אין דער האַנט.

2.

אין דערזעלבער צייט, אין דערזעלבער מדינה מעהרען, נאָר מיילען, מיילען ווייט פון שוויגער, און נישט וויסענדיג פון שוויי־גער, האָט אין אַ טיפען וואַלד אַ איד געוואוינט, אַ קוילען־גרעבער. האָט אַ שטיבעל אין וואַלד און אַן אויוועז געדונגען, אויך ביי אַ

גראָז. נאָר דער איד איז אַן אָרעמער געוועזן און אַ שווערע פּרנסה געהאַט: זאַמלען דאָס אָפּגעפּאַלענע פון ביימער, זומער — אָפּגעדאַרטע צווייגען, ווינטער — קאַרע געפּלאַצטע פון פראָסט און נאָך יעדן געוויטער — דאָס אָפּגעהאַקטע פון דונער און אָפּ־געריסענע פון ווינט. און טראָגן צום אויוון און אויף קוילן פאַרברענען — קומט ער פאַרנאַכט אהיים אַ מידער, אַ שוואַרצער... האָט איהם אָבער זיין ליעבער נאָמען אַ זיס טעכטערל באַשערט (דער איד איז אַן אַלמן געווען). קומט זי איהם אַקעגען מיט פרייד, און העלפט איהם וואַשען און איבערטון זיך און גיט איהם צו עסען און צו טרינקען און מאַכט איהם פיין דאָס געלעגער צורעכט...

און קאָן ער נישט איינשלאָפן, — און, זייט ער איז אַן אַלמן געוואָרען, טרעפט זיך עס איהם גאַנץ אָפט — צינדט זי אַ קינעל אָן, אָדער, ווען קלאָרע נעכט, שטעלט זי זיך קעגען דער לבנה צום פענסטערל, און לייענט הויך איהרע „הייליגע“ ספרים אויף „עברי־טייטש“, די מוטער האָט זי אויסגעלערענט. די ספרים בירושה גע־לאָזט: צאינה וראינה, קב־הישר, תחנות פון שרה בת טובים... לייענט זי איהם הויך... ער, אַ פּראָסטער איד, הערט זיך איין, ביז די אויגען קלעפּען זיך איהם צו, דאַכט זיך איהם, אַז י ע נ ע לייענט, די מוטער לייענט, און ער שלאָפט רוהיג איין, איינגעוויגט פון זיסען קול און די ווערטער די הייליגע...

קומט איהר אַמאָל אַ זעהר האַרץ־ווייכיגע תחנה אין דער האַנט אַריין, אַ תחנה, וואָס אַ מאַמע זאָגט, ווען זי בעט זיין ליעבען נאָ־מען וועגען אַ זווג פאַר אַ קינד...

„און זעה, ליעבער, האַרציגער גאָט, פאַר מיין ליעבער, האַר־ציגער טאָכטער וועגען אַ זווג, אַ זווג אַ כשר'ן“... הויבט דאָס מיי־דעל אָן צו פאַרשטעהן, וועגען וואָס עס געהט, האַקט זי אָפּ און וויל אַן אַנדער תחנה נעמען, בעט זיך דער פאָטער:

— נייז, טאָכטער לעבען, נייז... ווייטער לייען... גיב מיר די הייליגע ווערטער אין מויל אַריין, לאָמיך בעטען ביי גאָט פאַר דיר... אַ האַרץ האָב איך, טאָכטערשי, אַ פּילס, נאָר, אַ איד אַ פּראָסטער, קיין ווערטער האָב איך נישט...

מוז זי פאָלגען און לייענט ווייטער און ווייטער. ווי שמע־קענדיגער בוימאויל גיסט זיך די תחנה. לאַנג איינגעשלאָפען איז שוין דער פאָטער — זי מערקט עס נישט, ער שנאָרכט—זי הערט

נישט און לייענט... און פלוצלונג וועקט זיך אויף א נישט פארשטא־נען בענקעניש אין דעם מיידעלס הארץ, די יתומ'ישע נשמה האט זיך עפעס פארבענקט... עס קלאפט דאס הערצעל־קליין, פייכט און נעבעלדיג ווערען די אויגעלעך פארדעקט, די ריין־קינדעריש בלויע, און דאס קול'עכעל ציטערט און ציטערט און ווערט פון באהאלטענע טרערען פייכט...

און אינמיטען — עפענט זיך די טיר און אין איהר באוויזט זיך א וואונדערליכע געשטאלט... אין א הויב א הויכער און א טערקישער שאל, די אויגען לייכטען אזוי ליטזעליג זיס, אז דאס איינגעשרומפענע פנים'ל שטראלט.

— טאטע! — וויל זי דעם פאטער וועקען. לעגט אבער די אלטע די פינגער איבער די ליפצען, ווערט דאס מיידעל שטיל, בלייבט זי, ווי אין א פאר־כשופ'טען חלום שטעהן. און די אלטע געהט־צו צום טיש און זעצט זיך, און שטרעקט אויס די האנט און ציהט דאס מיידעל זיך צום הארצען צו...

— שרעק דיך נישט, מיידעלע,—זאגט זי — שרה בת טובים בין איך... מיינע תחנות האסטו געלייענט... און עס איז א שטילע נאכט, האב איך אין מיין שטילער רוה דיין זיסען קול געהערט, בין איך געקומען צו דיר און האב דיר א מתנה געבראכט...

און נעמט פון אונטער דער טערקישער שאל די מתנה אפיר:

— זעה, ליעב קינד... אט, סאמעט געשווירענער א שטיק... אויף א בייטעלע צוגעשניטען... און פול, אלערליי קאלירען זיידענע פול, צום אויסנעהען, דאס בייטעלע... און פעדים נאך דערצו זיל־בערנע, און גאלדענע אויך אביסעל, און פליטערלעך דערצו, אויך זילבער און גאלד... און אזוי זעהסטו נייהט מען, טעכטערל, אין אזוי ווערט געשטיקט... האלט די נאדעל פעסט, לויף מיט די פינ־גערלעך געשיקט... זעהסט א מגן־דוד'ל געהט, און אט בליהען בלי־מעלעך ארויס... פרישע, ווי אין וואלד אין זומער־צייט... א תפלין־בייטעלע נעה, א מתנה מאך, פאר דיין באשערטען א מתנה, ווי דיין ליעבע מאמע האט דיין ליעבען טאטען געשענקט...

און די אלטע לערענט, און דאס מיידעלע שטיקט און העפט...

און אז דער פריהמארגען בליהט, כאפט זיך דער פאטער אויף, די טאכטער זיצט אליין אין שטוב מיט א תפלין־בייטעלע אין די הענט, סאמעט, זילבער און גאלד...

3.

און אז דעם שוויינערס זוהן איז אלט געווארען 17 יאהר, האט מען איהם ארויפגעזעצט אויף א וועגעלע און געשיקט אין דער־וועלט אריין זיך א כלה זוכען צו שרה־בת־טובים־פאנטאפעלעד...

פאהרט ער וואלד־אוים, וואלד איין, איבער דערפער און שטעדט, כלה־מיידלעך ווי זאמד און ערד — קיין איינער פאסען די פאנטאפעלעך נישט...

פאהרט ער א יאהר, פאהרט צוויי, נישטא און נישטא, פאר־לירט ער די אמונה דעריין, קערט ער אהיים; ער וועט טאטע־מאמע זאגען: ס'איז א חלום געווען. אזוינע פיסלעך קליינע זענען נישט פאראן...

פאהרט ער אהיים, און פאהרט, און פאהרט פון וועג אראפ, און פארבלאנדזשעט אין א וואלד, דעמבעס מיט דעמבעס, ריזען ביי ריזען שטעהען, נישט אוים און נישט איין. בלייבט ער שטעהן; פרייטאג איז, די זון געהט אונטער און לאזט זיך, א פייערדיגע קויל, אלץ טיפער און טיפער אראפ, דער אוועגט באלט צו — שטעלט ער זיך „שיר־השירים" זאגען, און געהט, שיר־השירים זאגענדיג, אין וואלד ארום, האלט זיך נאר פון וועגעלע נישט ווייט, און פון פערד, וואס פאשעט זיך... און שטיל רוישט, ביים אוועגט־ווינטעל, דער וואלד, גלייך ער וואלט איהם „שיר השירים" נאכגעזאגט... און שטיל ווערט און טונקעלער, און פלוצלונג פלאמט צווישען די בוימער א פענסטערל אויף, לויפט ער צו מיט פרייד און קלאפט אן:

— וואוינט דא א איד?

— א איד!

א איד קומט פון שטיבעלע ארוים, באווייזט זיך אויף דער שוועל.

— שלום עליכם, א איד!

— שלום עליכם, — ענטפערט דער יונגערמאן — קאן מען האלטען שבת ביי אייך?

— האלטען יא, — ענטפערט מיט א טרויעריגען שמייכעל דער איד — נאר עסען האב איך נישט וואס...

— עסען האָב איך, — ענטפערט דער יונגערמאַן — און טרינקען אויך — קומט מיט מיר צום וועגעלע צו, פון אַלעם גוטען אנגעגרייט...

אין א שעה אַרום נאָך קבלת שבת זיצען זיי שוין ביידע נאָך קדוש ביים טיש... און זינגען זמירות, און עסען... זעהט דער יונ־גערמאַן, ווי פון יעדען מאכל נעמט דער אַלטער און איז קוים וואס טועם אביסעל, און טראָגט באַלד די רעשט פאַר דער טיר אַרויס, מיינט ער, פאַר א קעלבעל צי אַן עוף... איז ער דאָך נישט אַזוי אָרעם דער איד, פארוואס האָט ער קיין שבת נישט געמאַכט... א יונגערמאַן, פרעגט ער איהם.

זאָגט דער אַלטער: ניין, אַן אָרעמער קוילען־גרעבער בין איך... קיין קאַלב, קיין עופות פאַרמאָג איך נישט... נאָר א זים טעכטערל האָב איך, בארוועס געהט זי, נעבעך, שעמט זי זיך בארוועסערהייט אין שטוב אריינצוקומען... זיצט זי און עסט פאַר דער טיר...

נעמט דער יונגערמאַן מיט האַרץ־קלאַפעניש די גאָלדענע פאַנ־טאָפּעלעך פון בוזעם אַרויס און גיט זיי דעם אַלטען איבער: געהט, מעסט זיי אייער טאָכטער אָן... צי זיי פּאַסען, זעהט...

קומט דער אַלטער צוריק: — זיי פּאַסען...

4.

און ביים רייכען שווייגער איז א חתונה געווען... ער האָט מיט׳ן קוילען־ברענער א שדוך געטאָן, און די חופה האָט מען איז שטאָדט געשטעלט. און אַז מען איז פון דער חופה געגאַנגען, האָט זיך פלוצלונג א געשטאַלט באַוויזען, אין א הויב א הויכער, אין א טערקישער שאַל, אפּנים אַן אַלטס, נאָר אויגען לייטזעלינע און יונגע, און האָט קעגען חתן־כלה מיט א קוילימש געטאַנצט...

און נישט אַלע האָבען געוואוסט, ווער דאָס איז...

אויף דער פרישער לופט.

א מעשה נורא מיט'ן רבי'ן זאל לעבענ'ס אינגסטער שנור.

פון דער טיפסטער טיפעניש, פון אונטער'ן שאול תחתיה, רייסט זיך איינמאל ארויף און שלאגט זיך אפ אין אלע שבעה מדורות פון גיהנום א קראצענדיג־פייפענדיגער גרילץ:

— „פייראנד!"

דארטען אויך פארען „פייראנד!"

זענען די לאפיטוטלעך — די אונטערהייצער פון די קעסלען— אונטערגעשפרונגען פאר גרויס פרייד: פייראנד! פריי אויף עט־ליכע שעה! א יומא דפגרא אין גיהנום! און איינער גרילצט איבער צום צווייטען:

— פייראנד! פייראנד!

און אז עמיץ גיט א פרעג:

— וואס אזוינס?

ענטפערט מען איהם פארדראסיג:

— שבתי־צבי'ס יאהרצייט! דאס הייסט: עס הארץ! ווי קאן מען אזוינס פארגעסען?!

ווערען ראש צוגעווארפען גאנצע בערגלעך קוילען צום פייער אונטער די קעסלען; שלאגען מיט אמאל פון די קעסלען גאנצע וואלקען פון פרישער פארע ארויס; רייסען זיך פון די קעסלען ארויס נייע שרעקליכע געשרייען, פון פחד און יסורים רעים...

לאכען זיי, די לאפיטוטלעך: ווארפען, זינגענדיג און פייפענ־דיג, די פארטיכער פון די לייבער אראפ, נעמען אויף זיך, מעשה־קונדס, יעדער אן אנדער געשטאלט: ווער פון א מענש, ווער פון א חיה־רעה, פון אן עוף, צי פון א בייזער פליג אדער עפעס א טמא־קריכענדיגס... און קייכען, איינער אויפ'ן אנדערען קוקענדיג, פאר געלעכטער. און לאזען זיך ארויס און ארויף אויף דער אויבערשטער וועלט, אויף א שפאציר, אויף א פארוויילעניש, אויף וואס עס וועט זיך טרעפען.

פייראַנד! — ביז די זון וועט אונטערגעהן, ביז די גלאָק וועט אין קלויסטער אויף זייער „מעריב“ קלינגען!

אגב, וועט זיך מאכען א געלעגענהייט, א בשר־ודם א פיסעל אונטערצושטעלען, א נישט געוואָרענט נשמה׳לע אין נעץ אריינ־כאפען — וועט מען זיך מיט דער געלעגענהייט באנוצען. דער גיהנום באלוינט מיט א ברייטער האנט: נישט פון איין קעסעל־הייצער איז ארויס א העכט ביז לפני ולפנים: א שר־המשקים ביי ס"ם, א שלעפּען־טרעגער ביי לילית׳ן...

פרעהען זיך מיט׳ן „פייראַנד“ די לאפיטוטלעך, שפּרינגען ארויס און ארויף, און צולויפען זיך אויף ארבע כנפות הארץ: זה בכה וזה בכה... עס וועט זיך מעשים טון. —

אין גיהנום־לוּת בין איך נישט באהאווענט: ביי א ו נ ז איז א שעהנער זומער־טאג געווען — און איין לאפיטוטעל איז זיך מישב, פארשטעלט זיך פאר א שעהן־חנ׳עווידיג, געל־גאָלדיג פרעשעל, מיט א גרין־סאמעטענעם אונטערשלאק, און לאזט זיך, היפּענדיג און שפּרינגענדיג, אויף אן עקסקורסיע איבער א זומער־וואוינונג אונטער א שטאָדט. — פעהלט איהם, מן הסתם, קיין נחת נישט:

אט זיצט פאר דער סטאַנציע א חברה נשים; אפּוואָרטענדיג מענער אָדער געסט, בייטעלט מען דערווייל די וויבערשע קלייען: אויף שכנים ושכנות — אסור לדבר, — באַלעקט עס זיך, דאָס פרעשעל; עס זעהט שוין בחוש, ווי די ווייבלעך העגגען אויף יענער וועלט ביי די צינגלעך, ווי זיי וויגען זיך און וויגען אין אויר... און היפּט ווייטער... זיצען אויף א וואָרענדע אידעלעך, זומער־לעב — אהן די קאַפּאָטקעלעך, — און די לייב־צודעקלעך, מאנכע אין טליתים־קטנים אפילו, און כאפּען — א קערטעל אויף דער פריי־שער לופט.

שרייט איינער, התפּעלות׳דיג:

— מלכה־מלך־טויז — א קווענץ! און לעגט א יד־חזקה אויף׳ן טעצעל מיט׳ן געלט ארויף —

פייפט איהם אויס דער צווייטער; ער האט:

— א רויש! א רויש!

וועדט א געשרייערי:

— א מזל, א מזל פון א איד!

שמעלצט זיך דאס לאפיטוטעל אין פוטער; די אידעלעך וועד לען שוין פארגעסען מנחה צו דאווגען! ער וועט עס געדענקען און אז עס וועט קומען די צייט, עדות זאגען...

און ער שפרינגט, ווי א מילגרוים, מיט נחת פול, אין וועלדעל אריין; פון דארט יונגע קולות דערהערט: געלעכטער, שטיקלעך ליעדלעך פון אידישען טעאטער, פון דער קאטערינקע אין הויף...

עס לאזט זיך וואוילגעהן פון בחורים און בתולות א כנופיא'לע!

בגלוי הראש די בחורים (א שפאס — אזא היץ!), די בתולות — בגלוי עפעס ערגערס... מען געהט שנים, שנים, אויף און אפ געהט מען. צי מען זיצט אויפ'ן שמעקענדיגען גראז, אנדערע — פרקדן, אויסגעצויגען... און אט שפרינגט מען אויף, א טענצעל וועט מען כאפען!

א מיידעל מיט צופלאסענע האר האט גערופען:

— טאנצען! טאנצען!

האבען זיך בחורים און בתולות אנגעכאפט ביי די הענט:

א בחור מיט א בתולה, א בחור מיט א בתולה —

און דאס מיידעל מיט די צופלאשטע האר רופט:

— ווער וועט זינגען? ווער וועט זינגען? און דאס קול'כעל איז אנגעשוואלען פון יצר הרע, און אין די אויגעלעך פלאקערען די יצר-הרע-פלעמלעך. געפעלט זי דעם פרעשעל זעהר, זעהר; טייוועלס-קייט דערשפירט! ניסען ווילט זיך איהם... שפרינגט ער נעהנטער צום זוים פון איהר קליידעל צו. דערזעהט איהם דאס מיידעל און דערשרעקט זיך, א פחד פאלט אויף איהר. לאזט זי א קוויטש ארויס, א שרעקליכען קוויטש, און אנטלויפט. ווי א האז פאר'ן יעגער, אלע אינאיינעם קוויטשענדיג, טיפער און טיפער איז וועלדעל אריין; לויפט איהר איינער, א בחור, נאך... — דאס געבליבענע יונגוואַרג לאכט, האלט זיך ביי די זייטען און קייכט, דער בחור מיט דער בתולה — פארשווינדען...

היפט דאס פרעשעל לוסטיג און לעבעדיג ווייטער, און וויי־טער — עס איז איהם היינט אזויפיעל נחת באשערט, ער וועט האבען וואס צו דערצעהלען אין די לאנגע גיהנום-נעכט, צווישען איין קוילען-אונטערשיט און דעם צווייטען, און קוקט זיך אום — א נייע מציאה: —

איינע אליין, א בלאַסע דאַמע אויף א שטיין ביים וועג, א בוך אין דער האַנט — א היינטיג מעשה־ביכעל. מן הסתם: א העכסט־אינטערעסאַנטער ראָמאַן! זי לעזט און שטיל, דריבנע ציטערט איהר לייב. אין די אויגעלעך וועקען און לעשען זיך די גוטע פינקע־לעך; די בליצעלעך, די גוטע!

און איבער'ן בלאַסען פּנים'ל בייטען זיך, צינדען און לעשען זיך, בליהען אויף, פאַרגעהען און צוגליהען זיך אויפ'ם ניי די רעב־טע רויטע פלעקעלעך, און צוגיסען זיך איבער'ן בלאַסען האַלז־און־נאַקען אראָפּ... און דאָס הערצעל הויבט זיך און פאַלט —

— אה!

לאָזט זיך אָבער דערוויילּ אראָפּ די זון — א פייערדיגע קויל הינטער'ן וועלדעל. די בוימער־שטאַמען גילדען זיך און גילדען, מיט איהר אפּגלאַנץ באַגאָסען...

שטילער איז געוואָרען. און אין דער שטילקייט דערהערט זיך פון נישט ווייטען דאָרף די גלאָק, זייער מעריב־גלאָק.

די ארבייט רופט!

פאַרשפּעטיגט ער, ווערט קאַלט זיין קעסעל, פאַרגליווערט דער פּעך, פאַרפּעהלען אין די גיהנום־מהומות זיינע קעסעל־קולות, — ער וואַלט זיך שוין נישט אויסגעקויפט; מלקות איז גאַרנישט!

שפּרינגט דאָס פרעשעל אפּ צום וועג, וויל טוישען די גע־שטאַלט און פאַרשווינדען, און טוט עס נישט, און בלייבט שטעהן — —

עס האָט זיך אויף א ווענדע דעם רבי'נס איינגסטע שנור דערזעהן — — —

ווי קומט דעם רבי'נס איינגסטע שנור אהער? א מעשה שהיה...

דעם רבי'נס איינגסטע שנור, זאָל לעבען, איז, מיט זיין ליע־בען נאָמענס הילף, מיט אַן ערשטלינג די ערשטע קינפּעט איבער־געקומען...

א יפת תואר — איינע אין גאַנץ קרויז־פּוילען; נאָר א שוואַ־כינקע, אביסעל א פאַרצויגענע; ביי דער מחותנת, דער מוטער, פון געבוירענהייט אַן א ציטעריגע בת־יחידה געוועזן. קומט זי אַזוי געשווינד צו די כחות נישט צוריק...

און עסען עסט עם ציפּענדיג, ווי א פייגעלע; ווייַן צום שטאַרקען — נישט איבער די ליפּעלעך: הוים־הוים א זיפּ פון

קדוש און הבדלה... איז זי, נעבעך, בלאס. און שוואך איז זי. און דאס קעפעלע, נעבעך, דרעהט זיך איהר... ציטערט די מאמע, און — שלום בית שאין לשער, — ציטערט דער יונגער־מאן... זיצט ער איבער'ן ספר און פון די אויגעלעך — טראפען נאך א טראפען! רופט מען א דאקטאר, און נאך א דאק־טאר, זאגען אלע: פרישע לופט...

היינט פארשרייבט מען דאך נישט; הימעל און ערד און פרי־שע לופט.

האט אבער ער, זאל לעבען, קיין חשק נישט...

— א נסיון — ברומט ער, א שטיקעל סכנה, זאגט ער.

שטעהט אבער צו דער בן: טאטעשי און טאטעשי! און די מחותנת — די מוטער דעם ווייבעלס:

— סטייטש? צי נעמט דער רבי אויף זיך א נפש? אזא'ן איידעל נפש'ל?!

וואס טוט מען מיט א זוהן? און מיט א מחותנת?...

זאגט ער צו איהר:

— מוזט איהר מיטפאהרען, מחותנת, און אכטונג געבען און, חס ושלום, מאכט זיך עפעס —

און ער, זאל לעבען, רוימט איהר עפעס אין אויער אריין.

און מען פאהרט נאך די אייגענע וואך. דאס ווייבעל, די מו־טער, דאס קינד מיט דער אם...

זיצט עס פונקט דאס ווייבעל, דעם רבי'ן זאל לעבענס שנור, אויף דער ווערענדע אין קיהלען שטילען פארנאכט, און אטעמט די פרישע, שמעקענדיגע לופט. אין שטוב ביים וועגעלע, אין וועלכען דאס קינד איז איינגעשלאפען, זיצט די אם; זיצט און שטריקט איהר זאק די באבעשי — און זי אויף דער ווערענדע קוקט אין עפעס אריין... און, קענטיג, א שטילען נחת שעפט זי פון דעם, וואס זי קוקט אריין. די אויגעלעך גלאנצען מיט נחת, דאס גאנצע בלאסע פנים'ל שיינט, ווי א צווייטע לבנה, פון בלויען ציפיקעל ארוים.

דאס האט דאס ימח־שמו'ניקעל דערזעהן.

— וואס לעזט אזוינס דאס געגאלטע ווייבעלע אינ'ם בלויען ציפיקעל? עס איז א וואכען־טאג, עס איז קיין צאינה־וראינה נישט...

וויל ער צושפרינגען און זעהן... היפט ער עטליכע שריט און

וויטער קאָן ער נישט... דאָס ספר'ל לאָזט איהם נישט צו, עס שטויסט איהם אָפּ.

באגיסט זיך איהם מיט שוויס דאָס שטערנדעל... כאפט עס אָפיר, און איבער דער פעל אריבער, א פיסעל נאָך א פיסעל און קראצט, און קראצט, גלייך עמיץ וואָלט אויף איהם מיט זיבעצ־יעהריגען וויין־עסיג געטריפט... נאָר אוועק וועט ער נישט, און זאָל ער אפילו פאַרשפעטיגען, און ווען כה הקל... אזא שטיל־צניעות וועט ער נישט דערלאָזען...

ביני לביני, דערהערט דאָס ווייבעל עפּעס א גערודער פון שטוב. קושט זי דאָס ספר'ל הארציג מיט די ליפּעלעך, פאַרמאַכט עס און לעגט אוועק אויפ'ן טיש. און צושטראַלט זיך נאָך כשר'ער, און ווענדט זיך מיט די צניעה'דיג־פינקעלדיגע אויגעלעך צו דער טיר צו, נאָך אויף א גרעסערען נחת וואַרטענדיג...

און דאָס טירעל פון אינעווייניג עפענט זיך שטיל, אהן א סקריפ. און די אַם, מיט א פינגער פון איין האנט איבער די ליפּען, דאָס הייסט: טסס ס'קינדעלע שלאָפט! — שטופט פאָר זיך מיט דער צווייטער האנט דאָס קינדערשע וועגעלע אויף דער ווראַנדע ארויס... אויף גומענע רעדעלעך, א היינטיג־מאָדיש וועגעלע, מען הערט קיין שאָרך נישט —

— און די מאַמעשי? — פרעגט דאָס יונגע ווייבעל, קוים הערעוודיג.

צושמייכעלט זיך די אַם, נחת'דיג:

— ביים זאָק, ביים וועגעלע צוקאָפּענס איינגעדרימעלט... זאָלען נאָר די פליגען לאָזען!

ריהרט זיך דאָס יונגע מאַמעלע, שטיל מיט די ליפּעלעך, צום קינדס שטערנדעל צו:

— אַ גוטע נאכט, א זיסע נאכט, אונטער'ן גוטען מלאך'ס פליגעלע...

און צוריק פאָהרט דאָס קינד. די אַם פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר צוריק... שמייכעלט דאָס יונגע ווייבעלע א זיס פאַר'חלומ'ט שמייכעלע איבער'ן בלאַסען פנימ'ל, און הויבט זיך שטיל, שטיל אויף, און לאָזט זיך, שטיל באגליקט, צו דער ווראַנדע צו, און בויגט זיך, מיט'ן פולען הערצעלע, איבער'ן געלענדער אריבער, און הויבט דאָס קעפּעלע, מיט די פרום און נחת'דיג שטראַלענדיגע

אויגעלעך, מיט א זיסען דאנק צום בלויען, שטילען הימעל ארויף... פארזייהט זיך דער בלויער שטילער הימעל מיט גאָלדענע פינקעלדיגע שטערענדלעך. שטראַלען זיי, פינקלען זיי צוריק צום גליקליכען מאַמעלע אראָפּ — קאָן עס שוין דאָס פרעשעל נישט אריבערטראגען, שפרינגט עס טיפער צוריק אין וועלדעל אריין. תוך כדי דבור קומט פון דארט, צוריק אויפ'ן וועג ארויף, א אידעלע — א געהער, א שטעקען אין דער האנט, דער סחורה־קאסטען איבער די אקסעל. און ער שפרייזט, איבער דער ברייט פון וועג, גלייך צו דער ווערענדע צו, רופענדיג:

— קויף עפּעס, יונג ווייבעלע — — —

זי זעהט איהם נישט, זי הערט איהם נישט...

— קויף עפּעס, מאַמעלע!

„מאַמעלע" דערהערט זי שוין און ניט א לייכטען ציטער. ווארפט דער געהער דעם קאסטען פון די אקסעל אראָפּ, און עפענט זיינע פאכען. און רעכענט אויס:

— שפּילקעס און נאָדעלעך, האָר־נאָדעלעך און קעמעלעך...

— איך דארף נישט, ליעבער איד!

עפענט ער א צווייטען פאך:

— אט עלעפאנביינערנע רייפעלעך, פאר'ן יונג קינדעלע אין מיילעכעל אריין — א שפּילעכעל... און אט וועלפענע ציינדעלעך; א סגולה, לייכט דאָס ציינדלען איבערצוקומען... און אט, פאר אן עין־הרע, אויפ'ן הענטעל — בענדעלעך... זיידענע, רויטינקע...

אויף דעם ווארפט שוין דאָס יונגע מאַמעלע אן אויג; זי וויל דאָך זאָגען:

— נאָך צו־פריה, ר' איד...

אבער תוך כדי דבור, ווי זי האָט נאָר אן אויג געוואָרפען, האָט ער א פאך א נייעם געעפענט, און איהר פאר די אויגען מיט א שנור קרעלען א בליץ געטאָן; ווי מילגרוימען גרויסע, רויטע ווי בלוט... און מיט זיינע אויגען — א בליץ, און מיט א קול, א הייסאנרעדעוודיגב:

— קויף ווייבעלע, קויף!

געלאַסען שמייכלענדיג, מאכט זי אוועק מיט דער האנט אויף נישט...

ער טוט זיינס:

— און אַט פּערעל! מיינט נישט, אַז אָרעמער שאַכער. אַט בריליאַנטען אפילו, און איך גיב אויף בארג! און אַז אַ יונג ווייבעל פאַרלאַנגט, שענק איך אמאָל... איהר הערט? איך שענק! פּערעל שענק איך, און בריליאַנטען...

האָקט זי איהם שוין איבער קאַלט:

— אומזיסט אייערע רעד, ווער איהר זאָלט נישט זיין! געהט אייך אייער וועג. מיין צירונג שלאָפט אין וועגעלע אין שטוב. מיין טייער צירונג שלאָפט פון אַ גוטען מלאך באַשיצט... איך דאַרף אייך און אייער סחורה נישט! געהט אייך, געהט, ווער איהר זאָלט נישט זיין!

אומרוהיג איז זי דאַך, ווענדט זי זיך אָפּ און הויבט אָן, אונטער'ן פרייען הימעל, פאַר'ן שלאָף קריאת־שמע צו לייענען. ווערט נעלם דער שאַכער, צוריק אין וועלדעל אריין. און פון דאָרט רייסט זיך פלוצלונג אַ יונגער בחור פון די היינטיגע בחורים ארויס, לאַנגע פּעכיגע האָר ביז איבער די אַקסעל; אייגען, ווי די ברענענדיגע קוילען, פלאַמענדיגע; אין איין האַנט עפּעס אַ כלי, אַ מאָדנע, מיט סטרונעס צום גרימפּלען; די צווייטע — ביים האַרץ, עס זאָל נישט ארויסשפּרינגען.

און ער רעדט צו איהר, זיפּצענדיג, און זינגענדיג, פון צייט צו צייט אויפ'ן אינסטרומענט צוגרימפּלענדיג:

— אַ, בת־מלכה פון הימעל! — דאָס היינטיגע לשון פון בחורים! — דו פאַרשעמסט מיט דיין זיס בלאַס פּנימ'ל אין הימעל די לבנה, און מיט דיינע זיסע אויגעלעך — די שטערענדלעך אין הימעל!

און ווייטער אַ כאַפּ צום האַרץ:

— און האָסט אָנגעצונדען אַ העליש פייער אין מיין ברוסט... אַ בענקעניש — אין מיין נשמה!

און שיר השירים קאָן ער אויך:

— מיט איינס פון דיינע אויגעלעך האָסט דו מיך באַהאַרצט; מיט אַ שטראַל פון דיינע אויגען דאָס האַרץ דורכגעשטאָכען און נעלעכערט, און אַ וואונד געמאַכט. און עס טריפט, און טריפט מיין האַרציג בלוט. און נאָר דו, דו מיט דיין זיסער האַנט קאָנסט זי היילען...

זעהט דאס ווייבעל, נעבעך, אז עס וועט קיין עק נישט נע־מען, האקט זי די קריאת־שמע איבער:

— נארישער בחור, — זאגט זי, — נארישער בחור מיט א מיידעלשען קאפ און א כלי־זמר'ישער כלי אין דער האנט, — איך בין אן אשת־איש, און האב א ליעבען, ליעבען מאן; פון יחוס — א פאהן און פער. און א תורה־לערנער א גרויסער... און איך האב איהם ליעב, אוי, ווי ליעב! און א יונג מאמעלע בין איך, א גליק־ליך יונג מאמעלע, זיין ליעבער נאמען! האט מיר א קינדערלע — א מלאך'ל באשערט... ווארף נישט קיין ארבעס אויף דער וואנט... ווערט פון בחור צוריק פראש...

האט זיך אבער נישט דאס פרעשעל אליין פארזאמט; אנדע־רע אויך, האבען אפשר בעסערע געשעפטען געהאט... קומט אנגעשפרינגען א יאשטשערקעלע, שטעלט זיך ביים פרעשעל אפ:

— אויך פארשפעטיגט?

— און אומזיסט! — ענטפערט דאס פרעשעל פארצאנט, און ווייזט צום ווייבעל צו...

— אי! — איז דאס יאשטשערקעלע מבטל און מאכט צום פראש:

— ביזט א פערד; זיי א פערד! א רייט־פערד, א רייט־פערד פאר א פריץ, א יעגער א שטאלצען.

ובכן הוה, פון דעם פרעשעל איז א שווארץ־סאמעטען־מיוחס'־דיג פערדעל געווארען, אט שטאמפט עס מיט די דינע פיסלעך, און א רייט־געשפאן — א זילבערענס, מיט גאלדענע פליטערלעך באַ־שפריצט.

און פון דער יאשטשערקע ווערט א פריץ'ל — א יעגערל; הויך און שטאלץ, און חנ'עוודיג, ווי שלענגעלעך די וואנסעלעך— שפרינגט דאס פריץ'ל — דאס יעגערל אויפ'ן פערדעלע ארויף, און גיט א ריט איבער'ן וועג אין דער ברייט, צו דער ווע־ראנדע צו, און גיט א זאג עכט פריץ'ישדיג:

— עה, אידיש ווייבעל — חנ'עוודיגס! א גלעזעל וואסער ברענג ארויס!

און א פריץ פאלגט מען דאך. ציטערט דאס ווייבעל און ברענגט א גלאז מיט וואסער ארויס, און דערלאנגט מיט א האנט א פארציטערטער. נעמט דאס פריץ'ל דאס גלאז צוזאמען מיט ד...

האַנט, און דריקט די האַנט. און אַרויסצורייסען די האַנט האָט זי נישט קיין כח. און ער קוקט, מיט אויגען פריץ'ישע, הייס און היציגער אין איהרע כשר'ע אויגעלעך אַריין, די בליקען זיינע בריהען זי און איהרע ברעמען פאַלגען נישט און פאַלען נישט אַראָפּ, און זי קוקט, פאַר'כשופ'ט, איהם אַקעגען —

האָט דאַך ער, זאָל לעבען, עפּעס דער מוטער אייגנערוימט...
שטעלט זיך אויף דער שלאָפענדיגער מוטערס נאָז א פליג און זשומט, און גיט א בים...
שפּרינגט דאָס אַלטע מוטערל אויף; וואו די טאָכטער, וואו? לויפט זי, די בריל אויפ'ן שטערן, דעם זאַק אין דער האַנט, די שפּיזלעך פאַרלירענדיג, אויף דער וועראַנדע אַרויס, דערזעהט זי, גיט זי:
— „שדי, קרע שטן!“ — א געשריי —
און שוין —
נעלם געוואָרען דאָס פּריץ'ל, די ערד האָט'ן איינגעשלונגען...
אַז אמת'ע סכנה געווען... אָבער נצול געוואָרען!

איבער אַ שמעק־טאַבאַק.

אַז דער בעל דבר איז געזעסען, אַ פוס איבער אַ פוס, מיט אַ ליעבליך־זאַטען שמייכעל, און האָט גלאַט אַזוי, האַלב גענעצענדיג, געבלעטערט אין קאַנטאַ־בוך פון לעבעדיגע נפשות, האָט ער פּלוצלונג אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

ער איז צוגעקומען צום בעלעמער רב'ס קאַנטאַ — און קיין תמונת אות — אַ לעדיג בלאַט.

אויפ'ן פּאַטש, פאַרשטעהט זיך, זענען זיך דערוויילּ אַנגעלאָפען גיהנום־לאַפּיטוטען; זיי שטעהען אין טיר, ווי די כלבים, מיט די צונגען אַרויס, און וואַרטען אויף אַ באַפעהל.

— שיקט נאָר — הייסט דער בעל־דבר, — עמיצען אַרויף. געוואָר ווערען, צי דער בעלמער רב האָט אריכת ימים.

די לאַפּיטוטען פאַרשווינדען אַזוי שטיל, ווי זיי זענען געקומען, און עס געהט נישט אַוועק קיין פיערטעל שעה, קומט אַ תשובה: געווען אין קאַמער פון לעבען; דעם בעלעמער רב'ס פּאַדים — כמעט נישט מיט'ן אויג צו דערזעהן — היינט־מאָרגען רופט מען איהם!

— זאָל אַריינקומען דער שרייבער:

טאַנצט אַריין אַ גאַל־קעפּיג שרייבערל, מיט רויט־לויפענדיג־לוסטיגע אויגעלעך, היהנערשע פיסעלעך, אַ קידה אַהין, אַ השתחויה'לע אַהער; גיט זיך אַ זעץ אויף דער שוואַרץ־ברענענדיגער סמאַלע־פּאַדלאָגע אויף טערקיש — די פיס אונטער זיך; כאַפּט אַרויס פון א י י ן זייט בוזים־קעשענע כלי־כתיבה: אַ נייע קראָהענע פעדער פון דער נאָדעל; אַ טינטער מיט רויט־זינדיגען בלוט, אָפּגעצאַפּט פון הבא על הערוות, פון דער צווייטער זייט, און וויקעלט אויף אַ פרישׁ אויסגעאַרבייט שטיקעל אפיקורסות־הויט, שפּייט זיך אַן אויף דער יד און וואַרפט אַן אונטערטעניגסטען בליק צום בעל־דבר: פאַרטיג!

גיט זיך דער בעל־דבר א בויג אוים אויף דעם פאַטער־שטול און דיקטירט. דאָס שרייבערל שטרעקט ארויס א צונג און מאַכט א צוק נאָך א צוק. די פעדער לויפט און סקריפעט, און צום בית־דין של מעלה געהט א ראַפּאָרט כהאי לישנא:

„היות, אין פסוק שטעהט: אין אדם בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא... און דאָ איז פאַראַן א כעלעמער רב, וואָס שטעהט מיט איין פוס ביים קבר, און זיין בלאַט איז לעדיג! על כן, אויב מען וויל, עס זאָל בלייבען „משה אמת ותורתו אמת" — זאָל מען דעם כעלעמער איבערגעבען אין בעל־דבר'ס רשות אריין"...

קומט, נאָך א קורצען ישוב, פון בית־דין של מעלה א תשובה: „עיין איוב, קאַפּיטעל א' ".

פאַרשטעהט שוין דער בעל דבר, וואָס מען מיינט: טו מיט איהם — הייסט עס, — וואָס דו ווילסט, „רק את נפשו שמור" — לעבען זאָל ער, ווי לאַנג עס איז איהם באַשערט.

איז אַבער נישט אזוי לייכט, ווי עס רעדט זיך.

קיין אשה, האָט דער כעלעמער רב, לא עליכם, נישט; מכמה שנים אַן אלמן, קינדער — אויסגעגעבענע, און „לא יומתו אבות על בנים", יחזקאל האָט געזאָגט — פאַרפאַלען! פון שאַף און רינ־דער איז אודאי נישט צו רעדען — קיין פיצעל ציג ניט צומאָל! א הויז האָט דער כעלעמער רב סיי־ווי־סיי נישט קיין ריינע, האַלט זיך, נעבעך, אין איין קראַצען... און גלאַט — נעמען א כעלעמער רב מיט יסורים!

— עפּעס א תאיה'לע — טראַכט דער בעל־דבר און באַלעקט זיך, שטרעקט אוים די האַנט צום טיש, ריהרט אַן דאָס גלעקעל פון א חקר'נישען שאַרבען־קאָפּ — א פולע שטוב לאַפּיטוטען!

— ווענען ווילען מיר שיקען און ווער וועט אונז געהן, אַראָפּ־צופיהרען דעם כעלעמער רב פון וועג?

— ווערט א געשרייעריי: איך, איך, איך — — —

אַלע ווילען! מען ווייסט, אז פּאָר אזוינע קונצען וואַקסט מען, ווי אויף הייוועז.

אהער און אהין, ס'קאָן קומען צו א געשלעגעריי, בלייבט: א קלפי.

פאלט דער גורל אויף צוויי לאפּיטוטעז, ווינשט מען זיי מזל־טוב, און זיי ווערען נעלם...

אין א שעהנעם העלען טאג, בעלעמער אידעלער דרעהען זיך ארום אין מארק אהן פרנסה... שטעהען רעדעלער און רעדען פון פּריץ'ס וואלד אין פעלד; פון פויערשע „מעסטלער", פעלבלער, וואס זענען נאך אויף די האזען, פון אייער. נאך נישט קיין גע־לעגטע — גיט אונטער זיי פּלוצלונג א ציטער די ערד, און זי ציטערט; תוך כדי דבור הערט זיך א קנאק, אייגער, דער צווייטער, ממש: א בליץ נאך א בליץ — און עס יאגט אן א בויד און עס דונערען די רעדער... א ווילד־פרעמדע בויד, פארשוימטע פערד, ווי די אריות; און די בויד גיט זיך א לאז דורכ'ן מארק; קוים צייט געווען אפּצושפּרינגען. און פון פארענט, ביי דער קעלניע, אויסגעבויגען ארונטער מיט'ן קאפּ, שטעהט, אהן א בייטש אין דער האנט, אין א הימעל מיט לאפּען, מיט א רויטען גארטעל איבער די לענדען, ארומגעדרעהט די לייצעס ארום די הענט, א שמייסער, — ציהט זי איין, די לייצעס אז מאנכמאל גיבען זיך די פערד א כאפּ ארויס די קעפּ און א שטעל אויף די הינטערשטע פיס. און הינטער איהם — שטעהט א בעל־בת'יש געקליידעטער איד — א קאפּטאן, סטראקעס — יענע צייטען! — האלט אין דער רעכטער האנט די בייטש און קנאקט איבער די פערד, אז זיי גיבען זיך באלד א לאז אראפּ און פליהען ווי אדלערס — מיט דער לינקער האנט קלאפּט ער אלץ נאכאנאנד דעם שמייסער אין רוקען, און פון צייט צו צייט גיט ער נאך מיט'ן מויל א פייף, אז די פערד שפּרינגען פון דער הויט און ציהען זיך אוים אינ'ם גאלאפּ, ווי די שלאנגען!

און דער שמייסער האלט אין איין שרייען: אידען, בני רחמנים, ראטעוועט! אידען, בני רחמנים, ראטעוועט!

— נו — ראטעווע! גאנצע בינטעו פונקען רייסען זיך פון אונטער די פּאדקאוועס!

יאגט מען נאך די בויד — מיט צושראקענע אויגען, זאגט מען: „השם ישמרנו". אנדערע קלערען נאך ווענען גומל־בענשען. ווייבער לויפען נאך ארוים פון די קלייטען און שרייען: געוואלד!

מוז אבער די בויד דורכלויפען דאָס שעכט־הויז, גיבען זיך א לאָז ארויס כלבים, און שפּרינגען די פערד אין די מאָרדעס; לויפען ארויס קצבים און העקער־יונגען, שפּרינגען צו און כאַפּען ביי די לייצעס — גיבען זיך די פערד א שטעל־אָפּ, אז עס ציטערט אויף זיי די הויט פאַר שרעק, זענען די קצבים און די העקער־יונגען אויף דער בויד!

וואָס איז? ווייזט זיך ארויס: א קליין סכסוך'ל... דער אנגעטאָנענער ווי א בעל־הבית, מיט'ן לעדערנעם געלט־פּאָס אויף די לענדען, שרייט, אז דער שמייסער איז משוגע געוואָרען, וויל דוקא פּאַשען, און ער איילט זיך אויפ'ן יריד מיט בריליאַנטען... קריגען די לייט אביסעל דרך־ארץ — און דער שמייסער טענה'ט, אז ניט ער איז דער שמייסער, נאָר טאַקע יענער... אלא וואָס? אויפ'ן וועג, אין וואַלד קומען זיי ממרחקים און פאַהרען קיין מרחקים, איז ער איהם בייגאַכט אין וואַלד באַפאַלען, צוגעלעגט א מעסער צום האַלז, גענויט זיך איבערצוטון און ער וויל איהם צו'גזל'ען די בריליאַנטען, דאָס געלט, די בויד מיט די פערד... אלץ! דעריבער, אז ער האָט דערזעהן א אידישע קהלה, האָט ער אנגעהויבען צו שרייען... און יענער לייקענט אלץ שטיין און ביין; להד"ם און להד"ם! — דרעהט מען איבער פערד און וואָגען, טרייבט קוים אָפּ די כלבים און מען פאַרפאַהרט צום רב.

הויבט זיך אָן א חקירה ודרישה, הערט דער רב אויס יעדען באַזונדער. לאָזט מען קודם כל אריין דעם טוען, דעם, וואָס איז אנגעטאָן ווי א שמייסער. הערט איהם דער רב אויס, און זאָגט: א פּנים — נשמיות שבגשמיות; א לשון פון אן אמת'ען בעל־עגלה... און דער קול אליין איז אויך נישט פון חדר ארויס... א קול פון וואַלד, פון פרייען פעלד און — אויף סוסים!

פונדעסטוועגען חוקר'ט ער ווייטער:

— וויפיעל סחורה האָט איהר אין בויד?

— איך ווייס? כ'פיהר עפּעס חשבונות? אז עס האָרץ ביין איך, רבי! גאָט האָט געהאָלפען — האַנדעל איך מיט בריליאַנטען!

— און וויפיעל געלט האָט איהר אין בייטעל געהאַט?

— איך צעהל נישט; כ'וויל, ס'זאָל אריינקומען די ברכה...

דאַכט זיך שוין, זיבער א בלבול! דער רב, פונדעסטוועגען, קרעכצט אָפּ, און מען לאָזט אריין דעם צווייטען: א פּנים פון א

בן תורה. דער רב גיט איהם א טאפ אין לערנען, גיט ער מיש אויס ש"ס ופוסקים. נאר אינמיטען דערינען גיט ער א זאג: „רבי! וואס טויג לאנג טענה'ן, זעהט!" — און ער גיט א שיט אויס פון נאר־טעל: סאמע גאלדענע רענדלעך, רויטע פלאמען קאלערען זיך איבער'ן טיש — „און — העלפט פון די בריליאנטען קריגט איהר אויך, נאר זאגט, ס'איז מיין!"

גיט זיך דער רב א שטעל אויף, און גיט א קוויטש:

— גז—לן!

לויפט דער עולם אריין — ווישט מען זיך די אויגען! וואו טועז, וואו נטען, ווהו רענדלעך? — נעלם געווארען, נישטא קיין בויה, קיין פערד — די ערד האט זיי איינגעשלונגען!

קלערט כעלם: צי עס איז געווען א חלום, צי, רחמנא לצלן, א כשוף; דערוויול ברענגט מען א תשובה דעם בעל־דבר.

זאגט ער:

— שוטים! חורש וואלט ער אפשר גענומען, אבער נישט ביי א מלתא דעבידא לגלויי! — עס וואלט אמאל ארויס, ווי בוימאויל אויפ'ן וואסער... מען וואלט איהם אפגעצויגען און נאך ארייגגע־זעצט אין תפיסה! א נאר איז ער!

זעצט מען איין די נארישע לאפיטוטען אויף א יאהר קוילען מיט סמאלע; מאכט מען נאך אן אכיפה, שרייט מען שוין נישט: איך, איך! נאר צוויי פון די גרעסערע, איינער עפעס א גרויסער חריף, דער צווייטער — א זקן ורגיל, נעמען אויף זיך די זאך...

צווישען ימים נוראים, א קאלטער, חשך'דיגער רעגען־טאג; כעלם וויקעט זיך אין בלאטע, דער הימעל, איבער איהם, טריפט מיט מרה־שחורה, קומט אן צוגעהן עפעס א איד א בעטלער, הויט־און־ביין, רחמנא לצלן... אן אויסגעהונגערטער און אויף קוליעס, איין פוס — אונטער זיך... שלעפט ער זיך פון הויז צו הויז, פון טיר צו טיר, פון קלייט צו קלייט... און באקומט אין צעהנטען הויז אן אלט שטיקעל ברויט, צו וועלכען ער האט גאר קיין ציין נישט; אין צוואנציגסטען — אן אפגעריבענעם גראשען, וואס גליטשט זיך פון דער האנט ארויס. — כעלם דארף נישט קיין פרעמדע קבצנים

האט היימישע און בכבוד׳יגע, און אַלערליי באַהאַלטענע אָרעמע לייט, אַלע אַלמנות ויתומים פון שוחטים, דיינים, רבנים און אַנ־דערע כלי־קודש...

שלעפּט ער זיך אַזוי אַרום, איין טאָג, דעם צווייטען טאָג,— די נאַסקייט און די קעלט נעמען איהם דורך; די וואַטע, וואָס עס קריכט פון מלבוש אַרויס — טריפט, די אויגען קריכען איהם פון די לעבער אַרויס; און פּלוצלינג, אינמיטען מאַרק — דער איד פאַלט! איין קוליע — רעכט, די צווייטע — לינקס, און ער ליגט אין דער מיט — און שוים איבער׳ן מויל...

אידען בני רחמנים לויפען, מן הסתם, צו, דער — מיט וואַ־סער און שפּריצט, דער — מיט אַביסעל ראַזשינקעס־וויין, יענער— מיט אַ מעסער, די ציין אויפצורייסען און אַ פּאָר טראָפּען אריינ־צולאָזען... אַנדערע שרייען: כעלם איז סדום! און דער איד הויבט דערוויילע אָן צו גוסס׳ען...

מען וועט דאָך איהם נישט לאָזען, חלילה, שטאַרבען אין גאַס! ווערט אַ שאלה, וואוהין? — טראָגען זיך די בעלי־בתים אָפּ — אַנדערע האָבען נישט וואו, געהט פונקט פאַרביי דער רב, זאָגט ער: צו מיר! מן הסתם צו מיר! —

מען האָט איהם נאָך קיינמאָל נישט אַזוי פייל פון בויגען נעפּאָלגט...

לעגט מען דעם גוסס אין רב׳ס בעט אריין, ליגט ער, ווי אין דער היהנער־פּלעט — דער רב זיצט ביים טיש, קוקט אין אַ ספר אריין, וואַרפט אַלע פּאָר שורות אַן אויג צום חולה — אין גאַס דרעהען זיך אַרום אידען, טאָמער וואָס, זאָל מען זיין גרייט... עס פאַלט צו די נאַכט — דער רב וויל זיך שטעלען מעריב דאַווענען, דערהערט ער, דער חולה רופט. געהט ער צו איהם מיט גרויס רחמים צו, בויגט זיך איהם איבער׳ן מויל און הערט, — ער רע־בענט: אַ צואת שכיב מרע...

— רבי, — בלאָזט פון די ליפּען אַרויס דער חולה, — איך בין אַ גרויסער בעל עברה... און איך וויל אַזוי נישט שטאַרבען, כ׳וויל מיך פאַר אייך מתודה זיין...

וויל דער רב אַריינרופען מענשען. כאַפּט איהם דער חולה אָן ביי דער האַנט: חס ושלום, חס ושלום! — אונטער פיער אויגען וויל ער...

דערצעהלט ער איהם, אז כל ימיו איז ער א בעטלער געווען און — א פאלשער בעטלער. געגאנגען נאך ברויט פאר ווייב און קינד. און האט קיינמאל קיין ווייב און קיין קינד נישט געהאט... געבע־טעלט אויף הכנסת כלה פאר עלטערע טעכטער — און שטענדיג גע־ווען אליין, ווי א שטיין אין פעלד... צוזאמענגענומען אויסצוהאלטען ישיבות — און קיין שום תלמיד חכם האט דערפון קיין שום טובת־הנאה נישט געהאט... אויף ארץ־ישראל — נישט אוועקגעשיקט קיין פרוטה! פאר ר׳ שמעון בר יוחאי׳ס קבר — און זיך אין בר־זעם אריינגעשטעקט... מיט ארץ־ישראל־ערד געהאנדעלט, און הינ־טער׳ן פלויט גענומען... וכדומה...

און ארויסגראבלענדיג א לייוונטענעם בייטעל פון בוזעם, זאגט ער: און דאס האב איך אנגעזאמעלט!

און גיט אן עפען אויף: סאמע באנק־צעטלעך — און — איינס אין איינס — הונדערטער!

— דאס — זאגט ער — גיב איך אייך איבער, רבי, אלס גע־צאהלט, — אויף צדקה, לפי ראות עיניך;

גיט נישט דער בעלעמער רב א שפרונג אפ צום פענסטער, רייסט עס אויף און גיט א געשריי ארויס: אידען, קומט אריין צעהלען צדקה־געלט! — גלייך, ער וואלט איגגער געווארען מיט 50 יאהר —

לויפט מען אריין — קיין באנק־צעטלען, קיין גוסס — נאר א צורודערט בעט און צוויי אויסגעהאקטע שויבען...

קלערט מען ווייטער: א חלום, צי, חס ושלום, — כשוף; דער בעל־דבר שטעהט מיט אן אפענעם מויל און זאגט:

שוין נ י ש ט קיין מלתא דעבידא לגלויי...

דער שווארצער עולם איז צורודערט!

זאגט לילית: ער וועט קומען אויף מ י י נ ע הענט — אלטע מיטלען!

איז אמאל דער בעלעמער רב נישט בקו הבריאה, שיקט ער דעם שמש נאכ׳ן פעלדשער, ער זאל איהם לאזען אביסעל אדער. די געבליטען אפצוציהען... און שטעלט זיך דערוויל, צו שקיעת

החמה איז עס געווען, מנחה דאַוונען. — שטעהט ביי דער וואַנט שמונה עשרה — עפּענט זיך די טיר, קומט אריין א מויד מיט א שאלה. דער רב דאַוונט, וועט זי וואַרטען. דרעהט זי זיך ארום. געהט אויף און אָפּ — דער רב קוקט זיך נישט אום... פאַרגעסט זי זיך מכלומר'שט, הייבט אַן עפּעס אונטערצוזינגען... און האָט. פאַרשטעהט איהר מיד, אַן אמת קול באשה!... נו—הערט ער זי? ווערט זי, מכלומר'שט, מיד, כאַפּט און זעצט זיך, און צו־ווינגט זיך אויפ'ן בענקעל; ס'בענקעל סקריפּעט... נאַריש — ווען א שלאַנג קומט איהם בייסען, ריהרט ער זיך אויך נישט פון אָרט! ווערט די מויד שוין אביסעל בייז, און לויפט האַסטיגער ווייטער איבער דער שטוב. געהט אוים דער רב שמונה עשרה, זאָגט ווייטער, שפּייט אוים, זאָגט אָפּ די רעשט... זעצט זיך צום טיש, און מאַכט גאַנץ געלאַסען: ווייז דעם עוף! וויל זי איהם געבען דעם עוף אין האַנט אריין, זאָגט ער איהר ווייטער גאַנץ געלאַסען: לעג אויפ'ן טיש... א אידישע טאָכטער, מוסר'ט ער זי מיט גוטען, דאַרף וויסען, ווי אזוי מען דערלאַנגט... לעגט זי... עפּעס א היהנדעל. זאָגט ער: דערצעהל! דערצעהלט זי באריכות, ווי מען האָט די הוהן ביי א גויה געקויפט, אהיים געבראַכט, ווי די הוהן איז אַנטלאָפען, ווי מען האָט זי געכאַפּט... און לאַכט דערביי, און זעצט אוים די ציינדלעך, אין דער קול קלינגט אָפּ אין אַלע ווינקעלעך, און פון די ציינדלעך איז כמעט א שיין דורכגעפלויגען, אזוי וויים זענען זיי געווען... און רעדענדיג און לאַכענדיג דרעהט זי זיך אזוי ארום טיש... און ארבעל האָט זי קורצע, פאַרקאַשערטע; העגט — נאַקעטע, ס'העמד פון פאַרענט אויפגעריסען, און דאָס לייב, — זי האָט זיך מיט עפּעס אויסגעשמירט, — שמעקט מכל המינים בשמים! — און זי סטאַרעט זיך... און ריהרט זיך אַן אַן טיש, אַן בענקעל, אַן רב'ס האַנט... קוקט ער אויף דעם היהנדעל, לויפט זי און שטעלט זיך איהם פון הינטען, און קוקט אריבער, און ריהרט אַן מיט דער מאַרדעטשקע דעם קאָפּ... און דער אָטעם וואַרעמט איהם דורך די יאַרמולקע... בלאָזט אויפ'ן נאַקעטען האַלז און — אַלץ בחנם! דער רב הערט אוים, וואַרפט נאָך אמאָל אַן אויג, וואו מען דאַרף, און זאָגט: כשר! און דו, — זאָגט ער, — מיידעל, הייס דיר רע־דען א שדוך!!!

פליהט ארוים די מויד מיט דער הוהן דורכ'ן פענסטער...

שמייכעלט דער רב. ער האָט שוין פֿאַרשטאַנען, וואָס עס באַ־טייט — און גאָרנישט.

און דאָרט איז ווייטער אַן אסיפה. זעה בכה וזה בכה. רופֿט זיך אָן גאָר אַ יונג לאַפּיטוטעל, ערשט אויף דער לערען, נאָך קיין איין פֿעדער נישט אין קאָפּ און קיין איין צאָן אַרום האַלז, רופֿט ער זיך אָן און זאָגט: —

— האָט דער בעלעמער רב גאָר קיין תאוה נישט?

— אײַנגאַנצען אויסגעטאָן! — ענטפֿערט מען.

— האָט גאָרנישט ליעב?

— אפשר אַ שוויץ־באָד ערב שבת...

פויזע. גיט ער נאָך אַ פֿרעג: האָט ער נישט עפּעס אַ מנהג, אַ געוואוינהייט, קנעטען, למשל, קײַלעכלעך פֿון ברויט ביים בענ־שען?...

— מען האָט איהם נישט געזעהן עסען! מן־הסתם נ י ש ט...

איין לילית דערמאָנט זיך, אַז ווען ער האָט איהרע בשמים דערפֿיהלט, האָט ער געכאַפּט אַ שמעק טאַבאַק!

— גענוג! — זאָגט ער — און נעמט רשות — ואיננו!

אַ מנהג ישן האָט דער בעלעמער רב געהאַט. יעדען ערב שבת נאָכ'ן באָד, אַרויסצוגעהן אין פֿעלד אַריין, — געהאַט שוין אַ וועג צווישען ווייץ און צווישען קאָרן — און צו זאָגען בעל־פּה שיר השירים. און ווייל ער איז געווען אַ איד אַ פֿאַר'חוש'טער, און האָט מורא געהאַט, ער זאָל נישט פֿאַרגעהן צו ווייט, האָט ער זיך איינ־מאָל פֿאַר אַלע מאָל אויסגעמאָסטען מיט די טריט דעם וועג, און געמאַכט זיך אַ סימן אַן אַ בוימעל... „מה נאה אילן זה", האָט ער נ י ש ט געזאָגט, כאָטש אויפ'ן בוימעל זענען געוואַקסען פּירות ווי די קרעלען... נאָר פֿאַר אַ סימן... פֿלעגט ער האַלב שיר־השירים אָפּזאָגען אויפ'ן וועג ביז צום בוימעל, אַנידערזעצען זיך, נעמען אַ שמעק טאַבאַק פֿון קאָרענעם פּושקעלע, אָפּרוהען זיך אַ ווײַלע, און אויפשטעהן, געהן צו קבלת שבת, און אָפּזאָגען די צווייטע העלפֿט שיר השירים צוריקוועגס... און פֿלעגט קומען פּונקט צו קבלת שבת!...

איינמאָל, איידער דער רב איז אָנגעקומען, באַווייזט זיך אויף דעם אָרט א דייטשעל, מיט א קאַפּעליוש, מיט הויזען אין גרינע פּאַסען, און גיט א רייס אויס דאָס בוימעל און גיט עס א טראָג־איבער א שטיק ווייטער, און זעצט זיך אונטער׳ן בוימעל פון יענער זייט, און זיצט — א שמאָל דייטשעל — מען זעהט עס נישט אַרויס.

קומט אָן דערוויילע דער רב צום אָרט, וואו דאָס בוימעל איז געשטאַנען — האלב שיר השירים אָפּגעזאָגט, און צום בוימעל איז נאָך ווייט!... איז ער זיך מצער: רעכענט ער, ער האָט געזאָגט שלא בכונה. נעמט ער אויף זיך באלד א תשובה. עס האָט זיך איהם, ווי אַלע מאָל, פאַרוואָלט א שמעק טון... דאָס הארץ חלש׳ט איהם — ער וועט נישט נעמען, ביז ער וועט נישט צוקומען צום בוימעל! ער איז אפילו שוין אביסעל מיד... נאָר משנה זיין וועט ער נישט... און ער געהט קוים, ער קומט צום בוימעל צו. אַזוי מיד איז ער געוועזען און אַזוי האָט זיך איהם פאַרגלוסט א שמעק טאַבאַק — ממש די אויגען זעהען נישט! נאָר געלויבט השם יתברך — ער זיצט שוין אונטער׳ן בוימעל! כאַפּט אַרויס פון בוזעם דאָס קאָרענע פּושקעלע, עס ציטערען איהם אַזש די הענט, — גיט עפּעס פון הינ־טען א בלאָז, ס׳קאָרענע פּושקעלע פאַלט איהם פון דער האַנט אַרויס; שטרעקט ער אויס די האַנט — עס גיט א בלאָז, מן הסתם — א ווינטעל, — דאָס פּושקעלע קאָלערט זיך ווייטער, ער ציהט זיך אויס אויף דער ערד, שטרעקט ווייטער אויס די הענט — ס׳פּושקעלע קאָלערט זיך, און קריכט נאָך: דער שמעק־טאַבאַק ציהט איהם... קריכט ער אַזוי אויף אַלע פיער... שמייכעלט דאָס דייטשעל אונטער׳ן בוימעל פון יענער זייט און הערט נישט אויף צו בלאָזען. פּלוצלונג גיט ער א כאַפּ אַרויס דאָס בוימעל... און כהרף עין שטעלט ער עס ווי־דער, וואו עס איז געשטאַנען... דער רב האָט נישט אוספּעיעט צו כאַפּען ס׳פּושקעלע... ער בלאָזט ווייטער... דער רב גיט א קוק: דאָס בוימעל שטעהט פאַר איהם ווייט! מיינט ער, אז ער איז, פאַרטראַכטערהייט, פאַרקראָכען צו אַן אַנדער בוימעל, — הויבט ער אויף די אויגען צום הימעל — אויסגעשטערענט! ער האָט אפילו שקיעת החמה נישט באַמערקט... אַזוי האָט איהם דער שמעק טאַ־באַק געצווינגען! — אמת, זעהר א ליכטיגע נאַכט געוועזן... מילא,

עס איז מעהר, ווי א תחום שבת — איז שטאדט אריין וועט ער נישט געהן, שפייזען וועלען איהם די קראהען, וואס האבען אליהו הנביא געשפייזט... נאר כאפען ס'פושקעלע — מוז ער...

און ער קריכט נאך... און דאס דייטשעל בלאזט, ס'פושקעלע קאלערט זיך... — כ'וועל אייך לאנג נישט בריינען, ער איז אריבער איבער א תחום שבת!...

דאס לאפיטוטעל האט באלד א גרעסערע שליחות באקומען!

פאר'ן אוועקגעהן, האט ער צום שווארצען עולם געזאגט:

— איבער א בארג פאלט מען נישט... געשווינדער שטרויכעלט מען איבער קליינע תאווה'לעך.

דאָס פּאַרטוך.

מיט די פיס שטאַלפּערט אַ מענש אויף דער ערד; מיט'ן קאָפּ שפּאַרט ער צום הימעל.

וואונדערט זיך עס נאַר אין דעם, וואו דאָס האַרץ איז!

ביי די פיס, און זיין גליסטונג איז צום עפר ואפר, —

אָדער ביים קאָפּ, און עס גאַרט צו די עולמות העליונים...

איז אַ איד מקיים „מאשפות ירים אביון" — ער הויבט אויף די גליסטונג פון מיסט. ער טוט אָן אַ גאַרטעל, טיילט דעם גוף אויף צוויי און זאָגט: דאָס האַרץ געהער אַרויף צום קאָפּ! האָבען אויף איהם טאָקע קיין שליטא נישט קיין שדין ולילין און קיין דבוקים, רחמנא לצלן...

און נשים טראָגען צוליעב דעם איינענעם — פאַרטיכער!

ואל יהי ענין הפאַרטוך קל בעיניך. איהר זאָלט דאָס פאַר־טוך פאַר גרינג נישט האַלטען. —

הערט אַ מעשה, וואָס איז געשעהען אין ראַביוו.

— — — — — — — — — — — —

ראַביוו איז אַ שטעדטעל נישט ווייט פון אַפּט; פון אַפּטער, זכר צדיק לברכה, האָט איהר אודאי געהערט.

צושפּרייט איז עס ביים ברעג פון דער ווייקסעל; לעבען לעבט עס פון געהילץ, וואָס קומט פון די אַרומיגע וועלדער און געהט איבער דער ווייקסעל קיין דאַנציג; דאַמאָלט אַ גרויסער מסחר געוועזן.

זענען געוועזן דאַנציגער סוחרים, אין די גרויסע פעדערען גע־גאַנגען. מקיים געוועזן „וחי אחיך עמך"; האָט פון זיי געלעבט דער מעקלער, דער שרייבער אין וואַלד, דער שיפער, וואָס פיהרט די מעסערס ביז דער קעניגסבערגער מיהל, וואו עס נעמט זיי שוין איבער דער דייטש, און — דאָס גאַנצע שטע־טעל.

ווינטער, עס שטעלט זיך אַ שליט־וועגס, ציהען זיך שוין פון

די וועלדער, איבער'ן שטעדטעל צום ברעג צו. פוהרלעד מיט אלער־ליי געהילץ: באלקען, שוועלען, אונטערלאג. צוריק־צו־וועגס אהיים, שטעלט זיך דאס פייערל אפ אין מארק. לייזט דער שענקער פאר אביסעל בראנפען מיט פארבייסעכץ. לייזט דער אייזענקרעמער פאר א שטיקעל אייזען, פאר א קאסע... לייזט די שטעל פאר זאלץ, פאר שמירעכץ... דער קאוואל (אויך א איד) פארריכט אדער שלאגט אן א פאדקאווע, די ציצערין — פאר א בייגעל פאר א חולה־ילד.

רייך מאכט נישט דער פויער; לחם לאכול גיט ער.

געהען אוועק די פאר חדשים, הויבט אן לאזען דער פראסט. אווארעם ווינטעל בלאזט, יאגט אפ די עננים, די זון הויבט אן ארויסצוקריכען פון פוטערפאס; זומער־לעב זאגט אן זיין קו־מען; פאקט זיך דער היימישער שיפער, קומען מיט די רענצלעך שיפער פון די ארומיגע שטעדטלעך. לייזט דער גאסט־הייזער; גרייט מען זיך אין וועג אריין, קומט מען ווייטער אן צום סוחר, קויפט מען איין בשר געדויכערטס, פעטס, זאלץ, גרויפען, א פע־סעלע י"ש — צידה לדרך פאר די פליסען, וואס ארבייטען אויף די מעסער... הויבט באלד אן צו רודערען ביים ברעג. פויערלעך קומען פון די דערפער, יעדערער מיט זיין נעץ, א פישעל צו כא־פען, און מיט זיין פענדעל, דאס פישעל צו בראטען, און שטעלען זיך, איבער דער גאנצער לענג פון ברעג, יעדערער זיין שטרויעןביידעל אויף. —

שטעהט אין ראכיווער מארק, פון כעלות ביז מנחה, אין דער לופט א געקלאפעריי פון העק און האמער. דאס שלאגט מען אויפ'ן ברעג דאס געהילץ צוזאמען...

אמאל, אינמיטען דער נאכט — עס הויבט אן פלוצלונג צו דונערען: די ווייקסעל ריהרט, דאס אייז פלאצט. דער ווינט טרייבט טאוולען אויף טאוולען, גארען אויף גארען. נאך עטליכע טעג: דער ווינט האט זיינס געטאן, די זון—איהרס, דער פויער האט גע־האלפען מיט קילאף און לאפאטע, — אפגעשוואומען דאס אייז, באפרייט געווארען דער טייך. מען לאזט אראפ די מעסערס, עס שווימען אנדערע פארביי...

עס לעבט דער ברעג און קאכט; די ארעמע אידענע פון שטעדטעל ציהט חיונה פון דער שטעל ביים ברעג; פארקויפט

אויבס, געווירץ, זאַלץ; בגנבה — דעם ביטערען טראָפּען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איהר מיינט אודאי, איך האָב אינ'ם פאַרטוך פאַרגעסען! הויבט זיך נישט אָן. איך האָב אייך פריהער געוואָלט אויסמאָה־לען ראַביוו, וואו די מעשה איז געשעהען.

אַט, אין דעם ראַביוו איז אַמאָל נפטר געוואָרען אַ דיין. אי־בערגעלאָזט האָט ער דוקא נישט קיין סך: איין אלמנה און אינ־גאַנצען איין יתומה... קהל האָט באַלד אויפגענומען אַן אַנדערען דיין, און דער האָט זיך מתחיב געווען, אַוועקצוגעבען דער אלמנה מיט דער יתומה אַ פיערטעל שכירות. האָט ער נישט מקיים געווען. קיין שרפ"ט האָט דאָס שכירות נישט באַטראָפען, אַ מטופל אַ גרוי־סער איז ער געווען. שרייט די אלמנה צו קהל, לאָזט נישט אויס־נעמען... בלייבט, מען זאָל איהר געבען עטליכע גולדען, זי זאָל זיך מאַכען אַ שטעל ביים ברעג. גראָד אַ אידענע געשטאָרבען, באַ־פרייט געוואָרען אַ שטעל. וכך הוה, די אלמנה מאַכט זיך אַ שטעל, דאָס מיידעל טראָגט איהר נאָך די קיישלעך אַהין און צוריק. און ניט איבער'ן טאָג אכטונג אויף קונים'ס הענט. און — קיין מעשה נישט. אז דער דיין האָט געלעבט, האָט זיך אויך נישט איבערגע־גאָסען, ביים הערינג פלעגט מען זיך די פינגער אָפּשניידען... און פאַר הונגער, זאָגט מען, איז נאָך קיינער פון דער וועלט נישט גע־גאַנגען... נאָר דאָס מיידעל! דאָס מיידעל וואַקסט ווי אויף הייוו־ווען, קיין עין הרע; שפּאַרט פון קליידעל אַרויס... עס רויטלען זיך די אַנגעפילטע בעקלעך, גלייך מען וואָלט זי געצויגען אויף מילך מיט האָניג, אויף מאַרציפּאַנעס. און אויגאַנעם האָט זי... די פויערען גאַפען, ציטערט די אלמנה פאַר אַן עין־הרע; מאַכען זיך אַמאָל אַ גוי'ש גלייכווערטעל, שטעכט עס זי אין אַלע גלידער, ריהרט זיך צו אַ פויער מיט דער יד, שפּרינגט זי אויף, אַן אָפּגעבריהטע, וואַרפט זיך מיט די נעגעל צו די אויגען...

און וואָס וועט זיין דער סוף?

ווייטער שרייען צו קהל, נישט לאָזען אויסנעמען? מען וועט זי הערען?

זיפצט זי, די אלמנה. קוקט זי אין הימעל אַריין און זיפצט...

זיפצט זי נישט אומזיסט. פאַראן אַן אויער, וואָס הערט! און איינמאָל, מוצאי שבת, געהערט ביי אַ שכן הבדלה, מען קלערט.

ארויסצוגעהן צום ברעג צי נישט? עפענט זיך די טיר. „גוט וואך"
— פיניע דער שדכן איז ארייגעקומען. „גוט וואך, גוט יאהר",
שטאמעלט די אלמנה. זי גלויבט איהרע אייגענע אויגען נישט.
„זעצט אייך, ר' פיניע... שרה'לע, ה'יש אפ דאס בענקעל..."

די טאכטער שרה'לע מאכט זיך נישט הערענדיג, קעהרט זיך
אפ אין א זייט, ווארפט אפילו א בייזען בליק אויף ר' פיניען. ר'
פיניע שמייכעלט: אלע טוען אזוי! דאס בענקעל ווישט אפ די
אלמנה אליין.

— וואס ברענגט איהר פאר א גוטס, ר' פיניע?

אין הארץ קלאפט איהר, ווי ביי א גזלן. ר' פיניע זעצט זיך,
צוטיילט די בארד אויף רעכטס און לינקס, צושמייכעלט זיך נאך
אמאל און זאגט:

— זעהר פיעל גוטס!

— דהיינו?

— דהיינו... מאהלט אייך, אז ר' מענדעל דער אלמן איז אהיים
געקומען פון וואלד... איך זאג איהם שוין לאנג נאך: א איד דארף
נישט זיצען אזוי לאנג אהן א ווייב... טאקע א צנועה געווען, טאקע
געבענשטע הענט, טאקע, טאקע... אבער אזוי לאנג אהן א ווייב
זיצט מען נישט... און די קינדערלעך... ממש א רציחה... איבער־
געגעבען א פינף קינדערלעך א שכנה, זי האט אליין איהרע זעקס...
א איד קומט אהיים אויף שבת — די קינדערלעך צודראפעט, אויס־
געהונגערט...

א י ד זאג, איך שטעל אונטער ב ע ל י ־ ב ת י ם... ער
לעגט אלץ אפ. ס'טייטש, כאפ איך איהם אן ביי א לאץ, איהר
זייט דאך שוין קיין יונגערמאן נישט... אם לא עכשיו, אימתי?
בע, מע... ער האט קיין צייט נישט... ענדיגען אין וואלד, פארטיג
ווערען ביים ברעג... א נעכטיגער טאג! איך זאג איהם א שדוך,
פארצייכענט ער אין ביכעל, ער וועט נאכפרעגען, — הויבט זיך
נישט אן! דער שדוך ווערט פארלוירען אין ביכעל צווישען די
קוביקען...

דעם פרייטאג איז ער אהיים געקומען פריהער פון וואלד. בא־
קוקט דאס געהילץ אויפ'ן ברעג... האט ער עמיצען דערזעהן!

— וועמען?

ר' פיניע נעמט א שמעק טאביק:

— אייער בת־יחידה...

שרה'לע, וואָס איז געשטאַנען ביים בעט, וואַרפט זיך אַרויף אויפ'ן געלעגער מיט'ן פּנים צו דער וואַנט.

— אַלע אַזוי, אַלע אַזוי! — שמייכעלט פּיניע.

— איז וואָס? — פרעגט די אַלמנה, כמעט פאַרציטערט.

— איז וואָס? איז גאָרנישט... שבת איז שבת... נאָך הבדלה, שיקט ער מיך רופען. „גיה, זאָגט ער, צו דער דיז'טע און רעד אַ שדוך. איך פאָהר, זאָגט ער, צוריק אין וואַלד אַריין. (דאָס פּוה־רעל איז געשטאַנען פאַר דער טיר.) און אַז איך וועל, אם ירצה השם, צוריק קומען, וועל איך אַהין געהן מיט אַ מנין, מיט כבוד...

ר' פּיניע נעמט אַן אַ שמעק טאַביק... די אַלמנה וואַרט מיט אַן אָפענעם מויל, ביז ער ענדיגט:

— און שרייבען תנאים, אם ירצה השם!

שרה'לע גיט פּלוצלונג אַ האַרציג געשריי.

פאַלט צו איהר די מוטער צו, האַלזט זי און קושט זי איבער געוואַלד:

— טאָכטערשי, אַזאַ מזל, אַזאַ שמאַלץ־גרוב... מ'זע'מיר דאָך גאָר דעם חסד נישט ווערט... נייערט, דיין טאַטע האָט זיך גע־מיהט...

שרה'לע רייסט זיך אויס פון דער מוטערס אָרעם, שפּרינגט אויף פון בעט און לויפט אַרויס מיט אַ געוויין פון שטוב...

די אַלמנה בלייבט צושראָקען. צושמייכעלט זיך אָבער באַלד, דערמאָנט זיך: זי האָט אויך אַזוי געטאָן... אַלע מיידלעך שרעקען זיך אַזוי...

— אַלע אַזוי, אַלע אַזוי! — ברומט אונטער ר' פּיניע, זאָגט „אַ גוטע וואָך"! קושט די מזוזה און געהט אַרויס...

די אַלמנה בלייבט שטעהן פאַרטראַכט. קוקט דורכ'ן פענס־טער, מיט גרויס דאַנק, צום הימעל אַרויף און מורמעלט אַלץ איינ־איינעם:

— אַ גאָט־זאָך! אַ גאָט־זאָך!

און עס וואָלט אפשר געווען אַ „גאָט־זאָך", ווען נישט דאָס פאַרטוך...

— — — — — — — — — — — —

און — ווען נישט דער ברעג...

ווארים געהט אונטער די זון, ווערט „ששון ושמחה“ ביים ברעג.

די ארבייט ווערט אוועקגעלעגט. יעדער פויער לעגט זיך אז פון די געהילץ־שפענער, פאר זיין שטרויען־ביידעל, א פייערל. נעמט זיך פון ביידעל זיין פענדעל ארויס און בראט זיך אפ זיין פיש. עסט אפ. א שעהנע נאכט איז, „עיז־יעקב“ לערענט ער נישט... הויבט מען אן זינגען... געפינט זיך שוין ביי איינעם א פייפערל, ביים צווייטען — א פידעל, הויבט מען אן שפילען, נעמט מען א קאפ, מאכט מען א טענצעל... ווערט — הו—הא!

געהען יונגע לייט און בחורים שפאצירען אביסעל אדער באָ־דען זיך, שטעלען זיי זיך אפ, הערען זיך איין, קוקען זיך צו... אמאל מיידלעך אויך... קיין גוטס קומט פון אזוינע זאכען נישט ארויס. א מיידעל, אז קיינער זעהט נישט, קומט אמאל נעהנטער... דערזעהט מען זי פון ברעג, מאכט זיך א פויערל א שפאס... אמאל שלעפט מען זי אין רעדעל אריין... מאלע וואס עס טאכט זיך, רחמנא לצלן...

און אמאל, מיט יאהרען צוריק, איידער אונזער מעשה איז געשעהען, האט זיך פארלאפען א מ א ו ס ' ע מעשה, גאר א מאוס'ע... און דוקא מיט א בעל־בתיש טעכטערל, א כלה־מיידעל...

מען האט אויף איהר געמורמעלט. געזעהן מחזקות מאכען ביים ברעג. מען האט גערעדט און גערעדט, ביז עס איז אנגעקומען צו פאטער־און־מוטער. גלויבט מען נישט, נאר מען פאסט אויף. מען זיצט שוין פארנאכט אין דער היים; דער פאטער דאווענט אין דער היים מנחה־מעריב. איין טאג — גארנישט, דעם צווייטען טאג, — גארנישט... דעם דריטען אבער, זי קאן זיך, אפנים, נישט איינהאלטען, זי נעמט די שאל.

— וואו אהין געהסטו?

זאגט זי, צו א חבר'טארין...

נעמט מען צו די שאל:

— דו געהסט צום ברעג!

— זאל זיין צום ברעג, וואס איז אייער דאגה?

א ווארט צו א ווארט, די בחור'טע איז מודה: זי טאנצט דארט, זי זינגט... זי האט דארט א פויער א געליעבטען, ער וועט ־־יט איהר חתונה האבען, זי וועט זיך שמד'ען...

נעמט מען די בחור'טע און מען בינדט זי צו מיט שטריק פון דער וועש ארום אויבען צום בעט. נישט אנדערש א דבוק! בעלות, וועט מען זי פיהרען צום אפטער...

ביים ברעג דערוויל: וואו איז מלכה? (מלכה האט זי גע־הייסען.) עס איז אהן איהר אומעטיג. זי טאנצט אזוי שעהן און זינגט. און אז זי צולאזט די האר איז—איי־איי!

שיקט מען געוואר ווערען... לויפט טאקע איהר „קאכאנעק"!

קומט ער צוריק מיט א געוואלד: ער איז ביים הייזעל געוועז. דורכ'ן פענסטערל אריינגעקוקט... און דערצעהלט כהויה, ווי זיין „קאכאנא מאלקא" איז געבונדען, דאס מויל מיט א שמאטע פאר־שטופט, און מען שלאגט... שפרינגט דער עולם אויף, ווי איין מענש, לויפט מען ראטעווען די „קאכאנא מאלקא". לויפט מען דורך דעם מארק, ווערט א מהומה, גוים באפאלען! ראמט מען אפ פון די שטעלען, פארקלאפט מען די קלייטען, פארהאמערט און פארריגעלט מען זיך אין די שטובען...

מען שטעהט אויף אין דערפריה: מלכה—צוגענומען, די מר טער—א חולה מסוכן, דער פאטער—איבער נאכט גרוי געווארען...

זיפצען די אלטע: גלות...

די יונגע אבער שרייען: „הכזונה...?" און ווי ווייטער שטעהט... נעמט זיך צוזאמען א מחנה בחורים, כאפט מען שטע־קענס און שטיינער און מען לויפט צום ברעג, אפשלאגען די אי־דישע טאכטער...

ווערט א מלחמה ביים ברעג. און יד ישראל תקיפה, קנאת השם צבאות. טוען אבער די פויערען צואוויסען אין פארשטאדט אריין. קומט מען זיי צו הילף מיט ווידלעס, מיט כלבים... גבורי ישראל האבען געווענדט דעם נאקען... קוים מיט'ן לעבען ארויס... מלכה'ס מוטער איז דעם טאג געשטארבען... דער פאטער האט פארהאמערט דאס הייזעל און איז אוועק אין דער וועלט אריין... און ערשט צום ווינטער צו, אז די פויערען האבען פארלאזט דעם ברעג און אהיים געגאנגען יעדערער אין זיין דארף אריין, צו זיין פויערטע און זיינע ילדים, ווייסט מען נישט, וואס עס איז גע־שעהען: צי איז זי, איבער דער צייט, די פויערען נמאס געווארען, אדער זיי האבען מורא געהאט, זי זאל נישט מיטלויפען מיט זיי אין דארף אריין, און האבען זי אין טייך אריינגעווארפען, אדער

א פארלאזטע האט זי זיך אליין א מעשה אנגעטאן, — געגנוג פאר ימים נוראים האבען זי די פישער ארויסגעצויגען פון טייך אין א נעץ, — מיט א שטיין אויף א שטריק ארום האלז, אן אנגעלאפענע, קוים צו דערקענען...

דעם גוף האט מען באהאלטען הינטער'ן פלויט; פון דער זינ־דיגער נשמה איז א דבוק געווארען!

די ערשטע האט זי סליחות־צייט דערזעהן אן אלטע גבאי'טע. קוים מיט'ן לעבען אנטלאפען און אין עזרת נשים כהויה פאר־צעהלט: געזעהן, פון בית־עלמין איז זי אנגעקומען פון הינטער'ן פלויט. געהט איבער'ן מארק, קומט צום פאטערס הייזעל צו, קלאפט אין טיר, ווארט א ווייל‌ע. מען ענטפערט נישט, געהט זי צום פענסטערל צו, פויקט אין די שויבען. מען ענטפערט נישט. הויבט זי אן שרייען: טאטע! מאמע! און צוקראצט זיך דאס פנים מיט די נעגעל...

באלד דערנאך איז עמיץ אין שטעדטעל אוועקגעפאלען. שיקט מען דאס דינסט־מיידעל אין דער אפטייק ארייין נאך צענים. קומט זי נישט צוריק. אין דערפריה געפינט מען זי לעבען הייזעל א פאר־חלש'ט, דערמינטערט מען זי, דערצעהלט זי:

געזעהן... אויגען ברענענדיגע, ווי די גלאווניעס, שווארצע האר צופלאסען איבער ווייסע תכריכים... און גראבעלט מיט די נעגעל אין טיר. און קרעכצט: טאטעשי, מאמעשי! און געהט דערנאך צום פענסטער, און קראצט די שויבען — טאטעשי, מאמעשי!

דערנאך האבען זי שוין אנדערע אויך געזעהן...

און נאך אנדערע, ביז מען האט זיך צוגעוואוינט צום דבוק... און אהן א פארטוך געהט אין ראביוו קיין אשה פאר דער טיר נישט ארויס, זאל דער דבוק קיין שליטא נישט האבען. —

— — — — — — — — — — —

און אז א זווג איז קיין רעכטער זווג נישט, מאכט זיך אזא מעשה:

איינמאל פארנאכט, שרה'לע טראגט אין שטוב ארייין די קיישלעך, די מוטער האט זיך ביי א קראם פארהאלטען, קלערט שרה'לע דערוויי‌ל פייער צו מאכען, נאר איידער וואס, איידער ווען, פאלט ארייין די מוטער מיט א שמחה, מיט א גדולה:

— וועסט שוין מעהר, טאַכטערשי, קיין קיישלער נישט טראַ־גען, צום ברעג נישט געהן.

שרה'לע ווערט בלאַס:

— וואָס איז, מאַמעשי?

— וואָס איז? דיין חתן איז געקומען פון וואַלד! געשיקט אַנזאָגען די בשורה. ר' פיניע האָט מיך פאַר דער טיר געטראָפען... באַלד קומט ער, מיט מניז, מיט כיבוד, ווי ער האָט צוגעזאָגט...

גיט זיך שרה'לע אַ וואָרף צום בעט מיט אַ גרויס געוויין...

— וויין, טאַכטערשי, וויין, אַ גוט מזל בעט דיר אויס! דיין מזל וועט אויפשיינען, ווי די זון, און איך וועל לעבען דיר אויך אויפגעריכט ווערען...

— און הערסט, טאַכטערשי, ער ברענגט טאַקע כיבוד. אָבער פטור בלא כלום וויל איך נישט! איך וועל אויך עפּעס געבען. האָב איך אַ פּאָר הערינג געברענגט, וועל איך קוילען, און קאַרטאָפּעל אין די מונדירען וועל איך אָפּקאָכען...

פאַרבאַרגט שרה'לע איהר פּנים אין קישען אַריין...

— ליג, ליג, טאַכטערשי... איך אין דיינע יאָהרען האָב אויך געוויינט, אויך געמיינט, גאָט ווייסט וואָס, און געשראָקען זיך אויף וואָס די וועלט שטעהט...

און זי נעמט זיך צו דער אַרבייט, לעגט אָן אַ פייער, שטעלט צו די קאַרטאָפּעל... דאָס פייערל קנאַקט אַזוי לוסטיג, דאָס טעפּעל הויבט אָן זידען, מען דאַרף שוין זייערען, דערמאָנט זיך פּלוצלונג די אלמנה: זאַלץ! פאַרגעסען...

— טאַכטערשי, שרה'שי, קרוין מיינע, טו אַ טובה דער מאַמען, לויף אַרויס נאָך אַביסעל זאַלץ...

און זי פאַלט צו איהר צו, אַז יענע ענטפערט נישט. און בעט, און גלעט, און קושט, און איז גוזר בכבוד אם.

— אַ'נישט, זייער דו די קאַרטאָפּעל, וועל איך לויפען נאָך זאַלץ...

הויבט זיך שרה'לע אויף און געהט נאָך זאַלץ...

געהט אַוועק אַ מינוט, צוויי, דריי, די קאַרטאָפּעל שוין אָפּ־געזייערט, זי קומט נישט צוריק. און די קראָם איז פאַר'ן הויז! לויפט די אלמנה צו דער טיר צו, קוקט אויפ'ן הויף אַרויס, מען זעהט נישט שרה'לען... רופט זי: שרה'לע, שרה'לע! קיינער ענט־

פערט נישט. דערשרעקט זי זיך, כאפט זי די שאל און לויפט ארויס. דאס הארץ זאגט איהר, אז עס איז, חס ושלום, אן אומ־גליק געשעהען...

און א מאמעס הארץ איז א שטיק נביא...

עס איז טאקע אן אומגליק געשעהען:

אין בעט ליגענדיג, האט זי זיך, אפנים, געווארפען, איז מעהר לויז געווארען און אויפגעבונדען זיך דאס פארטוך. האט זי עס, געהענדיג, אין הויף פארלוירען און נישט געפיהלט, און נישט אויפ־געהויבען, און איז אזוי ארוים פאר דער הויז־טיר צו דער קראם...

און אין מארק האט זיך, ווייזט אויס, ארומגעדרעהט דער דבוק... געוואלט אין עמיצען אריין, געזוכט אן אשה אהן א פאר־טוך... און שרה'לע איז פונקט ארוים אהנעם פארטוך... און אזוי ווי זי איז צוגעקומען צו דער קראם, און אזוי ווי זי האט געעפענט דאס מויל צו זאגען: זאלץ, האט זי גאר א געשריי געטאן, ווי די ערלים ביים ברעג:

— הוא—הא!

דער דבוק איז איהר אריין דורכ'ן אפענעם מויל!

און זי גיט זיך א ריס אראפ דאס טיכעל פון קאפ, צושיטען זיך איהר די האר איבער'ן האלז און נאקען, און עס פלאמען איהר, ווי די שווארצע קוילען, די אויגען אויף. —

און גיט א שפרינג ארויס פון קראם... און צולאזט זיך מיט א קול און זינגט אן אויסגעלאסען ליעדעל פון ברעג, און א לאז א טענצעל איבער'ן מארק... און נאך אמאל:

— הו—הא!

און — פייל פון בויגען צום ברעג...

אז די מוטער איז ארויסגעקומען, איז שוין דער מארק געווען ווי פארשטארט. נאר די קרעמעריין האט איהר קוים, מיט א פאר־שטארטען פינגער, געוויזען צום ברעג. —

— — — — — — — — — — — — —

זי וועלען שוין קיין גבורי ישראל נישט ראטעווען... מען גע־דענקט יענע מלחמה... עס דרעהען זיך נאך ארום אלטע אידען, דער אהן אן אויער, יענער מיט א האלבער נאז... און מען קרעכצט...

איז דאך אבער די אלמנה א מאמע, לויפט זי אליין!

קומט זי, טרעפט זי די טאכטער אין א מיט רעדעל. מיט איין

נאָקעטער האַנט אַרום האַלז, מיט דער צווייטער אַ יונג פּויערל אַרומגעכאַפּט... זי טאַנצט מיט איהם! דאָס פּייערל פּייפּט, די פּי־דעל שפּילט, דאָס רעדעל אַרום פּאַטשט צו מיט די הענט, טופּעט מיט די פּיס...

אַ מאַמע איז אַ מאַמע, רייסט זי זיך אין רעדעל אַריין:

— מענשען, — שרייט זי, — מענשען־רוצחים, מענשען־גזלנים! זעהט איהר דען נישט, אַז עס איז אַ באַזעסענע, אַ דבוק...

„אַפּענטאַנאַ“ — שרייט זי אויף פּויליש...

פאַר דער מאַמען רוקט מען זיך אָפּ; פאַר איהר קול דער־שרעקט מען זיך. „דבוק“ מאַכט אַ רושם. דאָס פּייפערל בלייבט שטיל, די פידעל פאַרשווייגט. און זי לויפט צו דער טאָכטער צו, רייסט זי אָפּ פון פּויער, איהם שטויסט זי אָפּ אַן אַ זייט.

און שרייט צום עולם:

— זעהט, — שרייט זי — די אויגען איהרע... די האָר די צופלאָסענע זעהט... דעם גאַנצען גוף, ווי ער טרייסעלט זיך... אַ משוגעת, אַ דבוק... מיט וועמען טאַנצט איהר? וואו זענען אייערע אויגען געווען?

— נאָך קיין האַלבע שעה נישט, קלאָגט זי, אַז דער דבוק איז אין איהר אַריין...

— תנאים געזאָלט זיין, — צוואוויינט זי זיך, — צודריקענ־דיג די טאָכטער צום האַרץ — אַ שמאַלץ־גרוב... האָב איך זי נאָך זאַלץ געשיקט... אין מאַרק איז אין איהר דער דבוק אַריין, אפשר מלכה'ם דבוק...

דאָס מאַכט נאָך מעהר רושם...

די פּויערען טראָגען זיך אָפּ אין די הייזלעך אַריין... די מוטער דריקט פעסטער די טאָכטער צום האַרץ:

— שרעק דיך נישט, טאָכטערשי, צאַפּעל נישט אַזוי, מאָרגען טרייבט מען דיר, מיט זיין ליעבען נאָמענס הילף, דעם דבוק אַרויס...

און פיהרט זי, אַ האַלב טויטע, אַהיים...

דער אפטער, זכר צדיק לברכה, האט צומארגענס זיין שטע־קען דעם אלטען ראכיווער רב צוגעשיקט און אנגעזאגט, ווי אזוי ארויסצוטרייבען דעם דבוק...

און באלד אין דערפריה האט מען זיך גענומען דערצו.

מען האט אין־שול־אריין געקלאפט, פול איז שוין די שול, און ווייבער — אין עזרת נשים פול...

און מען האט א טהרה־ברעט געבראכט, אויפ'ן שלחן פון בעלעמער געשטעלט, און שרה'לען אויפ'ן ברעט ארויפגעלעגט, און מיט א שווארץ טוך באדעקט.

און מיט'ן אפטער, זכרונו לברכה'ס, שטעקען איז באלד דער־נאך דער אלטער רב אויף די טרעפלעך צום ארון־קודש ארויף, מיט'ן פנים זיך צום בעלעמער געשטעלט... און ער קוקט, און מורמעלט וואס מען דארף, און גיט פלוצלונג דריי מאל מיט'ן שטעקען אין טרעפעל א קלאפ, און א געשריי:

— דבוק ארויס!

אויפ'ן עולם פאלט אן אימה. דער דבוק אבער שווייגט: רופט ער נאך אמאל:

— דבוק ארויס... איך בין גוזר; דבוק ארויס!

דער עולם ציטערט, אין עזרת נשים חלש'ט מען; דער דבוק שווייגט.

אבער צום דריטען מאל, אז דער אלטער רב האט דערמאנט די פמליא של מעלה און געזאגט, ער וועט איהם לעגען אין חרם אריין, און אז דער אפטער וועט מסכים זיין, —

ערשט דאמאלט האט דער דבוק א קרעכץ געטאן פון אונטער'ן שווארצען טוך:

— כ'קאן נישט, רבי!

— פארוואס?

— ווי ארום, רבי, זאל איך ארויס? דורך דער טיר? שטעהט דארט די בעל־הנס־פושקע און דער נר תמיד ברענט!

— דורכ'ן פענסטער!

— אלע שויבען זענען גאנץ...

פונקט האט א גלעזער פאר עטליכע טעג אויף דער לאטעריע געוואונען און נייע שויבען אריינגעשטעלט...

כאַפּט דער רב דעם שטעקען, וואַרפֿט אין פֿענסטער אַריין. אויף פּיצפּיצלעך האָט די שויב געפּלאַצט — — —
און דער דבוק איז אַרויס...
נאָר אַז מען האָט דאָס שוואַרצע טוך אויפֿגעדעקט, איז שרה'לע געלעגען — אַ טויטע...

דער ארענדאר.

קאפיטעל 1.

אן ארענדאר א קמצן
און תפלות פון אן אשת.

אין פוילען דער מדינה, הינטער צויזמער, וואס ביי דער ווייד־סעל, האט געלעבט א איד אן ארענדאר.

איז דער ארענדאר געווען א גרויסער חשוב ביים פריץ, און דער פריץ איז א גרויסער מאגנאט געווען. איז ער, דער ארענדאר, געקומען צו גרוים עשירות.

האט ער געהאט פאלווארקעס מיט וואלד און פעלד, און הערט־שאפטען פון שאף און רינדער, און הייזער, און ברייי־הייזער, און מיהלען, אויף וואסער און ווינט; און מזומנים גאר פיעל, אחוץ חובות ביי לייט...

מילא, אז זיין ליעבער נאמען שענקט מזל, איז אודאי גוט.

איז אבער דער איד א גראב נפש געווען, און א קמצן א גרוי־סער, און נישט געוואוסט פון קיין צדקה: נישט מיט ליד, נישט מאיר־בעל־הנס, נישט מעות חטין, גארנישט, — און לאזט נישט קיין אורח איבער דער שוועל.

א ווייב האט ער געהאט דוקא אן אשה צנועה וחשובה, פלעגט ער איהר אנטאן געברוינטע לייד, פאר א גראשען צדקה, וואס זי פלעגט טון אהן זיין וויסען, פייניגען פלעגט ער זי דערפאר.

וואוילע קינדער האט ער געהאט, — אפנים, אין דער מוטער אריין געראטען, — האט ער די אינגלעך אין חדרים אריין, אין שטאדט אריין נישט געשיקט; עס זענען איהם די פערד א שאד געווען. און ביי זיך קיין רעכטען מלמד נישט געהאלטען, נאר א בעלפער בחצי חנם, וואס האט זיי קוים עברי אויסגעלערנט.

האט פון דעם די אשה נאך מעהר צער געהאט.

פלעגט זי גאנצענע טעג ווערגען זיך מיט די טרערען אין האלז. ביינאכט מיט די טרערען, די שטילע, אויסנעצען די קישענס. און ערשט ימים־נוראים, אז מען פלעגט קומען אין שטאדט אריין, האט זי אין עזרת נשים זיך רעכט אויסגעוויינט דאס הארץ, די וועלט איינגעריסען.

און א תפלה אן איינאיינציגע האט זי געהאט אויף די ליפען און אין׳ם צוואוועהטאגטען הארץ:

„זאל זיין ליעבער נאמען זיך מרחם זיין אויף איהר מאן און איבערבייטען זיין הארץ צום גוטען. זאל ער נישט זיין אזוי אריינגעטאן אין דער תאוה פון עשירות און אין עולם הזה פון אכילה ושתיה... זאל ער די נשמה אויך נים פארגעסען. זי זאל, חס ושלום, אז עס וועט קומען די צייט, נישט פארפאלען ווערען אויף כף הקלע...״

און אזוי האט זי געבעטען:

„זעה, רבונו של עולם, גוטער גאט, הארציגער גאט, ער זאל באצייטענס נאך תשובה טון...״

„זאל ער מיט א ברייטער און פולער האנט צדקה געבען, זאל ער א מכנים אורח ווערען, און זאל מחנך זיין די קינדערלעך אין גאטס וועג, און מגדל זיין לתורה ולחופה, ולמעשים טובים...״

וואס קאן מעהר טון א צובראכען הארץ פון א אידענע?

קאפיטעל 2.

אן ארעמער געהער לאכט
און דער ארענדאר געהט זיך באדען.

איינמאל, פרייטאג ביינאכט.

זומער־לעב געווען, א טאג — א גאלדענער.

זיצט דער ארענדאר, מיט דער גאנצער משפחה, אונטער׳ן פרייען הימעל, אין גארטעל פאר׳ן הויז, ביים אנבייסען.

א דעמב א ריז, מיט צולאזטע צווייגען איז אין גארטעל געשטאנען; האט מען אין׳ם שאטען פון דעמב דעם טיש געדעקט.

מיט כל טוב; פיש, פלייש און צימעס, און א שטרודעל; ביים פריץ אויסגעלערנט. און א פלעשעל אלטען מעד ביים טיש; כיד המלך.

זיצט ער זיך אויבען־אן דער ארענדאר, שעפט נחת פון דער אכילה, פארטרינקט מיט'ן אלטען מעד, און איז מקבל תענוג פונ'ם עולם הזה, סמאטשקעט מיט די פעטע ליפען, —

קומט, פון צווישען די בוימלעך אין גערטעל, פלוצלונג ארויס אן ארעמער געהער, מיט'ן פעקעל אויף די אקסעל...

וואס טראגט ארום א געהער? בענדער און בענדלעך, קעמע־לעך, נאדלען און האר־נאדלען, און שפיעלצייג פאר קינדער... וכדומה אזוינע קלייניגקייטען...

דערזעהט ער די משפחה ביים טיש, שטעלט ער זיך שטיל אפ, לאזט אראפ דאס פעקעל פון די פלייצעס, גלייכט זיך אביסעל אויס — אן אלטער גרויער איד געווען, און א שוואכער, נעבעך. בעט ער זיך, דער ארעמער געהער:

— קויפט עפעס, אידען, לאמיך פארדינען אויף שבת...

ווייל זיך צו איהם די אשה אויפהויבען; ווארפט אויף איהר דער ארענדאר א בייזען בליק, בלייבט זי, נעבעך, זיצען...

— זעהט — מאכט דער געהער — די זון איז שוין אזוי הויך, און איך האב נאך אויף שבת קיין סימן און קיין צייכען נישט.—

— אוועק! — טרייבט דער ארענדאר, טרינקענדיג...

— שענקט מיר כאטש — רופט זיך אן דער געהער — א ביסען אין מויל אריין. די נשמה צו דערכאפען... כאטש וואסער א טראפען; ס'ברענט אזוי די היץ...

שלינגט די אשה די געזאלצענע טרערען און שווייגט. קאנען די קינדער נישט צוזעהן דער מוטערס צרות און דעם געהערס נויט, און הויבען זיך אויף, און געהען אוועק פון טיש, טיפער אין גער־טעל אריין, און דער ארענדאר שפרינגט אויף מיט גרוים גרימ־צארן:

— בעטלער־קבצנים, האב איך פיינט, הערסט? ! כ'רוף דעם משרת, ברעכט ער דיר א ביין!

הויבט דער געהער צוריק אויף דאס פעקעל אויף די פלייצעס, קרעכצט אפ און, האלטענדיג אין געהן, פרעגט ער:

— און פאר גאט, ארענדאר, האט איהר גאר קיין מורא נישט?

— ניין!
און ער צופראלט זיך, דער עם־הארץ:
וואס קאן איהם גאט טון?
וועט ער שיקען א פייער פון הימעל און אוועקלאזען די הייזער, ברייז־הייזער און די מיהלען, מיט די שפייכלערס מיט תבואות — מיט׳ן רויך, בלייבען איהם נאך אלץ די פאלווארקעס מיט וואלד און פעלד...
און דער אלטער מעד שטייגט אלץ מעהר און מעהר אין קאפ אריין, און ער באריהמט זיך ווייטער:
און זאל ער יאהרען־לאנג נישט לאזען וואקסען אין פעלד. בלייבט איהם נאך אלץ די והותר: מזומנים אין קאסע, וועקסלען אין טייסטער...
און זאל ער שיקען גנבים, זיי זאלען אויפברעכען די קאסע און צונעמען אלץ... מאנט ער אלץ די חובות אפ... זיין פריץ איז דער שופט, און וועט איהם גלויבען אויפ׳ן ווארט.
צואווייגט זיך די ארעמע אשה, די ווערטער הערענדיג, אויף א קול, און געהט אויך אוועק פון טיש... צולאכט זיך פלוצלונג דער געהער און נעמט זיין וועג, און פארשווינדט צווישען די בוימער. און דעם ארענדאר ווערט עפעס אין אלע אברים הייס.
נעמט ער א האנטוך פון שטוב ארויס און געהט זיך באדען צו דער ווייקסעל...

קאפיטעל 8.

א פויגעל לאכט און דער
ארענדאר בלייבט א נאקעטער.

באדט ער זיך אזוי און קיהלט זיך, און שעפט נחת פון קאלטען וואסער, און שווימט — א יונג מיט בייגער געווען! — מיט׳ן וואסער, קעגען וואסער, און ארום און ארום דער קעמפע, וואס איז אין דער מיט פון דער ווייקסעל הינטער צווימער, און מאכט קונצען אלערליי: אויפ׳ן רוקען און טריט־וואסער, און לעגט „שטילע הענט“ — —

דערהערט יר פלוצלונג פון דער קעמפע, פון צווישען די ני־דעריגע בוימלעך, וואס וואקסען דארט, א פויגעל־קול, פארנעמט עס איהם, דער קול; ער האט נאך אזא שפילען פון א פויגעל נישט געהערט...

האט ער דאך תאוה צו אלעם; מוז ער דעם שפיל־פויגעל האָ־בען, אין שטוב אין א שטייגעל האלטען, אזא שפיל־פויגעל האט דער פריץ נישט!

שפרינגט ער אויף דער קעמפע ארויף — דערזעהט ער דעם פויגעל...

אויף א צווייגעל פון א נידעריגען בוימעל איז ער, דער פוי־געל, געשטאנען, און, אחוץ דעם זיסען קול, א פויגעל — א פארנע־מעניש; א גאלדענער פויגעל. און רוהיג שטעהט ער זיך, דער פוי־געל, און זינגט זיך זיין ליעד, גלייך ער זעהט זיין שונא נישט.

שלייכט ער זיך, דער ארענדאר, צום בוימעל צו, און שפרינגט אונטער מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט און כאפט — לופט אין דער פויסט אריין. דער פויגעל האט זיך איבערגעהיפט אין דער שטיל, אויף א צ׳וויג — אן אנדערען, אויפ׳ן בוימעל פון דער צווייטער זייט...

געהט ער נאך, דער ארענדאר, אויף די נעגעל. שפרינגט ער ווייטער אונטער, היפט דער פויגעל ווייטער שטיל אוועק, און שטעהט שוין אויף אן אנדער בוימעל. שלייכט ער זיך ווייטער צו, היפט דער פויגעל, ביי זיין שפרונג, צו א דריטס אוועק, און שטעהט שוין ווייטער, און שפילט! שלייכט ער זיך איהם אלץ נאך און נאך, פון צווייג צו צווייג, פון בוימעל צו בוימעל... ער שפרינגט, דער פויגעל היפט... אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז דער ארענדאר פאלט אין כעס אריין און רופט צום פויגעל אזוי:

— ווארט, ווארט! כאפען וועל איך דיך שוין, מיך וועט נישט מיך מאכען קיין פייגעלע, נאר שוין נישט דיין זינגען וויל איך אצינד, איך האב דיך שוין פיינט! דערווערגען וועל איך דיך, פייגעלע, און ווארפען פאר מיין הונט...

צולאכט זיך פלוצלונג דער פויגעל ווי א מענש, און ניט א שאס ארויף אין דער הויך, און פארשווינדט אונטער׳ן הימעל.

בלייבט דער ארענדאר שטעהן פארטומעלט. עס דאכט זיך איהם, אז דאס איז דער זעלבער קול, מיט וועלכען דער ארעמער

געחער האָט געלאַכט. לאָזט ער זיך, מרה־שחורה׳דיג, צוריק אין וואַסער אַריין און שווימט, שוין אָהן גבורות און קונצען, צוריק איבער דער ווייקסעל, צום אָרט, וואו ער האָט זיך אויסגעטאָן, און געפינט די זאַכען נישט!

קאַפּיטעל 4.

דער אַרענדאַר נעמט ביי זיין
אייגענע הויז קצבה און אַנט־
לויפט צום פריץ.

אַז דער אַרענדאַר האָט דערזעהן, אַז די זאַכען זענען נישטאָ, האָט ער, ווי דער שטייגער איז פון אַ גראָב נפש, אָנגעהויבען צו פלוכען אויף אַ קול.

שילט ער דעם גנב, וואָס האָט איהם איבערגעלאָזט אין איין חוים.

דערנאָך לויפט ער אויף־און־אָפּ ביים ברעג פון דער ווייקסעל און שרייט, און רופט. — ענטפערט איהם אַ צוריסענער דעמפּי־גער ווידער־קול פון נאָהנטען שיטערען וועלדעל.

די זון האַלט אין זינקען; קיין לעבעדיגע נשמה אויף וויזע און פעלד — לאַנג שוין אָפּגעשטעלט די אַרבייט — —

אַ מעסער*) קומט אַז צו שווימען איבער דער ווייקסעל; פון דאָרט וועט ער קיין הילף נישט באַקומען. און ער וועט דאָך נישט געהן אַ נאַקעטער איבער דער פאַרשטאָדט. מען וואָלט געלאָפען אויף זיין בייז וואונדער; געמיינט: משוגע געוואָרען דער אַרענ־דאַר...

דערווייל דערשפּירט ער הונגער: נאָכ׳ן באָדען מיט׳ן שווי־מען, און אַזוי לאַנג אין מויל נישט געהאַט.

און קעלט דערצו: צוגעפּאַלען אַ קיהלער אָוועגט; עס קלאַפּט איהם אַ צאָן אָן אַ צאָן...

דערמאָנט ער זיך, אַז הונגער און קעלט זענען צוויי קבצנ׳ישע

---

*) פּאָס, טראָטואַר.

זאכען; ווערט ער אומרוהיג. באפאלט איהם נאך א גרימצארן אויף זיך אליין: ווי לאזט זיך א מענש אזוי אראפפיהרען פון וועג פון א נארישען פויגעל; ווארפט ער זיך אויף דער ערד מיט א שטומען כעס. —

אין די אראפגעלאזטע זון קוקט ארויס פון דער ווייקסעל מיט א ברענענדיגע ראנד, גלייך זי שפעט אויס איהם.

די אידישע הייזלעך אויפ'ן רוקען פון בערגעל הויבען אן דער־ווייל אויפצושיינען, און די פענסטערלעך בליצען שבת'דיג, נחת'־דיג.

אין פארשטאדט צינדען זיך פאמעלעך אן די קליינע פויערישע פענסטערלעך און פרעהליך טאנצען די פייערלעך; פייערלעך ווייזען זיך אויך אויף די שווימענדיגע פאסען איבער דער ווייקסעל.

קומט איהם אוים, אז דאס אלץ איז איהם להכעים...

איז ווענינ, שווימען נאך אן אין דער שטילקייט קלאנגען פון אלע זייטען: פון שטאדט — „קבלת־שבת"; פון פאר־שטאדט — דער געזאנג פון פויערישען יונגווארג אין גאס; אויף א פאס שפילט עמיץ מאנדאלינע; א פייפערל העלפט אונטער...

און ער מוז דא ליגען אין געהאקטע וואונדען.

צורייצט עס איהם נאך מעהר.

ליגט ער אויף דער ערד, און בייסט די נענעל פאר כעס, אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז אלץ איז שטיל און אויסגעלאשען געוואָ־רען. און הויבט זיך אויף, און לויפט אהיים אויף הינטער־וועגען, איבער די וויזען; נעץ ארויס, נעץ אריין...

קומט ער, אהן אטעם און קוים א לעבעדיגער צו צום הויז, איז עס שוין איינגעהילט אין חושך: טיר און טויער פארהאמערט, די פענסטער — פארמאכט און פון אינעווייניג פארלאדענט...

פאלט ער ערשט רעכט אין כעס אריין:

— כאליען שוין; נישט געווארט אויפ'ן בעל־הבית!

ער וועט זיך שוין אפרעכענען מיט אלע; מיט דער פלונית'טע דער עיקר... דעם משרת וועט ער ארויסטרייבען ווי א הונט...

און גיט א לויף צו צום טויער, און הויבט אן קלאפען מיט די פויסטען.

לויפט פון קיך, אויפ'ן הויף ארויס, דער משרת מיט א גע־שריי:

— עה, דו שלעפער איינער! דא איז נישט קיין אורחים־הויז! דער בעל־הבית וועט דערהערען, הייסט ער דיר ברעכען א ביין!

פאלט עס דעם ארענדאר, ווי א בליי אויפ'ן הארץ; די ווער־טער האט ער דעם ארעמען געהער געזאגט: „ער וועט איהם היי־סען ברעכען א ביין!".

דערווייל איז דער משרת צוגעקומען און ארויסגעקוקט דורך א שפארע פון טויער. דערזעהט ער א נאקעטען, כאפט ער זיך אן ביי די זיימען פאר געלעכטער:

— א נאקעט משוגעת, כא־כא־כא!

לאבען דעם ארענדאר אין די אויערען: דער משרת, דער גע־הער און דער פויגעל צוזאמען. לויפט ער אוועק צום פענסטער פון זיין שלאף־שטוב —

— גיטעלע, — קלאפט ער אן, — גיטעלע, עפען מיר אויף...

דערהערט ער, ווי א קול פון א מאנספערשוין, נאר עפעס אזוי ערנליך צו זיין אייגענעם קול, פרעגט אין שטוב מיט גרוים וואונ־דער:

— גיטעלע, ווער קאן דיך עס רופען ביינאכט, און איהרצט דיך אפילו נישט?!...

— כ'וויים נישט, מיין מאן, — הערט ער גיטעלעס ענטפער.

— עפען אויף לאדען און פענסטער, און גיב א קוק, — אפשר האט זיין ליעבער נאמען, וואס האט דיך איבערגעביטען, דיר א מצוה צוגעשיקט...

„איבערגעביטען? ווען? ווי אזוי פארביטען?" ארבייט אומ־זיסט דעם ארענדארס מוח. עפענט זיך דערווייל, פון אינעווייניג, דער לאדען, דערנאך דאס פענסטער, און עמיץ קוקט ארויס — —

ווערט דער ארענדאר שוין גאר צוטומעלט: זיין פנים, זיין העמד, רויט אויסגענעהט, — אויך נאכגעמאכט דעם פריץ! — און זיין שלאף־מיצעל מיט'ן זילבערנעם קוויטעל —

און „יענער" — הערט ער — זאגט:

— געה נישט צו, גיטעלע, עפעס א נאקעט משוגעת... א רחמנית! דערלאנג מיר פאר איהם עפעס, די חרפה צוצודעקען; נאר אלטווארג, גיטעלע, ער וועט אין זיין משוגעת סיי ווי סיי אלץ פון זיך אראפרייסען...

— גיב, גיטעלע, א העמד, א פאר פלודערען... און א היטעל,

— מיט'ן בלויזען קאפ איז ער אויך! — און א חלה, גיטעלע,— ער איז אודאי אויסגעהונגערט, נעבעך!

בלייבט דער ארענדאר פארשטיינערט, און אין א ווײלע ארום זעהט ער מיט אויסגעגלאצטע אויגען, ווי „יענער" ווארפט איהם דאס אלץ ארוים! און דאס פענסטער ווערט באלד פון אינעווייניג פארמאכט און פארלאדענט...

— אן אומגליק האט מיך געטראפען, — ברעכט זיך דער ארענדאר די הענט, — עפעס א שווינדלער געקומען, פארשטעלט זיך און צוגענומען מיין האב־און־גאב...

לויפט ער צום לאדען פון דער קינדער־שטוב, קלאפט אן און רופט:

— יענקעלע, משה'לע, שיינדעלע! אייער טאטע קלאפט! עפענט אויף! ס'האט איהם אן אומגליק געטראפען...

זענען, אפנים, די קינדער נאך נישט געשלאפען.

ענטפערט יענקעלע פון בעט ארויס:

— מאכט נישט קיין חוזק, איד... מיין טאטע איז ערשט די רגע דא געווען... די קישענס מיר פאררוכט...

משה'לע באריהמט זיך:

— מיט מיר קריאת־שמע געלייענט...

שיינדעלע מיט'ן קלינגענדיגען קול'כעל באשטעטיגט:

— יא, יא! און אונז אלע דריי, צום ערשטען מאל, געקושט... א „גוטע־נאכט" געזאגט...

מיט מיר וועט ער אלע אווענט קריאת־שמע לייענען! — באריהמט זיך משה'לע ווייטער.

און יענקעלע שיט צו זאלץ אויף די וואונדען:

— און היינט אין שטאדט געווען, דער טאטע! פאר אונז א מלמד באשטעלט; ר'וועט קומען מוצאי־שבת, באלד נאך הבדלה וועט ער קומען; יא, יא!

גיט נאך שיינדעלע, נאך א ישוב, צו:

— הערט, ר' איד! נארען דארף מען נישט... נאר אויב עס פעהלט אייך עפעס, האט קיין מורא נישט, קלאפט אן ביים טאטי־שעס פענסטער... ווארים, די מאמע זאגט, אז גאט, ברוך הוא, האט אויסגעהערט איהר געבעט, און דעם טאטען איבערגעבי־טען, א גוטען, וואוילען טאטען האבען מיר אצינד! —

„שלעכט, דא איז א שרעקליכער שווינדעל געשעהען!“ — פלאמט אויף איין ארענדארס מוח, — אפגענארט דאס ווייב, די קינדער! מען מוז, כאטש האלבער נאכט, לויפען צום פריץ! אין קייטען וועט ער איהם פארשיקען!“

קאפיטעל 5.

דער ארענדאר באקומט שמייז
און שלאפט איין אין ראוו
ביים וועג.

וועט ער דאך נישט לויפען נאקעט, און די גערערים ליגען איהם נישט אויף איין ארט; לויפט ער צוריק צום ערשטען פענס־טער, כאפט און מאכט צוויי־דריי בים פון קוילישט, ציהט אויף זיך אריף די בגדים, טראכטענדיג דערביי מיט כעס:

„אהא! דאס האט די פלונית'טע, אהן מיין וויסען, פאר די שנארערס אנגעגרייט! באצאהלט וועט ווערען מיט'ן פריץ'ס הילף — מיט פראצענט!“

און ער לויפט.

לויפט ער איבער'ן גערטעל און שלאגט זיך, אין איילעניש, אז אן א בוים; פונקט אז דעם בוים, אונטער וועלכען דער ארעמער נעהער איז געשטאנען.

— תליון מיינער! — שריים ער אוים, — גלייך יענער וואלט נאך דארט געשטאנען, און לויפט ארוים, מיט שוויים באדעקט.

צום פריץ איז א מהלך. זומער איז די נאכט נישט קיין גרויסע. קומט ער צו צום הויף, הויבט שוין אן גרויען דער טאג.

זעהט ער דורך די אייזערנע שטאכעטען, אז דער פאלאץ איז באלייכט; עס רודערט זיך אין פאלאץ. אין גרויסען, ברייטען הויף שטעהט געשפאנט דעם פריץ'ס קאטש, די פערד הירזשען און קלא־פען מיט די פאדקאוועס אז די שטיינער, — דער פריץ קומט ארוים. זעצט זיך אין קאטש אריין, מען עפענט דאס טויער... א קנאק מיט דער ביימש, די קאטש ריהרט פון ארט. — ארום דער קאטש רייטען פיער בין פריץ'ס קאזאקלעך, מיט שטורקאצען אין די הענט; נאך

דער קאטש — די רעשט...

מען פאהרט ארוים פון טויער.

מיין ארענדאר קלערט נישט לאנג, גיט זיך א ווארף פאר די פערד אין דער ברייט, דער שמייסער האט קוים צייט געהאט איינ־צוהאלטען די פערד.

— וואס איז? — פרעגט דער פריץ פון קאטש ארויס.

לויפט צו צום ארענדאר א קאזאקעל און בויגט צו איהם אראפ דעם שטורקאץ, קוקט און ענטפערט צו דער קאטש צו:

— עפּעס, אן ארעמער איד!

שפרינגט אויף דער ארענדאר:

— פריץ־לעב, חלילה, נישט קיין ארעמער איד... איך, דיין ארענדאר, מיט א נויטיג משפט... סכנת נפשות! א גנב, א שווינד־לער —

— ווער עס איז, — האקט איהם דער פריץ איבער, בייז,— איך פאהר צום סיים, —

און אז דער ארענדאר וויל נישט אפטרעטען:

— זאל ער געהן צום רב! טרייבט איהם פון וועג!

קארגען די קאזאקלעך פאר א איד קיין נאהייקעס נישט: קאלערט זיך דער ארענדאר, אונטער די שמיץ, פון וועג אראפ, אין ראוו אריין...

די קאטש איז פארשוואונדען.

שטיל איז געווארען. און דער געשמיסענער, צוואוועהטאגטער ארענדאר שלאפט איין אין ראוו ביים וועג...

קאפיטעל 6.

פון ראוו צום רב,
פון רב אין הקדש אריין.

נישט לאנג איז דער ארענדאר געשלאפען אין ראוו...

קוים האט זיך רעכט געדויטעלט דער מארגען, און פון די פענס־טער אין פאלאץ, די געביידען ארום פאלאץ, און פון די ווערבעס

איןביידע זייטען טראקט האבען זיך אויפגעהויבען פייגעל, גאנצע שארען מיט אמאל, און געלאזט זיך מיט גערויש און געפילדער ארויף, ארויף צום ליכטיגען הימעל...

האט עס איהם אויפגעוועקט. פארשטעהט ער נישט, וואס ער טוט דא? וואס עס ברעכען איהם אזוי אלע ביינער? ווי קומט ער צו ליגען און שלאפען אין ראוו? וואס פאר קליידער טראגט ער עס? וואס פאר א בייזער חלום חלומ'ט זיך איהם?

פליהט גראד א פייגעלע נידעריג פארביי, מאכט א ראד ארום זיין קאפ, קיקט איהם מיט די לוסטיג־לאכענדיגע אויגעלעך אין פנים אריין; דערמאנט ער זיך פלוצלונג אלץ מיט אמאל, און כאפט זיך אן ביים קאפ...

מען האט איהם בא'גנב'עט און באשווינדעלט, און דער פריץ, דער שופט, איז אוועק קיין ווארשוי צום סיים! איבערגעלאזט איהם, ווי א יתום...

פאלט איהם איין: אז מען מוז דערוויילאפראטעווען די חובות ביי לייט.

לויפט ער צו דער פארשטארט, קלאפט אן ביים ערשטען בעס־טען פויערישען בעל־חוב —

— עה, וואסיל, כ'דארף גראד נויטיג געלט, גיב מיר אפ דעם חוב, אדער א ראטע אויפ'ן חוב —

קוקט וואסיל דורכ'ן פענסטערל ארויס און פרעגט:

— ווער ביסטו, איד? וואס פאר א חוב האסטו ביי מיר?

— דערקענסט מיך נישט? איך בין דאך דער ארענדאר!

צולאכט זיך וואסיל אויף א קול און קומט ארויס מיט דער גאנצער משפחה פאר דער טיר.

— געפעלט אייך — פרעגט ער — אזא משוגעת? טראג דיך אפ, איך רייס אויף דיר אן די הינט...

לויפט דער ארענדאר צום צווייטען בעל־חוב, און טרעפט איהם שוין פאר דער טיר.

מיט גראבעלס צום היי געהט ער. דערזעהט איהם דער פויער, לויפט ער צו צום פענסטערל, פויקט מיט די פינגער דורך דער שויב אין שטוב אריין און רופט:

— עה, קינדער! קומט ארויס, וועט איהר זעהן א משוגע'נעם איד...

און אזוי איבער דער גאנצער פארשטאדט. מען לויפט אויף זיין בייז וואונדער; מעןווארפט איהם נאך שטיינער און שטע־קענס; די הינט רייסען איהם די פאלעס.

קוים א לעבעדיגער איז ער פון פארשטאדט ארויס, אין שטאדט אריין געקומען, און לויפט צו די אידישע בעלי־חובות...

און ער האט שוין די עזה נישט צו זאגען, אז ער איז דער ארענדאר. זאגט ער, דער ארענדאר האט איהם געשיקט נאך געלט! און גיט סמנים, און ווייסט דאך און קאן געבען אמת'ע סמנים... טרייבט מען איהם פון טיר צו טיר ווי א סוטה: א איד — א משוגעת, קומט שבת נאך געלט!

זעהט ער, אז ער איז אינגאנצען פארלוירען, זעצט ער זיך אנידער אינמיטען מארק אויף א שטיין און וויינט אין הארץ אין דער שטיל, מיט טרוקענע אויגען —

דער עולם געהט פארביי דאווגען, ווייזט אויף איהם איינער דעם צווייטען:

— געבעך, א משוגענער איד... ווער ווייסט, פון וואנען...

אינגלעך שטעלען זיך אפ... מען ווארט נאר, די עלטערע זא־לען אוועקגעהן אין שול אריין, וועט מען זיך נעמען צום משוגעת... מען זאמעלט שוין שטיינדלעך אין די טאשען אריין.

כאפט ער זיך אויף און אנטלויפט בייצייטענס בארג־אראפ, צום וואסער צו. דערזעהט ער זיך אינ'ם וואסער, דערקענט ער זיך נישט! גאט, ווי ער זעהט אוים: צוזווארפען די האר, צו־קנייטשט און צוקנוידערט דאס פנים, איינגעפאלענע ברענענדיגע אויגען... און עפעס גרויער איז ער געווארען איבער נאכט! כאפט איהם אן א גרויל: עפעס איז ער אזוי עהנליך געווארען צום ארע־מען נעהער, וואס ער האט ערשט נעכטען פארטריבען...

לויפט ער, ווי משוגע, ביים ברעג פון דער ווייקסעל, א גאנ־צען שבת, אויף און אפ, ביז די זון איז אונטערגעגאנגען, — דער־מאנט ער זיך פלוצלונג, אז דער פריץ האט איהם געהייסען געהן צום רב. ער וועט דעם פריץ פאלגען, ער האט קיין אנדערע עצה נישט. — לויפט ער צוריק דורך הינטערגעסלעך אין שטאדט אריין צום רב, געהט שוין דער רב ארום איבער דער שטוב נאך הבדלה.

פאלט ער אריין מיט א געשריי:

— רבי. איהר מוזט מיך ראטעווען!

דערלאַנגט איהם דער רב קודם כל — „שלום“ און פרעגט, ווער עס איז.

בלייבט ער שטעהן:

— רבי, איך בין דאָך... דער אָרעמאַן בין איך דאָך... — שטאַמעלט ער שוין מיט אַ נישט-זיכערען קול. צווייפעלט ער שוין אַליין, צי ער איז ווירקליך דער אָרעמאַן.

קוקט אויף איהם דער אַלטער רב אַ לאַנגע ווײַלע מיט גרויס רחמנות, און זאָגט דערנאָך אַזוי:

— דעם אָרעמאַן — זאָגט ער — קען איך זעהר גוט... זיצט דערווייל, רב איד...

זעצט ער זיך, דער אָרעמאַן, דער רב קענענאַיבער.

— פאַרשטעהט איהר מיך, — זאָגט דער רב, נישט אָראָפּ-לאָזענדיג פון אָרעמאַן דאָס רחמנות'דיגע אויג — ער איז ביי מיר פרייטאָג נאָכ'ן אָנבייסען געוועזן, דער אָרעמאַן...

חערט ער אין נעהאַקטע וואונדען, און דער רב פאַרצעהלט:

— ער האָט זיך, הערט איהר, שטאַרק געענדערט, דער אָרעמאַן; גאָר איבערגעביטען...

— ווי הייסט? — וויל אויפשפּרינגען דער אָרעמאַן.

לעגט איהם דער רב אַ האַנט אויף אַן אַקסעל און זעצט איהם צוריק, און פאַרצעהלט ווייטער:

— געוועזן... געװאָרען אין פשטות אַריין, אַהן גאוה... אַסך גע-רעדט... מענשליך... אידישליך... און איבערגעלאָזט דערנאָך, אַ היבש ביסעל געלט פאַר אָרעמע לייט... און אויף הלבשה פאַר תלמוד-תורה-קינדער... איהר הערט? אפילו צוגעזאָגט צו געבען האָלץ פון וואַלד, צו פאַרריכטען די שול... און געבעטען, איך זאָל איהם, מוצאי שבת נאָך הבדלה, אַרויסשיקען אַ גוטען מלמד פאַר די קינדער...

דערמאַנט זיך דער אָרעמאַן אַז די קינדערס רייד און עס כאַפּט איהם אַן אַ ספּאַזם אין האַלז. און ער קאָן שוין קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען —

און דער אַלטער רב נעמט צונויף אין איין האַנט אַריין ביידע שפּיצען פון דער גרויער באָרד, און קוקט אויף איהם אַ לאַנגע ווייַ-לע מיט באַרמהאַרציגע אויגען, און ענדליך זאָגט ער:

— מילא, דער אָרעמאַן זענט איהר נ י ש ט... אלא מאי.

איהר האט אן איינרעדעניש... איז עס א שטראף פון זיין ליעבען נאמען, מוז מען אננעמען פאר ליעב... און דעריבער ראט איך אייך, מיין ליעבער איד, געהט אין הקדש אריין... עס האלטען זיך דארט אויף א חברה ארעמעלייט, נעכטיגט מיט זיי איבער אין הקדש — און אין דערפריה וועט איהר באקומען קצבה גלייך מיט אלע ארעמע אידען, און וועט אייך לאזען מיט זיי צוזאמען איבער דער וועלט... צו ד ע ר פרנסה וועט איהר גראד טויגען...

— רבי'ציין! — רופט דער רב, זיך אויפהויבענדיג, אין דער צווייטער שטוב אריין, — גיב דעם איד א גלעזעל ווארעמס... און אז ער וועט עס אויסטרינקען, זאג דעם שמש, ער זאל איהם אפ־פיהרען אין הקדש אריין... און זאל ער, למען השם, זעהן, ער זאל האבען א שטיקעל געלעגער אויף איבערנאכט. ער וועט נעכטיגען. דער איד... זאל ער האבען גוט צו שלאפען... איך מוז געהן וועגען א מלמד פאר'ן ארענדאר...

און שפעטער, אז דער שמש איז צו איהם צוגעקומען, נעמען אין הקדש אריין, האט זיך שוין דער ארענדאר שטיל אונטערגע־געבען און געלאזט זיך פיהרען...

קאפיטעל 7.

בײ א חברה קבצנים —
א חתונה — אריין אין
אייגענעם בעט.

דער ארענדאר האט זיך אונטערגעגעבען.

ער האט שוין פארשטאנען, אז דאס האט איהם זיין ליעבער נאמען געשטראפט פאר די רעד...

ער האט טאקע נישט צוגענומען דאס פארמעגען בײ איהם, נאר — איהם פון פארמעגען...

— פארפאלען!

און שוין יאהרען־לאנג, אז ער געהט ארום מיט די קבצנים איבער דער מדינה, פון ישוב צו ישוב, פון הויז צו הויז, פון טיר

צו טיר. מיט א בייטעלע אויף „גדולים"*) און „פּרוטות" אין קע־שענע, און א טאָרבע אויף שטיקלעך ברויט און חלה איבער'ן האלז.

אין דער התחלה האט ער די גוטע צייטען געטריבען פון זיך מיט געוואלד... דערנאָך זענען די זכרונות מטושטש געוואָרען...

ער פלעגט זיך נאָר אמאָל אויפכאַפּען ערגעץ אין אַ אורחים־הויז און א געשריי טון:

— משרת! שפּאַן איין צום פּריץ!

אדער:

— גיטעל, היינט מאַך א שטראַדעל!

אדער אראָפּשרינגען פון געלעגער:

— סאָקאָל! (אַזוי האט זיין הונט אמאָל געהייסען) עמיץ דרעהט זיך ארום הויז!

און לייזען א פּסק פון חברים:

— האַלט ס'מויל, משוגע'נער!

משוגע'נער האט מען איהם גערופען...

מיט דער צייט אבער זענען די חלומות פון די גוטע יאהרען אויך פארשוואונדען...

נאָך א יאהר און נאָך א יאהר, האבען די אלטע צייטען איהם אליין אויסגעזעהן, ווי א חלום...

און ער האט אויפגעהערט צו גלויבען אין חלום, מאַלע וואָס...

ווער ווייסט, ווער ער איז, פון וועמען ער שטאמט, פון וואַנען ער קומט... ער האט מיט דער צייט זיין נאָמען פארגעסען; צייט ער האט אויפגעהערט צו שרייען בייגאַכט, רופט מען איהם „שטיל משוגעת". איז דאָס זיין נאָמען... ווען איז אַזוינער עולה־תורה?

נאָך א צייט מיט יאהרען איז ארוים אין דער סביבה, וואו די חברה קבצנים האט זיך געדרעהט, א קלאַנג, אַז ערגעץ אין א וויי־טער שטאָדט וועט זיין זעהר א רייכע חתונה, מיט א גרויסער אָרע־מער סעודה.

קלייבט זיך די חברה קבצנים אהין צו דער חתונה; געהט „שטיל־משוגעת" אויך מיט דער חברה צוזאמען.

איז אין שטאָדט אריין א מהלך געווען... און אין יעדער

---

*) גראָשענס.

קהלה שטעהט מען אביסעל. נעכטיגט מען אין אורחים־הויז, מען נעמט „קצבה“ און עפעס אנצובייסען אויפ׳ן וועג...

קומט מען אביסעל שפעטלער.

קוים צייט געהאט צו לויפען אין מרחץ אריין, זיך אויסצו־וואשען, די בערד אויסצוקעמען און אפרייניגען די מלבושים. די ארעמע סעודה איז גרייט, אין א סאלע די טישען געדעקט, מיט אלעם גוטען — צוויי פעסער ביער געעפענט, א פאס מעד, אחוץ פלעשער מיט י״ש...

זעצט מען זיך ארום די טישען.

דער מחותן מיט דער מחותנת׳טע, און די כלה אין דער מיט — אויבען־אן; די סעודה איז געווען פון כלה־צד...

זיצט „שטיל־משוגעת“ און ווארפט אן אויג אויפ׳ן טיש: באקאנטע טעלער, באקאנטע מעסער און גאפעל, און לעפעל... ער קוקט זיך בעסער צו: זיינע אותיות ביי דער פריווו...

הערט ער, ווי די מחותנת׳טע זאגט:

— עסט, אידען, און טרינקט געזונטערהייט, און בענשט מיר די כלה מיינע, און ווינשט גוטע יאהרען דעם זווג...

דערקענט ער דעם קול — גיטעלעס קול.

הויבט ער די אויגען אויף; זיין טאכטער שיינדעלע איז די כלה —

הויבט דער מחותן אויף א כוס און רופט:

— לחיים, אידען, לחיים!

איז עס זיין איינענער קול פון אמאל...

דערשרעקט ער זיך, ווערט איהם נישט גוט, פאלט ער אונ־טער אויפ׳ן אנלעהן פון בענקעל, —

זאגט דער מחותן צו צוויי פון די סארווערס, וואס דרעהען זיך ארום טיש:

— נעמט דעם איד, וואס עס איז איהם, לא עליכם, נישט גוט געווארען, אין דער שטוב אריין, וואו עס ברענט אין אויווען, און טוט איהם אויס, און לעגט איהם אין בעט אריין... און איך וועל נאכקומען זעהן, צי מען וועט, חס ושלום, נישט דארפען א מומחה — א רופא, צי א דאקטאר...

קרימען זיך די סארווערס אביסעל — נאר, אז דער מחותן הייסט, פאלגט מען...

אין א מינוט ארום, ליגט שוין אונזער ארענדאר אין ז י י ן שטוב, אין ז י י ן בעט, אויף ז י י ן קישען, אונטער ז י י ן איבערבעט, און קוקט פארדולט אין פייער פון אויווען אריין... איז עס א בייזער וויסטער חלום געווען?...

די סארוועדם געהען, דער מחותן קומט אריין און פרעגט:

— נו, פעהלט אייך עפעס, אורח־לעב?

— ניין... און פארמאכט די אויגען...

און אין א ווייל א ארום עפענט ער זיי ווידער:

— איך וויל אייך עפעס בעטען, בעל־הבית! איהר זאלט אויף מיר קיין פאראיבעל נישט האבען...

— חס ושלום! — ענטפערט דער מחותן מיט א וואונדערליכען שמייכעל, — זאגט נאר בפירוש, וואס איהר ווילט... דער גרעסטער נחת פון א מענש איז, אויב ער קאן עפעס צוליעב טון א צווייטען...

קרעכצט דער בעטלער אפ און זאגט:

— זאגט מיר, כ'בעט אייך: ווער איז דער חתן אייערער און וואס?

ענטפערט דער מחותן, מיט דעם זעלבען שמייכעל און גאר־נישט פארוואונדערט אויף דער שאלה — א רב'ס א זוהן, אליין א למדן א גרויסער, און א מזג טוב — מיט אלע מעלות...

ציהט זיך דער בעטלער אוים איבער'ן בעט:

— מעג איך שוין שטארבען! — זאגט ער, און הויבט אן צו ציטערען אויפ'ן גאנצען לייב.

— ניין, אורח־לעב, — זאגט דער מחותן לאכענדיג... — מען שטערט נישט קיין אידישע שמחה! מען שטארבט נאך נישט... אייך איז נאר קאלט, זעהט, וואס איך טו...

און ער כאפט דעם אורח'ס אנטון פון בענקעל אראפ און ווארפט עס אין פייער אריין...

דאס פעטע אנטון צופלאקערט זיך אויפ'ן פייער.

— איהר, זאגט דער מחותן, — וועט נעמען אויף זיך מ י י נ ע, דאס הייסט, א י י ע ר ע מלבושים — גענוג שוין גע־ליטען...

און כהרף עין, ווארפט ער פון זיך די מלבושים אראפ און ער אליין פארשווינדט...

דאס אכטע און לעצטע קאפיטעל.

ענדע גוט — אלעס גוט.

איז מיט אמאל דעם ארעמען ארענדאר אויפגעגאנגען א ליכט אין די אויגען...

האט ער פארשטאנען, אז ער איז שוין אפגעקומען, אז עס האט זיך געענדיגט די שטראף...

לויבט ער מיט גרויס פרייד גאט אין הארץ...

און עס באנייען זיך איהם פלוצלונג די כחות, און ער שפרינגט ארויס פון בעט, כאפט אויף זיך די איבערגעלאזטע קליידער, און לויפט ארויס — א מחותן צו די ארעמע געסט...

זאגט גיטעלע מיט א ליעבען שמייכעל:

— נו, מיין מאן, נישט גלייכער אזוי?

און שיינדעלע פאלט איהם אויפ'ן האלז:

— טאטעשי! אוי, א גוטער דו ביסט, טאטעשי!

אז קראנקע ארעמאן האבען עפעס אלע גאר פארגעסען...

דריי קיכלעך.

בימי המלך שלמה — אין די צייטען פון מלך שלמה האט גע־לעבט א אלמנה, א ארעמע, מיט'ן נאמען שונמית.

און געלעבט האט די אלמנה שונמית אין א סוכה פון אלטע ברעטער, באדעקט מיט א סכך פון צווייגען און בלעטער פון פאל־מען־בוימער, אין א פישער־דארף, ביים ברעג פון ים הגדול.

און געשפייזט האט זיך די אלמנה מיגיע כפיה — מיט שטרי־קען און פארריכטען די נעצען פאר די פישער אין פישער־דארף.

ויהי היום — איז געקומען די צייט פון ווינטען און שטורעם־ווינטען. קיין שיפעל געהט נישט אין ים אריין, קיין נעץ ווערט נישט פארשפרייט, איז די אלמנה געבליבען אהן א ביסען ברויט.

וועט זי דאך נישט געהען אין די ארעמע פישער־הייזלעך אריין בעטען ברויט; עס פעהלט אומעטום, ווענדט זי זיך ווייטער פון דארף.

עטליכע מייל פון דארף, אין א גרויסען הויז מיט א גרויסען געהויף, האט געוואוינט א רייכער איד, וואס איז געבענשט געווא־רען פון זיין ליעבען נאמען מיט פעלדער פעטע, פרוכטבארע גערט־נער און גאנצע וועלדער אוילבערטען, און מיט חירטען שאף און רינדער, און מויל־טירען און קעמלען.

הויבט זי זיך אויף, די אלמנה שונמית איינמאל אין דער פריה, זעהט, אז דער הימעל איז א בייזער, די לופט — ווינטיג, פארשטעהט זי, אז זי מוז שוין אנקומען צו מתנת בשר ודם, בא־דעקט זי זיך מיט אן אלטער שאל, וואס זי טראגט בייטאג און דעקט זיך מיט איהר צו ביינאכט, און לאזט זיך פון דארף ארויס אין וועג אריין, צום רייכען איד.

קומט זי קעגען מיטאג צום געהויף, טרעפט זי דעם רייכען איד פאר דער טיר, געהט זי צו, בוקט זיך דריי מאל, ריהרט דריי מאל אן מיט'ן שטערן די ערד פאר זיינע פיס.

פרעגט ער זי:

— וואָס בוקסט דו דיך פאַר מיר, אשה, שטעה אויף און זאָג, ווער דו ביסט און וואָס איז דיין פאַרלאַנג.

זאָגט זי איהם: „איך בין די אלמנה שונמית פון פישער־דאָרף ביים ברעג פון ים.“ און דערצעהלט איהם וועגען איהר נויט. שוין לאַנג קיין ביסען ברויט אין מויל נישט געהאַט; און בעט אַ לעבעל ברויט,

„די נשמה צו דערהאַלטען!“

ווייזט ער איהר, וואָס אין געהויף טוט זיך.

— זעה, אשה, אַט שפּאַנט מען ערשט מיינע קעמלען און מויל־טירען אויס. פון ירושלים קום איך, איך האָב שלמה המלך'ס פּאַלאַץ געזעהן! אַ פּאַלאַץ — אַ פאַרבלענדעניש! און מען לאָזט יעדען אריין. און איך בין אריינגעקומען. אין אַ גאָלדענער קרוין, אויף זיין גאָלדענער שטול איז שלמה געזעסען. ארומגערינגעלט מיט שרים און זקנים, און פאָלק. און ער האָט פאַר זיי תורה און חכמה געזאָגט. פּערעל האָבען זיך געשיט פון מויל.

און הער, וואָס ער האָט געזאָגט, אשה!

„ושונא מתנות יחיה“ — האָט ער געזאָגט.

ווער עס וויל לעבען, נעמט קיין מתנות נישט. ווער עס נעמט אומזיסט, פאַרקירצט זיך זיינע יאָהרען, וואָס זיין ליעבער נאָמען האָט איהם באַשערט. דו ווילסט זינדיגען, אשה, און איך וויל נישט זיין קיין שותף צו דיין זינד. גאָט איז אַ דין אלמנות, ער וועט עס מיר נישט פאַרגעסען, אז איך האָב מיטגעהאָלפען צו פאַר־קירצען דיינע יאָהרען...

אומזיסט גיב איך נישט.

— אויב אַזוי — זאָגט די אשה, — גיב נ י ש ט אומזיסט; ב אָ ר ג מיט אַ לעבעל ברויט. אָדער לייה מיר אַביסעל מעהל, וועל איך עס מיר אַהיימטראָגען און אָפּבאַקען, און דאָס לעבען דערהאַלטען, און דאַנקען דיר און בעטען פאַר דיין לעבען...

— דאָס אויך נישט, אשה! — ענטפערט דער עושר געלאַ־טען. „עבד לוה לאיש מלוה“, האָט שלמה המלך געזאָגט. ווער עס לייהט, קויפט אַ קנעכט. און קנעכט קויף איך מיר פ ר ע מ ד ע, נישט מזרע אברהם, יצחק ויעקב... איך וויל אייגען פלייש און בלוט, בפרט אַ אלמנה פאַר קיין קנעכט נישט האָבען... איך באָרג

דיר נישט, איך לייה דיר נישט...

פרעגט די אשה:

— זאָל איך פאַלען פאַר הונגער פאַר דיינע פיס, דאָס וועט בעסער גאָט געפעלען, דעם דין אלמנות?

— דו וועסט, אלמנה שונמית, — ענטפערט ער איהר נאָך געלאַסענער, — פאַר מיינע פיס פאַר הונגער נישט פאַלען... העלפען וועל איך דיר, ווי גאָט איז מיר ליעב! נאָר העלפען וועל איך דיר מיט אַ עצה: געה און זיי זוכה פון הפקר!

— וואָס מיינט איהר דערמיט? הפקר איז אין מדבר, צום מדבר איז דריי טעג, און וואָס געפינט מען דאָרט? גרעזלעך אויס־געטריקענטע? טרייבט איהר שפּאַס פון אַ ארעמער אלמנה און פאַרכט אייך נישט פאַר דעם, וואָס לעבט אייביג און וועגדט פון יתומים מיט אלמנות קיין אויג נישט אָפּ!

— איך שפּאַס נישט, אשה! — ענטפערט ער. — גאָטס־פאַרכטיג בין איך פון געבורט, און נישט צום מדבר נאָך גראָזען שיק איך דיך.

— נייג צו דיין אויער, אשה, און הער! מיין קאַמער איז אָצינד לער. די הונדערט זעק מיט'ן ווייסען ווייצען־מעהל ווי שניי האָב איך, ווי איך האָב שוין דערמאַנט, קיין ירושלים אָפּגעפיהרט, צום מלך שלמה אין פּאַלאַץ אריין. און די ברעטער, וואָס האָבען זיך אונטער די זעק געבויגען, זענען פריי. אָבער ווייס, גאַנץ ווייס זענען די ברעטער; באַדעקט מיט'ן שטויב, מיט וועלכען די זעק האָבען געשוויצט. דער שטויב איז הפקר, דער שטויב איז נישט מיין. געה, על כן, אין קאַמער אריין, וויש דיר די ברעטער אָפּ, זאַמעל דעם שטויב פון ווייסען ווייצען־מעהל ווי שניי, נעם אהיים, לעג אן אַ פייער, — קלויב שפּענדעל אויפ'ן וועג — און באַק דיר דיינע קיכלעך אָפּ, זאָל זיין ליעבער נאָמען אריינשיקען די ברכה אין דיין שטויב פון מעהל, און עס, און דערקוויק דיך, און לויב גאָט...

האָט די אלמנה שונמית געטאָן, ווי דער פרומער און רייכער מאַן האָט איהר געראָטען. האָט זי אָפּגעשאַרט און אָפּגערייניגט דעם שטויב פון מעהל פון די ברעטער אין רייכען פרומענס קאַמער.

אויפ׳ן וועג צוריק האט זי פון ווינט פאריאגטע צווייגלעך געפונען; אהיים געקומען, שוין נאכט געווען. האט זי פון די צווייגלעך פייער געמאכט, דאס מעהל מיט וואסער געמישט און געקנאטען, זענען דריי קליינע ברויטעלעך ארויס, האט זי די דריי ברויטעלעך ביים פייער קוים אפגעבאקען, און גאט פאר זיינע חסדים לויבענדיג, וויל זי נעמען דאס ערשטע ברויטעל צום מויל, — עפענט זיך מיט אימפעט פלוצלונג פון דרויסען די טיר, אוןביידעל פאלט אריין א מענש מיט א געשריי!

— ראטעווע א מענש פון טויט, שוין דריי טעג און דריי נעכט אין מויל נישט געהאט...

און ער דערצעהלט אין שרעק און איילעניש:

א שרפה איז אויסגעבראכען אין זיין דארף. אין מיטען דער נאכט, ווען אלע זענען געשלאפען, האט אויסגעבראכען די בראנד. א פייער איז פון הימעל געפאלען... און דער שטורעם האט דאס פייער איבער׳ן גאנצען דארף צוטראגט... אלץ איז פארברענט, ער איינער איז פון די פלאמען פייער און די זיילען רויך מיט׳ן לעבען ארויס. אלץ איז געווארען א רויב פאר דער בראנד: מאן, ווייב און קינדער, און שאף און רינדער, און האב, און גאב. און דריי טעג און דריי נעכט לויפט ער ארום, פון פייער געיאגט, פון שרעק געטראגען און אהן א ביסען ברויט...

דערלאנגט איהם די אלמנה דאס ברויטעל פון מויל אוועק און זאגט איהם:

— געה ארויס, איך בין איינע אליין, און עס... און דערהאלט דיין נשמה...

געהט דער אנגעקומענער ארויס און פארשווינדט אין דער פינסטערניש פון דער צונעפאלענער נאכט.

דאנקט די אלמנה זיין ליעבען נאמען, וואס האט זי מיט ברויט באשענקט און נאך א מצוה, א מענש ביים לעבען צו דערהאלטען, באשערט, און וויל דאס צווייטע ווייכע ברויטעל נעמען צום מויל.

עפענט זיך נאך אמאל מיט אן אימפעט די טיר, און א צווייטער מאן פאלט אין דער אלמנה׳ס ביידעל אריין, מיט דעם זעלבען געשריי:

— ראטעווע א מענש פון טויט...

ער איז אַ רייכער מאַן געווען, הירטען, שאָף און רינדער איז סטעפּ געפּאַשעט, אין רייכע געצעלטען מיט ווייב און קינדער גע־וואוינט, און יונגען געזונטע ביי שאָף און רינד געהאַלטען... פלוצלונג זענען בעדואינען, ווי אויף די פליגעל פון ווינט, אנגע־פלויגען אויף זייערע פערד, מיט בויגען געשפּאַנטע אין די הענט, פון אַלע זייטען זיי אַרומגערינגעלט, מיט אַ האַגעל פיילען באַשיט. די יונגען מיט ווייב און קינד געטויט, די הירטען אַפּגעפּיהרט. און מיט זיי אין ווייטען ברייטען סטעפּ פאַרשוואונדען... און אַז דער סטעפּ האָט אויפגעהערט אַפּצוקלינגען זייערע טריט, האָט ער זיך, איינער אַ לעבעדיגער, פון צווישען די טויטע אויפגעהויבען, און בלאַנדזשעט שוין דריי טעג און דריי נעכט אַרום, אָהן אַ בי־סען ברויט, איידער ער איז צו איהר ביידעל געקומען —

— דערלאַנג, האָב רחמנות, אַ ביסען צום מויל, אַ'נישט פאַל איך אַ טויטער צו דיינע פיס...

דערלאַנגט איהם די אלמנה שונמית בתשואת חן דאָס צווייטע ברויטעל, גאָט ליובענדיג און דאַנקענדיג פאַר דער צווייטער גרוי־סער מצוה, וואָס ער האָט איהר באַשערט. הייסט איהם אויך אַרויסגעהן עסען פאַר דער טיר, ווייל זי איז איינע אַליין אין ביידעל, און ער טוט אַזוי, און פאַרשווינדט אויך אין דער פינס־טערער נאַכט...

נעמט זיך די אלמנה שונמית צום דריטען ברויטעל און וויל עס שוין געניעהנען צום מויל. רייסט זיך פּלוצלונג אויס מיט באַ־נייטע כחות פון צפון דער ווינט און רייסט איהר ביידעל איין. צו־פאַלען זיך רעכטס און לינקס די ווענט... פליהט ערגעץ אוועק דער סכך. און דער ווינט רייסט דער אלמנה דאָס דריטע ברויטעל פון דער האַנט אַרויס און שליידערט עס אין ים אַריין...

און ערשט דאַמאָלט שטילט דער ווינט. שטעהט די אלמנה און טראַכט...

דער ווינט האָט זיך געלעגט, שטיל איז דער ים. איבער זיין וואַסער, ווי איבער אַ שפּיגעל, גליטשען זיך די ערשטע שטראַלען פון דער אויפגעהענדיגער זון. באַלד וועט זיך אויפכאַפּען דאָס דאָרף, אַפּבינדען מיט פרייד די שיפלעך ביים ברעג, פאַרשפּרייטען נעצען... קינד און קייט וועט אַרויסלויפען באַגלייטען די פישער.

און מיט פרייע געשרייען רופען: אוים הונגער, געלויבט זיין ליע־בער נאמען! עס וועט זיין ברויט.

אבער נישט וועגען דעם טראכט די אלמנה.

אן אנדערער געדאנק עגבערט אין איהר מח.

— וואס האט גאט פון איהר געוואלט? וואס האט גאט מיט איהר, דער אלמנה, געטאן? —

— וואס האט מיר גאט געטאן? — עגבערט איהר אין מח.

איין ברויטעל האט ער איהר צוגענומען פאר אן אנטלא־פענעם פון פייער. רעכט, זאל זיין געלויבט זיין נאמען!

דאס צווייטע פאר א גערעטעטען פון גזלנים, אויך גע־לויבט זיין ליעבער נאמען. ער האט געגעבען, ער האט גענומען, פאר א בילכערען פון איהר...

אבער דאס דריטע ברויטעל? אויסצורייסען ביי אן אלמנה פון מויל און שליידערען אין ים אריין!

דאס איז איהר אוממעגליך צו פארשטעהן...

און עס פאלט איהר איין, אז אפשר וויסט גאר גאט נישט דערפון, אז דאס האט דער ווינט אליין, מיט זיין אייגענעם ווי־לען, אהן גאטס וויסען און געגען זיין ווילען געטאן, זיין ליעבען נאמען, וואס שפייזט אלמנות און יתומים, להבעים!

אנדערש קאן נישט זיין!

און זי וועט עס דעם ווינט, דעם גזלן, נישט שענקען, זי וועט דעם ווינט פארקלאגען...

פאר וועמען?

פאר דעם מלך שלמה.

פאר איהם וועט זי האבען א דין תורה מיט'ן ווינט, קיין ירושלים וועט זי געהן.

אפגעקלערט, פארדעקט זי דאס פנים מיט דער צוריסענער שאל און לאזט זיך אין וועג אריין.

פארהונגערט איז זי און פארשמאכט, נאר דער גערעכטער צארן טראגט זי אויפ'ן ווייטען וועג. און זי איז געקומען — קיין ירושלים.

קומט זי, פרעגט זי נאך, וווינט מען איהר, וואו דער מלך שלמה הויזט. לאזען די שומרים אריין; שלמה המלך'ס טירען זענען אפען פאר אלע, בפרט פאר אלמנות. קומט זי אין זאל אריין

און פאַלט פאַר'ן מלך שלמה, וואָס זיצט אויף זיין שטול, אויפ'ן פנים!

— אדוני המלך — זאָגט זי — אַ דין תורה האָב איך.

— מיט וועמען? איך זעה, דו קומסט אַליין.

— מיט'ן ווינט, — ענטפערט די אלמנה, און הויבט צו איהם דאָס פנים אויף, און דערצעהלט איהם איהר טענה.

— גוט, — ענטפערט דער מלך שלמה — דיין פנים איז דיין עדות: עס איז מיד, און אין דיינע אויגען ברענט דער הונגער. וועסט דו דיך צו אַלעם ערשטען דערפרישען. זעץ דיך דערווייל, אשה, אין אַ ווינקעלע; מען וועט דיר דערלאַנגען ברויט און וויין. עס, טרינק און דערהאַלט דיין נשמה, דערנאָך וועסט דו הערען דיין פסק.

געהט זי אָפּ אין אַ ווינקעלע. דערלאַנגט מען איהר ברויט מיט וויין. עסט זי. קומען דריי פרעמדע מענער אריין. דריי פרעמדע מע־נער, מיט זעקלעך אויף די אַקסעל. צום מלך שלמה דאַרפען זיי.

— וואָס איז אייער פאַרלאַנג, פרעמדע מענער? און וואָס טראָגט איהר אין די זעקלעך אויף אייער אַקסעל?

דערצעהלען די מענער אַזאַ געשיכטע:

ישמעאלים סוחרים זענען זיי. האַנדלען מיט צירונג טייערע און כלים, און בשמים די טייערסטע, און זענען זאַלבעדריט גע־פאָהרען אין אַ שיפעל איבער'ן ים... ווינטען זענען געווען. אומ־רוהיג איז געווען דער ים, זענען זיי אָבער שטאַרקע און געניטע לייט, שרעקען זיך פאַר קיין ווינטען נישט, שווימען זיי וואַל־ארויף, וואַל־אָפּ...

האָט אָבער, איינמאָל פאַרנאַכט, אָנגעהויבען דאָס שיפעל צו נעצען... געלעכערט איז ערגעץ געוואָרען דאָס שיפעל, און מיט וואָס צו פאַרשטאָפּען איז נישט דאָ. שרייען זיי, אפשר וועט מען דער־הערען פון ברעג און קומען צו הילף. הערט קיינער נישט. דער ווינט כאַפּט זייערע געשרייען און צוואַרפט זיי איבער'ן ים, די וואַלען כאַפּען אויף און אַנטלויפען מיט זיי אין דער נאַכט אריין...

און דאָס שיפעל נעצט און הויבט אָן זינקען...

שרייען זיי צו גאָט. צו זייער גאָט; ער הערט נישט. רופען זיי צו אַנדערע געטער. צום גאָט פון מואב, צום גאָט פון פלשתים, צו נאָד געטער. קיינער ענטפערט נישט. האָבען זיי זיך דער־

מאנט, אז עס איז דא נאר א גאט, א גאט פון ישראל... פרואווען זיי און רופען:

— גאט פון ישראל, ענטפער אונז אין דער נויט! און א נדר טוען זיי: דאס גאנצע גאלד און זילבער, וואס מיר האבען גע־לייזט, גיב'מיר דיר אוועק פאר אונזערע נפשות. נאר ראטעווע אונז! ראטעווע, גאט פון ישראל...

און אין דער רגע האט זיך דער ווינט א ווארף געטאן און עפעס פון ברעג אין שיפעל אריין מיט א געוואלדיגען כח אריינגע־שליידערט, פונקט אין לאד פון שיפעל אריין, און האט עס פאר־שטאפט...

און באלד האט זיך געלעגט דער ווינט און זענען מיר בשלום צוגעשוואומען צום ברעג...

האב מיר ביי לייטען זיך נאכגעפרעגט: וואו הויזט דער אידישער גאט. מיר ווילען אונזער נדר מקיים זיין?

האט מען אונז אנגעוויזען ירושלים...

זענען מיר מיט אונזערע זעקלעך קיין ירושלים געקומען און אין די גאסען די מענשען אויסגעפרעגט: וואו איז אייער גאט, מיר ווילען איהם זעהען! האבען לייט אונז געענטפערט, אז דעם גאט פון ישראל זעהט מען נישט...

— מיר דארפען איהם דאנקען, כבוד אפגעבען, און א מתנה דערלאנגען...

האבען זיי מיט די אקסלען געדריקט; אנדערע האבען אונז אויסגעלאכט...

און עלטערע לייט, וואס מיר האבען באגעגענט, זיי זיך פאר־טרויט און אן עצה געפרעגט: וואס טוט מען מיט אונזער נדר, ווען מען נימט נים, עס זאל פאסען צום אידישען גאטס ווילען. די זעקלעך מיט זילבער און גאלד, האבען קיין באשייד נישט גע־וואוסט. נאר איינער פון זיי, דער עלטסטער, האט אונז געראַ־טען, מיר זאלען זיך ווענדען, גרויסער האר און מלך, צו דיר, דו ביסט, האבען זיי געזאגט, דער קליגסטער אויף דער גאנצער וועלט, און דו וועסט וויסען אונז צו ראטען, ווי אזוי אונזער נדר מקיים צו זיין, צו טון מיט'ן גאלד און זילבער לויט דעם ווילען פון גאט פון ישראל.

האָבען זיי געענדיגט און געבוקט זיך, און דער מלך שלמה פרעגט:

— האָט איהר, פרעמדע לייט, באַטראַכט, וואָס דער ווינט האָט אייך פון ברעג אין שיפעל אריינגעשליידערט, מיט וואָס ער האָט דאָס לעבעל פארשטאָפּט, איהר זאָלט נישט אונטערגעהן?

— מיר האָבען געזעהן, גרויסער מלך. ארויסגענומען און גוט באַטראַכט, א קליין ברויטעל איז עס געווען. א ווייך, נישט דערבאַקען ברויטעל... מיר האָבען עס געבראַכט, דיר צו ווייזען, מלך...

און דער עלטסטער נעמט דאָס ברויטעל פון בוזעם ארויס און ווייזט עס —

רופט צו דער מלך שלמה די אלמנה שונמית און פרעגט, צי זי דערקענט נישט, צי איז עס נישט איהר ברויטעל?

דערקענט זי; איהר ברויטעל. —

פסק'ענט דער מלך שלמה, מען זאָל איהר געבען די דריי זעק־לען גאָלד און זילבער. טוען אזוי די לייט, דאַנקען און געהען.

און צו דער אלמנה ווענדט זיך דער מלך שלמה:

— נעם דאָס גאָלד מיט'ן זילבער. פאַר דיין דריט ברויטעל האָט דיר גאָט באַצאָהלט, און זיי וויסען, אז קיינער טוט נישט גאָט להכעיס; אז אלץ געשיהט לויט זיין ווילען. און אז נאָר זיין שליחות טוט דער ווינט. —

אינהאלט:

זייט

ביים גוסס צוקאפענס — 7
דריי מתנות — 15
אז אפקומעניש — 27
זיבען גוטע יאהר — 39
די תאוה צו קליידער — 44
אראפגעלאזטע אויגען — 52
לא תחמוד — 67
דער קונצען־מאכער — 74
ס'אי' גוט — 80
דער אוצר — 85
א גאנץ יאהר שכור — פורים ניכטער — 90
דער הינטישער סדר — 96
דער בעל שם טוב פיהרט אוים א שידוך — 101
דרשה געשאנק — 123
מסירת נפש — 135
שטומע נשמות:
1. צוויי וועגען — צוויי משלים — 185
2. א קאפיטעל תהלים — 192
3. „שמע ישראל" — 207
4. נסים אויפ'ן ים — 223
מלוה־מלכה — 232
פדיון שבוים — 243
דער זווג אדער שרה בת טובים — 248
אויף דער פרישער לופט — 256
איבער א שמעק טאבעק — 266
דאס פארמוך — 277
דער ארענדאר — 290
דריי קיבלעך (דער דין תורה מיט'ן ווינט) — 309